16

244.

דער שילער קלוב
פון דער פאריזער
נאציאנאל-ראדיקאלע שולע

מאקס נארדוי.

# אויסגעוועהלטע שריפטען.

ערשטער באנד.

איבערזעצט דורך ב. ק — י.

מיט ביאָגראַפישע און קריטישע אײנלײטונגען פון נ. סאָקאָלאָוו, ד״ר ש. מ. מלמד און ד״ר ד. פאַסמאַניק.

שלום עליכם פאלק'ס ביבליאטעק פעראיין
געגרינדעט דעם
4-טען יולי, 1916
טאראנטא - קאנאדע

פערלאג
„וועלט-ביבליאטעק"

ווארשא
תרס"ט.

מאשינען-זאץ-דרוקעריי פון נ. ראזענפעלד, פאנסקא 20.

Типографія „Гацефира„ Панская 40

LIBRARY
MAY 14 1998
UNIVERSITY OF TORONTO

שלום עליכם פאלק'ס ביבליאטעק פערײן
געגרינדעט דעם 4-טען יולי 1916
טאראנטא
קאנאדע
ארבעטער רינג
א. ליעסין-ביבליאטעק

# מאקס נארדוי.

אין דער פּערזאָן פון מאַקס נאָרדױ דאַרפען מיר אידען, בע־גריסען אַלס אונגערן, איינעם פון די רייכסטע און פיעלזייטיגסטע גייסטער פון אונזער עפּאָכע. מיט אַ זעלטענער אויסבילדונג און בעריהרט פון אַלע גרויסע ערשיינונגען אין זיין צייט, האָט ער בעוויזען אַרויסצוטרעטען מיט דעם זעלבען מעכטיגען טאַלענט אין די פערשידענסטע ספערען פון דעם מענשליכען שאַפען. ער האָט דער ערשטער בעוויזען שאַרף אויסצודריקען די גרויסע גרינדליכע קאָנטראַסטען אין דעם לעבען פון זיין עפּאָכע, און געפונען די פּאַסענדע פאָרמולע פאַר די פערשידענסטע ערשיינונגען אין דער גייסטעס-וועלט. גרעסער פון אַלע זיינע חברים אין אַלץ, וואָס עס געהער צו דיאַלעקטישער שאַרפקייט, גלאַנץ און שפּראַך, איז נאָרדױ אַ אינדיווידואַליטעט, וואָס איז איבערגעוואַקסען די אַלע שיידע־וועגט פון ליטעראַרישע שולען און ריכטונגען.

אַ מענש אַ בקי, וואָס בעהערשט, ווי אַ פירשט, פערשידענע געביטען, און אַ אַרבייטער, וואָס מאַטערט זיך און אַרבייט, ווי דער אָרעמסטער. אַ געוואַלטיגער טאַלענט, וואָס האָט מייסטערווערק געשאַפען אין אַ טאָג-שרייבער, וואָס זיין גייסט צוגיסט זיך אין ברייטע שטראָמען. אַ קינסטלער, וואָס בעזיצט די קראַפט פון דאָס געדרוקטע וואָרט, ווי זעלטען ווער אַנ'אַנדערער, און אַ רעדנער, וואָס זיינע ווערטער צושמעטערן, ווי דער האַמער, די שטאַרקסטע פעלזען. אַ געניע, וואָס זיינע שאַרפגעפּרעסטע ווערק זענען ווי זאַפּטיגע בשמים אין דער וועלט-ליטעראַטור און אַ פּאָפּולאַריזאַטאָר, וואָס זיין אונ־געוועהנליכע פרוכטבאַרקייט רופט אַרויס ערשטוינען ביי די גרעסטע

וואונדער־קינסטלער פון דער בריטער ליטעראַרישער שאַפונגס־וועלט. די דאָזיגע אַלע איינגענשאַפטען זענען ביי די מעהרסטע מענשען — הפכים, וואָס לאָזען זיך נישט פעראייניגען; אין אונזער גאוני׳שען לעהרער בילדען זיי אָבער אַ וואונדערבאַרע האַרמאָניע.

נאָר פיעלזייטיגע מענשען קענען אָבשאַצען די ווערדע פון דעם פענאָמען. עססאַאיסט, קריטיקער, פּאָליטיקער, בעלעטריסט, רעדנער, שפּראַכ־קינסטלער אין עטליכע שפּראַכען צו גלייך, און אויסער דעם אויך מעדיצינער, — אַזאַ מין פערבינדונג געפינט מען נאָר ביי די אויסגעוועהלטע וועלט־גייסטער. פון צייט צו צייט געהט אַרויס פון אונטער זיין פעדער אַ ליטעראַרישעס ווערק, וואָס האָט אַ אייביגען ווערט און אַלע טאָג — די זשורנאַליסטישע אַרבייט. יעדען טאָג שרייבען! יעדען טאָג גייסט האָבען! דער לעזער האָט גאָר קיין אַהנונג נישט דערפון, וואָס׳רע „פּאָרסעטור" עס ענטהאַלטען אין זיך די עטליכע ווערטער. עס פאַלט גאַנץ אָפט איין צו גלויבען, אַז די בעקאַנטע לעגענדע וועגען סיזיפוס׳ן האָט אין זינען געהאַט די טעגליכע זשורנאַליסטישע טעטיגקייט. די פּרעסע שלינגט איין אין זיך אַ מאַסע גלענצענדע אינטעלעקטען, וואָס וואָלטען געקאָנט ווערען אַ ציערונג פאַר דער ליטעראַטור, און זייערע צוואָרפענע געדאַנקען און פליהענדע בלעטער געהען כסדר לאיבוד. זיין אי אַ שריפשטעלער אי אַ זשורנאַליסט, און אויף ביידע געביטען זיך אויסצייכנען — דאָס קאָנען נאָר גרויסע גייסטער בעווייזען.

מאַקס נאָרדוי איז נישט נאָר אַ גרויסער גייסט, ער איז אויך איינע פון די מערקווירדיגסטע פערזענליכקייטען אין אונזער צייט. ער לאָזט זיך נישט איינשליסען אין וועלכער ס׳איז קאַטעגאָריע: ער איז פאַר זיך אַליין אַ קאַטעגאָריע. ווער קען נישט דעם מעכטיגען חאַראַקטער־קאָפּ! מעכטיג און מאַיעסטעטיש זיצט דער דאָזיגער גרויער, געוואַלטיגער פילאָזאָפען־קאָפּ, מיט דעם שענעם, שאַרף־געשניטענעם געזיכט, מיט די גרויסע, קלוגע און ליכטיגע אויגען אויף דעם לייבען־נאַקען פון אַ קרעפטיגען קערפּער. מ׳קאָן זיך גאָר־ניט פאָרשטעלען קיין מעהר פאָלקאָמע פערקערפּערונג פון גייסטיגער מאַכט, מאַסיווען חאַראַקטער, פעסטען ווילען און בעדענקטער ענערגיע. און מיט דער ריעזענקראַפט איז פערבונדען די גוטסקייט און רוהיגע מילדקייט, וואָס מ׳געפינט נאָר ביי קינדער און ביי גרויסע חכמים. די מעהרסטע שריפטשטעלער שרייבען ביכער און אַרטיקלען,

וואָס זענען רײַכער פון זײַ אַלײן; נאָרדוי איז נאָך אַ סך גלעלערנטער און אונטערהאַלטענדער פון זײַנע ווערק. אונטערהאַלטען זיך מיט נאָרדוי׳ען איז פון די גרעסטע פערגניגענס. מ׳זעהט, אַז אין דעם מענשען שטורמט בעהאַלטענערהייד אַ ים מיט גרויסעם לעבען. זײַנע געדאַנקען לויפען אַהין און אַהער, ווי די וועלען פון טײַך. ער שעפּט שטענדיג פון אַ פולען קוואַל; דאָ געפינט איהר נישט קיין פּשט׳לדיגע חנ׳דלעך און קיין קאָקעטעריע. דער געדאַנק קומט נישט געראָ־פענערהייד און געפינט זיך גלײַך זײַן שאַרפען אויסדריק, זײַן שלאַג־וואָרט, זײַן פאָרמולע. דאָס זענען לויטער פינקלענדע אימפּראָוויזאַציעס נישט קיין געמאַכטע, נישט קיין געצוואונגענע. ער דריקט אויס דאָס, וואָס ער איז אינערליך — אַ קראַפט־מענש מיט אַ גרויסען טעמפּעראַמענט און דורכדרינגענדען, האַרשאַרפען לאָגישען גײַסט.

נאָרדוי איז אַ בעזונדערע אַרט פאַר זיך; ער האָט נישט געהאַט קיין פאָרבילד, האָט נישט קיין קאָנקורענטען און וועט אויך קיין נאָכהאַמער נישט האָבען. ווי ער, אַזוי איז זײַן סטיל: פיעלגע־שטאַלטיג און שטאַרק, פיעלפאַרביג און אייגהײַטליך — ער האָט אין זיך די רײַכטקײַט פון אַ בקי מיט דער מאַכט פון אַ גאַנצען, קאָנצענטרירטען גײַסט.

דער דאָזיגער טיטאַן פון גײַסט און אַרבײַט, די דאָזיגע געניוס־שטראַהלענדע פּערזענליכקײַט, אין וועלכער ס׳האָט זיך נאָך ביז הײַנטיגען טאָג ערהאַלטען די בליהענדע שאַפונגס־שמחה, די יוגענד־ליכע, ערקוויקענדע געמיטספרישקײַט, — וואָלט געקאָנט אַ ציערונג זײַן פאַר י ע ד ע נאַציאָן, און בעזונדער איז זי דער שטאָלץ און די ציערונג פון אונזער פאָלק, וואָס קוקט אַרויף פון זײַן פינסטער־טיעפען לײַדענס־טאָל צו יענע, אין וועלכע עס זעהט זײַן אָבשפּיעגלונג. אויב דאָס יודישע פאָלק קוקט מיט פריידע אויף אַלע צושטרײַטע גאָלדקערנער פון זײַן געניע, קוקט עס אויך מיט צופריעדענהײַט און שטאָלץ אויף ד ע ם אויסדריק פון זײַנע טאַלענטען, וועלכע די פײַנדליכע וועלט האָט געזוכט צו פערניכטען און צו דערשטיקען.

נאָרדוי איז אָבער מעהר ווי דאָס. ער איז דער יודישער „גאון״ אין אַ מאָדערנער פאָרם. נישט אייגער פון יענע קפדנ׳ישע, וועלט־פרעמדע אַסקעטען וואָס זענען בעלאָדען מיט ספרים־קלוגהײַט; אויך נישט אייגער פון יענע מיסטיש־דעקאַדענטישע בעלי־שם. ער איז דער טיפּ פון דעם פעלזענהאַרטען, שטרענג־סיסטעמאַטישען

גײַסט פון װעלכען ס'איז אַלבו, ר' יצחק עראַמאַה, רל״בג, — מיט די װערטער, װי שטאָהל, מיט די שפּיעלענדע לעבענס־שטראַהלען, מיט דער גרױסער, שטרענגער שטאָלצקײַט און מיט דעם שאַרפען װיץ — אין אַ מאָדערנער פאָרם.

דאָס אײדעלגעצײכענטע פּראָפיל, די לײַכטענדע אױגען מיט די גרױסע, אָפענע אַפּלען מיט דעם ערנסטען, פעסטען און גוטען בליק — אַלץ מאַכט דעם אײנדריק פון אַ קלוגען רבי. װען דו זעהסט, װי ער פעראײניגט די ערודיציע מיט דעם שאַרפזין, װי ער דערפיהלט די אײדעלסטע רמזים, װי קײן זאַך גליטשט זיך ניט אַרױס פון אונטער זײַן בליק, װי ער אַרבײַט מיט התמדה, פערזונקען אין ביכער און מאַנוסקריפּטען, — װען דו זעהסט דאָס אַלץ, פיהלסטו דעם פערגעניגען פון זעהן אין אַ נײַער פאָרם יענעם הױכען, אַלטען אַדעלס־טיפּ, אַ דאַנק װעלכען אונזער פאָלק איז געקרױנט געװאָרען מיט דעם טיטול „עם הספר״ (דאָס פאָלק פון בוך). דאָ װײַזט זיך װידער אַרױס מײַן אַלטע טעאָריע װעגען דעם „אַלטען יודען״: נאָך אַ רײַהע יאָהרען פערשװינדעט די אײדעלע שיכטע פון דער אָנגענומענער פרעמדער קולטור און עס טרעט אַרױס דאָס אײגענע, דאָס אַמאָליגע. דאָ זעהען מיר דעם אַלט־יונגען גאון אין זײַן פולער קראַפט און אין דער פּראַכט פון זײַן מעכטיגען גײַסט.

פאַר אונז איז אָבער נאָרדױ נאָך פיעל מעהר: נ אָ ר ד ױ, ד ע ר צ י ו נ י ס ט!

װאָס הערצל איז געװען אַלס פיהרער און אָרגאַניזאַטאָר, איז נאָרדױ אַלס אָנזאָגער און אידעענפּרעדיגער, אַלס װעקער, רופער און לעהרער.

ער האָט אַרױסגעפיהרט דעם דענקענדען יודען אױף אַ הױכען בארג, פון װעלכען ער זעהט אַ װײַטען רױם און בעטראַכט די קלענסטע אײנצעלהײַטען. די אָרימקײַט פון דער אַסימילאַציע האָט אין קײן אָרט ניט געפונען אַזאַ שטאַרקען און טיעפען אױסדרוק, װי אין נאָרדױ׳ס גרױסע און שאַרפע רעדען, פון װעלכע יעדע אײנציגע איז געװען אַ בעזונדער געשעהעניש. דאָס רעדנערישע און די צײַטװײַליגע טײלען פון די דאָזיגע רעדעס קאָנען ניט אַװעקנעהמען בײַ זײ זײער אײביגען װערט, װײל ער ליעגט אין נאָרדױ׳ס הױכען שטרעבען, רײַכען האַרצען, נאַציאָנאַל־

יודישען זין און ווייטען בליק. זיין אייפער שטאַמט פון אַ שענעם און וואַרימען געמיט, פון אַ ריינעם וואַרהייטס-ענטוזיאַזם. אין זיינע שטראָף-רעדען קעגען די אַסימילאַטאָרען קלינגט דער טאָן פון די אַמאָליגע נביאים; זיי זענען נישט נאָר ערשיינונגען פון אַ פייערדיגען טעמפעראַמענט, זיי ווייזען אונז נישט נאָר דעם זיטליכען מוט פון אַ מענשען, וואָס געהט מיט זיין אייגענעם וועג, וואָס טרעט אַרויס אין פראָנט, אום מיט דעם פייער פון דער יוגענד און מיט דער ערפאַהרונג פון אַנ'אַלטען די רעכטע פון דעם יודישען פאָלק אויסצוקעמפפען, — נאָך עפּעס גרעסערס ענטהאַלטען די דאָזיגע רעדעס אין זיך. זיי שטעלען פאָר מיט זיך דעם נייען געדאַנקען-קאַמפף, וואָס איז ענטשטאַנען פון דעם יודישען אַלטערטום און רענעסאַנס. אַמאָל בליצט אין זיי דער ליכטיגער, שאַרפער בליק פון אַ בעגייסטערטען נביא; אַמאָל זאָגט ער אַרויס מיט אַ עפּיגראַמאַטישער שאַרפקייט די גאַנצע טיעפקייט פון אונזער איד, הויבט אינז אויף אַ מאַיעסטעטישע הויכקייט און לייענט אין דער פאָלקס-נשמה, ווי אין אַנ'אָפענעם בוך. ער איז כמעט דער אייציגער אין דער פאַטעטישער שילדערונג פון יענע טראַגיש-שמערצליכע איבערלעבונגען, וואָס עס האָט אין זיך דער העכערער, דיפערענצירטער גלות, — דער גלות פון דער אויסערליכער אַסימילאַציע. דאָ געפינט ער זיך אין זיין אייגענסטער וועלט: אין דער קריטיק. די פון איהם געפרעסטע ווערטער בעקומען פליגעל און פלאַטערן אין דער וועלט אַרויס: דאָס זענען די ווערטער געוועזן, וואָס האָבען אַ סך מיטגעווירקט דאָס פאָלק צו בעגייסטערן, זיין גייסט צו וועקען און מיטלען צו זאַמלען, אום אינסטיטוציעס צו שאַפען. דאָס יודישע פאָלק איז בעגאַבט מיט גרויסע פעהיגקייטען, דאָס יודישע פאָלק דענקט: עס פערטראָגט נישט קיין נאַרישקייטען, עס לאַכט פון באַנאַלע חכמות, עס איז גענייגט צו קריטיק, צו סאַטירע זאָגאַר, עס לאָזט זיך נישט אַזוי איינפאַך מוסטערן און פיהרען און נאָר אַ גרויסער גייסט קאָן דאָס בעווייזען. נאָרדוי'ס קריטיק איבער די געגנער פון ציוניזם, זיין אַנאַליז, זיין בייסענדע סאַטירע האָבען וואונדער געוויזען, און יעדערער פון אונז, וואָס לעבט אין פאָלק און קומט אין בערירונג מיט פערשידענע קרייזען פון פאָלק, אַלס שריפטשטעלער אָדער אַלס רעדנער, האָט זיך לייכט גע-

קאָנט איבערצײַגען אין דעם, ווי גרויס עס איז געווען דער עפעקט און די פּראָדוקטיוויטעט פון נאָרדוי׳ס רעדעס.

אַ סך זענען די דאָזיגע רעדעס געווען און זיי האָבען גע=האַט פערשידענע אינהאַלטען און פערשידענע אייגענשאַפטען. דער ציוניזם האָט אַ סך גוטע רעדנער, דער רעדנער פון ציוניזם בלײַבט אָבער דערווײַל נאָר ער — דער לעהרער נאָרדוי. אויסער דער פערניכטענדער קריטיק פון דער אויסער=ליכער עמאַנציפּאַציע, האָט אונז נאָרדוי געשענקט אויך די קראַפט פון וועלען. וואָרום ער איז נישט נאָר אַ געוואַלטיגער און אַ אונערשראָקענער פּאָלעמיקער, נאָר אויך אַ מענש מיט אַן אײַזערנעם ווילען, וועלכער זאָגט אַרויס מיט אַ בעהערשענדער ערנסטקײַט דאָס, וואָס ער פיהלט. מיר אַלע, מיט אונזער מאָדערניזם, מיט דער פײַנער סקעפּטישער איראָניע, וואָס שוואַכט אָב דאָס אייגענע אין אונז, קאָנען די קראַפט אין זיך נישט געפינען.

דאָ איז נישט דער אָרט זיך אַרײַנצולאָזען טיעפער אין די דיכטערישע און אינדיווידועל=מענשליכע אייגענטימליכקײַטען פון נאָרדוי׳ן. עס איז אויך נישט הײַנט די צײַט דערצו, ווײַל דער זעכציג=יעהריגער געבורטסטאָג בילדעט נאָר איין קליינעם מערק=שטיין אויף דעם לעבענס=וועג פון דעם אַרבײַטענדען, יוגענדליך=מונטערן נאָרדוי. נאָרדוי׳ן איז אויך פערזענליך אַלס יובילאַר שווער צו בעהאַנדלען; ער מײַדט אויס אַלץ, וואָס איז ענליך צו אַ ביליגער פערזענליכער רעקלאַמע, און איז גענוג אַריסטאָקראַט, אום נישט צו קאָנען לײַדען די נײַגיעריגע אויגען פון פּובליקום בײַ זיך אין דערהיים, בײַ זיך אין אַרבײַטס=צימער. עס איז אויס=געקומען אַ קאַמפּף צו פיהרען, אום אַרויסצוקריגען פון איהם אַ פּאַסיווע ערלויבניש אויף אַ גוטען אַנשטאַלט, וואָס זאָל געגרינ=דעט ווערען אויף זײַן נאָמען.

מיר קאָנען אַלזאָ נאָך שטאָלצער זײַן מיט אונזער לעהרער, וועלכען עס בעשענט אויסער אַלעמען אויך דאָס שענסטע און אייגענטימליכסטע פון דער יודישער נשמה: די גרויסע עניוות.

נאָרדוי איז נישט קיין געענדיגטע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון ציוניזם. די טעטיגקײַט פון אונזער גרויסען לעהרער איז נישט קיין געענדיגטעס קאַפּיטעל. דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס מ׳קאָן זאָגען וועגען אַ יובילאַר.

הערצל און נאָרדוי! דאָס ווערק, וואָס זיי האָבען אָנגעהויבען, איז נישט געווען קיין אַרבייט פאַר איין מענשען אָדער פאַר איין דור — ביי די גינסטיגסטע בעדינגונגען אפילו וואָלטען זיי עס אויך אַליין נישט קאָנען ענדיגען. אַ דאנק קומט זיי דערפאַר, וואָס זיי האָבען אָנגעהויבען; ענדיגען — דאָס געהערט שוין צום פאָלק.

נ. סאָקאָלאָוו.

———

## נאָרדוי אלס קולטור־פילאזאף.

דער נייער יודישער קולטור־טרעגער בילדעט אַ בעזונדער קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון דעם מענשליכען גייסט. אין איהם זעהען זיך אַזעלכע אייגענשאַפטען און סימנים, וואָס אַ פרעמדער, נישט קיין יוד, קאָן זיי כמעט גאָרנישט פערשטעהן. דאָס איז אַ פּראָבלעמאַטישע פערזענליכקייט — מיט אַ פייערדיגען טעמפּעראַמענט, און דאָך ראַדיקאַל־קאָנסעקווענט, הייסעס בלוט און אַ הויך־ענטוויקעלטעס קריטישעס בעוואוסטזיין, אַ ברייטער קאָסמישער בליק און זאַכליך ביז צו פּעדאַנטיזם, און דערצו אַ בליהענדער, שעפּפערישער סטיל. די דאָזיגע אייגענאַרטיגקייט זעהט זיך אין דער גייסטיגער פיזיאָנאָמיע פון אַלע גרויסע יודען, זינט זיי זענען אַריינגעטרעטען אין דער אַלגעמיינער קולטור, ד. ה., פון ברוך שפּינאָזאַ ביז מאַקס נאָרדוי. ביישפּיעלען פון דעם דאָזיגען אייגענאַרטיגען שטריך אין דעם יודישען קולטור־גייסט קאָן מען זעהן ביי ברוך שפּינאָזאַ אין דער בעציהונג צו דער בעגרינדעטער געאָמעטרישער מעטאָדע פון קיוע און דעקאַרט, ביי שלמה מיימון אין דער בעציהונג צו קאַנט׳ן, ביי קאַרל מאַרקס אין דער בעציהונג צום העגעליאַניזם, ביי פערדינאַנד לאַסאַל, הערמאַן קאָהן, בערגסאָהן און לודוויג שטיין. אין דער רייהע גייסט־העלדען, פון וועלכע יעדערער פערנעהמט אַ בעזונדער פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דעם מענשליכען דענקען און שאַפען, שטעהט אויך מאַקס

נאָרדוי, און נישט דער לעצטער. ער האָט אויך אין זיך די אַלע
סמנים און אייגענשאַפטען פון דעם יודישען גייסט: אַ פער„ניינ״ער
און דאָך אַ בע„יאָ״הער; שטרעבט כסדר פאָרווערטס און דאָך קאָנ־
סערוואַטיוו, הייסעס בלוט און אַ פעסטער, בעשטענדיגער ווילען.
וואָס אָבער עס צייכענט אויס נאָרדוי׳ען בעזונדער, איז די פיעל־
פאַכיגקייט פון זיינע קולטור־אינטערעסען. ער איז אַ נאַטורוויסענ־
שאַפט׳ס־מענש און אַ דאָקטאָר, אַ ליטעראַטור־קריטיקער און אַ
היסטאָראָגראַף, אַ זעלטענער רעדנער און אַ געניאַלער שריפטשטעלער;
אַ פלינקער ערצעהלער, פאַר וועלכען די פראַנצויזען אפילו האָבען
דרך־ארץ, און דערצו אַן׳אָרגאַניזאַטאָר, אַ פאָלקס־רעדנער, אַ דיפּ־
לאָמאַט און אַ דיכטער, וועמעס פערזען מ׳קען געפינען אין יעדער
זאַמלונג פון דער דייטשער ליריק. נאָר אַזאַ פיעלזייטיגע פערזענ־
ליכקייט ווי מאַקס נאָרדוי, וואָס שטעהט אין דער הינזיכט נישט
ניעדריגער פון אַ לעאָן באַטיסטאַ אַלבערטי, האָט געקענט איינס
נאָך דאָס אַנדערע אָנשרייבען „די קאָנווענציאָנעלע ליגען׳ס פון דער
קולטור־מענשהייט״, „פּאַראַדאָקסען״ און „ענטאַרטונג״. אין די „קאָנ־
ווענציאָנעלע ליגענס״ טרעט דער פערפאַסער אַרויס פאַר אונז אַלס
שאַרפזיניגער קולטור־קריטיקער און היסטאָריאָגראַף; אין „ענטאַר־
טונג״ זעהען מיר דעם פּסיכיאַטאָר, קרימינאָלאָג, ליטעראַטור־און
פילאָזאָפיע־היסטאָריקער, מוזיק־טעאָרעטיקער און עסטעטיקער; אין
די „פּאַראַדאָקסען״ רעדט צו אונז אַ דענקער, וואָס גערט זיך מיט
אַ אייגענעם גאונ׳ישען דרך. אומעטום אָבער בלייבט ער דער גלענ־
צענדער סטיליסט און דער שאַרפזיניגער פּאָלעמיקער. נאָרדוי פער־
ליערט נישט דעם גרויסען קאָסמישען שטאַנדפּונקט אפילו אויך דאָרט,
וואו ער גיט נאָר איבער, ווי עס דאַכט זיך, זיינע רייזע־איינדריקע.

מ׳האָט נאָרדוי׳ען און זיינע אַנדערע צייט־חברים אָפט פאָר־
געוואָרפען, אַז זיי האָבען אַ מאַניע צום צושטערען, אויף אַלץ
„ניין״ צו זאָגען. אמת אין דער בעשולדיגונג איז דאָס, אַז דער
מאָדערנער קולטור־שאַפענדער יוד האָט אין זיך אַ שטיק מעפיסטאָפעל.
ער זאָגט אָפט „ניין״ אויף „וויכטיגע״ אַלע גוטע זאַכען; זיין ניינ־
זאָגען שטאַמט אָבער נישט דערפון אַליין, וואָס ער האָט אַ מאַניע
צו זעהן אין יעדע זאַך די נעגאַטיווע זייטען. דאָס איז פיעל מעהר
אַ פּראָדוקט פון אַ הויך־ענטוויקעלטען קריטישען בעוואוסטזיין. די
צוויי טויזענד יאָהר פערביטערונג און ליידען, ענויים און „קריסט־

ליכע נעכסטעגליבע" האָבען געלאָזען נאָך זיך טיעפע שפּורען און
אויסגעלערנט דעם יודען פאָרזיכטיג זיין. דעריבער זענען אַלע גרויסע
יודען, און בעזונדער די פון 19=טען יאָהרהונדערט, געווען אָפּאָזי=
ציאָנעל געשטימט אין דער בעציהונג צו זייער צייט. דער קאַראַהאָד
פון דער יודישער אָפּאָזיציע הויבט זיך אָן מיט היינריך היינע.
דער דיכטער פון „דער רבי פון באַכראַך" האָט פאַר די אַלע געז
שעפּטען פון די 48=ער נישט געהאַט מעהר, ווי אַ איראָנישען
שמייכעל; אין די טעג פון דער יולי=מאָנאַרכיע איז ער אָבער דע=
מאָקראַט און רעפּובליקאַנער. די וויכטיגסטע טעטיגקייט פון קאַרל
מאַרקס קומט אויס אין די יאָהרען פון דער פינסטערער פּריסישער
רעאַקציע, און ווען די פּאָליטיק האָט אויסגעפילט דעם גאַנצען
דייטשען גייסט, איז לאַסאַל אויפגעטרעטען, האָט געשטעלט סאָ=
ציאַלע פאָדערונגען און איז געווען גענייגט צו אָפּפערן די פּאָליטיק
פאַר'ן סאָציאַליזם. ער האָט זיך זאָגאַר אַרומגעטראָגען מיט אַ אי=
דעע וועגען אַ סאָציאַלער מלוכה. אַ מאָנאַרכיע, נאָר סאָציאַל זאָל
זי זיין...

ווי נאָר ביכנער און קאַרל פאָגט האָבען אָנגעהויבען צו פּרע=
דיגען פאַר די מאַסען זייער פלאַכען מאַטעריאַליזם, האָט שוין הער=
מאַן קאָהן געשריבען זיין קאַנטישע בעגרינדונג פון דער עטיק.
מיזעהט אַלזאָ, אַז דער יודישער גייסט איז שטענדיג אָפּאָזיציאָנעל.

נאָרדוי געהערט אויך צו די אָפּאָזיציאָנעלע דענקער אין די
לעצטע דרייסיג יאָהר פון דער גייסטעס=געשיכטע. ווען ער איז
אַריינגעטרעטען מיט אַ ענטוויקעלטען גייסט און אַ קלאָרען בליק אין
דעם גרויסען קולטור=קאַמפּף פון זיין צייט, האָט ער געפונען אַ
שטראָם פון דעקאַדאַנס, וואָס האָט פערהאַפּט אַלע געביטען פון
לעבען. די פּאָליטיק פון די מיטעל=און מערב=אייראָפּעאישע מלוכות
איז געווען אונזיכער און האָט זיך געהאַלטען אין איין טרייסלען;
אין דער ליטעראַטור האָבען געהערשט נעראָמאַנטיקער, סימבאָ=
ליסטען און דיאַבאָליקער א' לאַ באָדלער און ווערלען; פון דער אַנ=
דערער זייט ווידער האָט דער נאַטוראַליזם און דער רעאַליזם גע=
פייערט זיין העכסטען טריאומף; אין דער פילאָזאָפיע און אין
דער וויסענשאַפט האָט געשטורמט די מלחמה פאַר און געגען דער
דעסצענדענץ= און סעלעקציאָנס=טעאָריע; די טעאָלאָגען זענען גע=
ווען פערצווייפעלט, און דער מאַטעריאַליזם אַלס וועלט=אַנשויאונג

האָט שוין געמאַכט זײַנע לעצטע אָנשטרענגונגען, ווײַל די רעוואָלטאַטען פון דער נאַטור־וויסענשאַפט זענען צו שוואַך געווען, אום צו בעפרידיגען דעם מעטאַפיזישען זין פון דעם מענשליכען לעבען. עס האָט אָבער געפעהלט דער גרויסער אידעאַליסט, דער פילאָזאָף, וואָס זאָל קענען דעם מאַטעריאַליזם אינגאַנצען פערניכטען. דערפון איז אַרויסגעקומען פון איין זײַט אַ קראַנקהאַפטער סקעפּטיציזם און פון דער אַנדערער זײַט האָט זיך אויסגעבילדעט אַ ווילדער, אומגעלומפּערטער אינדיווידואַליזם, וואָס האָט אין אייראָפּאַ געפונען זײַן פילאָזאָף אין פרידריך ניטשע און אין אַזיען — אין דעם מאָראַל־טעאָלאָג און דיכטער לעוו טאָלסטאָי. דערבײַ איז דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען געווען פערדאָרבען, קאָררומפּירט און אינערליך פאַלש, ווי אין אַ עפּאָכע, וואָס ווערט בעהערשט פון צושטערענדע עלעמענטען. די ענטוויקלונג פון דעם פערקעהר און דאָס אויפבליהען פון דער אינדוסטריע האָבען פערשלונגען דעם גאַנצען מענשען. אַ ווילדער אוטיליזם האָט געהערשט אין אַלע צווייגען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען און געזוכט אונטערצוגראָבען אַלע מאָראַלישע יסודות, זאָגאַר דעם גאַנצען מענשליכען געשלעכטס־בעוואוסטזײַן, און בכלל האָט זיך אומעטום געשפּירט די קראַנקהײַט פון דער צײַט, וואָס איז נאָך שטאַרקער געוואָרען דורך דעם ענדליכען נצחון פון די גערמאַנען איבער די ראָמאַנען.

אין דער דאָזיגער עפּאָכע פון דעקאַדאַנס, פון אונטערגאַנג, פון גײַסטיגער צוטומלעניש און פון צוויי געזעלשאַפטס־פײַנדליכע עקסטרעמען איז מאַקס נאָרדוי אַרײַנגעטרעטען אין דער אַרענע. אין זײַנע „קאָנווענציאָנעלע ליגענס פון דער קולטור־מענשהײַט" האָט ער אויסגעשפּרייט אַ נעץ פאַר אַלע ליגענס פון דער צײַט און בעקעמפּפט די אַלע צופוילטע אָנוואַקסענישען פון דער פּען־דע־סיעקל־קולטור מיט דעם ברען פון אַ אויפריכטיגען אידעאַליסט און מיט דעם גאַנצען שאַרפזין פון זײַן דיאַלעקטיק. עס איז אַלס אַ גרויסע קולטור־געשעהעניש צו בעצייכענען דאָס, וואָס נאָרדוי האָט געהאַט דעם מוט אין יענער צײַט פון דעם ענגהערציגען עגאָאיזם און די אײנטאָנעדיגע אינטערעסען ענטקעגען־צושטעלען דעם עגאָאיזם — די סאָלידאַריטעט, דער ענגער געגענוואַרט — די צוקונפט און דעם אײנצעלנען מענשען — דאָס גאַנצע מענשליכע געשלעכט. וואָס האָט נאָרדוי געקענט זאָגען יענע קלײנליכע עגאָאיסטישע מענשען

פון דער דעקאַדאַנס־עפּאָכע? „מענש, לעב נאָך די יסודות פון דיין פערשטאַנד!" „מענש, זיי גוט!" האָט דען דער אַלטער יודישער נביא נישט געשריגען דאָס זעלביגע צו די מענשען פון זיין צייט? וואָס איז דען געווען דאָס העכסטע אידעאַל פון דעם נביא? „און די ערד וועט פול זיין מיט וויסען, ווי דאָס וואַסער פערדעקט דעם ים".

מאַקס נאָרדוי שרייט צו זיינע מיטמענשען, נאָכדעם ווי ער ווייזט זיי אין די אויגען זייער גאַנצע אינערליכע צוריסענקייט און פאַלשקייט: „דאָס, וואָס די מענשהייט דאַרף איצט אַמנייטיגסטען האָבען, בעשטעהט נאָר אין דעם, זי זאָל זיך פערשאַפען די מעגליכקייט צו לעבען נאָך די ערפאַהרונגען פון איהר וויסען", ווער עס רעדט אָבער וועגען וויסען און פערשטעהן, מוז שוין רעדען אויך וועגען מאָראַל, וואָרום צוזאַמען מיט דער לאָגיק געהט די עטיק. און פאַר דער מאָראַל איז נישט וויכטיג דער איינצעלנער מענש און די געגענוואַרט, נאָר דאָס געשלעכט און די צוקונפט. פון דעם מאָראַלישען שטאַנדפונקט איז נאָרדוי אַרויסגעטרעטען געגען די צוויי געזעלשאַפטס־פיינדליכע טענדענצען: דעם טאָלסטאָאיזם און דעם ניטשעאַניזם. וואָרום ניטשע אַזוי ווי טאָלסטאָי — ביידע זענען זיי שונאים פון דער געזעלשאַפט, פון דער קולטור, פון דער מלוכה און פון דעם מענשען־געשלעכט, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ביי דעם ערשטען איז דער יסוד פון דער אַנאַרכיע אַ רעליגיעזער און ביי דעם אַנדערן אַ עסטעטישער. די אַנאַרכישע וועלט־אַנשויאונג שטעלט אַוועק דעם איינצעלנעם מענשען, דעם אינדיווידואום, אויף דעם פּלאַץ פון דעם געשלעכט, און דערמיט אַליין גראָבט זי שוין אונטער אַלע יסודות פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. דער פעסטגעזונדטער נאָרדוי איז געווען צו־קלוג אום זיך צו לאָזען פערפיהרען פון ניטשעס עסטעטישער פראַזעאָלאָגיע און צו־געזונד און געדאַנקען־רייך, אום זיך צו לאָזען איבערעדען פון דעם אידעען־אָרעמען, סענטימענטאַלען טאָלסטאָי. אַ מענש מיט אַזאַ טיעפער לאָגיק און אַזאַ שטאַרקען עטישען געפיהל, האָט געמוזט אַרויסטרעטען מיט דער זעלביגער פערדאַמונג געגען די רעליגיעזע אַנאַרכיסטען, ווי געגען די עסטעטישע. דאָס גרעסטע פערדיענסט פון נאָרדוי בעשטעהט אין דעם, וואָס ער האָט דער ערשטער אָנגעוויזען אויף די נעגאַטיווע און אַנטיסאָציאַלע טענדענצען אין די האַלב־פילאָזאָפישע און מאָראַל־טעאָלאָגישע ווערק, ווי אויף אַ גרויסען סימפטאָם פון דעקאַדאַנס. טאָל־

סטאָי און ניטשע, איבסען און די דיאַבאָליקער, ריכאַרד וואַגנער און די סימבאָליסטען ווערען ביי איהם בעטראַכט נישט נאָר פון ליטעראַרישען און קינסטלערישען שטאַנדפונקט, נאָר אויך — פון פּסיכיאַטרישען און קרימינאַלאָגישען, און צוזאַמען מיט די דאָזיגע פּערזענליכקייטען, האָט נאָרדוי אונטערזוכט אויך דעם גאַנצען קולטור-פּעריאָד און איהם בעלויכטען פּאַטאָלאָגיש און פּסיכאָפּאַטאָלאָגיש.

מאַקס נאָרדוי איז ניט קיין שול-פילאָזאָף און נישט קיין שול-ליטעראַט. ער געהערט ניט צו קיין שום שול און איהם האָט זיך קיינמאָל געוואָלט אויסנעמען אַלס פילאָזאָפישער סיסטעמאַטיקער אָדער אַלס ליטעראַטור-היסטאָריקער. ער איז ביז היינטיגען טאָג שטאָלץ דערמיט, וואָס ער איז אַ פרייער שריפטשטעלער; און דאָך, ווען מען קוקט זיך צו נעהנטער צו די קולטור-פילאָזאָפישע און קולטור-היסטאָרישע ווערק פון דעם דאָזיגען פרייען שריפטשטעלער, וועהט מען אין איהם אַ סיסטעמאַטישען פילאָזאָף מיט אַ גאַנצער, אָבגעשלאָסענער וועלט-איינשויאונג. ווען אַ מענש פועל׳ט ביי זיך אַרויס-צוטרעטען מיט אַזאַ ענטשיעדענער קראַפט געגען העגעל׳ן, מוז אין זיינע אָדערן שווערעס פילאָזאָפען-בלוט צירקולירען.

לויט נאָרדוי׳ס אַנשויאונג איז דער מענש, אים געגענזאַץ צו דער אַנשויאונג פון רוססאָ, פון דער נאַטור שלעכט; צוליעב זיינע פיזיאָלאָגישע און אַנאַטאָמישע אייגענשאַפטען אָבער, וועלכע מאַכען איהם פאַר דעם אונזעלבסטשטענדיגסטען פון אַלע נאַטור-בעשעפּעניש, מוז ער לעבען געזעלשאַפטליך. די וויסענשאַפטליכע רעזולטאַטען פון דער פּאַלעאָנטאָלאָגיע און די פאָרשונגען פון די פאַר-היסטאָרישע צייטען לעהרנען אונז, אַז נאָך גאָר אין די אור-אַלטע פּעריאָדען האָט שוין דער מענש געלעבט געזעלשאַפטליך, ד. ה., גע-מיינזאַם מיט זיינע מיטמענשען. דער דאָזיגער געזעלשאַפטליכער שטריך אין דעם מענשליכען האַראַקטער און דער דייטליכער גע-שלעכטס-אינסטינקט פון דעם איינצעלנעם אינדיווידואום, וואָס ווייזט זיך אַרויס אין דער גאַנצער נאַטור-און קולטור-געשיכטע, זענען די צוויי אויסגאַנגס-פונקטען פון נאָרדוי׳ס מאָראַלישער וועלט-אַנ-שויאונג. צו די צוויי יסודות קומט נאָך אַ דריטער צו, — דער יסוד פון דער אָרגאַנישער עוואָלוציע.

פון די דריי שטאַנדפונקטען אַרויסגעהענדיג, פּערטרעט נאָר-

דוי דער געזעלשאַפט און קעמפפט אין איהר נאָמען געגען די געוואַלד־טהאַטען פון דעם אינדיווידואום. אַזוי ווי די געזעלשאַפט, און נישט דער איינצעלנער מענש, איז וויכטיג פאַר דער נאַטור, קעמפפט נאָרדוי פאַר די אינטערעסען פון דער צוקונפט געגען דער ענג־העציגקייט פון דער געגענוואַרט, און די הגהות, וואָס בילדען זיך פון דעם ענטוויקלונגס־געדאַנק, ווענדעט ער געגען די פאָדערונגען פון די עגאָאיסטישע, בעלי־תאוה'דיגע רעאַקציאָנערען.

נישט קוקענדיג אָבער אויף די דאָזיגע יסודות פון זיין עטיק, איז נאָרדוי דאָך נישט קיין נאַטוראַליסט. נאָרדוי פערטרעט גיכער די מיינונג פון קאַנט'ן, לויט וועלכער דער מענש דאַרף גובר זיין די נאַטור, לויט וועלכער די נאַטור איז אונזער שונא. דער נאַטור, דער רויהער, געוואַלד־טעטיגער נאַטור, שטעלט נאָרדוי אַרויס ענטקעגען דעם מענשליכען פערשטאַנד. די קולטור הויבט זיך אָן פון דאָרטען, פון וואַנען ס'הויבט זיך אָן די טעטיגקייט פון דעם מענמענשליכען גייסט, פון דעם מענשליכען פערשטאַנד. דאָס מענשליכע פערשטאַנד איז אָבער נישט אַבסאָלוט דאַגעגען דער נאַטור, און פון דעם שטאַנד־פונקט בעטראַכטענדיג, איז נאָרדוי אַ געגנער פון דער פאָליטישער גלייכהייט. די גלייכהייט איז נישט נאָר געגען דער נאַטור, זי איז אוננאַטירליך. אין דער אָרגאַנישער וועלט פיהרט זיך אַ אייביגער קאַמפף. אינ'ם לעבען פון דער נאַטור זעהען מיר אַ אונאויפהערליכע מלחמה צווישען פערשיעדענע כחות, — דערפון נעמט זיך לעבען און ענטוויקלונג. זיך נישט רעכנען מיט דער דאָזיגער גרונד־ערשיינונג אין דער נאַטור און פערניכטען די אונגלייכהייט אפילו נאָר אין דעם מענשליכען לעבען אַליין, — איז דער מענשליכער שכל נים אימשטאַנד. פערניכטענדיג די אונגלייכהייט, וואָלט ער צוזאַמען דערמיט פערניכטען אויך דעם לעבענס־נערוו, דעם יסוד פון לעבען. און איז די גלייכהייט געגען דער נאַטור, ווייל זי איגנאָרירט די פסיכאָלאָגישע קאַטעגאָריע פון דעם אייביגען קאַמפף, אַזוי איז די פרייהייט, האָטש זי איז אין דער נאַטור יאָ פאַרהאַן, אַ פאַקטאָר, וואָס ווירקט נעגאַטיוו אויף דעם געזעלשאַפטס־לעבען און מאַכט איהם אילוזאָריש. נאָרדוי בעניגענט זיך אָבער נישט דערמיט אַליין, וואָס ער קריטיקירט די רעוואָלוציאָנס־פּראָגראַמען, — ער ווייס צו געבען אויף זייער אָרט אויך עטוואָס פּאָזיטיוועס.

זיין לאָזונג איז: סאָלידאַריטעט, און דער לאָזונג, ענטוויקעלט

ביז צו דער הויכקייט פון אַ קולטור-פּאָליטישען און עטיש-נאַציאָ-נאַלען פּראָגראַם, לעגט אַוועק אַלס יסוד פאַר דער מלוכה — נעבען דער געזעצליכקייט אויך די פרייהייט פון דעם איינצעלנעם פּערזאָן, אויף וויפיעל זי שאַדט נישט דעם כלל, און פאַר דער געזעלשאַפט — די עהרליכקייט און דעם אמת, וועלכע זענען די איינציגע קראַפט אויף צו שטיצען די מענשליכע סאָלידאַריטעט. קוים ערפילט די מלוכה איהרע אויפגאַבען און דריקט נישט אַראָב דעם איינצעלנעם מענשען ביז צו דער מדרגה פון אַ אָבצאָהלונגס-נומער, אַזוי האָט שוין יע-דער אינדיווידואום די מעגליכקייט צו לעבען נאָך די ערפאַהרונגען פון זיין וויסען און פערשטעהן. עס איז שווער צו זאָגען, ווי נאָרדוי שטעלט זיך פאַר די רעפאָרם פון דער מלוכה און איהר פאָר-שריט. אין דער בעציהונג צו דעם היינטיגען קריעגס-און מיליטער-שטאַאַט איז ער אָפּאָזיציאָנעל, ווארום מאַקס נאָרדוי — ווי עס פּאַסט פאַר אַ איינציקעל פון די נביאים — איז אַ געגנער פון מלחמות און אַ אַנהענגער פון שלום. ער איז אָבער נישט קיין געגנער פון קאַמפף. אין דער הינזיכט אין ער איינשטימיג מיט זיינע גרויסע ברידער הערמאַן קאָהען, לודוויג שטיין און יאָהאַן פאָן בלאָך. מאַקס נאָר-דוי איז אין דער זעלביגער מאָס אָפּטימיסט אין דער בעציהונג צו דעם גאַנצען מענשליכען געשלעכט, ווי פּעסימיסט אין דער בע-ציהונג צו יעדען איינציגען אינדיווידואום. דער פּעסימיזם איז פאַר איהם אויך, ווי פאַר לודוויג שטיין, מעהר קראַנקהייט און שטי-מונג, ווי וועלט-אַנשויאונג. האַראַקטעריסטיש פאַר דעם אידעאַליסט נאָרדוי איז דאָס, וואָס ער, אַליין אַ קינסטלער פון גאָט'ס גנאָד, גיט צו דער קונסט נישט נאָר סאָציאַלע, נאָר אויך עטישע פונק-ציעס.

עס פערשטעהט זיך, אַז אַזאַ גייסטיג-אידעאַליסטישער און גע-זונדטער מענש, ווי מאַקס נאָרדוי, האָט געמוזט אַרויסטרעטען געגען דעם קינסטלערישען נאַטוראַליזם פון אַ זאָלאַ, וועלכער איז בעשטאַ-נען אין קאָפּירען נאָר די מאוסע זייטען פון דער נאַטור, מיט דער זעלביגער שאַרפקייט, וואָס ער האָט געקעמפפט געגען איבסען'ען, למשל, וועלכער האָט, אַלע פאָדערונגען פון דעם מענשליכען גע-שלעכט אויף צו-להכעיס, אַריינגעלעגט איינער פון זיינע העל-דינען אין מויל אַזאַ מין פראַזע, ווי די: „די היילינסטע פּפליכט איז די געגען מיך אַליין“. אויף אַ שאַרפען אָנפאַל פון נאָרדוי'ס

זייט האָט זיך אָנגעשטויסען אויך די רעליגיעז-מאָטיווירטע אַנאַרכיע פון לעוו טאָלסטאָי, און אין דער געגנאַרשאַפט פון נאָרדוי'ען צו טאָלסטאָי'ס לעהרע, איז האַראַקטעריסטיש נאָך איין שטריך, איך מיין נאָרדוי'ס קריטישע פערהעלטניס צום קריסטענטום. אויסער הערמאַן קאָהן, האָט קיין גרויסער יוד אין דער נייער צייט ניט געגעבען אַזעלכע קלעפּ דעם טעאָרעטישען קריסטענטום, ווי מאַקס נאָרדוי. ער האָט מיט אַ פעסטער און זיכערער האַנד אויפגעדעקט די אַלע סתירות אינ'ם קריסטענטום און איהם אָבגעזאָגט פון יעדע אָריגינאַליטעט. שטאַמען שטאַמט זיין פיינדליכע בעציהונג צום קריסטענטום פון דעם פעסימיסטישען טאָן, מיט וועלכען עס איז דורכגעדרונגען די קריסטליכע לעהרע. דער אָפּטימיסט נאָרדוי פער-דאַמט טאָלסטאָי'ען מיט'ן קריסטענטום צוזאַמען, און די סענטי-מענטאַלע דרשות פון וועלכען ס'איז פאַסטוך, ריהרען איהם ניט.

אין דעם פאַקט פון נאָרדוי'ס איבערגעהן צום ציוניזם, זענען אויך געוועזען געוויסע געשיכטס-פילאָזאָפישע אַנזיכטען. ער בעטראַכט די גרויסע ערשיינונגען אין דער גייסטעס-געשיכטע אַלס פּראָדוקט פון די גרויסע פעלקער און ראַסען-אינדיווידואַליטעטען. ווען קיינער פון אונז האָט נאָך ניט געוואוסט, אַז דער פערפאַסער פון „פּאָם קרע-מעל ביז צור אַלהאַמבראַ" איז אַ יוד, האָט ער שוין ערקלערט, אַז דאָס יודענטום האָט אַריינגעבראַכט זיין אייגענעם אַקאָרד אין דער אַלגעמיינער קולטור-סימפאָניע, אַזוי גוט ווי די גריכען, רוימער, גערמאַנען און נעאָראָמאַנען. נאָר די סלאַווען האָבען שטענדיג גע-נומען און קיינמאָל גאָרניט געגעבען. — די דאָזיגע מיינונג, אַז די גרויסע ערשיינונגען אין דער געשיכטע זענען פּראָדוקטען פון די בעזונדערע גייסטיגע פעלקער-אייגענשאַפטען; זיין קריטישע בעצי-הונג צו „זייער" קולטור; דער פאַקט, וואָס דאָס יודישע פאָלק עק-זיסטירט און זיין איינפלוס אויף דער געשיכטע ציהט זיך נאָך ביז היינטיגען טאָג, צוזאַמען מיט זיין אָפּטימיסטישער גרונד-איבערציי-גונג, האָבען איהם ווידער צו זיין פאָלק געפיהרט און געמאַכט פאַר דעם לעהרער און בעגרינדער פון ציוניזם. די, וואָס שטעהען אין נעהענטערע בעציהונגען מיט נאָרדוי'ען ווייסען, ווי טייער ער האָט בעצאָהלט פאַר זיין פלוצלונגען איבערגעהן צום יודענטום. דער מענש אָבער, וואָס האָט די קראַנקהייטען פון זיין צייט געהיילט מיט די מיטלען און אַנשויאונגען פון די אַלטע יודישע נביאים; דער

מענש, וואָס האָט זיין גאַנצען לעבען געאָפּפערט דערפאַר, אום דעם אמת אויפצודעקען און צו פערשפרייטען און די עהרליכע גוסטקייט ווידער איינצופלאַנצען, — דער מענש האָט נישט געקענט בלייבען ביי דעם קאָנווענציאָנעלען ליגען פון דער יודישער „גלויבענס-גע-מיינשאַפט." זיין ציוניזם איז נישט קיין קינסטליכער, נאָר אַ אָרגאַ-נישער; ווארום נאָך איידער ער איז אַ ציוניסט געווען, האָט ער שוין גערעדט צו זיין דור מיט דער קראַפט און דעם גלות פון אַ יודישען נביא. זיין ציוניזם איז אמת, ווי זיין קולטור-קריטיק און קולטור-פילאָזאָפיע איז געוואַלדיג און גרויס.

לאָנדאָן. ד"ר ש. מ. מלמד.

---

# נאָרדוי אלס ציוניסט.

דער היסטאָריקער, וואָס וועט אמאָל שרייבען די געשיכטע פון ציוניזם, וועלענדיג בעלייכטען זיין ענטשטעהונג און זיינע ערשטע ענטוויקלונגס-שטופען, וועט מוזען ווידמען אַ פּאָר קאַפּיטלעך אום זיך צו בעקענען מיט די פערזענליכקייט און ציוניסטישע שעפּפונג פון מאַקס נאָרדוי.

הערצל איז די סטאַטיקאַ, — די גרונדקראַפט פון ציוניזם. זיין ציוניזם איז גלייך צו אַ מאַרמאָר-סטאַטוע, וואָס שטייגט אַריבער איבער אַלעמענס קעפּ. נאָרדוי איז די דינאַמיקאָ, — די ווירקענדע, ענטוויקלענדע און בעוועגענדע קראַפט פון ציוניזם. זיין ציוניזם איז ווי אַ קינסטלערישׁ ווערק, וועלכע ענטהאַלט אַ סך בילדער, וואָס שטעלען די ווירקליכקייט פיעל רעליעפער, פיעל בולטער פאָר. הערצלס פיזאָנאָמיע, וועלכע איז עטוואָס גאַנצעס, עטוואָס אונ-פערענדערליכעס, גיט זיך נישט איין צום אויפפאַסען; עס איז אָבער אויך נישט לייכט אויפצופרעגען אַ געווויסען שטעמפּעל פון נאָרדוי, ווייל ער איז פיעלזייטיג און פערענדערליך. אָבער גראַדע די דאָזיגע פערענדערליכקייט פון מאַקס נאָרדוי וועט דעם צוקונפטיגען היסטאָ-ריקער געבען פיעל מעהר מאַטעריאַל, דורך וועלכע ער וועט זיך קאָ-נען מיט דעם ציוניזם גענויער בעקענען, ווי עס וועט עס געבען הערצל,

וואָס וועט מיט דער צײַט ווערען אַ לעגענדאַרישע, נישט היסטאָרישע פּערזענליכקײַט.

וואָס איז אַלזאָ מאַקס נאָרדוי אַלס ציוניסט?

צוערשט איז נאָרדוי געקומען צום ציוניזם אַלס פּראָטעסט געגען אַנטיסעמיטיזם. וואָהנענדיג אין פראַנקרײַך, אין אַ לאַנד, וואָס אפילו אויף די טורמעס זענען אויפגעשריבען די ווערטער: „פרײַהײַט, גלײַכהײַט און ברודערשאַפט", האָט ער פּלוצלונג דערהערט ווי די מאַסע שרײַט סטראַשענדיג: „A mor les Iuife" (אַ טוידט די יודען), דאָס דאָזיגע שרײַען האָט איהם ווי אַ דונער געטראָפען, און אַלס שטאָלצער מאַן האָט ער דערויף געענטפערט: „איך בין אַ יוד!"

אין יענער צײַט איז אויף דער בּיהנע אויפגעטרעטען דער ציוניזם, וואָס הערצעלס בּעצױבּערענדע פּערזענליכקײַט האָט איהם מיט גלאַנץ און פּראַכט בּעציערט, און מאַקס נאָרדוי איז געוואָרען אַ ציוניסט. פּונקט אַזוי זענען געוואָרען ציוניסטען אַ טײל פון די מערב אייראָפּעאישע יודען און דאָס רוב רוסישע ציוניסטען פון דער יודישער אינטעליגענץ. דער דאָזיגער ציוניזם האַלט זיך אינגאַנצען אָן דעם אַנטיסעמיטיזם, וועלכער „וועט נישט אַזוי בּאַלד פערשווינ-דען", ווײַל „זײַנע וואָרצלען זענען טיעף אין מענשענס האַרץ אַרײַנ-געוואָקסען". צוערשט האָט דער אַנטיסעמיטיזם גופא אויך אָנגע-נומען אַ שרעקליך גראָבּע און בּאַרבּאַרישע פאָרם, וועלכע האָט די יודען גרויסע לײַדען און יסורים פערשאַפט. אין יענער עפּאָכע, שעפּט נאָך נאָרדוי נישט זײַן ציוניזם פון דער „תורה און משנה". דעריבּער איז בּײַ איהם די גאַנצע אויפגאַבּע פון ציוניזם בּלויס „צו בּעזעצען די אָרעמע יודען אין פּאַלעסטינא". מיט איין וואָרט — דער בּאַנאַלסטער ציוניזם, דער פילאַנטראָפּישער ציוניזם, וועלכער וויל נאָר „העלפען די אומגליקליכע בּרידער". דאָס איז געוועזען די ערשטע שטופּע אין דעם ענטוויקלונגס-גאַנג פון מאַקס נאָרדוי'ס ציוניזם. אָבּער וואָס מעהר ער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפען אויף די קאָנגרעסען מיט דער יודישער מאַסע, איז ער אַלץ טיעפער אײַנ-געדרונגען אין דעם מהות פון דער יודישער פּראָבּלעמע און דער עיקר, וואָס מעהר די ערשטע פאָרם פון ציוניזם, וועלכע איז צו אײנפאַך געוועזן, האָט אַרויסגערופען אַ פּראָטעסט בּײַ די אַסימילאַ-טאָרישע יודען, דאָס מעהר האָט נאָרדוי בּעגריפען דעם האַראַקטער

פון דעם קאַמפּף, וואָס שטעהט איהם פאָר, דאָס טיעפער האָט ער אַנאַליזירט די יודישע ווירקליכקייט, דאָס ברייטער ווערט פאַר איהם דער היסטאָרישער עלעמענט אינ'ם ציוניזם, דאָס גרעסער ווערט ביי איהם די אויפגאַבע פון דער „תורה און משנה", עס הייבען אָן אָבקלינגען אינערליך טיעף אין זיין נשמה לאַנג־פערגעסענע טענער, וועלכע קוועלען אַרויס פון דער העברעאישער ליטעראַטור, עס ווע־רען איהם אַלץ נעהענטער און נעהענטער די פיזאָנאָמיעס פון די „מאַ־קאַבעער" און „בר כוכבא". און דאָס מוז מען מודה זיין: האָט נאָר נאָרדוי אַרויסגערופען די יודישע פּראָבלעמע מיט איהר גאַנצער היס־טאָרישער ברייטקייט און טיעפקייט, האָט ער איהר פונאַנדערגעגליע־דערט פון אַלע זייטען, אַזוי, אַז ער האָט שוין פאַר קיין אַנדערן קיין אָרט ניט איבערגעלאָזען. פיעל פון אונז האָבען זיך בעמיהט צו בעשאַפען די טעאָריע פון ציוניזם, און פיעלען פון אונז האָט זיך טאַקע ווירקליך געדאַכט, אַז מיר האָבען עפּעס אַ נייעס אויפ־געטהון, וואָס קיינער האָט עס ביז אַהער נישט געוואוסט. דאָס איז אָבער נישט אֶמת. אַלע יסודות פון דער ציוניסטישער טעאָריע— שוין איינשליסענדיג די ערקלערונג וועגען דעם עקאָנאָמישען, גייס־טיגען און מאָראַלישען צושטאַנד פון די יודען—געפינען זיך אין נאָרדוי'ס ציוניסטישע רעדעס און ביכער. מיר האָבען עס בלויס פערברייטערט, טייל מאָל האָבען מיר בלויס פערטיעפערט דאָס, וואָס נאָרדוי האָט שוין אַרויסגעזאָגט מיט גרויס קונסט און אין אַ קורצע אָבער זעהר גענויע פאָרם.

די צווייטע שטופע אין דעם ענטוויקלונגס־גאַנג פון נאָרדוי'ס ציוניזם איז געוועזען אָט דער מאָמענט, ווען ער האָט מיט בולט'ע שטריכען און העלע פאַרבען אַזוי מייסטערהאַפט געמאָלט דאָס בילד פון די גלות־יודען אין אונזער צייט, און האָט אונז אויפגעוויזען אַלע בעהאַלטענע ווינקעלעך פון זיין לעבען; אָט די דאָזיגע בילדער זיינע האָבען מיט זייער אמת דערגרייכט צו דער שטופע פון אַ ווירקליך פּאָעטישע שעפּפונג. אין דער צווייטער שטופע בויט שוין נאָרדוי גאָר אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן זיין ציוניזם, וועלכער איז ביי איהם געוואָרען „אַ נייער נאָמען צו אַ גאַנץ אַלטע זאַך", ווייל „דער משיח'איזם און דער ציוניזם זענען אין פערלויף פון צוויי טויזענד יאָהר געוואָרען סינאָנימע (גלייכזיניגע) בעגריפען". אין דער דאָזיגער עפּאָכע בעגנוגענט זיך שוין נישט זיין ציוניזם מיט די

אָרעמע יודען, ער שטרעבט שוין „אומצובילדען דאָס יודישע פאָלק און עס מאַכען צוריק פאַר אַ נאָרמאַלעס פאָלק“; דעריבער איז שוין מעהר ביי איהם נישט בלויס דער אַנטיסעמיטיזם דער קוואַל פון וואַנען ער שעפט זיין ציוניזם, נאָר אויך די אינעווענינגסטע טענדענציעס פון דער יודישער נשמה און די ענטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער בעפרייאונג אינ'ם ניינצעהנטען יאָהר=הונדערט. אַזוי ערנאָך קומט ער צו די טיעפע פערשטענדניס פונ'ם ציוניזם אַלס גענענזאַץ צום גלות. לעזט נאָר אויפמערקזאַם זיין רעדע אויפ'ן פינפטען קאָנגרעס און איהר וועט שטוינען דערזעהענדיג ווי טיעף האָט דער ווייטזיכטיגער בליק פונ'ם פאָרשער אַריינגעדרונגען אין דער פסיכאָלאָגיע פונ'ם יודישען גלות! מיט איין איינציגע פראַזע האָט ער דאָס גאַנצע יודישע פאָלק בעצייכענט. „דאָס יודישע פאָלק — איז אַ לופט=פאָלק“, די אַלע אַנדערע געלעהרטע ספעציאַליסטען נאָך נאָרדוי, קאָנען נאָר פערברייטערן, פערטיעפערן, בעאַרבייטען די דאָזיגע בעצייכנונג זיינע, דען זי נעהמט אַרום אַלע זייטען פון אונזער גלות=לעבען, אי דאָס גייסטיגע לעבען, וואָס איז פון דער ערד אָבגעריסען, און האָט קיין זעלבסטשטענדיגען אייגענעם יסוד אין דעם סאָציאַלען שטאַנד, אי דאָס מאָראַלישע און מאַטעריאַלישע לעבען. און הויבט נאָרדוי אָן אונז דייטליך צו ערקלערען די פערשיעדענע זייטען פונ'ם יודישען לעבען, ווערען מיר איבעראַשט זעהענדיג ווי גענוי, ווי פינקטליך ער שילדערט אונז אַלעס. אַלץ וואָס עס האָבען אויפגעטהון אונזערע טעאָרעטיקער נאָך איהם, בעווייזען נאָר, ווי ריכטיג עס איז די מיינונג פון נאָרדוי, צו וועלכע ער איז געקומען אין דעם פינפטען ציוניסטישען קאָנגרעס. מיט קורצע אָבער קלאָרע ווערטער, מיט גענויע און טרעפענדע שטריכען האָט ער בעצייכענט דעם האַראַקטער פונ'ם יודישען האַנדעל, יודישען האַנדווערק און אונזער גייסטיגען פראָלעטאַריאַט. און צום שלוס מאָטיווירט ער זיין דיאַגנאָזע: „דאָס יודישע פאָלק איז קיין גאַנצער עקאָנאָמישער אָרגאַן, ווייל עס פעהלט איהם דאָס נויטיגסטע עלעמענט דערצו: ערד. עס האָט נישט קיין מענשען, וועלכע זאָלען אַרויסבעקומען פון דער ערד לעבענס=מיטעל און רויהע נישט בעאַרבייטע פראָדוקטען“. די פאָלגען דערפון זענען: די גלות=יודען ווערען געדולדעט אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל זיי ברענגען נוצען די אַנדערע פעלקער. „מיר זענען נישט אַ צוועק פאַר זיך

זעלבסט, מיר זענען בלויס אַ מיטעל". אט אין דעם ליעגט די גרעסטע טראַגעדיע פון אונזער נישט נאָרמאַלען צושטאַנד. דאָס איז דער קוואַל פון אַלע אונזערע צרות — די עקאָנאָמישע ווי די גײַסטיגע, ווײַל דאָס פאָלק, וואָס הערט אויף צו לעבען זײַן זעלבסט־שטענדיג לעבען, האָט נישט דאָס רעכט, נישט די מעגליכקײַט צו בעשאַפען זעלבסטשטענדיגע ווערטע, און עס פעהלט איהם די מעגליכקײַט זיך צו שאַפען זעלבסטווירדע. ער מוז זײַן רעאַקציאָנעריש, כדי צו געפעלען זײַן רעאַקציאָנערען בעל־הבית, — מאַכט רעוואָלוציעס, כדי צו בעקומען אַ דאַנק פון זײַן רעוואָלוציאָנערען הערר, און דער סוף איז, אַז „מיר מוזען זיך שרעקען פאַר דער רעאַקציע און מיר קענען זיך נישט פרעהען מיט דעם נצחון, וואָס דער פּראָגרעס האָט אָבגעהאַלטען".

ווען עס וואָלט אמת געווען דאָס שפּריכוואָרט: „וויסען די קראַנקהײַט איז שוין אַ האַלבע רפואה", וואָלטען אונז בעדאַרפט נאָרדוי'ס רעדעס פערקירצען אַ סך דעם וועג צו אונזער־געזונד זײַן. דען קײַנער, פאַר איהם און נאָך איהם, האָט נאָך נישט אַזוי גענוי און אַזוי אמת'דיג געשטעלט די דיאַגנאָזע פון דער קראַנקהײַט בײַם יודישען פאָלק, הגם איהר געפינט נישט בײַ איהם קײַן סך סטאַטיסטישע טאַבעלען, קײַן לאַנגע וויסענשאַפטליכע איבערזיכטען, קײַן מאַרקסיסטישע אָדער אַנטי־מאַרקסיסטישע פראַזען. אַלעס זאָגט ער אַזוי גלאַט, אַזוי דײַטליך, אַז עס קומט אין פלוג אויס באַנאַל. יעדען דאַכט זיך, אַז ער הערט אַלטע הקירות, וואָס ער ווייסט שוין דאָס פון לאַנג. נאָר פּרובט לײַענט איבער די גאַנצע יודישע ליטעראַטור בנוגע צום צושטאַנד פון אונזער פאָלק, וועט איהר זיך איבערצײַגען, אַז זי ווידערהאָלט נאָר די גרונד־מײַנונגען פון נאָרדוי. נעהמט, למשל, די וכוחים וועגען דער פראַגע, וועלכע אַ סך האָבען שוין וועגען דעם געשריבען, צי ס'איז מעגליך צו פערײַניגען דעם ציוניזם מיט'ן סאָציאַליזם, און לײַענט די רעדע, וואָס נאָרדוי האָט געהאַלטען אין יאָהר 1899 אין אַמשטערדאַם, וואו עס איז דאָ אַ גרויסער יודישער פּראָלעטאַריאַט! באַלד וועט איהר זיך אָבשטעלען אויף די גרויסקײַט פון דעם דאָזיגען שעפּפערישען דענקער! אין אײניגע פראַזען בעצײַכענט ער דעם גרונד־ווערט, וואָס עס האָט דאָס אַנטײל נעהמען פונ'ם יודישען פּראָלעטאַריאַט אין דער ציוניסטישער אַרבײַט, און ער ערקלערט די בעציהונג פונ'ם

סאָציאַליזם צום ציוניזם, אַלס צוויי שטרעמונגען, וואָס נישט בלויז זיי זענען זיך נישט סותר איינס דאָס אַנדערע, נאָר אַדרבא, זיי זענען ענג געשלאָסען איינס אין דאָס אַנדערע, אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל דער סאָציאַליזם איז יודיש, און זיינע וואָרצלען בעקומען יניקה פונ'ם יודישען לעבען און פון דער יידישער קול־טור, ווייל דער הויפּט פונ'ם קערן פונ'ם יודענטהום איז די סאָ־ציאַלע גערעכטיגקייט. די גאַנצע שפּעטערע ליטעראַטור, וועגען דער פראַגע, ענטוויקעלט און פערברייטערט בלויז נאָרדוי'ס גרונד־גע־דאַנקען.

אָבער דערמיט ענדיגט זיך נאָך נישט דער ענטוויקלונגס־גאַנג פון נאָרדוי'ס ציוניזם. דער קריזיס איז געקומען, געשטאָרבען איז דער ציוניסטישער מנהיג, דער טרייער חבר און פריינד; פיעל פון הערצל'ס אַנהענגער האָבען פערלאָזען דעם ציוניסטישען לאַגער, נאָרדוי'ס געדאַנק אַרבייט אָבער ווייטער. און וואָס מעהר עס דער־ווייטערט זיך דער מאָמענט אין וועלכען דער קראַנקער זאָל צוריק געזונד ווערען, דאָס שאַרפער און דייטליכער בעצייכענט דער דאָקטאָר די קראַנקהייט. אויפ'ן אַכטען קאָנגרעס האָט ער אין זיין רעדע בעצייכענט, לויט אונזער מיינונג נאָך, דעם ציוניזם אויף דעם אומ־פּאַסענדסטען און ריכטיגסטען אופן. ער ערקלערט, אַז דער אַנטי־סעמיטיזם איז העכסטענס אַנ'אויסרעד, אָבער בשום אופן נישט די סבה פונ'ם ציוניזם", און ער קומט צו דעם זעהר שרעקליכען בע־שלוס: "אָדער ציוניזם, אָדער נאַציאָנאַלע ליקווידאַציע!" גלייך ווי ער וואָלט פאָרויסגעזעהן די טענות פון אונזערע גלות־נאַציאָנאַליס־טען, פרעגט ער: „צוליעב וואָס היטען מיר אַזוי אָב אונזער עק־זיסטענץ אַלס בעזונדער פאָלק אין גלות? צוליעב וועלכע צוקונפט? צו וועלכען שיקזאַל? און וואָס איז דער ענדצוועק אונזערער?"...

איהר פיהלט דאָ דעם גרויסען עקסטאַז און התפעלות פון דער גרויסאַרטיגער שעפּפונג און דאָס טיעפע טוידט־שרעק, וואָס מאַכט די בלוט אין די אָדערן פערקיהלען. דער ציוניזם איז נישט אַ וועלכער עס איז מיטעל עמיצען צו העלפען, עפּעס וואָס צו ראַטעווען, וועמען עס איז אַ טובה צו טהון; דער ציוניזם איז די פראַגע פון אויפלעבען אָדער אָבשטאַרבען פונ'ם יודישען פאָלק. זאָלען קומען אַנדערע מיט זייערע געשליפענע טעאָריעס וועגען דער עביגקייט פון גלות, פון יודען און יודענטהום, — אין דער אמת'ן זענען דאָס

נאָר פשרות, קאָמפּראָמיסען. „אָדער יודען וועלען לעבען ווי אַלע אַנדערע פעלקער, אָדער זיי וועלען אינגאַנצען נישט לעבען". און מיינט נישט, אַז אַזוי לייכט קומט מען צו אַזאַ בעשלוס. ווען אונזערע קריטיקער וואָלטען געקאָנט זיך איינקוקען טיעף אין אונזער הארץ, ווען זיי וואָלטען געקאָנט הערען אונזערע פערבאָרגענע קרעכצען, דאַמאָלס וואָלטען זיי פערשטאַנען, אַז נאָר נאָך אַ סך, אַ סך ליידען די שרעקליכסטע יסורים זענען מיר געקומען צו אַזאַ בעשלוס.

אונזער אַקציאָנס-קאָמיטעט, וועלכער ווידמעט נאָרדוי'ן די אויסגאַבע פון זיינע שריפטען, פערגלייכט איהם מיט דעם נביא ירמיה. נאָרדוי איז נישט ירמיה, אַזוי ווי דער היינטיגער גלות איז נישט פּאַלעסטינאַ, וואָס פאַר דעם חורבן בית ראשון, אָבער מיט זיין געניאַלען טאַלאַנט צו שילדערן דעם צושטאַנד פון דעם היינטיגען יודען, דערמאָנט ער זעהר שטאַרק דעם ירמיה, וואָס האָט די „איכות" געשאַפען.

מיט נאָך איין זאַך איז נאָרדוי גלייך צו ירמיה: ער קאָן אויך געפינען טרייסט-ווערטער, ליכט-שטראַהלען אויך אין די פינסטערסטע ערשיינונגען. בעטאָנענדיג דעם פאַקט, אַז מיר, ציוניסטען, בילדען דערווייל נאָר אַ מועט אין יודישען פאָלק, דערמאָנט ער, אַז אין יאָהר 1789 האָט זיך אין גאַנץ פראַנקרייך קיין צעהן רעפּובליקאַנער נישט געפונען, און אַז אַ בעריהמטער היסטאָריקער האָט געשריבען, דאָס אין יאָהר 1854 האָט ער אין איטאַליע נישט איין איטאַליענער געפונען (דאָס הייסט: קיין איינציגען מענשען, וואָס זאָל סימפּאַטיזירען די פעראייניגונג פון איטאַליע.) פאַר דעם פּראַקטישען ציוניזם איז דאָס אפילו אַ גאַנץ קליינע נחמה. אין דער טעאָריע אָבער, איז דאָס גענוג בעגרינדעט. און נאָרדוי איז בלויס אַ מענש פון טעאָריע. ווען מיר זאָלען נישט וועלען רעדען פערשטעלט און מיט משלים, מוזען מיר זיך אויסדריקען פשוט: אין דעם לאַנגזאַמען ענטוויקלונגס-גאַנג פון נאָרדוי'ס ציוניזם, איז ער געוואָרען דער שעפער פון'ם ציוניסטישען געדאַנק אין פולען זינען פון'ם דאָזיגען אויסדרוק, אָבוואָהל נאָר אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל דער ציוניסטישער געדאַנק איז געבויט אויפ'ן גלות און אויף וויפיעל דער דאָזיגער געדאַנק שטאַמט אָב פון דער פער-

גאַנגעֶנהײַט און פון דער געגענוואַרט פון אונזער פאָלק. ווײַל, קײַן אַנדערער אויסער נאָרדוי האָט נישט געפיהלט אין דער אײַגענער פּראַקטיק אַלע ערשײַנונגען פון גלות. קײנער האָט נישט אַזוי ווי ער אײַנגעדרונגען אין אַלע פּינסטערע ווינקעלעך פונ׳ם גלות־לעבען, און דעריבער קאָן ער זיך נישט אינערליך בעפרײַען פון איהם און עס אָביעקטיוו און גלײַכגילטיג אַנאַליזירען. דעריבער איז אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט און געשריבען וועגען דאָס יודישע גלות־לעבען פול מיט אֱמת און ער רעדט עס אַרויס פון אַ געפיהל־פולעס האַרץ.

מעהר אָבער קאָן מען פון נאָרדוי נישט פערלאַנגען. בשעת נאָרדוי רעדט וועגען די שעפּפונג אין פּאַלעסטינאַ גופא, וועגען די קאָלאָניעס און זײער לעבען, דאָס הײסט וועגען פערווירקליכען זײַן אידעאַל, — דײַן פערליערט ער זײַן וועג, ווײַל ער איז קײַן פּראַקטישער מענש, ער איז נאָר אַנ׳אידעען־שאַפער. ער קאָן נישט שאַפען די צוקונפט און פאָרמירען נײַע לעבענס־פאָרמען, ווײַל בטבע איז ער אַ שטאַרקער סקעפּטיקער און בעגרענצט זײַן פאַטאַזיע ביז צום קלענסטען מינימום. דעריבער פעהלט איהם די ווילענס־קראַפט פון אַ שעפּפער, וואָס נאָר הערצל האָט עס געהאַט: די קראַפט פון אַנאַליז, פון פונאַנדערגליעדערן איז בײַ איהם שטאַרק ענטוויקעלט, און באַלד געפינט ער די נעגאַטיווע זײַטע — די חסרונות פון דעם צוקונפטיגען אַרבײַטס־פּלאַן. אום צו זײַן אַ שעפּפער פון אַ נײַ לעבען בעדאַרף מען צו זײַן אַ בלינדער מאמין אין די אײגענע כּחות, אין די כּחות פונ׳ם מענשען, פונ׳ם לעבען. און נאָרדוי האָט כל ימיו מלחמה געהאַלטען גענען יעדע פאָרם פון בלינדער אֱמונה, וואָס לאָזט זיך נישט אַנאַליזירען, וועלכע פערמאַכט די אויגען און וויל נישט זעהן די סתירות און געגענזאַצען, וויל נישט וויסען פון קײַן אויסערליכע שטערונגען און הינדערניסען. נאָרדוי׳ס ציוניזם ענטשטעהט נישט פון דעם בויענדען אידעאַל וועגען שאַפען אַ נײַ יודיש לעבען אין פּאַלעסטינאַ. נאָר פון דעם צעשטערענדען אידעאַל, פון דעם אונמעגליכען ווײַטערדיגען יודיש לעבען אין גלות. דעריבער קאָן ער בלויס אויפמונטערן אַנדערע צום וועלען לעבען, אויף וויפיעל עס איז איבערהויפט מעגליך, אַז דורך אַ געדאַנק זאָל בעשאַפען ווערען אַ וועלכער ניט איז ווילען. ער קאָן געפינען די סימנים פון דער קראַנקהײַט, שטעלען איהר דיאַגנאָזאַ, קורירען, אָבער אויסהײלען קאָן ער נישט. ער

קאָן נישט באַאײנפלוסען דיענענדיג װעלבסט אַלס בײשפּיעל און מוסטער, ער קאָן נאָר דעם װעג באַלײַכטען; ער װירקט אויסערליך, אָבער נישט אינערליך. און דאַרף ער אַמאָל אַײנדרינגען אין אַ זאַך אינעװעניג אַרײַן, אינ׳ם האַרץ פון ציוניסטישען לעבען, פערליערט ער זײַן באָדען; װערט ער אָן זײַן פאָלקאָמענהײַט; און אונזער אומגליק איז, װאָס מיר האָבען אַזױ װעניג גרויסע מענשען, דעריבער זענען מיר געװאָהנט צו פערלאַנגען פון די ביסעל גרויסע לײַט, װאָס מיר פערמאָגען, אַז זײ זאָלען זײַן מושלמים מיט אַלע מעלות, אי אין זײערע אידעען און געדאַנקען — אין דער טעאָריע, אי אין דער פּראַקטישער אַרבײט. נאָרדױ איז נאָר דער טעאָרעטיקער פון ציוניזם און נישט מעהר. פערלאַנגט פון איהם נישט קײן פּראַקטישען ציוניזם. דאָ קאָן ער נאָר אָנװײַזען די אַלגעמײנע און אײנפאַכסטע יסודות פון דער אַרבײט. „בעשאַפט אַ פאָלקס-װילען!“ דאָס איז זײַן לאָזונגס-װאָרט אין דער פּראַקטישער אַרבײט. אָבער איהר קאָנט פון איהם נישט פאָדערן, אַז ער גופא זאָל עס זײַן דער שעפּפער פונ׳ם פאָלקס-װילען, װײַל ער איז נישט דער מנהיג פון דער מאַסע, װאָס זײער לאַרם מאַכט איהם טויב און פערטומעלט איהם נאָר.

------

דאָס גרעסטע גליק פון ציוניזם איז דאָס, װאָס באַלד װי ער האָט נאָר גענומען װאַקסען, זענען געשטאַנען בראש אַזעלכע צװײ גרויסע מענשען װי הערצל און נאָרדױ. אײנער האָט משלים געװען דעם צװײטען. די פאָלגען פון זײער בײדענס ערשײַנונג איז געװען, דאָס דער ציוניזם האָט באַלד צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאַמקײַט פון דער גאַנצער װעלט.

שטענדיג װעט מען אין דער יודישער היסטאָריע דערמאַנען נאָרדױ׳ס נאָמען צוזאַמען מיט הערצל׳ס.

ד. פאַסמאַניק.

# אלגעמיינע שריפטען.

# אָפּטימיזם און פּעסימיזם.

די פּיראַמידען, די הענגענדע גערטנער פון דער קעניגין סעמיראַמיס און דער ריזען-מאָנומענט אויפ'ן אינזעל רהאָדאָס, רעכנען זיך פאַר די גרעסטע וואונדער אין דער וועלט. איך ווייס נאָך אַ גרעסערן וואונדער, אפשר דעם סאַמע גרעסטען פון אַלע, וואָס דער מענשליכער גייסט האָט בעוויזען ביז היינט, — דאָס איז דער פּעסימיזם. איך מיין דעם אֶמת'ן פּעסימיזם, דעם בעגרינדעטען, וואָס קוקט אויף דער וועלט, אויפ'ן לעבען און אויף דער מענשהייט מיט די פער'שכור'טע אויגען פון אייגעם, וואָס האָט אויסגעטרונקען אַ ים מיט ביער.

ס'זענען פערהאַן צוויי סאָרטען פּעסימיזם: אַ וויסענשאַפטליכער און אַ פּראַקטישער. דער וויסענשאַפטליכער פּעסימיזם איז מבטל מיט זיין פערניכטענדער קריטיק אַלע לעבענס-ערשיינונגען. די גאַנצע וועלט, לערנט אונז דער פּעסימיזם מיט אַ פעסטער איבערצייגונג, איז אַ ווערק פול מיט פעהלערן; אַ ערשטע אַרבייט, וואָס איז נישט געלונגען וועלכען ס'איז שלעכטען קינסטלער. האָט עפּעס די עקזיסטענץ פון דער גאַנצער נאַטור וועלכען ס'איז ציעל אָדער תכלית? דו שטעהסט פאַר דער אונגעהויערער מאַשין, מיט די טויזענדער רעדער, און שאָקעלסט מיט'ן קאָפּ: אומזיסט איז

ירײַן אַרבײַט צו זוכען עפּעס אַ זין אָדער אַ געדאַנק אין איהר װילדען געװיש. און אויב די נאַטור אינגאַנצען איז אַ מין אומגעלומפּעטער מישמאַש, אָהן אַ שום פּלאַן, אָהן אַ שום זין, — האָבען האָטש, װעניגסטענס, אין זיך די איינצעלנע טײלען איהרע עפּעס אַ זין און אַ געזעץ? אויך נישט. דער בלינדער, װילדער צופאַל הערשט אין דער גאַנצער נאַטור און אויך אין דעם מענשליכען לעבען. קײן שום מאָראַל רעגירט נישט מיט דעם גאַנג פון די גרויסע און קלײנע געשעהענישען אין לעבען; דאָס שלעכטע איז מנצח דאָס גוטע; אַהורמין װאַרפט אַראָב הורמיזין*) פון די טרעפּ און לאַכט מיט חוצפּה, װען יענער ברעכט זיך אויס אַ פוס. הײַנט צו־װאָס עקזיסטירט אַזאַ װעלט? צי װאָלט דען נישט בעסער און ערליכער געװען, װען זי װאָלט צושמעטערט װערען אויף ברעקלעך און צוריק פערװאַנדעלט װערען אין דעם תהו־ובהו, פון װעלכען זי איז בעשאַפען געװאָרען, — װאָס ס'איז נאָך, איבריגענס, נישט בעשטעטיגט?

װי נאַאיװ, װי גרויס בײַ זיך איז אַזאַ מין דענקער און װי גרויס איז זײַן ליעבע צו זיך! בײַ איהם איז קײן ספק נישטאָ אין דעם, אַז דאָס מענשליכע װיסען איז דער סאַמע העכסטער, דער סאַמע רײַכסטער פון אַלע נאַטור־פּראָדוקטען; אַז דער מענשליכער שכל איז אימשטאַנד אַרומצונעהמען און צו בעגרײַפען אַלץ, װאָס עקזיסטירט, און ממילא קען שוין קײן זאַך נישט עקזיסטירען אויסער איהם, און אַז זײַנע געזעצען זענען אויך די געזעצען פון דעם גאַנצען װעלטאַל, פון דער גאַנצער נאַטור. נאָר פון אַזאַ שטאַנדפּונקט אַרויסגעהענדיג קען מען פערשטעהן די קריטיק, װאָס איז געװענדעט געגען דער גאַנצער װעלט.

בכלל, איז אויב מיר װעלען אָננעהמען, אַז דער פערשטאַנד, װאָס רעגירט מיט דער נאַטור, איז ענליך צו דעם מענשליכען שכל, — זענען טאַקע גאַניץ גערעכט יענע, װעלכע קלאָגען זיך אויף איהר שלעכטער הנהגה, װאָרום זי לאָזט זיך װירקליך אין קײן פאַל נישט פערשטעהן: דאָ איז זי פערשװענדעריש און דאָ קאַרג,

---

*) אַהורמין און הורמיז זענען די געטער פון גוטס און שלעכטס אין דער אַלטפּערסישער מיטאָלאָגיע.

און אין אַלגעמיין פיהרט זי איהר בעל־הבתישקייט אָהן אַ שום פּלאַן און אָהן אַ שום חשבון, אַזוי, אַז מ'וואָלט איהר געדאַרפט וואָס גיכער איבערגעבען אונטער דער השגחה פון אַ פּראָפּעסאָר פאַר פילאָזאָפּיע.

דאָס זעלבע איז אויך דערמיט, וואָס עס געהער צו דער שרעק־ליכער הציפות פון דער נאַטור. ווען די השגחה איבער דעם מאָראַל פון דער נאַטור וואָלט איבערגעגעבען געוואָרען וועלכען ס'איז גע־בילדעטען, אַנשטענדיגען מענשען פון אונזער יאָהרהונדערט, וואָס די בעאַמטע פון זיין היימאַט־שטאָדט האָבען איהם אַרויסגעגעבען אַ שיין וועגען זיין גוטער אויפפיהרונג, — וואָלט טאַקע אַלץ אַנדערש זיין. דאַן וואָלטען מיר נישט זעהן שוין מעהר אַזעלכע ערשיי־נונגען, למשל, ווי דאָס גוטע ווערט פערפאָלגט און דאָס שלעכטע טריאומפירט מיט הוצפה. ווארום מיר זעהען דאָך טאַקע, אַז ווען אַזאַ אַנשטענדיגער מענש בעשאַפט זיך אַליין אַ וועלט לויט זיין אייגענעם גייסט און געשמאַק, ד. ה., ווען ער שרייבט אָן עפּעס אַ ערצעהלונג אָדער אַ דראַמאַ, טריאומפירט אין איהר נאָר דאָס גוטע, און נאָך דער לעצטער זייטעל אָדער נאָכ'ן פינפטען אַקט, וואו דאָס גוטע ווערט בעלוינט און דאָס שלעכטע בעשטראָפט — אַפּלאָדירט דאָס גוטע פּובליקום, ביז די הענד הויבען איהם אָן וועה צו טהון און טראַכט דערביי: „אָט אַזוי טאַקע האָט געדאַרפט זיין! אַזוי האָט זיך די וועלט בעדאַרפט פיהרען!“ אֱמת, ס'זענען פער־האַן צווישען די שריפטשטעלער און דיכטער אויך אַזעלכע טפשים, וואָס שילדערן אין זייערע ווערק די ווירקליכקייט ווי זי איז, אָהן אַ שום גלאַנץ און אָהן בעפּוצונגען; אין די ווערק פון די דאָזיגע מענשען, וואָס האָבען נישט קיין רייכע פאַנטאַזיע, איז אויך אַלץ אַזוי שלעכט, ווי אין לעבען אַליין: ליזאַ האָט נישט התונה מיט מאַקס'ן, האָטש ער ליעבט איהר מיט לייב און זעעל, און גיט זיך גאָר איבער וועלכען ס'איז שאַרלאַטאַן, וואָס מאַכט זי אונגליקליך אויפ'ן גאַנצען לעבען; אַ טאַלאַנט געהט פערלאָרען, נישט געפינענדיג קיין גינסטיגע בעדינגונגען פאַר זיין ענטוויקלונג, און דער תקיף אין שטאָדט בלייבט אַ תקיף, האָטש אַלע רעדען וועגען איהם און ווייסען, ווי אַזוי ער איז גרויס געוואָרען. די גערעכטיגקייט קומט אַרויס אין אַזעלכע ווערק אַזוי פער'חושכ'ט, אַז דאָס פּובליקום ווענדעט זיך סוף־כל־סוף אָב פון זיי און קרויגט זיי מיט דעם טיטול „נישט־מאָ־

ראַליִשע״.

די זאַך איז אַלזאָ קלאָר: אין דער נאַטור איז ניִשט פערהאַן ניִשט קיין לאָגיק, ניִשט קיין מאָראַל. זי דאַרף דעריבּער אָדער זיך פערבעסערן אָדער אונטערגעהן אינגאַנצען.

װער אָבּער האָט עס דיר, דו שוטה איינער, געזאָגט, אַז דיין פערשטאַנד, װאָס איז ניִשט מעהר, װי איינער פון די נאַטור-געזעצען, װעלכע װירקען אין אונזער דענקענס-אַפּאַראַט, — אַז דיין פער-שטאַנד איז אויך דער פערשטאַנד פון דער נאַטור? װער האָט עס דיר געגעבּען דאָס רעכט אָבּצושאַצען לויט דיין פערשטאַנד דעם װערט פון אַלע ערשיינונגען אין דער נאַטור און אין לעבּען? ציִ קען דען דאָס גאָר ניִשט זיין, ציִ קען מען דאָס גאָר ניִשט אָננעהמען, אַז אַזוי גוט, װי מיר קענען ניִשט עפּענען קיין גרויסע אייזערנע טויִ-ערן מיט דעם קליינעם שליסעלע פון אַ טאַשען-זייגעריל, אַזוי אויך קענען מיר ניִשט לעזען די גרויסע װעלט-פּראָבּלעמען און די פער-פּלאָנטערטע נאַטור-ערשיינונגען מיט אונזער קליינעם מענשליִכען פערשטאַנד? די קרעפטען, װעלכע רעגירען מיט אונזער אָרגאַניזם קענען זיין די זעלביגע, װאָס רעגירען מיט דער גאַנצער נאַטור; אַזוי גוט, װי ס'איז ניִשטאָ קיין אונטערשיעד צװישען די מעכאַ-נישע געזעצען, לויט װעלכע ס'װערט אויסגעאַרבּייט אַ שליסעל צום עפנען גרויסע אייזערנע טויערן, און צװישען יענע, לויט װעל-כע ס'װערט געמאַכט אַ שליסעל אָנצוציהען אַ קליינעם טאַשען-זייִ-געריל. דאָ איז נאָר פערהאַן אַ אונטערשיעד צװישען קליין און און אונענדליך גרויס, צװישען אַנ'איינפאַכע זאַך — פערהעלטניס-מעסיג — און אַ זאַך, װאָס איז ביז דער העכסטער שטופע קאָמ-פּליצירט. מיר האָבּען קיין שום פאַקט ניִשט אויף צו דעװייזען, אַז די נאַטור בעזיצט ניִשט אַזאַ מין אַלגעמיינעם בעװאוסטזיין, װעל-כען מיר קענען ניִשט משיג זיין מיט אונזער קליינעם שכל. מיר קענען זיך פאָרשטעלען דעריבּער שפּינאָזאַ'ס: „אַלץ איז גאָט!“ אָדער שאָפּענהויער'ס לעהרע װעגען דעם „װילען פון דער װעלט“, און פאַר אונז איז אַלץ איינס דאָס, װי די פילאָזאָפען רופען אָן דעם דאָזיגען אַלבּעװאוסטזיין פון דער נאַטור. איינס װייסען מיר בע-שטימט: מיר זעהען, אַז פון דער מאַטעריע, װען זי איז גרופירט אין דער פאָרם פון אַ מענשליכען מאָרך, און דער קראַפט, װען זי װייזט זיך אַרויס אין דער טעטיגקייט פון די נערװען, װערט גע-

בּירען דער שכל. די עלעמענטען, פון וועלכע ס'איז צוזאַמענגעשטעלט דער מענשליכער מאַרך און זיין קערפּער, און די וויכטיגסטע פון וועלכע ס'זענען, — אויסער וויער־שטאָף, וואַסער־שטאָף, שטיק־שטאָף (אַזאָט) און קויהלען־שטאָף — אייזען, פאָספאָר, שוועבעל, קאַלציום, נאַטריום, קאַליום און הלאָר — געפינען זיך אין אונגעהויערע מאַסען אויך אויסער דעם מענשליכען אָרגאַניזם; די קרעפטען, וועלכע רופען אַרויס דעם לעבענס־פּראָצעס, ווי צום ביישפּיעל, די העמישע און מעכאַנישע ווירקונגען, די עלעקטרישע און די אַנדערע קרעפטען, וועלכע זענען אונז נאָך ניט בּעוואוסט, — ווירקען אויך אויסער דעם מענשליכען אָרגאַניזם. היינט ווער־זשע קען דאָס פועל'ן ביי זיך אונז צו פערזיכערן, אַז די דאָזיגע אַלע קרעפטען און עלעמענטען קענען אַרויסרופען בּעוואוסטזיין נאָר אין דער פאָרם פון אַ נערווען־געוועב? צי קען מען דאָס דען גאָר נישט גלויבען, און צי איז עס טאַקע נישט ריכטיג אַזוי, אַז די פאָרם פון דעם נערווען־סיסטעם איז נישט מעהר, ווי אַ צופעליגע זאַך און דער עיקר זענען נאָר די עלעמענטען, פון וועלכע ער איז צוזאַמענגעשטעלט און די קרעפטען, וועלכע ווירקען אין איהם, און אַז די דאָזיגע עלעמענטען און קרעפטען קענען אַרויסרופען בּעוואוסטזיין אויך דאַן, ווען זיי ווירקען איינע אויף די אַנדערע אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן פון דעם, וואָס הערשט אין די אָרגאַניזמען, וועלכע מיר האָבען די מעגליכקייט צו בּעטראַכטען?

איך געה אָבער נאָך וויטער און זאָג: אום זיך צו איבּערצייגען אין דעם, אַז מיר האָבען נישט דאָס רעכט צו מעסטען די וועלט־ערשיינונגען מיט דער קורצער מאָס פון אונזער פערשטאַנד, דאַרפען מיר גאָר נישט אָנקומען צו דער הנהגה, אַז די נאַטור האָט אין זיך אַ אַלגעמיינעם בּעוואוסטזיין. בּכדי צו קענען זאָגען, אַז די הנהגה פון דער וועלט איז נישט קיין קלוגע, דאַרף מען קודם־כל אָננעהמען, אַז זי האָט עפּעס אַ געוויסען ציעל, אַז זי שטרעבט צו אַ געוויסען תכלית; וואָרום מיר קענען דאָך נישט זאָגען אויף אַ מענשען, למשל, וועגען וועלכען מיר ווייסען נישט, צי ער וויל צוגעהן ערגעץ, צי ער געהט זיך נאָר אַזוי דורך, אום זיך צו בּעוועגען, — אַז ער קלויבּט זיך אויס שלעכטע גאַסען, אַז ער לעגט אָן וועג אָדער ער געהט פאַמעליך! און אָט די הנהגה, אַז אין דער נאַטור איז פערהאַן אַ געוויסער ציעל, האָט קיין שום יסוד

נישט. עס קאן דאך גאנץ שטארק מעגליך זיין, אז די פינאליטעט (דער צוזאמענהאנג פון יעדער זאך מיט איהר תכלית), ווי די קאוזאליטעט (דער צוזאמענהאנג פון יעדע זאך מיט איהר סבה), איז אזא ערשיינונג, וואס איז פערבונדען אויסשליסליך נאר מיט קערפערליכע פראצעסען, און אויסערן קערפער איז זי גאר במציאות נישט פערהאן. די ערפאהרונג האט אונז בעוויזען, אז קיין איין אקט פון דענקען און וועלן ווערט נישט געבוירען אין דעם מענשליכען מארך, וואו עס זאל נישט האבען פארגעקומען פריהער עפעס א שנוי אינ'ם נערווען-סיסטעם צוליעב וועלכען ס'איז אויסערליכען איינדריק; מיר זענען דעריבער צוגעוועהנט ביי יעדע ווירקונג אונזערע, ביי יעדע ערשיינונג, וואס קומט פאר אין אונזער ארגאניזם צו זוכען באלד די סבה דערפון. און די געוואהנהייט לאזט אונז נישט אב אפילו אויך דאן, ווען מיר אורטיילען וועגען אזעלכע ערשיינונגען, וואס קומען פאר אויסער'ן קערפער, אויסער אונז. דערפון אליין אבער, וואס אונזערע חושים (ארגאנען) ווירקען נישט אהן א אויסערליכען איינדריק; דערפון, וואס זיי מוזען האבען עפעס א אויפרייצונג, אום צו אנהויבען ארבייטען; דערפון, וואס יעדער שנוי אין זיי האט באמת טאקע א סבה און זיי זענען טאקע באמת אונטערגעווארפען דעם געזעץ פון קאוזאליטעט, — דערפון אליין איז נאך גארנישט געדרונגען, אז דער געזעץ הערשט אין דער מאטעריע אפילו אויך דאן, ווען זי געפינט זיך אין אזעלכע בעדינגונגען, וועלכע זענען אינגאנצען אנדערש פון יענע, וואס הערשען אין דעם מענשליכען ארגאניזם!

מיר וועלען זיך פארשטעלען אויף א ווייל'ע, אז דאס קאווע-מיהלכעל איז א בעוואוסטזיניגע זאך; צי מיינט עס נישט, אז דער פרוי'ס האנד איז נויטווענדיג פאר יעדער איינציגער בעוועגונג, און אויב די פרוי וועט נישט דרעהען דאס הענטעל, וועט עס אין קיין פאל זיך נישט קענען בעוועגען? און אויב דאס דאזיגע ארימע קאווע-מיהלכעל וואלט דערזעהן פלוצלונג א מאשין, וואס בעוועגט זיך מיט עלעקטרישער קראפט, אהן דער מינדעסטער הילף פון מענשליכע הענד, וואלט עס אויסזעהן ביי איהם, ווי א אונפערשטענדליכער רעטעניש און אומזיסט נעבעך וואלט עס זיך געמאטערט צו געפינען דא די סבה פון דער בעוועגונג, — די סבה, וואס האט אין זיין בעגריף אנגענומען די פארם פון א פרויענ-

האנד. דאס קאווע=מיהלכעל קען, געוועהנליך, גארנישט צולאזען דעם געדאנק, אז עס איז מעגליך וועלכע ס'איז בעוועגונג אהן א ווייבערשע האנד; די ערפאהרונג האט איהם געבראכט צו דער איבערצייגונג און אין דער בעציהונג צו אלע קאווע=מיהלכלעך איז עס טאקע גערעכט. מיר וויסען דאך אבער, אז די איבערצייגונג איז נישט קיין אלגעמיינע, אז ס'זענען פערהאן אזעלכע בעוועגונגען, וואס קומען נישט פון קיין פרויען, האטש עס געפינען זיך אזעלכע פוסטע קעפ, וואס זייער מיינונג אין דער פראגע איז כמעט די זעלביגע, ווי די פון דעם קאווע=מיהלכעל. איך פערגעס נישט איין סעקונדע אפילו, אז די בעוועגונג פון דער עלעקטרישער מאשין האט אויך א סבה, אזוי גוט, ווי די בעוועגונג פון דעם קאווע=מיהלכעל; איך האב אבער געבראכט דעם ביישפיעל נאר אום צו בעווייזען, אז די ערפאהרונג פון א בעשטימטער רייהע ערשיינונגען, קען אונז נישט דיענען פאר א אלגעמיינעם געזעץ, וועלכען מ'קען צופאסען אויך צו אנדערע פערשידענע ערשיינונגען. און די זעלביגע זאך, וואס איז פארגעקומען ביי דעם בעוואוסטזיניגען קאווע=מיהלכעל מיט דער סבה, וואלט פארגעקומען ביי א בעוואוסטזיניגען לאקאמאטיוו מיט'ן תכלית. דער לאקאמאטיוו וויים, אז דער תכלית פון זיין דאמפף איז צו בעוועגען די רעדער מיט דער הילף פון א צוגעזעצטער שטאנג. און ווען דער דאזיגער לאקאמיטיוו וואלט זיין בעגאבט מיט א הומאריסטישען טאן אדער ווען ער וואלט ליעב האבען אויסצודריקען זיינע געדאנקען אין קורצע, שארפע פארמולעם, וואלט ער געוויס געזאגט מיט דעם טאן פון א אויטאריטעט: „ס'איז נישטא קיין דאמפף (פארע) אהן א בעוועגונג פון רעדער!" און ווי איבערראשט וואלט עס דער לאקאמאטיוו געווארען, ווען מ'וואלט איהם אוועקגעשטעלט פאר א רוישענדען גייזער (א קוואל פון קאכעדיגעם, שוימענדעם וואסער) און ער וואלט געזעהן דעם אונגעהויערן דאמפף, וואס דרעהט נישט אפילו קיין קליינעם רעדיל! דאס וואלט ביי איהם אויסגעזעהן, ווי א זאך, וואס איז געגען פערשטאנד; אלע זיינע בעגריפען און פארשטעלונגען וועגען דער ווירקונג און דעם תכלית פון דער דאמפף־קראפט, וואלטען ביי איהם איבערגעדרעהט געווארען מיט'ן קאפ אראב, און איך וואלט מיך גאר נישט געוואונדערט, ווען די ערשיינונג, וואס לאזט זיך נישט ערקלערן מיט קיין איינעם פון די איהם=בעוואוסטע געזע=

צען, וואָלט איהם משוגע געמאַכט. עס קען אַלזאָ זיין, אַז די סבה פון די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין דער מאַטעריע אויסער דעם מענשליכען אָרגאַניזם, ליעגען אין דער מאַטעריע גופא, און די דאָזיגע ענדערונגען זענען אַליין פאַר זיך דער תכלית, אַזוי, אַז מיר מאַטערן זיך נאָר אומזיסט צו געפינען פאַר זיי אַ אויסערליכע סבה און אַ זייטיגען ציעל, — אַ ציעל, וואָס צווינגט אונז אָנצונעהמען, אַז ער האָט עפּעס אַ שייכות צו אַן'אַנדער מאַטעריען־גרופּע. אויף אַזאַ אופן קענען מיר נישט זאָגען אויף דער נאַטור, אַז זי איז נאַריש, און האָבען קיין גרונד נישט איהר צו קריטיקירען און זיך צו פּשט'לען וועגען דעם, צי זי האָט יאָ עפּעס אַ תכלית, צי נישט. אום צו פערשטעהן דער נאַטור, אום משיג צו זיין די סבה פון איהרע ערשיינונגען און זייער תכלית, וואָלטען מיר געדאַרפט שטעהן אין דעם צענטראַלען פּונקט, פון וועלכען די דאָזיגע ערשיינונגען קומען און ענטוויקלען זיך.

נאָך מעהר עהנליך צו די געדאַנקען פון דעם קאָוועמיהלכעל זענען די טענות, אַז די וועלט פיהרט זיך אָהן יושר. אמת, לויט די בעגריפען פון אונזער מאָראַל זענען די טענות ריכטיג; עס פרעגט זיך אָבער: ווער האָט עס אונז געגעבען דאָס רעכט זיך צו האַלטען ביי די בעגריפען דאַן, ווען מיר בעטראַכטען די נאַטור און דאָס לעבען? אונזער מאָראַל איז אַ פּראָדוקט פון אַ געוויסער צייט און אַ געוויסען אָרט; אונזער מאָראַל וועבט זיך צוזאַמען מיט דער צייט און ענדערט אַלע מאָל זיין שניט, אַזוי ווי עס ענדערן זיך די מאָדעס פון היט און קליידער; דער מאָראַל, אין וועמענס נאָמען מיר רעדען און מיט דער מאָס פון וועלכען מיר מעסטען די הנהגה פון דער וועלט, איז דער מאָראַל פון דער ווייסער ראַסע, דער מאָראַל פון דער קריסטליכער מענשהייט אין 19־טען יאָהרהונדערט, — איהרער און נישט קיינעמס. און אין דער ענגער גרענעץ אפילו, וואו דער מאָראַל האָט יאָ וועלכע ס'איז טעאָרעטישע בעדייטונג, מוז ער אויך מותר זיין אויף אַ סך זאַכען און זיך נישט רעכנען מיט אַ סך קאָנטראַסטען: ווען איין מענש הרג'עט דעם אַנדערן — איז עס אַ פערברעך; ווען אַ גאַנצעס פאָלק אָבער בעוואָפענט זיך און שטעהט אויף געגען אַן'אַנדער פאָלק, ווען מ'הרג'עט אויס צעהנדליגער טויזענדער מענשען מיט אַמאָל — דאָס איז גוט, דערפאַר קומט אַ דאַנק. ליגען זאָגען און אָבנאַרען

איינער דעם אַנדערן — איז אַ פערברעך; אין דער פּאָליטיק אָבער מעג מען ליוגענען און ליגען זאָגען וויפיעל מ'וויל. דער היינטיגער מאָראַל איז אַנדערש פון דעם, וואָס האָט געהערשט אין דער נאָהנטער פערגאַנגענהייט און מ'קען זיך ערלויבען צו גלויבען, אַז דער מאָראַל, וואָס וועט אָנגענומען ווערען מאָרגען וועט זיין אַנדערש פון דעם היינטיגען. דער אָנגענומענער מאָראַל איז בכלל נישט מעהר, ווי אַ זאַמלונג פון די אַלע מדות, געזעצען און מנהגים, וואָס בעשטימען די בעדינגונגען, וועלכע זענען נויטיג פאַר דער ערהאַלטונג פון דעם מענשליכען געשלעכט אין אַ געוויסער צייט. צוזאַמען מיט דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט וועלען זיך אויך ענדערן די בעדינגונגען, וואָס זענען נויטיג דערצו, זי זאָל קענען וואַקסען און זיך ענטוויקלען, און צוזאַמען מיט די דאָזיגע ענדערונגען וועלען זיך ענדערן אויך די מיינונגען וועגען דעם, וואָס איז מאָראַליש און וואָס נישט. נו, היינט קען מען דען מיט אָט דעם נישט-זיכערן מאַסשטאַב פון אונזער מאָראַל מעסטען די ערשיינונגען פון דער נאַטור? צי קען מען אַזאַ זאַך, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום ווערט אין די אויגען פון אונזערע עלטער-זיידעס און וואָס מיר זענען נישט זיכער, אַז עס וועלען זיך נישט אויסלאַכען דערפון אונזערע אור-אייניקלעך, — צי קען דען אַזאַ מין זאַך דיענען אַלס אייביגעס געזעץ פאַר דער אייביגער נאַטור? דער, וואָס קלאָגט זיך אויף דער אַכזריות פון דער וועלט און אויך דער אונפערשעמטקייט פון דער נאַטור איז נישט קיין סך קליגער און בעשיידענער פון יענער קאָקעטער דאַמע, וועלכע קלאָגט זיך אויף דעם, וואָס דער הימעל איז כסדר בלוי און ענדערט נישט זיינע קאָליערען אַזוי, אַז זיי זאָלען האַרמאָנירען מיט דעם קאָליער פון איהר טואַלעט.

פון קאָפּערניקען אָן האָט מען אויפגעהערט צו גלויבען און צו לערנען אַנדערע, אַז אונזער ערד-קוגעל איז דער צענטר פון דער גאַנצער נאַטור, און אַז דער מענש איז די קרוין פון דער וועלט און דער תכלית איהרער. קיינער פון אונז גלויבט שוין נישט היינט, אַז די לבנה איז בעשאַפען געוואָרען אונז צו לייכטען ביינאַכט, און די מיליאָנען שטערן — אום דער פּאָעט זאָל קענען צוגלייכען צו זיי די אויגען פון זיין געליבטער. נאָר צווישען די פילאָזאָפען געפינען זיך נאָך היינט אַזעלכע, וואָס האַלטען זיך ביי

די דאָזיגע קינדערשע מיינונגען, און זיי געפּעלט ניִשט די אָרד-נונג פון דער נאַטור, דערפאַר, וואָס דער שטיינקוייהלען-זאַפּאַס אין דער ערד שעפּט זיך ביסלעכווייז אויס, דערפאַר וואָס אויף יענער אינזעל זענען טויזענדער לעבעדיגע, פרעהליכע מענשען איינגע-זונקען געוואָרען דורך אַ ערד-ציטערניש; דערפאַר וואָס די יונג-פרוי פון אָרלעאַנס איז פערברענט געוואָרען; דערפאַר וואָס דאָ איז אַ דבר און דאָ — אַ מגפה, וואָס דאָ שטאַרבען קינדער און דאָ— קינפּעטאָרינס, און נאָך אַזעלכעס.

מיר ווען זיך פאָרשטעלען אין אונזער פאַנטאַזיע, אַז די קליינע באַקטעריען קענען אויך פילאָזאָפירען. ווי שרעקליך, ווי פינסטער וואָלט עס זיין זייער וועלט-אַנשויאונג! פון זייער שטאַנד-פונקט זענען דאָך די אַלע רעפאָרמען און אויסבעסערונגען, און די אַלע כלים, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען אויף צו ריינינגען די לופט און אויסצוראָטמען דעם שמוץ, — שרעקליכע זאַכען און אונגעהויערע פערברעכען. דער בעזים און די באַרשט, דער געַ-פעהרליכער זויער-שטאָף און דאָס שלעכטע קאָכעדיגע וואַסער האָ-בען געמאַכט יד-אַחת זיי, די אָרימע בעשעפעניִשען, דאָס לעבען צו פערביטערן און צו פערניכטען דאָס אַלץ, וואָס עס וואָלט גע-קענט דיענען פאַר זיי אַלס שפּייז. ווען זיי האַלטען אין מיטען שפּיעלען זיך, גיסט מען אויף זיי פלוצלונג אַרויף קאַרבאָל-טראָ-פּענס — און די שמחה ווערט זיי פערשטערט, און זייער פרעה-ליכער התונה-שטורם ווערט פערוואַנדעלט אין אַ שרעקליכען גסיסה-טאַנץ, און די עהרליכע ווערימלעך, ווי די זינדיגע — גלייך צאַפּלען זיי זיך און וואַרפען זיך אַזוי לאַנג, ביז זיי פאַלען טויטע. אָט די זעלביגע זאַכען אָבער, וואָס זיי פאַלען אַריין דערפון אין אַ גערעכטען יאוש, אין אַ ביטערער מרה-שחורה, — שילדערן מיר אין אונזערע גראָבבייכיגע ביכער אַלס איינעם פון די גרעסטע נצחונות אין דער היגיענע-וויסענשאַפט, אַלס אַ נצחון, וואָס רופט אַרויס אין אונז אַ הייסע שמחה.

איך שטעל מיך פאַר אַ פליג, וואָס איז בעגאַבט פון דער נאַ-טור מיט אַ קינסטלערישען געשמאַק. דער משל מיינער איז ניִשט איבעריג איבערטריבען: די גוטע בעל-הבית׳טעס, וואָס האַלטען ריין זייערע וואָהנונגען, קענען אייך אַ סך דערצעהלען וועגען דער גרוי-סער ליעבע, וואָס די פליגען ווייזען אַרויס צו בילדער און סטאַ-

טוּען. גוּ, װעלען מיר זיך פאָרשטעלען, אַז אַזאַ װערימעל־פּליג, װאָס האָט געפּוּנען פאַר זעהר שען די בּיהן, װעלכע איז אויסגעמאָלט אויף אַ פראַנצעזישען צװאַנציג־פראַנק שטיק פון אַ געװיסען פּע־ריאָד, אַז די פּליג איז צוגעפלויגען צו דער ריזיגער בּאַװאַריען־סטאַטוּע אין מינכען. װי נאַריש, װי נישט־לאָגיש און נישט גע־פאָרמט װעט איהר אויסזעהן די דאָזיגע מעטאַל־מאַסע — אָהן אַ אָנהויב, אָהן אַ סוף, דאָ עפּעס מאָדנע גלאַט און דאָ אָהן אַ שעור צוּקריפּעלט, דאָ שטאַרצט אַרויס אַ שטיק און דאָ איז גאָר אַ תּהום און בּכלל עפּעס אַ מאַסע אונפערשטענדליכע װינקלען, לעכער און ליניעס, װאָס פערקרימען זיך און דרעהען זיך אַהין און אַהער. און אויב דער דאָזיגער עסטעטישער פּליג װאָלט אויסקומען צוּ פערבּרענגען דאָס גאַנצע לעבּען אינװעניג, אין דעם חָלל פון דער ריזיגער סטאַטוּע, װאָלט זי געקענט אָנשרײַבּען אַ װערק פול מיט בּיטערע, שאַרפע עפּיגראַמען װעגען דעם, װי די װעלט זעהט אויס בּײַ איהר אין די אויגען; אין דעם װערק װאָלט זי איבּער־צײַגענד ערקלערט, װי װײַט די װעלט האָט קיין שום ציעל און קיין שום זין נישט, און דאָס װאָלט געװיס געמאַכט אַ געװאַלדיגען רושם אויף אַלע איהרע מיט־בּירגערין'ס אין דעם חלל פון דער סטאַטוּע. נאָך אַלע איהרע הקירות און פילאָזאָפיעס װעגען דער סטאַטוּע, װאָלט אָבּער די פליג דאָך נישט צוקומען צוּ דעם פּשוט'ען אֶמת, װעלכען עס װאָלט איהר גאַנץ לײַכט געקענט דערװײַזען אײינער פון די פּראָסטע מינכענער אײַנװאָהנער, װאָס דיענען פאַר די פרעמדע אַלס װעג־װײַזער.

יאָ, יאָ; די פּעסימיסטישע פילאָזאָפיע האַלט נישט אויס קיין ערנסטע קריטיק. דער עהרליכער פּעסימיזם, װאָס האָט נישט אין זיך קיין בּרעקעל צביעות, איז נישט מעהר, װי אַ טיפּע אונ־צופּריעדענהײַט ־דערפון, װאָס אונזער פערשטאַנד איז אַזוי בּעגרע־נעצט, װאָס מיר קענען אַזוי װעניג משיג זײַן. דער מענש װיל פער־שטעהן דעם װעלט־מעכאַניזם און קאָן נישט; דאָס פערדריסט איהם, און ער זידעלט דעם מעכאַניזם, און רעדט אויף איהם, — װי עס טהוּט דער נאַאיװער װילדער מענש, װעלכער װאַרפט אַװעק מיט כּעס דאָס שפּיעל־קעסטעל, נאָכדעם װי ער האָט זיך אומזיסט גע־מאַטערט צו פערשטעהן, װאָס אין איהם טהוּט זיך. דער מענש רעכענט זיך פאַר דעם הערשער פון דער נאַטוּר — און מוז זיך

נעבעך אויף יעדען טריט און שריט איבערצייגען, אַז זיין ממשלה איז גאָר נישט אַזוי גרויס, אַז ער איז נישט מעהר ווי אַ קליין גפּש'ל אין דעם גרויסען כאָאָס, דעריבער קאָכט ער זיך, און אָט דער שלעכטער שטימונג זיינער מאַכט ער פאַר אַ שטה, פאַר אַ טעאָריע, און גיט איהר אַ נאָמען — פּעסימיזם. דאָס קינד, וואָס ציהט אויס די הענדלעך צו דער לבנה, און וויינט זיך פונאַנדער, ווען עס זעהט, אַז דער לבנה איז נישט אַזוי לייכט אַראָבצונעמען, — איז אין זיין אַרט אויך אַ פּעסימיסטישער פילאָזאָף, אַ אונבעוואוסטזיניגער. זיין שלעכטער שטימונג קען מען אָבער אויסהיילען מיט אַ שטיקעל שאָקאָלאַד.

דאָס, איבריגענס, קען מען בעשטעטיגען מיט פערגעניגען, אַז די סיסטעמאַטישע פּעסימיסטען ווייסען אויך גאַנץ אָפט אָבצושאַצען דעם ווערט פון אַ געשמאַקען מיטאָג און פון גוטען ווין; אַז נאָך געוויסע, בעשטימטע „בעציהונגען" האָבען זיי אויך התונה, ווי אַלע מענשען, און ווייזען בכלל אַרויס אַ גאַנץ רייכען געשמאַק בנוגע צו אַלץ, וואָס איז אַנגענעם און גוט. זייער פילאָזאָפיע איז פאַר זיי נישט מעהר, ווי אַ מין פּאַראַדנער מונדיר אויף אַרויסצורופען רעספּעקט און מורא ביי'ן המון; מיר ווייסען אָבער גאַנץ גוט, אַז אונטער דער שוואַרצער מאַנטיע מיט די געקרייצטע מענשליכע ביינער, זענען בעהאַלטען פּראָסטע אונטערשטע וועש, — אַזעלכע, ווי עס טראָגען אַלע פשוט'ע מענשען.

אויסער דעם וויסענשאַפטליכען פּעסימיזם, וואָס שטערט גאָרנישט זיינע אַנהענגער צו געניסען פון לעבען וויפיעל זיי ווילען, איז פאַרהאַן נאָך אַ פּעסימיזם — אַ פּראַקטישער, וואָס אין פאָלק רופט מען עם „מרה=שחורה". דער פּעסימיזם קריטיקירט נישט די וועלט=און לעבענס=ערשיינונגען און ברענגט נישט קיין ראיות צו ווייזען, פאַרוואָס ער איז נישט צופריעדען מיט דער וועלט. דער פּעסימיזם האָט בכלל נישט קיין שטה און קיין טעאָריע, און ער זוכט גאָרנישט קיין מופתים אויף צו ערקלערן, פאַרוואָס איהם איז אַזוי מיאוס די וועלט און דאָס לעבען. אַלץ, וואָס עס עקזיסטירט, רופט אַרויס אין איהם אַ אינסטינקטיווען פערדרוס און צושטערענדע געדאַנקען. אַזאַ מין פּעסימיזם לאָזט זיך נישט מבטל זיין מיט פערשיעדענע ראיות און פאַקטען, איהם מוז מען אַנאַליזירען, צוגליעדערן און בעטראַכטען די אַלע טיילען, פון וועלכע ער איז

צוזאַמענגעזעצט. דער דאָזיגער פּעסימיזם איז אַ ערשיינונג, וואָס געהט שטענדיג צוזאַמען מיט וועלכער ס'איז קראַנקהייט אין מוח, וואָס האָט זיך שוין פאָלשטענדיג ענטוויקעלט אָדער, וואָס האַלט איצט אין שפּראָצען. איידער אַזאַ קאַנדידאַט אויף משוגע ווערען ווערט געבראַכט אין אַ משוגעים-הויז, לייַדט ער אַ סך יאָהרען פון אַ שווערען אומעט, וואָס פרעסט איהם דאָס האַרץ, און ער אַנט-לויפט פון מענשען און האָט זיי פיינד. איין טייל פון דעם דענ-קענס-אָרגאַן, וואָס איז נאָך נישט אינגאַנצען ענטוויקעלט, אָדער וואָס איז קאַליע געוואָרען צוליעב וועלכער ס'איז אינערליכער אָדער אויסערליכער סבה, — בעזיצט, צום אונגליק, די פעהיגקייט בע-וואוסטזיניג נאָכצופאָלגען דעם פּראָצעס פון זיין אייגענעם חורבן, דעם פּראָצעס פון זיין אייגענער צושטערונג. אַזאַ מין קראַנקער זעהט אין יעדער רגע זיין מפּלה, זיין גייסטיגען אונטערגאַנג, און די שרעק-ליכע ערשיינונג פערנעהמט איהם אויף אַזוי פיעל, אַז ער קען שוין נישט ווי געהעריג אויפנעהמען אין זיך און בעטראַכ-טען די אַנדערע לעבענס-ערשיינונגען. ס'איז דעריבער גאַנץ נאַטיר-ליך דאָס, וואָס אין אַזאַ מוח שפּיגעלט זיך אָב די גאַנצע וועלט, ווי אין אַ אויג מיט אַ בעלם, ד. ה., זי זעהט זיך אין דער פאָרם פון אַ פינסטערער טראַגישער נאַכט. די גרעסטע דיכטער פון דעם וועלט-שמערץ האָבען געליטען פון פערשיעדענע קראַנקהייטען. לעאָפּאַרדי האָט געליטען פון לענוי איז געשטאָרבען אַ משוגענער; געוויסע געשלעכטס-קראַנקהייטען, וואָס זענען גוט בעוואוסט אין דער פּסיכיאַטרישער וויסענשאַפט; היינע איז ערשט דאַן געוואָ-רען טרויעריג געשטימט, ווען די קראַנקהייט זיינע, די קראַנקהייט פון הוט-השדרה, איז שוין צוגעקומען ביז זיין מאַרך, און לאָרד בייראָן האָט בעזעסען אַ עקסצענטרישען האַראַקטער, אַ האַראַקטער פול מיט הפכים און סתירות, וואָס פּראָסטע מענשען זעהען אין איהם אַ סימן פון גאונות, און פּסיכיאַטרען — סימנים פון אַ גייסט-קראַנקהייט. דער פּעסימיזם, וואָס זעהענדיג געליעבטע פּאַרלעך, בראַכט ער מיט די הענד און אין אַ ליכטיג-שענעם פריהלינגס-פריהמאָרגען וויינט ער זיך פונאַנדער אָהן אַ שום סבה, פער-גיסט טייַכען טרערען אָהן אַ אויפהער און וויל זיך נישט טרייס-טען, — אַזאַ פּעסימיזם איז אַ מאוסע, שרעקליכע קראַנקהייט, און קיין איין געזונטער מענש וועט מיט איהם נישט איינשטימען.

דאָס זענען די פאָרמען פון דעם עהרליכען פּעסימיזם, וועלכען עס לוינט צו קריטיקירען. ס'איז אָבער פערהאַן נאָך אַ סאָרט „מרה־שחורה", וואָס איז אינגאַנצען מעהר נישט, ווי אַ געמאַכטע, אַ פאַלשע; דאָס איז אַזאַ מין מרה־שחורה, וואָס געוויסע נאַראָנים פוצען זיך דערמיט, גלויבענדיג, אַז דאָס געהט זיי צום געזיכט, אַז דאָס וועט זיי אונטערשיידען פון דעם פּראָסטען המון און געבען דעם אויסזעהן פון גייסטיגע אַריסטאָקראַטען. ס'זענען פערהאַן מענשען מיט אַזעלכע פערדאָרבענע געשמאַקען, וואָס די בלאַסקייט פון דענקען האָט בּיי זיי אויך אַזאַ חן, ווי די בלאַסקייט פון געזיכט. די דאָזיגע מענשען מאַכען זיך כלומר'שט אַ פערביטערט געזיכט, אום אַרויסצורופען די מיינונג, אַז זיי האָבען אַ סך איבערגעזעהן אין זייער לעבען, אַז זיי האָבען אַ סך גרויסע געשעהענישען איבערגעלעבט. זיי האַלטען אין איין זיפצען, אין איין שרייען: „הכל הבל!", אום מ'זאָל מיינען, אַז זיי געהערען אויך צו דער קליינער צאָהל גרויסע אויסערוועהלטע מענשען, וועלכע האָבען ווירקליך אַ סך געליטען און אַ סך איבערגעלעבט. מיט אַזעלכע פּעסימיסטען לוינט נישט זיך אַוועקצושטעלען שפּאַרען; זיי דאַרף מען פּראָסט אַ קלאַפּ טהון אין פּלייצע און זאָגען: „לצים, ווי־פיעל איז דער שעור אָבצונאַרען!"

איך האָב אָנגערופען דעם פּעסימיזם איינעם פון די גרעסטע וועלט־וואונדער; דערמיט האָב איך געוואָלט זאָגען, אַז ער שטעלט פאָר מיט זיך דעם טריאומף פון דער איינבּילדונג איבער דער ווירקליכקייט און דיענט אַלס פאַקט אויף דעם, אַז דער מענש בּעזיצט די קראַפט אַריינצושטופען די נאַטור אין די קליידער, וואָס איהם ווילט זיך, נישט רעכנענדיג זיך מיט איהר פּראָטעסט. אַזוי גוט, ווי דער מענש האָט געקענט צווינגען, מיט דער הילף פון אַ שער און די אַנדערע מיטלען זיינע, די צווייגען און דער בּלעטער־קרוין פון די בּוימער צו וואַקסען אין דער נאַרישער פאָרם פון היות און פון פערשיעדענע בּנינים; אַזוי גוט, ווי ער האָט געקענט צווינגען דאָס וואַסער, מיט דער הילף פון פערשיעדענע קאַנאַלען און רעהרען, אַרויפצוקומען אין דער הויך, געגען זייער נאַטור, — אַזוי קען ער אויך פון די סאַמע שענסטע געשעהענישען, פון די געשעהענישען, וואָס זענען אימשטאַנד אַרויסצורופען נאָר ליכטיגע געדאַנקען און אַ שטאַרקען לוסט צום לעבען, —

אַרויסברענגען אַ חושכ'דיגע וועלט-אַנשויאונג! און די דאָזיגע פּינסטערניש טראָגט ער אַריין אויך אין דער נאַטור, וועלכע פערבלענדעט די אויגען מיט דעם גלאַנץ פון איהרע ליכטיגע בלומען און פער'שכור'ט מיט די לעבענס-לוסטיגע טענער פון איהרע פויגעלעך און פליגעלעך.

יאָ, די נאַטור זינגט אויס מיט טויזענדער טענער אַ לויב-ליעד דעם לעבען, און די דאָזיגע טענער דרינגען אַריין אין אונזערע אויערן אפילו אויך דאַן, ווען מיר פערשטאָפּען זיי מיט אַ סכאָלאַסטישער אָדער סאָפיסטישער וואַטע. דער נאַטירליכער אינסטינקט וואָס ליעגט אין דעם גרונד פון אַלע מענשליכע געדאַנקען און מעשים, און וואָס רעגיערט מיט דעם גאַנצען מענשליכען לעבען, — איז דער אָפּטימיזם, ד. ה., די ליעבע צום לעבען און דאָס שטרעבען צו איהם; און יעדע פּראָבע אויסצוואָרצלען פון אונז דעם דאָזיגען אינסטינקט, וועט נישט געלינגען, ווייל ער איז דער אֱמת'ער פונדאַמענט פון אונזער עקזיסטענץ, און נאָר צוזאַמען מיט'ן לעבען וועט ער זיך אויך ענדיגען.

ווען דו בעטראַכטסט בעסער די הויפּט-טענות פון דעם פּעסימיזם, זעהסטו, אַז זיי שטאַמען פון דעם מענשען'ס גרוים-האַלטען זיך מיט זיין ענטוויקעלטען זעלבסט-בעוואוסטזיין, און אַז בכלל זענען זיי ענהליך צו די טענות, וואָס אַ גרויסער גביר האָט צו זיינע אוצרות, וועלכע פערשאַפען איהם אַ סך דאגות. דער מענש קלאָגט זיך אויף דעם, וואָס די וועלט האָט נישט קיין שום זין און תכלית, אָדער, ריכטיגער, אויף דעם, וואָס ער קען נישט משיג זיין דעם תכלית פון דער וועלט. צי קען דען אָבער אָט די אונצופריעדענהייט אַליין נישט דיענען אַלס פאַקט אויף צו דערוויזען, וואָס'רע הויכע מדרגה דער מענשליכער גייסט האָט ערדייכט אין זיין ענטוויקלונג און צי האָבען מיר נישט קיין גרונד זיך צו פרעהען דערמיט, וואָס מיר האָבען ערדייכט? וויפיעל געזונד און דענקענס-קראַפט דאַרף מען עס בעזיצען, אום זיך צו דערהויבען ביז אַ פראַגע וועגען דעם תכלית פון דער נאַטור! ווי ברייט און וייט דאַרף עס זיין דער מענשליכער בליק, אום צו פועל'ן ביי זיך צוצוטרעטען צו אַזאַ פּראָבלעם! און וויפיעל שענערע האָט עס דער מענש געמוזט האָבען געזעהען, וויפיעל גייסטיגע בעפריעדיגונגען און פערגעניגענס האָט ער עס געמוזט

האָבּען געגאַסען אוֹיפ'ן וועג, בּיז ער איז צוגעקומען צו דעם הױ-
כען פּונקט, וועלכער גיט איהם דעם מוט און די קראַפט צוצורופען
דער נאַטור צו זיך, און אויסצושרייען מיט דעם אויטאָריטעטען טאָן
פון אַ איבּער-אינספּעקטאָר: „דו מוזט זיך פיהרען לויט אַ בּע-
שטימטען פּלאַן; און דעם פּלאַן וויל איך איבּערקוקען און אַרויס-
זאָגען מיין מיינונג וועגען איהם!" די היות, אפילו די, וואָס האָבּען
עררייכט די העכסטע שטופע פון ענטוויקלונג, ווייסען נישט,
וואָס דאָס איז אַזוינס „וועלט-שמערץ", און די זיידעס אונזערע, וואָס
האָבּען געלעבּט אין איין צייט מיט דעם בּער פון דער מערה, האָ-
בּען זיך גאָר נישט געבּראָכען דעם קאָפּ אויף צו זוכען דעם
תכלית פון מענשען'ס לעבּען. קוים האָט דער אור-אַלטער מענש
נאָר געהאַט זיך גוט אָנגעגעסען, אַזוי האָט ער שוין געפונען דעם
ציעל פון זיין לעבּען, און אויב נאָך דעם דאָזיגען אָנעסען זיך,
איז איהם נאָך איבּערגעבּליבּען עפּעס אַ פּערלאַנג, איז עס אָהן
אַ שום צווייפעל בּעשטאַנען אין דעם, — זיך אונגעשטערט אויס-
צושלאָפען. מיר אָבּער, מענשען מיט אַ ענטוויקעלטען געזיכטס-
ווינקעל, זענען מעהר אַריסטאָקראַטיש און אַ שטיק געבּראָטענע
פליייש איז וועניג פאַר אונז; וואָס גרעסער עס ווערט אונזער גייס-
טיגער קאַפּיטאַל, אַלץ בּרענעדיגער ווערט אונזער ליידענשאַפט איהם
נאָך גרעסער צו מאַכען; און איצט, אַז מיר זענען שוין אַרויס-
געקומען אַזוי הויך, קענען מיר בּשום אופן נישט פערטראָגען דאָס,
וואָס עס עקזיסטירט בּכלל עפּעס אַ גרענעץ פאַר אונזער שכל.

די זעלבּע זאַך איז אויך מיט די טענות, וואָס דער פּעסימיזם
האָט צו די פערשיעדענע פיזישע קראַנקהייטען און וועהטאָגען.
וואָס'ראַ קורצזיכטיגקייט, וואָס'ראַ אונדאַנקבּאַרקייט, וואָלט איך זאָ-
גען, ליעגט אין די טענות! מיינע העררען פּעסימיסטען, ווען עס
וואָלטען קיין יסורים און וועהטאָגען נישט זיין, וואָלטען מיר זיי
מוזען ערפינדען! יסורים — דאָס איז די בּעסטע מתנה, וואָס די
נאַטור האָט אונז געשענקט. קודם-כל זאָגט דער וועהטאָג עדות אויף
דעם, אַז דער, וואָס פיהלט איהם, איז אַ מענש מיט אַ געזונדטען,
שטאַרק-ענטוויקעלטען נערווען-סיסטעם, אַ דאַנק וועלכען ער האָט די
מעגליכקייט צו געניסען פון יענע אַנגענעמע עררעגונגען און גע-
פיהלען, אָהן וועלכע דאָס לעבּען איז, ווי אָהן זאַלץ. די ניעדריגע
בּעלי-חיים קענען נישט פיהלען קיין שטאַרקע וועהטאָגען, מיר

קענען זיך אָבער פאָרשטעלען, אַז זייערע געפיהלען פון פערגעניגען און אַנגענעמליכקייט זענען אויך אַ סך בלאַסער און שוואַכער פון אונזערע, ווייל זייער השגה בכלל איז אַ שוואַכע. צי וואָלט עס דען נישט מאָדנע ווילד זיין, ווען מיר וואָלטען קענען מיט אונזערע איידעלע חושים געניעסען און פער'שכור'ט ווערען פון דער שמעקעדיגער בלום, פון בעטהאָווענ'ס סימפאָניעס און פון טיציאַנ'ס בילדער, און אין דער זעלבער צייט וואָלטען מיר בלייבען אונפיהלבאַר אינגאַנצען צו דעם ריח פון אַ נבלה, צו דעם סקריפּען פון אַ פייל איבער די ציינער פון אַ זעג און צו דעם בילד פון אַ צוגאָסענער וואונד! פרעגט אַ היסטערישער קראַנקער, וואָס פיהלט נישט איהר האַלבען אָדער איהר גאַנצען קערפּער, — פרעגט איהר צי זי פרעהט זיך דערמיט, וואָס זי פיהלט נישט קיין וועהטאָגען! די אויסערליכע וועלט קען איהר טאַקע קיין וועהטאָגען נישט פערשאַפען; זי קען איהר אָבער קיין אַנגענעמע איינדריקע אויך נישט געבען, און סוף־כל־סוף הויבט זי אָן בעטען, מ'זאָל איהר צוריקגעבען די מעגליכקייט צו פיהלען וועהטאָג. איך האָב אַ סך מאָל געהערט דעם פריידיגען אויסגעשריי, וואָס אַזאַ מין קראַנקע האָט אַרויסגעלאָזען, ווען זי האָט דערפיהלט דאָס ערשטע מאָל דעם וועהטאָג פון אַ שטאָך, וואָס מ'האָט איהר געגעבען מיט אַ נאָדעל! דער וועהטאָג — דאָס איז יענער גוטער מלאך, וואָס לייזט אונז אויס פון אַלע צרות; ער זאָגט אונז אָן פאָראויס וועגען די סכנות, וואָס שטעהען אונז פאָר און צווינגט אונז מלחמה צו האַלטען מיט זיי אָדער זיך צו דערווייטערן פון זיי. דער וועהטאָג איז אויף אַזאַ אופן אונזער בעסטער פריינד — דער וועכטער פון אונזער לעבען און די קוועלע פון אונזערע שטאַרקסטע פערגעניגענס־געפיהלען. דער וועהטאָג טרייבט אונז זיך אָנצושטרענגען מיט אַלע כחות, אום צו דערווייטערן די סבה זיינע, און די דאָזיגע אַנשטרענגונג, אין וועלכער עס קאָנצענטרירט זיך אונזער גאַנצע פערזענליכקייט, פערשאַפט אונז אונענדליכע אַנגענעמליכקייטען. ווען מיר וואָלטען נישט פיהלען קיין וועהטאָג, וואָלטען מיר נישט קענען וויסען, וואָס עס איז שעדליך פאַר אונז און אַלזאָ אויך — פון וואָס זיך צו היטען. די גרויסע רעפאָרמאַטאָרען פון דער נאַטור וועלען אפשר זאָגען, אַז אַנשטאַט דעם וועהטאָג, וואָלט אונזער פאָרזיכטיגקייט אַליין געקענט גענוג זיין אויף צו שיצען דעם גע־

זונד; אַז אַ נאַטירליכער אינסטינקט, אָהן אַ שום ווערטאָג, וואָלט אונז אויך געקענט אָנזאָגען, פון וואָס מיר האָבען זיך צו שיצען. אויף דעם קען מען ענטפערן: די דאָזיגע פאָרזיכטיגקייט וואָלט זיין אָדער צו-שוואַך אויף צו צווינגען אונז אָנצונעהמען שאַרפע מיטלען; דאַן וואָלטען מיר איהר נישט שטענדיג און נישט גענוג געפאָלגט און מיר וואָלטען לייכט בעזיעגט געוואָרען פון אונזערע לעבענס-שונאים; אָדער די פאָדערונגען פון דעם דאָזיגען נאַטירליכען אינסטינקט וואָלטען זיין אַזוי שטאַרק און שאַרף, אַז מיר וואָלטען זיי אויך פיהלען אין אונזערע נערווען, ווי אַ ווערטאָג, נישט קיין לייכטערן פון דעם, וואָס מיר פיהלען איצט פון דעם, וואָס דיענט אונז אַלס קראַנקהייטס-אָנזאָגער.

און אַזוי גוט ווי דער ווערטאָג איז נויטיג פאַר דער ערהאַלטונג פונ'ם קערפער, אַזוי איז די אונצופריעדענהייט נויטיג פאַר'ן גייסט. אויב דעם מענשענס גייסט איז נישט צופריעדען פון זיין לאַגע און פון אַלץ, וואָס עס טהוט זיך מיט איהם, אָדער וואָס ער אַליין טהוט און ער ליידט דערפון, וועט ער געוויס אָנווענדען אויף דעם אַלע כחות צו ענדערן און צו פערבעסערן די בעדינגונגען, אין וועלכע ער געפינט זיך. דער גליקליכער מענש טראַכט נישט קיינמאָל וועגען צושטערען די סביבה, אין וועלכער ער לעבט און זוכט נישט אויסצובעסערן די בעדינגונגען פון זיין עקזיסטענץ; אַ שמשון הגבור אפילו, וואָס קיין זאַך איז פאַר איהם נישט צו שווער, וועט אויך די מינדעסטע זאַך נישט טהון, נישט האָבענדיג קיין סבה דערצו, און ווען עס וואָלט נישט פריהער האַרט זיין צום ליעגען, וואָלט זיך קיינער דעם געלעגער נישט אויסגעבעט. פון דער אונצופריעדענהייט שטאַמט אַלזאָ אונזער גאַנצער פּראָגרעס; און דער, וואָס קלאָגט זיך אויף איהר און געפינט זי פאַר אַ שטערונג אין אונזער גייסטיגען לעבען, דער האַרף בעזיצען די קראַפט זיך אָפּען מודה צו זיין, אַז זיין אידעאַל איז דאָס: די מענשהייט זאָל בלייבען שטעהן אויף איין אָרט; זי זאָל זיך נישט ענדערן, פערבעסערן און ענטוויקלען, נאָר פערגליווערט ווערען אויף אייביג.

און נאָך אַלעמען קאָן מען גאַרנישט קוקען אויף דער אונצופריעדענהייט מיט די הערשענדע בעדינגונגען, אין וועלכע עס קומט אויס צו לעבען אַנ'איינצעלנעם מענשען אָדער אַ גאַנצען

פּאָלק, — ווי אויף אַ פּעסימיסטישער איבערצייגונג, וואָרום זי, די
דאָזיגע אונצופֿריעדענהייט אַליין, דינט גאָר, פּערקעהרט, אַלס
בעווייז אויף דעם, אַז דער אונצושטערבאַרער אָפּטימיזם שטעלט
פּאָר מיט זיך דעם פונדאַמענט פון אונזער זיין, דעם פונדאַמענט
פון אונזער טראַכטען. יעדע קריטיק איז אַ רעזולטאַט פון דער
פּערגלייכונג, וואָס מיר פיהרען דורך צווישען דעם, וואָס עס איז,
און דעם, וואָס עס דאַרף זיין, צווישען דער ווירקליכקייט און
יענע אידעאַלע בעדינגונגען, וועלכע מיר האָבען זיך אַליין בע=
שאַפען אין אונזער איינבילדונג און וועלכע מיר רעכענען פּאַר
פּאָלקאָמענע; אין דעם גרונד אָבער פון דער ערשיינונג ליגט
דער גלויבען, וואָס לאָזט זיך נישט אויסדריקען מיט קיין ווער=
טער, אַז מען קאָן ענדערן די לעבענס=בעדינגונגען און זיי פּער=
בעסערן, און אַזאַ גלויבען איז דאָך געוויס אָפּטימיזם! נאָך מעהר:
אין דער צייט, ווען מיר זענען נישט צופריעדען פון עפּעס; אין
דער צייט, ווען עס אַרבייט זיך אויס ביי אונז אין קאָפּ אַ קלאָ=
רער געדאַנק וועגען דעם, — אָדער ווען מיר פיהלען דאָס נאָר
אפילו נישט קלאָר, — אַז און ווי אַזוי יענע זאַך וואָלט
געקאָנט פּערבעסערט ווערען, — איז דאָך די פּערבעסערונג בכח
(פּאָטענציעלל) שוין געמאַכט געוואָרען. די זאַכען פון דער ווירק=
ליכער וועלט, פון וועלכע אונזער גייסט איז נישט צופריעדען,
זענען שוין געענדערט און פּערבעסערט געוואָרען אין דער וועלט
פון אונזער פאַנטאַזיע: די גייסטיגע וועלט, וועלכע ווערט בע=
שאַפען דורך דער צוזאַמענגעזעצטער קאָמבינירענדער טעטיגקייט
פון די מאַרך=צעלען, האָט נישט קיין קלענערע ממשות, וועניג=
סטענס אין אונזערע אויגען, פון יענער אויסערליכער וועלט, וועל=
כע מיר קאָנען פיהלען מיט דער הילף פון אונזערע חושים. יע=
דער, אַלזאָ, ווער עס קלאָגט זיך אויף דער ווירקליכקייט, פּער=
ריכט אָדער בעשאַפט דערמיט אַליין אַ נייע וועלט, אַ וועלט,
וואָס געפינט זיך אינגאַנצען ביי איהם אין קאָפּ און נעהמט אַריין
אין זיך די אַלע בעדינגונגען, וועלכע זענען נויטיג פאַר'ן מענש=
ליכען גליק. און אויב דער מענש בעזיצט די פעהיגקייט צו
אַנאַליזירען זיינע געפיהלען און געדאַנקען, וועט ער זיך גאַנץ
לייכט איבערצייגען אין דעם, אַז זיינע פּרעטענזיעס צו דער וועלט
פּערשאַפען איהם אַליין דאָס גרעסטע פּערגעניגען, און אַז די צו=

פּריוואַטלעבען פון זיין גייסטיגער וועלט, פון דער שענער העלט, וואָס ער האָט זיך אַליין בעשאַפען אין זיין אייגענער פאַנטאַזיע, איז יעדענפאַלס נישט קלענער און שוואַכער פון דער אונצופריעדענהייט, וואָס עס רופט אַרויס אין איהם די ווירקליכע אויסערליכע וועלט. איך פרעג דעם עהרליכען פּעסימיסטישען פילאָזאָף, צי איז ער נישט צופריעדען מיט זיך און צי האָט ער נישט קיין פערגעניגען דאַן, ווען עס גיט זיך איהם איין צו שילדערן מיט די שוואַרצסטע און שרעקליכסטע פאַרבען די שלעכטקייט פון דער וועלט און די נאַרישקייטען פון לעבען?

ווען עס געלינגט אַזאַ מין פילאָזאָף אָנצושרייבען אין זיין בוך וועגען די שלעכטע זייטען פון דער וועלט איין זייטעל, וואָס צייכענט זיך בעזונדער אויס מיט איהרע ביטערע איבערצייגונגען און פינסטערע פאַרבען, — קאָן זעהר זיין, אַז ער שפּרינגט אויף פון זיין שרייב־טיש, לויפט צו צו זיין ווייב און האַפּט זי אַרום פון גרויס התפעלות. און נאָך דעם ווי ער האָט געענדיגט שרייבען דאָס בוך און לייענט איבער די ערשטע קאַפּיטלען פון איהם אין דעם ענגען קרייז פון זיינע גוטע פריינד, האָט ער בעשטימט אַזאַ הנאה דערפון, אַז צוליעב איהר אַליין איז שוין באַלד כדאי זיך צו מאַטערן אויף דער חושכ׳דיגער וועלט.

מיר זעהען אַלזאָ, אַז דעם מענשענס אונצופריעדענהייט דערמיט, וואָס ער פערשטעהט אַזוי ווייניג דעם חאַראַקטער פון דער וועלט און איהר תכלית, איז נאַר אַ בעווייז (אויף דער הויכער ענטוויקלונג פון אונזער דענקענס־קראַפט, וואָס בעשאַפט אונז בעפריעדיגונג און פערגעניגען. דער קערפּערליכער וועהטאָג דיענט אונז אַלס בעווייז אויף דער געזונדקייט און אַרבייטס־פעהיגקייט פון אונזער נערווען־סיסטעם, וועלכען מיר האָבען צו דאַנקען פאַר אַלע געפיהלען פון אַנגענעהמליכקייט און פערגעניגען, די אונצופריעדענהייט איז דער קוואַל פון אונזערע אַנגענעהמע גייסטיגע פאָרשטעלונגען און פאַנטאַזיעס. ווי אַזוי־זשע די אַלע זאַכען קאָנען ברענגען צו פּעסימיזם — פערשטעה איך נישט.

איך גלויב, אַז קיינער וועט קיין טעות נישט האָבען אין מיינע ווערטער און וועט מיך נישט צורעכענען צו די תלמידים פון דעם פילאָזאָף פאַנגלאָס. איך אַנערקען נישט די לעהרע פון דעם צופריעדענעם פילאָזאָף און זאָג נישט, אַז אונזער וועלט איז די

בעסטע פון אַלע וועלטען. איך זאָג גאָר אַנ׳אַנדערע זאַך. איך זאָג: די וועלט, אין וועלכער מיר לעבען, קאָן זיך זיין די בעסטע, די ערגסטע אָדער די מיטעלסטע פון אַלע וועלטען; דאָס אָבער איז זיכער, אַז די מענשהייט וועט זי שטענדיג רעכענען פאַר גוט. דער מענש איז בעגאַבט מיט אַ מערקווירדיגער פעהיגקייט זיך צו-צופּאַסען צו די נאַטירליכע בעדינגונגען, אין וועלכע ער געפינט זיך און וועלכע ער האָט נישט די מעגליכקייט צו ענדערן, און נישט נאָר ער פערטראָגט די דאָזיגע לעבענס-בעדינגונגען זיינע מיט אַנ׳אונצופריעדענער סבלנות, נאָר ער בעטראַכט זיי אַלס אַנ-גענעהמע, אַלס זאַכען, וואָס זענען זעלבסטפערשטענדליך און קאָ-נען גאָר אַנדערש נישט זיין. דער מענש פּאַסט זיך אַזוי צו צו דער נאַטירליכער סביבה, אין וועלכער ער לעבט, אַז איהם ווילט זיך שוין גאָרנישט אומבייטען איהר אויף אַנ׳אַנדערע, ווען אפילו ער קאָן זיך פאָרשטעלען אין דער פאַנטאַזיע — אַ בעסערע. דאָס איז מעגליך נאָר דערפאַר, וואָס דער פּאָן (די גרונד-פאַרב) פון דער מענשליכער עקזיסטענץ, אויף וועלכען דאָס לעבען ציי-כענט אויף זיינע טרויעריגע בילדער און בלומען, איז דער אָפּטי-מיזם, די ליעבע צום לעבען.

צי נויטיגט זיך נאָך די מיינונג מיינע אין ביישפּיעלען און ראיות? אַט זענען זיי. דער פּראָפעסיאָנעלער פּעסימיסט אפילו אַנערקענט אויך די שענקייט פון דער נאַטור און אין אַ ליכטיגען זומער-טאָג, ווען די זון שיינט אין דעם לויטער-קלאָרען הימעל, אָדער אין אַ וואַרימער תמוז-נאַכט, ווען ער זעהט די פולע לבנה שוועבענדיג צווישען מיליאָנען בלישצענדע שטערן, — צוגיסט זיך אין זיין האַרץ אויך אַ הימלישע גליקזעליגקייט און ער האָט אויך פערגעניגען. נו, און לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז איינער אַנ-איינוואָהנער פון דעם קאָמעט ווענערום איז פּלוצלונג אַראָב אויף אונזער ערד; צי וואָלט ער זיך נישט געפיהלט ווי אין אַ פוסטען מדבר, וואָס איז פול מיט פינסטערניש און קעלט? ער איז צוגע-וועהנט צו דער פערבלענדענדער ליכטיגקייט און ברענענדער היץ פון זיין פּלאַנעט, און וואָלט געפרוירען ווערען אפילו אונטער די טראָפּיקען פון אונזער ערד-קוגעל, און אונזערע העלסטע און ליכטיגסטע פאַרבען וואָלטען איהם אויסזעהן בלאַס און דונקעל. און ווי אומעטיג און טויט וואָלט עס אויסזעהן אונזער שענער-

הימעל מיט דער איינציגער לבנה, וואָס שוועבט איבער איהם. ביי דעם איינוואָהנער פון דעם פּלאַנעט סאַטורן, וואָס איז געוועהנט צו זעהן אויף זיין הימעל גאַנצע אַכט לבנות מיט צוויי, און אפשר נאָך מעהר, קרוינען, וועלכע פערשאַפען איהם מיט זייער אויפגאַנג און אונטערגאַנג, מיט זייערע כסדר זיך ענדערנדע פּאָזיציעס און בעציהונגען איינע צו דער אַנדערער, אַזא מין רייכען פערגעניגען, וואָס מיר קאָנען זיך פון איהם אפילו די מינדעסטע פאָרשטעלונג נישט מאַכען! מיר אָבער, איינוואָהנער פון דעם ערד־קוגעל, בענקען גאָרנישט נאָך דער ברענענדער זון פון דעם פּלאַנעט וועגערוס און נאָך דעם ווילדען טאַנץ פון די לבנות, וואָס בעגלייטען דעם פּלאַנעט סאַטורן, און מיר בעגנוגענען זיך מיט אונזערע אָרימע אַסטראָנאָמישע בעדינגונגען, ריכטיג טאַקי, ווי ווען מיר וואָלטען זיין אמת'ע תלמידים פון דעם פילאָזאָף פּאַנגלאָס! נאָר צו וואָס זאָלען מיר עס קריכען אַזש אויפ'ן הימעל, אום פון דאָרטען צו דערווייזען דעם מענשליכען אָפּטימיזם? מיר קאָנען עס אויף דער ערד אויך זעהן — אין די פּאָליוס־געגענדען. דאָרטען לעבען מענשען, וועלכע רופען אַרויס בעוואונדערונג ביי אַלע רייזענדער מיט זייער פרעהליכקייט. זיי קאָנען זיך נישט פאָרשטעלען קיין שענערס פון זייערע אייז־בודעס און זייער איבעגער נאַכט, און ווען ביי זיי וואָלטען אויך זיין פּאָעטען, וואָלטען זיי געוויס בעזונגען זייערע אימה'דיגע שנעע־מדבריות מיט דער זעלביגער התפעלות, מיט וועלכער אונזערע פּאָעטען בעזינגען די רהיינישע לאַנדשאַפטען מיט זייערע בערג, פעלדער און וועלדער. דערביי קאָן מען אַגב־אורחא בעמערקען, אז די ערשיינונג עפּענט פאַר אונז אַ ליכטיגע פּערספּעקטיווע בנוגע צו דעם אייז־פּעריאָד, צו וועלכען עס דערנעהנטערט זיך די ערד, אויב ס'איז אמת, אַז אונזער ערד ווערט אַלע מאָל קעלטער. ווען מיר שטעלען זיך פאַר די דאָזיגע צוקונפט, זעהען זיך פאַר אונזערע אויגען די לעצטע מענשען, איינגעוויקעלט אין פעל פון ים־הינד, ווי זיי זיצען איינגעטוליעט, איינגענורעט, ציהען אויס זייערע אויסגעדאַרטע, ציטערנדע הענד צו'ם קליינעם פייערל פון די לעצטע עטליכע ברענענדע קויהלען און אויף זייער פּנים איז אויסגעגאָסען אַ טיעפער, נאָגענדער טרויער, אַזוי ווי אויף דעם פּנים פון דער שווינדזיכטיגער מאַלפּע אין בערלינער זאָאָלאָגישען גאָרטען. אין אמת'ען

אָבּער איז דאָס דאָזיגע בּילד נישט קיין ריכטיגעס. בּעטראַכטענדיג דאָס לעבּען פון אונזערע אור־אור־איינינקלעך אין דעם קומענדען אַייז־פּעריאָד, לויט דאָס היינטיגע לעבּען פון די עסקימאָסען, קום איך צו דער איבּערצייגונג, אַז זיי וועלען זיין די סאַמע פרעה־ליכסטע און מונטערסטע, וואָס מיר קאָנען זיך נאָר פאָרשטעלען. זיי וועלען זיך איינאָרדנען אויפ'ן אייז פערשיעדענע פערוויילונגען און פאָלקס־ימים־טובים און וועלען דערוואַרימען זייערע גליעדער מיט שטורמדיגע ווילדע טענץ; זיי וועלען טרינקען זייער פיש־עהל, זינגענדיג פרעהליכע, לעבּעדיגע ליעדער און וועלען מיט זייער לעבּען העכסט צופריעדען זיין. און גאָר צום סוף שוין, ווען עס וועט געפרוירען ווערען דער לעצטער מענש, וועט אויף זיינע ליפּען אַרומשוועבּען אַ פרעהליך שמייכעלע און אין זיינע געפרוירענע הענד וועט ער האַלטען דעם לעצטען נומר פון דעם הומאָריסטישען זשורנאַל, וואָס איז ערשיענען אין זיין צייט.

דער דיכטער זאָגט, אַז דאָס לעבּען איז נאָך נישט דאָס העכ־סטע גליק; מיר אָבּער נעהמען אָן דאָס לעבּען אַלס אַזעלכעס. דער געדאַנק, אַז עס וועט איבּערגעריסען ווערען אונזער בּעוואוסט־זיין, אַז עס וועט פערניכטעט ווערען אונזער „איך" — איז פאַר אונז שרעקליך; דער טויט פון אונזערע עלטערן, קינדער און אַלע, וועלכע זענען אונז ליעב און טייער, — רופט אַרויס בּיי אונז די שטאַרקסטע און טיעפסטע וועהטאָגען, און די בּעסטע פון אַלע ברכות, וואָס מיר ווינשען איינער דעם אַנדערן, איז די: פון לאַנג לעבּען. וואָס אָבּער איז עס אַזוינס לאַנג לעבּען? לאַנג לעבּען הייסט הונדערט, הונדערט און צוואַנציג יאָהר; דאָס איז די גרעסטע ציפער, מעהר וויל קיינער נישט. אַ הונדערט־יעה־ריגען מענשען זענען אַלע מקנא, און ווען עס שטאַרבּט אַ יונ־גער מאַן פון צוואַנציג יאָהר, בּעוויינען אַלע זיין גורל. אַזוי פיהרט זיך די וועלט, אַזוי טראַכטען מענשען און קיינער פון אונז האָט נישט קיין טענות צו דער אָרדנונג און קריטיקירט איהר נישט — דאָס אַליין איז דאָך אַ ערשיינונג, וואָס שטאַמט פון דעם מענ־שענס שטאַרקער ליעבּע צום לעבּען, פון דעם מענשליכען אָפּטי־מיזם. מיר בּענוגנען זיך מיט הונדערט יאָהר און זאָגאַר מיט נאָך ווייניגער, ווייל עס איז זעהר זעלטען צו זעהן היינט אַ מענשען, וועלכער האָט אָבּגעלעבּט מעהר פון דער צאָהל יאָרען. ווען אַ

מענש וואָלט לעבען צוויי־דריי הונדערט יאָהר, ווי אַ קראָה אָדער העלפאַנט, וואָלט ער זיך געוואונשען צו לעבען אַזוי לאַנג, און אויב ער וואָלט וויסען, אַז איהם איז בעשערט צו לעבען נאָה הונדערט מיט פופציג יאָהר, וואָלט ער געוויינט און געקלאָגט, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס היינט וויל ער גאָר נישט לעבען מעהר ווי הונדערט יאָהר. פערקעהרט ווידער, ווען דעם מענשען וואָלט בעשטימט זיין, לויט זיין קערפּער־בוי, צו לעבען נישט מעהר ווי פינף און דרייסיג — פיערציג יאָהר, ווי צום ביישפּיעל, אַ פערד, וואָלט ער זיך נישט ווינשען צו לעבען לענגער, און דער, וואָס וואָלט געשטאָרבען אין די יאָהרען וואָלט גערעכענט געוועזען פאַר אַ גליקליכען, אַזוי גוט ווי ער ווערט היינט גערעכענט פאַר אַ אונגליקליכען.

נאָך מעהר: ווען מיר וואָלטען זיך דערוואוסט פון איין־איינציגען צופאַל, אַז אַ מענש האָט אויסגעמידען דעם טוידט און איז געבליבען אייביג לעבען, וואָלט קיינער נישט געוואָלט שטאַרבען; יעדערער וואָלט געהאָפּט און געחלום'ט וועגען דעם, אַז דער איינציגער פאַל וועט פאָרקומען מיט איהם אויך, און די מעהרהייט פון דער מענשהייט וואָלט געקוקט אויפ'ן טוידט, ווי אויף אַ אויסערגעוועהנליכער שווערער שטראָף, וואָס ווערט אַרויסגעגעבען אַמאָל אויף אַ איינצעלנעם מענשען און וואָס מ'ווענדעט אָן אַלע מעגליכע מיטלען זיך צו בעפרייען פון איהר. אַזוי, אָבער, ווי קיינער פון אונז האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט פון אַזאַ פאַל, אַז אַ מענש זאָל האָבען אויסגעמידען דעם טוידט, געוועהנט זיך יעדערער צו, אָהן בעזונדערע אָנשטרענגונגען און אָהן איבריגע ליידען אפילו, צו דעם געדאַנק, אַז אַ מענש מוז שטאַרבען, און ער בעט נאָר דער טוידט זאָל קומען וואָס שפּעטער. צי וואָלט דען דער מענש נישט געקאָנט לעבען עטליכע הונדערט יאָהר אָדער עטליכע טויזענד יאָהר? מיר האָבען נישט קיין ריכטיגען מאָטיוו אויף צו ערקלערן, פאַרוואָס דאָס קען נישט זיין. און פון דעסטוועגען שטרעבען מיר נישט דערצו, ווייל מיר זעהען דאָס נישט. צי מוז דען דער טוידט בכלל פערניכטען די פערזענליכע עקזיסטענץ? מיר פערשטעהען נישט, פאַרוואָס דאָס מוז אַזוי זיין, חאָטש געטהע מיט וויסמאַנ'ען האָבען פּראָבירט דערווייזען, אַז די ערשיינונג פון טויט איז נויטיג פאַר דער ערהאַלטונג פון דעם געשלעכט. און פון דעסטוועגען

צוטערן מיר נישט פאַר'ן טוידט, ווייל מיר ווייסען, אַז מ'קען זיך פון איהם נישט בעפרייען. מיר זענען אַזוי געלונגען צוזאַמענגע-שטעלט, אַז די אַלע שלעכטע זאַכען, פון וועלכע ס'איז אַבסאָלוט קיין מיטעל נישטאָ זיך צו בעפרייען, רופען נישט אַרויס אין אונז קיין בעזונדער טרויער. דערמיט ערקלערט זיך די מעגליכקייט פון דעם תליה-געלעכטער, די פרעהליכע שטימונג פון דעם עלענדען פערברעכער, וועלכען מ'פיהרט צו'ם עשאַפאָט. מענשען, אויף וועלכע מ'קען זיך פערלאָזען, האָבען עדות געזאָגט, אַז זיי האָבען אַזעלכע ערשיינונגען בייגעוואָהנט און דאָס איז אָהן אַ שום צווייפעל ריכטיג. דער פער'משפט'ער צו'ם טוידט טהוט זיך אַליין אַרויף דעם שטריקעל אויפ'ן האַלז, אויב ער איז נאָר איבערצייגט, אַז ס'איז שוין פאַר איהם קיין שום רעטונג נישט מעגליך.

און, פערקעהרט ווידער, אויב עס איז פערהאַן די קלענסטע, ווייטסטע מעגליכקייט, צו פערבעסערן אונזערע לעבענסבעדינ-גונגען, צו בעפרייען זיך פון עפּעס אַ צרה אָדער צו בעגליקען אין עפּעס, — ווי שטאַרק און קרעפטיג רייסט זיך עס דאַן אַרויס דעם מענשען'ס נאַטירליכער אָפּטימיזם! אַזאַ קליינע מעגליכקייט אפילו, וואָס קיין מענש מיט אַ געזונדטען פערשטאַנד, וואָלט נישט געוואָלט איינלעגען אויף דעם די קלענסטע סוממע און וואָס לאָזט זיך גאָרנישט צורעכענען צו דער שורה פון די ווייטע מעגליכקייטען, — אַזאַ קליינער שאַנס איז שוין גענוג פאַר'ן מענשען אויפצובויען אויף איהם די גרעסטע לופט-שלעסער. אָט נאָט אייך אַ מערקווירדיגען ביי-שפּיעל: אין פראַנקרייך זענען אַרויסגעלאָזען געוואָרען פיערצעהן מיליאָן לאָטעריע-צעטלען צו 1 פראַנק; דאָס גרויסע געווינס פון דער לאָטעריע איז געווען 500,000 פראַנק. יעדערער, וואָס האָט געקויפט איין צעטעל, האָט זיך אַלזאָ געקויפט אַ טייל מעגליכקייט, וואָס מאַכט אויס איין פּראָצענט פון פיערצעהן מילליאָן צו געווינען דאָס גרויסע געווינס. אום צו ווייזען דעם ווערט פון אַזאַ מין טייל מעגליכקייט, קען מען ברענגען דעם משל. די צאָהל פון די מיליאָנערען אין איראָפּאַ מאַכט אויס הונדערט טויזענד, און די צאָהל פון יענע, וואָס פערמאָגען צו האַלבען מיליאָן, מאַכט אויס פינף הונדערט טויזענד. מיר וועלען לאָזען די פינף הונדערט טויזענדט האַלבע מיליאָנערען און אַוועקשטעלען פאַר דעם יסוד פון אונזער רעכנונג די הונדערט טויזענד מיליאָנערען. איצט וועלען מיר זיך משער זיין,

אַז פון צעהן מיליאָנערען איז איינער אַזאַ, וועלכער האָט ניט, נישט קיין קינדער און נישט קיין קרובים אָדער אַזאַ, וועלכער לעבט נישט גוט מיט זיין פאַמיליע און איז פעהיג אָבצושרייבען זיין גאַנצעס פערמעגען אַ זייטיגען מענשען, מיט וועלכען ער האָט זיך צופעליג בעקאַנט און וועלכער האָט ביי איהם נושא־חן געווען. אין איירָאָפּאַ רעכענט זיך היינט אַ ערך פון דריי־הונדערט מיט צוואַנציג מיליאָן איינוואָהנער; ס'מאַכט אַלזאָ אויס אויף יעדע צוויי און דרייסיג טויזענד איינוואָהנער אין איירָאָפּאַ איין מיליאָנער, וועלכער וואַרט נאָר אויף אַ צופאַל, אום צו לאָזען איינעם פון די דאָזיגע צוויי און דרייסיג טויזענד זיין מיליאָן אָדער זיינע מיליאָנען. פאַר אַ דייטש אָדער אַ ענגלענדער איז דער חשבון נאָך בעסער, וויל אין דייטשלאַנד און אין ענגלאַנד זענען פערהאַן אַ סך מעהר מיליאָנערען, ווי, למשל, אין רוסלאַנד און איטאַליען. יעדערער פון אונז האָט אַלזאָ איין טייל מעגליכקייט פון צוויי און דרייסיג טויזענד צו ירשה'נען, נישט נעמענדיג קיין לאָטעריע־צעטעל, דאָס פערמעגען פון וועלכען ס'איז מיליאָנער, — אַ טייל מעגליכקייט, וואָס איז פיער־הונדערט־זיעבען־און־דרייסיג מאָל גרעסער פון דער טייל מעגליכקייט צו געווינען דעם האַלבען מיליאָן פראַנק, וואָס עס בעזיצט דער קויפער פון דעם דערמאָנטען לאָטעריע־צעטעל. און אויב מיר וועלען זיך בענוגענען מיט ווייניגער און צופריעדען זיין מיט דער קליינער סוממע פון האַלבען מיליאָן אויך, וועט אונזער מעגליכקייט צו ירשה'נען אַזאַ סוממע פון וועלכען ס'איז פילאַנטראָפּ, אָדער פון אַזאַ קרוב, וועלכער איז נאָך ווייטער פון אַ „רייכען פעטער" אין אַמעריקאַ, וואָס מיר האָבען קיינמאָל נישט געוואוסט פון איהם, — וועט די מעגליכקייט אונזערע זיין מיט צוויי־טויזענד־פינף־הונדערט מאָל גרעסער פון דער מעגליכקייט, וואָס עס האָט דער קויפער פון דעם לאָטעריע־צעטעל צו געווינען זיין האַלבען מיליאָן. און פונדעסטוועגען האָפט נישט קיינער פון אונז אויף אַזאַ ירושה. און זעה: אין איין לאַנד האָבען זיך געפונען צוועלף מיליאָן מענשען, וואָס האָבען בעצאָהלט צו פראַנק פאַר דעם איין פראָצענט פון פיערצעהן מיליאָן מעגליכקייט צו געווינען דאָס גרויסע געווינס, און זיי האָבען אויף דעם פראָצענט זייערע לופט־שלעסער געבויט, חאָטש דער פראָצענט איז פיער־הונדערט זיעבען און דרייסיג אָדער צוויי טויזענד פינף הונדערט מאָל קלענער פון די שאַנסען, וואָס מיר האָבען, — נישט בע־

צאָהלענדיג, וועניגסטענס, אפילו איין פרוטה — צו ירשה'נען אַ אונגעהויערעס פערמעגען. נאָך מיין מיינונג איז דער בעסטער בעווייז, אויף צו איבערצייגען גרינדליך די געשוואָרענע פעסימיסטען, — אַ בילעט פון דער דערמאָהנטער לאָטעריע.

איצט וועלען מיר בעטראַכטען די זעלביגע ערשיינונג פון אַנ'אַנדער זייט. יעדער פון אונז טהוט אַזעלכע זאַכען, וואָס ענטהאַלטען אין זיך לעבענס-געפאַהר מעהר ווי 1/14,000,000. אויף די אייראָפּעאישע אייזענבאַהנען אַליין, למשל, ווערט געהרג'עט יעדעס יאָהר מעהר ווי איין מענש פון פירצעהן מיליאָן. און געפינט זיך דען אפילו איין פעסימיסטישער מענש, וועלכער וועט זיך אָבזאָגען דעריבער צו פאָהרען מיט'ן באַהן? אַזאַ קליינע, שוואַכע מעגליכקייט איז וועניג, ווייזט אויס, אונז אָבצושרעקען; זי איז אָבער גענוג אויף אַרויסצורופען אין אונז האָפנונגען. אונזער גייסט ווערט נישט שטאַרק נתפעל פון דער שוואַכער ווירקונג, וואָס עס מאַכען אויף איהם וועלכע ס'איז נישט-אַנגענעהמע פאָרשטעלונגען, און אין דער זעלביגער צייט דערפיהלט ער גלייך די ווירקונג, וואָס עס מאַכט אויף איהם אַנ'אַנגענעהמע פאָרשטעלונג. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? ווייל דער מענש איז פון דער נאַטור גענייגט צו זעהן די גוטע זייטען פון לעבען, און נישט די שלעכטע.

דאָס בעמערקען מיר אין די גרעסטע, ווי אין די קלענסטע ערשיינונגען. ווער פון אונז וואָלט זיך עס אויסקלייבען אַ בעשעפטיגונג אויפ'ן גאַנצען לעבען, ווען ער וואָלט נישט זיין קיין פער'עקשנ'טער אָפּטימיסט, ווען ער וואָלט נישט מיט אַזאַ עקשנות ליעב האָבען דאָס לעבען. אויף יעדער לעבענס-וועג זענען גאַנץ וועניג יענע, וועלכע קומען צו ביז דער העכסטער מדרגה. פון פופציג אָפיצירען ווערט איינער אַ גענעראַל; פון הונדערט דאָקטוירים ווערט איינער פראָפעסאָר אין אוניווערזיטעט; די איבריגע בלייבען אַלע אין דער פינסטערניש, אָפט אויך אין אָרימקייט און נויט, און מוזען מלחמה האַלטען זייער גאַנצעס לעבען מיט די צרות און וועהטאָגען פון זייער פראָפעסיע, נישט איבערלעבענדיג קיין איינע אפילו פון איהרע גוטע זייטען און פערגניגענס. דאַן אָבער, ווען מיר קלויבען זיך אויס אַ פראָפעסיע, שטעלען מיר זיך פאָר נאָר דעם איינציגען גליקליכען צווישען די פופציג.

אָדער הונדערט און נישט די נײַן־און־פֿיערציג אָדער נײַן־און־נײַנציג, און מיר זענען פֿעסט איבערצײַגט אין דעם, אַז מיר וועלען זײַן דער דאָזיגער איינציגער, כאָטש דאָס איז שווער און עס זענען פֿאַרהאַן אַ מאַסע שטערונגען דערצו. דאָס זעלבע איז מיט אַלע אונזערע מעשים און געשעפֿטען. אָנוועהרען איז גיכער מעגליך ווי פֿערדינען, און פֿונדעסטוועגען טרעטען מיר דאָך צו צו אונזערע געשעפֿטען: פֿאַר'ן אָנוועהרען האָבען מיר קײַן מורא נישט און אין דעם גליקליכען פֿערדינענסט גלויבען מיר יאָ. דער אָפּטימיזם, וואָס איז טיעף אַיינגעוואָרצעלט בײַ יעדען פֿון אונז אין האַרצען, ער רוימט דאָס אונז אײַן אין אויער און זאָגט אונז צו גאָלדענע בערג, ער פֿערציהט דאָס מיט אַ גאָלדענעם פֿאַרהאַנג די פֿענסטער, פֿון וועלכע עס זעהען זיך די שלעכטע רעזולטאַטען.

בערעכענט נאָר גוט: דאָס אַלץ איז גערעדט געוואָרען נאָר בנוגע צו אונז אַליין. און צו אונזערע אייגענע ענינים. ווען אַן אַנדערער אָבער קומט צו אונז פֿרעגען אַ עצה וועגען דעם, וואָס פֿאַר אַ פּראָפֿעסיע ער זאָל זיך אויסקלויבען, אָדער וועגען די אויסזיכטען און האָפֿנונגען פֿון די געשעפֿטען, וואָס ער האָט געמאַכט אָדער וויל מאַכען, — דאַן זענען מיר קלוג. דאַן וועגען מיר און מעסטען יעדע זאַך מיט אַ קלאָרען פֿערשטאַנד, און זעהען פֿאָראויס די אַלע שטערונגען און שטרויכלונגען, וואָס קאָנען זיך מאַכען אויפ'ן וועג, אַזוי אַז מען זאָל נישט קאָנען צוקומען צום ציעל. ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַ צווייטען, זענען מיר שטענדיג גענייגט צו זאָגען שלעכטע נביאות. פֿאַרוואָס איז דאָס אַזוי? ווײַל דאַן פֿעהלט דער פּערזענליכער, נאַטירליכער אָפּטימיזם, וועלכער מאַכט, געוועהנליך, קאַליע אַלע אונזערע חשבונות און ווירקט אויף אונזער אָבשאַצונג. מיר זעהען די אַלע שוועריגקײַטען און שטערונגען, וואָס ליעגען זיי אין וועג, מיר זעהען אָבער נישט די האָפֿנונגען און דעם אימפּעט, מיט וועלכען מען קאָן בעזיעגען אַלע שטערונגען. דעם דאָזיגען אימפּעט פֿיהלט נאָר דער מענש אַליין, וועלכער האָט זיך גענומען פֿאַר וועלכער ס'איז אַרבײַט, און ער זעהט דעריבער די רעזולטאַטען פֿון דער אַרבײַט אויך אַנדערש, ווי עס זעהט זיי דער זײַטיגער מענש.

ס׳איז לעכערליך און אַנגענעהם צו זעהן, ווי די סאַמע גרעס־טע פעסימיסטען בעזיצען אויך דעם דאָזיגען אָפּטימיסטישען אינ־סטינקט און זיי ווייזען איהם אַרויס ביי יעדער געלעגענהייט, אַליין דאָס נישט בעמערקענדיג. מענשען, וועלכע רעכענען זיך פאַר פערביסענע שונאים פון לעבען, מרה־שחורה׳ניקעס, וועלכע גלויּ־בען, אַז פאַר זיי איז שוין קיין מיטעל נישט פאַראַן, ווייזען אַרויס אַ טיעפע עהרפורכט אין דער בעציהונג צו אַלטקייט און אַ פריידיגע התפעלות אין דער בעציהונג צו קינדהייט. דער זקן איז ביי זיי דער סימבאָל פון קלוגהייט און לעבענס־ערפאַהרונג, און דאָס קינד — פון פריהלינג און פון דער ענטוויקלונג פון די קרעפטען.

און דאָס קינד איז דאָך פאָרלויפיג נישט מעהר, ווי אַ קליינע, אונבעוואוסטזיניגע היה׳לע, וואָס שמוצט זיך כסדר, שרייט און קוועלט זיינע אַרומיגע; און דער אַלטער מאַן, בעטראַכטענדיג איהם אָהן וועלכע ס׳איז פאָראורטיילען, שטעלט פאַר מיט זיך קער־פערליך אַ בילד פון צופוילטקייט, שוואַכקייט און צופאַלעניש, און גייסטיג — אַ בלינדען עגאָאיזם, וואָס ווייסט נישט פון קיינע גרענע־צען, אַ ווילדע אייגענ־ליעבע, וואָס לאָזט נישט דענקען וועגען קיין אַנדער זאַך אויסער וועגען זיך. דעם אַלטען מאַן אינטערעסירען נאָר די זאַכען, וואָס זענען נוגע איהם פערזענליך; דער פאַר־ראַט פון זיין אָבגעשוואַכטען, בעשרענקטען דענקען בעשטעהט נאָר פון אַלטע טעותים און אָבגעלעבטע פאָראורטיילען, וואָס זענען שוין לאַנג פערשימעלט, און דער דאָזיגער פאָרראַט איז פערמאַכט און פערשלאָסען פאַר יעדען נייען געדאַנק און בעגריף. הײַנט פאַר־וואָס־זשע בעטראַכטען מיר פאָרט דעם אַלטען מיט אַזאַ טיעפען דרך־ארץ און פאַרוואָס ווערען מיר דאָך פול מיט אַ צערטליכער זיסקייט, זעהענדיג אַ קינד? ווייל מיר זענען גליקליך דאַן, ווען מיר קענען זיך בעשאַפען פערשידענע אילוזיעס, און ווייל דער אָנהויב פון לעבען און זיין ענדע, דאָס ערשטע און לעצטע קאַפּיטעל פון דעם לעבענס־ראָמאַן, גיבען אונז די מעגליכקייט אויסצופילען די פעהלענדע קאַפּיטלען, ווי מיר ווילען אַליין און זיך אויסצוועבען די שענסטע בעצויבערענדסטע בילדער. דעם אַלטען גיבען מיר אין אונזער פאַנטאַזיע אַ רייכע פערגאַנגענהייט, און דאָס קינד — אַ גלענ־צענדע צוקונפט, האָטש ביי ניין־און־נײַנציג פאַלען פון הונדערט

איז אָט דער עהרווירדיגער אַלטער מאַן געווען יונגערהייד אַ איינפאַכער שוטה, מיט די קליינלעכע מעלות און הסרונות פון וועלכען ס'איז גאַס־מענשען, און פון דעם קליינעם „מלאכ'ל", פונ'ם קינד, וועט אויסוואַקסען אַ אויסגעפּראַנטעוועטער אידיאָט, אַ סוחר'ל, אַ קרעמער'ל און בכלל איינער פון יענע טויזענדער, וואָס האַלטען אין איין אָפּנאַרען, רכילות זאָגען, הנפ'נען דעם שטאַרקערן און אַזוי ווייטער, וואָס ווימלען און שווימלען אַרום אונז און רופען נישט אַרויס אין אונז נישט קיין אַכטונגס־געפיהלען און נישט קיין פערגעניגען. מיר אַנערקענען די עקזיסטענץ פון שלעכטע טהאַטזאַכען און ערשיינונגען נאָר דאַן ערשט, ווען מיר שלאָגע זיך אָב אָן זיי די נאָז, און אויך דאָס נישט שטענדיג; דאָרט אָבער, וואו אונזערע פאַנטאַזיע האָט די פרייע מעגליכקייט, — ווי ביי די ביישפּיעלען, וואָס איך האָב דאָ געבראַכט פון דעם קינד און אַלטען מאַן — זיך אַליין אויסצופילען דעם פּלאַץ פון גענויע ידיעות בנוגע צו דער פערגאַנגענהייט און דער צוקונפט, מיט אייגענע גוטע אָדער שלעכטע, שענע אָדער מאוסע בילדער, — דאָרט צווייפלען מיר נישט אפילו איין סעקונדע און שטעלען זיך אָב אויף דאָס ערשטע. אויף אַזאַ אופן ווערען ביי אונז, נישט־לאַנג־קלערענדיג, דאָס קינד און דער אַלטער פערוואַנדעלט אין „האַלב־געטער", וועלכע זענען אין דער אמת'ן נישט מעהר ווי ערשיינונגען, וואָס אילוסטרירען אַמבעסטען אונזער אינערליכען, טיעף־איינגעוואָרצעלטען אָפּטימיזם.

די מעשה'לעך און לעגענדעס, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס די וועלטאַנשויאונג פון דעם פּראָסטען המון און זיינע אינערליכע נייגונגען, אילוסטרירען אויך הונדערטער מאָל דעם עלעמענטאַרען אָפּטימיזם, וואָס לעבט טיעף אין די פאָלקס־מאַסען. איך האָב שוין פריהער געוויזען, ווי ווייט קאַלטבלוטיג און רוהיג יעדער איינצעלנער מענש בעציהט זיך צו דעם שרעקליכען געדאַנק וועגען טוידט. דער המון געהט נאָך ווייטער: ער מאַכט פון דער צרה אַ גליק, און טראַכט זיך אויס אַ מעשה, וואָס דריקט אויס דעם געדאַנק, אַז דער טוידט איז גאָר אַ גליק פאַר'ן מענשען און דאָס אייביגע לעבען וואָלט זיין שרעקליך און אונערטרעגליך. וואָרום דאָס איז דאָך דער קלאָרער מוסר פון דער לעגענדע וועגען דעם אייביגען יודען, וואָס בעט אויף זיך דעם טוידט מיט דער שטאַרקסטער פערצווייפלונג, און קאָן איהם נישט געפינען. איז דען נישט

גלײַך דער המון, וואָס האָט די לעגענדע אויסגעקלערט, צו יענעם פוקס, וועלכער זעהענדיג, אַז ער קען נישט צוקומען צו די טרויבען, וואָס הענגען אויפ׳ן שפּיץ בוים, זאָגט ער, אַז זיי זענען ביטער? מיר קענען נישט לעבען אייביג. רעדען מיר זיך איין, אַז דאָס אייביג לעבען איז אַנ׳אומגליק; און דער לעבּ-יונג טרייסט זיך דערמיט, און שרייט טאַנצענדיג: עס און טרינק, כל-זמן דו לעבסט!

דער אמת איז, אַז דער אָפּטימיזם איז דער וויכטיגסטער עלע-מענט אין דעם מענשענ׳ס וועלטאַנשויאונג, און דער נאַטירליכער אינסטינקט, וואָס בעגלייט דעם מענשען אומעטום. דאָס, וואָס מיר רופען אָן אָפּטימיזם, איז איינפאַך די פאָרם, אין וועלכער עס דריקט זיך אויס אונזער לעבענס-קראַפט; אין וועלכער דער גאַנצער לע-בענספּראָצעס פון אונזער אָרגאַניזם קומט צום בעוואוסטזיין. דער אָפּטימיזם איז אַלזאָ נאָר אַ צווייטע בעצייכנונג פאַר דעם בעגריף פון לעבענסקראַפט, און אַ דאַנק איהם פיהלען מיר שטאַרקער דעם פאַקט פון אונזער זיין, פון אונזער עקזיסטירען. מיר שפּירען די לעבענסטעטיגקייט אין יעדע צעללע פון אונזער איך, — יענע פּרוכט-באַרע טעטיגקייט, וואָס טרייבּט אונז כסדר צום אַרבּייטען און גיט אונז פאָראויס צו פיהלען דעם טעם פון דער אַרבּייט; מיר גלויבען אין אַ צוקונפט, ווייל מיר פיהלען איהר פריהער אין אונזער גאַנצען וועזען; מיר האָפען, ווייל מיר זענען דורכגעדרונגען מיט דעם בע-וואוסטזיין, אַז מיר וועלען נאָך לעבען, אַז מיר וועלען נאָך לאַנג עקזיסטירען. און ערשט דאַמאָלס, ווען מיר פערליערען דעם דאָ-זיגען בעוואוסטזיין צוזאַמען מיט דער לעבענסקראַפט, — ערשט דאַן פערליערען מיר אויך דעם לעצטען פונק פון האָפנונג און די ליכט-טויערן פון דער צוקונפט פערשליסען זיך; דאַמאָלס אָבער זענען שוין די אויגען אויך פערמאַכט און זיי קענען שוין נישט זעהן מעהר די פינסטערניש. די פעהיגקייט פון אונזער אָרגאַניזם זיך צו-צופּאַסען צו די בעדינגונגען, אין וועלכע ער געפינט זיך, די פע-היגקייט, וואָס אָהן איהר וואָלטען מיר גאַרנישט קענען עקזיסטירען, און וואָס טרייבּט אונז און צווינגט אונז זיך צו ענטוויקלען לויט אַ געוויסען פּלאַן, — די דאָזיגע פעהיגקייט איז דער לעבעדיגער יסוד פון דעם אָפּטימיזם, וועלכען מיר האָבען קענען געלעדרנט פון איין זייט אין אונזער בענוגענען זיך מיט וואָס מיר האָבען, און פון דער אַנדערער זייט — אין אונזער האָפען און וואַרטען אויף בעסערע צײַ-

טען. שטאַרקעס שטרעבען צו אַ הויכען ענטוויקלונגס־ציעל, קראַפט צו בעשיצען זיך געגען פייַנדליכע ווירקונגען, בעוועגונג, פּאָרט־שריט, האָפנונג, לעבען, — די אַלע אויסדריקען זענען נאָר סינאָנימען פון אָפּטימיזם.

דער אַלטער רוימער, וועלכער האָט אויסגעקלערט דעם שפּריכ־וואָרט: Dum spìro spero (אַזוי לאַנג, ווי איך אָטעם, האָף איך), האָט אויסגעדריקט די פילאָזאָפיע פון דעם לעבענס־פּראָצעס אין קורצע, קלאָרע ווערטער.

——————

# די פיזיאלאגיע פון ליעבע.

די ליעבע, — דער וויכטיגסטער אינסטינקט פאר דער ערהאלטונג פון דעם מענשליכען געשלעכט, — וואס׳רע מאדנעם אויסזעהן האט זי געקראגען א דאנק דעם איינפלוס פון דער שענער ליטעראטור! ס׳איז נישטא נאך איין גרונד־אינסטינקט אין דעם מענשליכען ארגאניזם, וואס מ׳זאל איהם האבען אזוי בעשענט און בעפוצט, און נאך איין גייסטיגע ערשיינונג, וואס מ׳זאל איהר האבען אזוי פערנעבעלט און פערשמירט, ווי דער ליעבע.

און ביז אזוי וויט איז די זאך צוגעקומען, אז ביי היינטיגען טאג איז דאס שוין נישט פון די לייכטע זאכען אויסצופארשען מיט א קלארען פערשטאנד און מיט א וויסענשאפטליכער, שטרענג־אביעקטיווער מעטאדע דעם וועזען פון דער ליעבע, איהר פראצעס, איהר צוזעקמעסיגקייט, איהרע ווירקונגען און די פערשידענע גייסטיגע ערשיינונגען, וואס בעגלייטען איהר. די אלע טרוימער און פאנטאזיארען, די אלע עקזאלטירטע היץ־קעפ, די מענער, ווי די פרויען, וואס זייער איינציגע גייסטיגע שפייז, די שענע ליטעראטור, האט צוטומעלט און פערנעבעלט זייער שוואכען קאפ, — וועלען מאכען א געוואלד אויף דעם פארשער, וואס אנאליזירט דעם ליעבעסגעפיהל און צוגליעדערט די קלענסטע עלעמענטען זיינע, און וועלען פאדערן, אז מ׳זאל איהם האטש נעהמען און פערווארפען מיט שטיינער. זייער כעס אויף דעם דאזיגען פארשער האט גאר קיין גרענעץ נישט. און ער זעהט אויס ביי זיי, ווי א מענש אהן א הארץ און ווי א

גייסטיגער בעל מום, וואס די נאטור האט פון איהם אוועקגענומען די גרעהאבענסטע און איידעלסטע געפיהלען. דער דאזיגער קאלטער פארשער איז א שווערער פערברעכער, וואס איז מורד אין דער קעניגליכער האהייט פון דער פרוי און פערשוועכט דאס הייליגסטע הייליגטום פון דער ליעבע. מיט אזעלכע נעמען און טיטולען האבען זיי געקרוינט דעם פילאזאף שאפענהויער און זיין נאכפאלגער עדוארד הארטמאן; און אזוי וואלטען די דאזיגע דיענער פון דעם ליעבעס-גאט געווים געוופען אויך דארווינ'ען, ספענסער'ן און דעם דענקער בען, ווען זיי וואלטען נאר לייענען זייערע ווערק און פערשטעהן, וואס עס טהוט זיך אין זיי. די ליעבע טאר נישט געשילדערט, נאר בעזונגען ווערען. צו איהר טאר מען נישט צוגעהן אלס בעאבאכטער און פארשער, נאר אלס פערליעבטער. אבער, רבותי: דאס איז דאך א גזרה, וואס מיר קענען איהר נישט בייַשטעהן. אט קען איך דאך רעדען וועגען הונגער אפילו אויך דאן, ווען איך בין נישט הונגעריג; אט קען איך דאך רעדען וועגען שרעק, אפילו אויך דאמאלס, ווען איך שרעק מיך נישט. איך מעג, הייסט עס, קאלטבלוטיג צוגליעדערען די דאזיגע ערשיינונגען, און קיינער וועט מיך פון דעסטוועגען נישט חושד זיין, אז איך בין גארנישט מסוגל אין גאנצען אבצושאצען דעם ווערט פון א געשמאקען מיטאג, אדער אז איך בין אינגאנצען נישט פעהיג צו שפירען די אויפרעגונגען, וואס עס רופט ארויס אין א מענשען א שווערע געפאהר, למשל, פון וועלכער ער האט נישט קיין שום מעגליכקייט זיך צו פערהיטען. היינט פארוואס-זשע זאל איך נישט קענען בעאבאכטען מיט א קלארען בליק און גרינדליך ערפארשען אויך די ליעבע, און דאך זאל מען נישט זאגען אויף מיר, אז איך בין אינגאנצען נישט מסוגל די ליעבע צו פיהלען, און ממילא אויך איהר צו בעגרייפען? דער מענש, ווען ער איז הונגעריג, אדער ווען ער שרעקט זיך, איז דאך גארנישט פעהיג גוט דורכצונעהמען דעם געפיהל פון הונגער אדער פון שרעק, איהם גרינדליך אויסצופארשען און צו אורטיילען וועגען איהם. פון דעם הונגעריגען קענען מיר דאך נישט פערלאנגען, ער זאל אונז וויסענשאפטליך און מעטאדיש איבערגעבען די ווירקונג פון דער פאנטאזיע וועגען א גוטע שטיק געבראטענס אויף זיין נערווען-סיסטעם, ווען דאס זעלבינע שטיק געבראטענס ליעגט איהם פאר די אויגען; און דער,

וואָס שרעקט זיך, אויב ער איז נאָר קיין נאַר נישט, וועט בעסער טראַכטען וועגען אַ מיטעל אויף צו ראַטעווען זיך פון דער פאַר־שטעהענדער סכנה, און וועט זיך נישט אַוועקשטעלען דאַמאָלס גריבלען אין זיך און אַנאַליזירען זיינע געפיהלען. דאָס זעלבע קאָנען מיר אויך נישט פאָדערן פון דעם פערליעבטען, ער זאָל אונז בעלייכ־טען דעם פראָצעס פון דער ליעבע און אַלע איהרע ערשיינונגען. דאָס קאָן טהון נאָר דער זייטיגער, אָביעקטיווער צושויער, וועל־כער האָט די פולע מעגליכקייט צו רעדען וועגען ליעבע, נישט פאַ־לענדיג אויף די קניע, נישט אויפהויבענדיג די אויגען צום הימעל און זיך נישט אַוועקלאָזענדיג אין אַ ים פון לירישער מליצה. און דוקא דערפאַר, וואָס די ליעבע איז דאָס מעכטיגסטע און פאַר דער מענשהייט אַממעהרסטען־בעדייטענדע געפיהל, מוז מען זי בעטראַכ־טען נאָך מיט אַ קלערערען קאָפּ און ווי ווייט נאָר מעגליך איז זיך היטען פון שווערמעריי און אויפרעגונג, פון וועלכער ס'איז ביל־דער־און בלומען־שפראַך, ווען מיר רעדען וועגען איהר, אום אויף אַזאַ אַרט נישט צו פערדעקען דעם ווירקליכען פאַקט מיט אַ שלייער פון בלומען און מליצות.

און דער פשוט'ער אמת איז, אַז די ליעבע איז נישט קיין הימלישעס וועזען, נאָר אַ קינד פון דעם איינפאַכען „בשר־ודם“. דאָס איז דער פשוט'ער אמת, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די געליעבטע און פערליעבטע ווילען איהם נישט אַנערקענען. אין דעם מענשליכען מאַרך איז פאַראַן אַ העכסטעס געשלעכטס־צענ־טרום, פון וועלכען עס זענען אָבהענגיג די ניעדריגערע צענטערן, וועלכע געפינען זיך אינ'ם רוקען־מאַרך (הוט־השדרה), און וועלכע ווירקען פון זייער זייט אויף דעם הויכען צענטר מיט זייערע אויפ־רעגונגען. אין דער צייט, ווען די געשלעכטס־אָרגאַנען פון דעם מאַנספערזאָן אָדער פון דער פרוי ווערען פאָלשטענדיג צייטיג און ענטוויקעלט, געפינט זיך דאָס געשלעכטס־צענטרום פון זייערע גע־הירען אויך אין אַ שטענדיגען צושטאַנד פון געשפאַנטקייט און ווערט זעהר לייכט אויפגערייצט. די דאָזיגע רייצבאַרקייט בעהערשט דעם גאַנצען אינערליכען בעוואוסטזיין פון די אויפגערעגטע נאַטורען און פון יענע, וואָס זייער גייסט איז מיט קיין זאַך נישט בעשעפטיגט, און ווירקט אויף זייער דענקענס־קראַפט, אויף זייער פאַנטאַזיע, אויף זייער ווילען. אַ דאַנק דער דאָזיגער רייצבאַרקייט ווערט דער מוח פול

מיט פערשידענע פאָרשטעלונגען פון די געשלעכטס-בעציהונגען און זיין גאַנצע טעטיגקייט בעקומט איין-איינציגע ריכטונג — אַ גע-שלעכטליכע. דער מאַנספּערזאָן אָדער די פרוי, וואָס געפינט זיך אין דעם צושטאַנד, פיהלט אין זיך אַ אינערליכע אויפרעגונג און אַ ליעבעס-דראַנג, און עס איז גענוג, זיי זאָלען זיך נאָר בעגעגענען, אום די דאָזיגע ליעבעס-בענקשאַפט זאָל געפינען פאַר זיך עפּעס אַ גע-גענשטאַנד און אננעהמען דעם האַראַקטער פון ליעבע. דאָס גע-ליעבטע וועזען פילט דאַן אויס די גאַנצע טעטיגקייט פון מארך, אַזוי אַז עס בלייבט נישט אין איהם קיין פלאַץ פאַר קיין אַנדער געדאַנק; און דער מאַרך אורטיילט וועגען דעם וועזען נישט ווי עס איז אין דער ווירקליכקייט, נאָר ווי עס פּאַסט פאַר די אָרגאַנישע בעדערפנישען פון דעם ליעבענדען וועזען.

יעדע געזונדטע מענשליכע פּערזענליכקייט פיהלט אינסטינקטיוו די אַלע אייגענשאַפטען, וואָס עס מוז בעזיצען די פּערזענליכקייט פון דעם אַנדערן געשלעכט, אום די פעראייניגונג מיט איהר זאָל דערהאַלטען און נאָך ווייטער ברענגען איהרע אייגענע אייגענשאַפטען אין די נאָכקומענדע, וואָס וועלען געבוירען ווערען פון איהר. און וואָס מעהר געבילדעט, אייגענאַרטיג און דיפערענצירט די דאָזיגע פּערזענליכקייט איז, אַלץ העכער און קאָמפּליצירטער זענען אויך די אייגענשאַפטען, מיט וועלכע זי בעקרוינט דעם געווינשטען און ערוואַרטעטען אינדיווידואום פון דעם אַנדערן געשלעכט. בעזיצט אַ מענש די ברירה זיך אויסצוקלייבען איינעם פון אַ סך אינדיווידואומען, וועט ער זיך זיכער און אונגעפעהלט אָבשטעלען אויף דעם, וואָס איז אַמנעהנטסטען צו זיין אָרגאַנישען אידעאַל, וועלכען ער האָט זיך בעשאַפען אין דער סעקונדע, ווען ער איז געשלעכטליך ציי-טיג געוואָרען; און בעזיצט ער אַזאַ ברירה נישט, וועט ער צופרידען דען זיין מיט דעם ערשטען און בעסטען אינדיווידואום, וואָס וועט זיך איהם מאַכען, אויב עס וועט נאָר נישט זיין אויף אַזוי פיעל ווייט און אַנדערש פון זיין אידעאַל, אַז עס וועט גאָרנישט בעזיצען די קראַפט אויפצורעגען זיין געשלעכטס-צענטר און וועט איהם לאָזען ביי דער זעלביגער גלייכגילטיגקייט, ביי וועלכער עס וואָלט איהם געלאָזען אַ אינדיווידואום פון זיין געשלעכט, אַ בהמה, אָדער בכלל אַ טוידטער געגענשטאַנד.

וואָס נעהענטער איין אינדיווידואום איז צו דעם אָרגאַנישען אי-

דעאל פון דעם אנדערן, אליץ שנעלער געהט די נאטורליכע ארבייט
פון דער פעראיינינונג זייערער; הארמאנירען זיי אינגאנצען איינער מיט'ן
אנדערן, דאן טהוט א קלאפ דער בעקאנטער בליצשטראהל און זיי
פערליבען זיך אין דער סעקונדע, איין דעם ערשטען אויגענבליק,
און עס דאכט זיך זיי, אז זיי קאנען און ליבען זיך שוין לאנג;
און קוים זענען פערהאנען געוויסע אונטערשידען צווישען דעם אי=
דעאל און דעם אנדערן אינדיווידואום, ווענדעט אן דער מענש אלע
מעגליכקייטען די דאזיגע אונגלייכהייטען נישט צו זעהן, זיי אויסצו=
גלייכען, זיך צו זיי צוצופאסען און צוצוגעוועהנען און בכלל צו
דערנעהנטערן, ביי זיך אין גייסט, זיין אידעאל צו דעם אינדיווידואום.
אין אזעלכע פעלען פערליבט מען זיך ביסלעכווייז, לאנגזאמער אדער
שנעלער, אבהענגיג פון דער מעגליכקייט צוצופאסען דעם געגענ=
שטאנד פון דער ליבע צו דעם אידעאל, וואס האט זיך אויסגעוועבט
פריהער. ליבען ליבט מען אייגענטליך קיינמאל נישטט קיין מענ=
שען, נאר דעם אידעאל, וואס מ'האט זיך אליין בעשאפען; דאס,
וואס מ'רופט ליבעסדראנג, איז די שטרעבונג צו געפינען די פער=
קערפערונג פון דעם אייגענעם אידעאל, און דאס, וואס מיר רופען
ליבע, איז די אילוזיע, מיט וועלכער מיר נארען זיך אליין אב
און רעדען זיך איין, אז מיר האבען די דאזיגע פערקערפערונג גע=
פונען, און דאס געליבטע וועזען איז דער סימבאל און די פאר=
שטעלונג פון אונזער אידעאל. דאס ליבעס=לעבען פון יעדען אינדיווי=
דואום הויבט זיך אלזא אן צוזאמען מיט זיין געשלעכטס=צייטיגקייט
און ציהט זיך אויך אזוי לאנג ווי זי. דאס אידעאל איז דאן ארגאניש
אויסגעארבייט און פונקציאנירט, וועהרענד דער גאנצער צייט, נישט
אבהענגיג דערפון, צי עס ווערט פערווירקליכט, צי נישט. דאס אי=
דעאל שטעהט און ווארט אב די געלעגענהייט, וואס זאל איהם
געבען די מעגליכקייט זיך צו פערקערפערן. געפינט מען נישט פאק=
טיש וועמען צו ליבען, ליבט מען בכח (פאטענציעל), אין
געדאנק; געפינט מען נישט קיין בעשטימטען מענשען צום ליבען,
ליבט מען דעם אידעאל אליין. וואס נידריגער און איינפאכער דאס
אידעאל איז, אליץ לייכטער איז איהם צו פערקערפערן. דעריבער
קענען זיך געמיינע, איינפאכע נאטורען גאנץ לייכט פערליבען און
אומבייטען איין ליבעס=וועזען אויפ'ן אנדערן, אזוי, אז זיי קענען
היינט ליבען איינער און מארגען — דער אנדערער, דאן ווען פיינע,

קאָמפּליצירטע נאַטורען, קומט אָן זעהר שווער צו געפינען אין לעבען זייער אידעאַל אָדער עטוואָס עהנליכעס צו איהם, און קוים האָבען זיי איהם איין מאָל געפונען און צוליעב וועלכע ס׳איז סבה פערלוירען, — מוז אַוועקגעהן אַ לאַנגע צייט, ביז זיי געפינען אַנ׳אַנדערן אויף זיין אָרט.

בעציהונגען מיט אַ פּערזאָן פון אַנ׳אַנדער געשלעכט ווירקען אַלס שטאַרקער רייץ אויף דעם געשלעכטס־צענטר און די פּער־זאָן, וואָס דיענט אַלס געגענשטאַנד פאַר דער בעציהונג, קען אונטער דעם איינפלוס פון דעם אויפגערעגטען צושטאַנד, אין וועלכען עס געפינט זיך זיין געשלעכטסצענטער, גאַנץ לייכט פערליערען די זי־כערהייט פון דעם אינסטינקטיווען געפיהל דערפון, וואָס עס איז אָרגאַניש נויטיג פאַר דער ערהאַלטונג און ענטוויקלונג פון זיינע איי־געשאַנפטען און זיינע נאָכקומענדע, און אויף אַזאַ אופן בעגעהן אַ פעהלער, וואָס דויערט, איבריגענס, נישט לענגער פון די בע־ציהונגען, ד. ה. פון די צושטערענדע אויפרעגונגען. די איבערצייגונג פון דעם דאָזיגען פעהלער רופט אַרויס געפיהלען פון הרפה און פערדרוס, וועלכע ווערען דערנאָך פערוואַנדעלט אין אַ ביטערער שנאה צו דעם אינדיווידואום, וואָס האָט געבראַכט דערצו, און וועלכע גע־הערען צו די שאַרפסטע עמפּפינדונגען פון אונצופריעדענהייט, אויף וועלכע דער מענש איז נאָר פעהיג.

די געזונדטע און נאַטירליכע ליעבע האָט זיך שטענדיג איהר קלאָרען ציעל פאַר די אויגען. זי שטרעבט צו יענער קערפּערליכער פעראיינינונג, פון וועלכער עס קאָן אַרויסקומען אַ נייער דור. ביי שטאַרקע נאַטורען רופט די ליעבע אַרויס אַ אונגעוועהנליכע ווילענס־קראַפט, אום צו בעזיעגען יעדען ענטקעגען־שטעהענדען ווילען און בייצוקומען די שווערסטע שטערונגען. ביי שוואַכע נאַטורען רופט זי די פעהיגקייט נישט אַרויס; זיי בלייבען ביים ווילען. מיר קענען אַלזאָ נישט מעסטען די שטאַרקייט פון וועמענס ס׳איז ליעבע, לויט די אָנשטרענגונגען, וואָס ער ווייזט אַרויס, אום צו בעקומען זיין גע־ליעבטער, וואָרום די שווערקייט פון די דאָזיגע אָנשטרענגונגען איז אָבהענגיג פון זיין שטאַרקען ווילען און נישט פון זיין שטאַרקער ליעבע. מ׳מוז אָבער צוגעבען, אַז ביי אַ געזונדטען און נאָרמאַלען מענשען זענען אַלע מאַרך־צענטערן אין אַ גלייכער מאָס ענטוויקעלט, און מענשען מיט שוואַכע נאַטורען האָבען אפשר טאַקע נישט אין

זייער מאַרך קיין שטאַרקע געשלעכטסצענטרען. בכלל זעהט מען, אַז די מענשען, וועלכע קענען שטאַרק ליעבען, בעזיצען אויך שטאַרקע נאַטורען.

דער אונטערשיעד צווישען דעם מאַנספּערשוין און דער פרוי אין דער בעציהונג צו דער ערהאַלטונג פון דעם גאַנצען מענשליכען געשלעכט, רופט אַרויס אַ אונטערשיעד אויך אין זייער ליעבעס־פּראָצעס. די ראָליע פון דער פרוי איז דאָ אונפערגלייכליך וויכטיגער: איהר שטעהט פאָר צו געבען דעם גאַנצען מאַטעריאַל פאַר דער אויסבילדונג פון דעם נייעם וועזען, און דעם דאָזיגען מאַטעריאַל דאַרף זי אינגאַנצען אויסאַרבייטען אין איהר אָרגאַניזם און איבער־געבען איהם הויפּטזעכליך די אייגענע אייגענשאַפטען, ווי זי האָט זיי געירשה'נט פון איהרע עלטערן. דאַגעגען דער מאַנספּערזאָן טראָגט אַריין אין דער דאָזיגער לאַנגדויערענדער, שווערער און העל־דישער אַרבייט נאָר זיין אָנרעגונג, זיין אימפּולס. ביי דער פרוי איז דעריבער דאָס געשלעכטסצענטרום שטאַרקער ענטוויקעלט, ווי ביי דעם מאַנספּערזאָן, און זיין טעטיגקייט איז לעבעדיגער און וויכטיגער פאַר דער אַלגעמיינער מאַרך־טעטיגקייט. דאָס אידעאַל פון דעם איהר אָרגאַניש־נויטווענדיגען מאַנספּערזאָן איז ביי דער פרוי דייטליכער און קלערער אויסגעאַרבייט, ווי ביי איהם, און אויב זי האָט גע־פונען איהר אידעאַל אין לעבען, איז איהר כמעט אונמעגליך זיך אָבצוזאָגען פון איהם און די שטאַרקע אויפרעגונג פון איהר גע־שלעכטס־צענטרום שטייסט אַרויס פון איהר בעוואוסטזיין אַלע אַנ־דערע שטרעבונגען, אַזוי אַז זי איז דאַן אינגאַנצען פערנומען — נאָר מיט דעם איינציגען געפיהל פון ליעבע. איהר גאַנצען ווילען, איהר גאַנצען פערשטאַנד און איהר גאַנצע פאַנטאַזיע גיט זי איבער דער ליעבע און לאָזט גאָרנישט צו דעם פאַל, אַז דער פערשטאַנד זאָל בעזיעגען איהר עמאָציע. די פרוי פיהלט אינסטינקטיוו, אַז זי טאָר קיין פעהלער נישט מאַכען, אַז יעדער פעהלער קען ברענגען צו אונאַנגענעמע רעזולטאַטען פאַר איהר און איהרע נאָכקומענדע, דע־ריבער היט זי זיך מעהר און איז פאָרזיכטיגער אין איהרע בעציהונגען. פון דער אַנדערער זייט אָבער, דערקענט זי זיכער און גלייך, אַז זי האָט נישט געגרייזט, ווען זי געפינט דעם מאַנספּערזאָן, וואָס זי האָט געזוכט, און דאַן ווערט זי זיך שווין לייכטער אָבזאָגען פון לעבען, ווי פון דעם איהר־אויסערוועהלטען. ביי דעם מאַנספּערזאָן איז אַלץ

אַנדערש. ער קאָן לײַכטער אַ טעות האָבען, ווײַל דער טעות ווערט זיך מיט קײן זאַך נישט אָבגערופען אויף זײַן אָרגאַניזם. דעריבער איז אויך זײַן אידעאַל פון דער איהם אָרגאַניש-נויטהווענדיגער פרוי ווענינער דײַטליך אויסגעבילדעט; דעריבער קען ער זיך פערליעבען, אָהן שום שהיות, אין דער ערשטער און בעסטער פרוי, וואָס מאַכט זיך איהם; דעריבער איז ער אַזוי אונבעשטענדיג אין זײַן ליעבע, ון קען אַזוי אָפט ליעבען, אַזוי לײַכט פערגעסען און אַזוי שנעל זיך פערליעבען אין אַנ'אַנדערער, און דעריבער אויך קען זײַן ליעבע פערהעלטניסמעסיג לײַכט פערנומען ווערען פון אַנדערע געדאַנקען, אָבגעשוואַכט ווערען מיט'ן פערשטאַנד און זאָגאַר אויך אינגאַנצען בעזיעגט ווערען.

דאָס איז אין קורצען די נאַטור-געשיכטע פון דער ליעבע, ווי מען בעאָבאַכטעט זי בײַ גאַנץ געזונדטע און נאָרמאַלע מענשען פון בײדע געשלעכטער. ציִ בעגעגענט מען אָבער דער דאָזיגער אײנ-פאַכער, אמת'ער און צוועקמעסיגער ליעבע אויך אין יענע קרײַזען פון דער געזעלשאַפט, וועלכע שפּײַזען זיך כסדר מיט דער אונטערהאַל-טונגס-ליטעראַטור? איך צווייפעל אין דעם. דאָס, וואָס עס ווערט גערעכענט אין יענע קרײַזען פאַר ליעבע און אָנגערופען מיט דעם נאָמען, איז אין דער אמת'ן נישט מעהר ווי נאָכאַהמונגען פון די נישט-געזונדטע און נישט-אמת'ע גײַסטעס-צושטאַנדען, מיט וועלכע עס זענען פול די שילדערונגען פון די ראָמאַנען און דראַמען.

שטערונגען און קראַנקהײַטען אין דעם געשלעכטס-צענטער גע-הערען הײַנט צו די אָפטע ערשײַנונגען בײַ די הויכ-ציווילי זירטע מענשען. שוואַכקײַט, מידיגקײַט און דאָס אונטערגעהן פון אײנ-צעלנע אינדיווידואומען און פון גאַנצע פעלקער און ראַסען, דריקט זיך פריהער פון אַלץ אויס אין פערשידענע אַנאָמאַליען בנוגע צו די פונקציעס פון דעם געשלעכטס-צענטרום, אַזוי, אַז די ליעבע ווערט אוננאַטירליך אין איהר פאָרם, אין איהר שטאַרקײַט און אין איהר אויסוואַהל. דאָס געשלעכטס-צענטרום בײַ געזונדטע מענשען אפילו שטרעבט אויך נאָר צו בעהערשען די גאַנצע טעטיגקײַט פון דעם אָרגאַניזם און איהר אינגאַנצען אין זײַן דיענסט צו שטעלען, נאָר די איבריגע צענטערן לאָזען דאָס נישט. דאַן אָבער ווען דער מאַרך איז אָבגעשוואַכט אָדער ווען ער האָט פערלאָרען דאָס גלײַכגעוויכט, הויבט אָן דאָס געשלעכטס-צענטרום פרײַ צו הערשען און צו בע-

פֶעהלֶען. פִילט אוֹיס מִיט זַיין אוֹיפרֶעגוּנג דֶעם גאַנצֶען בֶּעוואוּסטזַיין, מאַכט דֶעם גאַנצֶען אָרגאַנִיזם פאַר זַיין שקלאַף, און אוֹיף דִי חוּרבּוֹת פון דֶעם פֶערשטאַנד און דֶער דֶענקֶענס־קראַפט הֶענגט עֶס אַרוֹיס זַיין טרִיאוּמפִירֶענדֶע פאָהן, וואָס גֶעהמט אָן אַמאָל דֶעם אוֹיסזֶעהֶן פון אַ אוּנטֶערראָק און אַמאָל — פון אַ נאַרֶעשֶׁען קאָלפאַק. דִי פּאָעֶטִישֶׁע לִיטֶעראַטוּר, בֶּעזוּנדֶער דִי פון אוּנזֶער צַייט, שִׁילדֶערט אַם מֶעהרסטֶענטַייל דֶער לִיעבֶּע אִין אִיהרֶע נִישט נאַטִירלִיכֶע פאָרמֶען. דִי שרִיפטשטֶעלֶער אַלֵיין זֶענֶען מֶענשֶׁען מִיט צוּרֵייצטֶע נֶערווֶען אָדֶער אַזֶעלכֶע, וואָס לֶעבֶּען אִין גרוֹיסֶע שטֶעדט און זֶעהֶען נִישט פאַר זִיךְ קֵיין אַנדֶערֶע בֵּיישפִּיעלֶען אוֹיסֶער יֶענֶע, וואָס האָבֶּען פֶערלוֹירֶען זֵייעֶר אָרגאַנִישֶׁע גלַייכגֶעווִיכט. און אוֹיבּ נִישט אַלֶע הֶעלדֶען, וואָס זֶענֶען גֶעשִׁילדֶערט אִין דֶער שֶׁענֶער לִיטֶעראַטוּר, לַיידֶען פון װֶעלכֶער נִישט־אִיז לִיעבֶּעס־קראַנקהַייט, שטֶעהֶען זֵיי אָבֶּער אַלֶע אוֹיף דֶער גרֶענֶעץ צווִישֶׁען פאָלשטֶענדִיגֶער גֶעזוּנדהַייט און משוּגעת. דֶער פּסִיכִיאַטאָר, לֵייֶענֶענדִיג אִין דִי דאָזִיגֶע אוּנטֶערהאַלטוּנגס־ווֶערק דִי שִׁילדֶערוּנגֶען פון דִי פֶערלִיעבּטֶע, זֵייעֶרֶע האַנדלוּנגֶען און גֶעפִיהלֶען, דֶערקֶענט אִין זֵיי גלַייךְ דִי סִימפּטאָמֶען פון יֶענֶע גַייסטֶעס־קראַנקהַייטֶען, וואָס זֶענֶען אִיהם גוּט בֶּעקאַנט. גֶעווֶעהנלִיךְ זֶענֶען דִי גֶעפֶעהרלִיכֶע סִימפּטאָמֶען נאָר לַייכט אָנגֶעוואוּנקֶען; ווֶען זֵיי וואָלטֶען אָבֶּער אַ בִּיסֶעל שטאַרקֶער אוֹיסגֶעדרִיקט גֶעוואָרֶען, וואָלטֶען מִיר גֶעקֶענט גֶעפִינֶען אִין זֵיי קלאַסִישֶׁע עֶקזֶעמפּלאַרֶען פון עֶראָטִישֶׁער מאַנִיע, עֶקסטאַטִישֶׁער פֶער׳שכּוֹר׳וּנג, רֶעלִיגִיעֶזֶער משוּגעת און פון נאָךְ אַ סך גַייסטֶעס־קראַנקהַייטֶען, ווֶעגֶען ווֶעלכֶע עֶס פאַסט נִישט צוּ רֶעדֶען פאַר אַ פּוּבּלִיקוּם פון נִישט קֵיין ווִיסֶענשאַפטס־מֶענשֶׁען. ווֶען אַ פֶערשטֶענדִיגֶער לֶעזֶער, בֶּעזוּנדֶער אַזאַ, וואָס האָט אַ שטִיקֶעל ידיעה אִין מֶעדִיצִין, ווֶעט זִיךְ נֶעהמֶען אַנאַלִיזִירֶען דִי דאָזִיגֶע ווֶערק, ווֶעט זִיךְ אִיהם דאַכטֶען, אַז עֶר גֶעפִינט זִיךְ עֶרגֶעץ אִין אַ שפִּיטאָל. כּסדר נאָר קראַנקֶע און צרה׳דִיגֶע! אָט אִיז אַ אִינדִיווִידוּאוּם, וואָס דֶערזֶעהֶענדִיג אַ פרוֹי, פֶערלִירט עֶר דֶעם פֶערשטאַנד און טהוּט אָבּ דִי ווִילדֶעסטֶע זאַכֶען; אָט אִיז אַ צווֵייטֶער, וואָס דֶערזֶעהֶענדִיג אַ הֶענדשקֶע אָדֶער אַ בּלוּמֶעל פון זַיין גֶעלִיעבּטֶער פרוֹיעֶנצִימֶער, פאַלט עֶר אַרַיין אִין אַ גֶעפֶעהרלִיכֶען עֶקסטאַז, אַ ווִילדֶען אָדֶער אַ רוּהִיגֶען. דאָ רוּפט דִי לִיעבֶּע אַרוֹיס פֶערבּרֶעכֶערִישֶׁע אִימפּוּלסֶען, און דאָרט — אוּמֶעט און טרוֹיעֶר; אַמאָל ווַייזֶען זֵיי אוּנז דֶעם צווֵייפֶעלהאַפטֶען אִיבֶּערגאַנג פון קאַפּרִיז־מֶע־

סיגער קאַלטקייט צו אַ פּלוצלונגער צערטליכקייט, און אַמאָל — די צובראָכענקייט פון אַ שטאַרקען חאַראַקטער און גייסט, די עלענדע ווילענסלאָזיגקייט און שוואַכקייט, וואָס קומט אַלס רעזולטאַט פון שטאַרקער ליידענשאַפט. און די דאָזיגע אַלע משוגעת׳ן און מערקווירדיגקייטען, עקזאַלטאַציעס און אָבזאָגונגען, שווערמעריייען און ליידענשאַפטליכקייטען, קליינינקע תאוה׳לעך און ווילדע געוואַלד־טהאַטען וועלכען געשילדערט אַלס געזונדטע און נאָרמאַלע ליעבעס־ערשיינונגען, און דער לעזער האָט אפילו די מינדעסטע אַהנונג נישט דערפון, אַז דאָ האַנדעלט זיך נאָר וועגען קראַנקהאַפטע אויסנאַהמען.

אַזאַ מין לעזע־מאַטעריאַל מאַכט אַ טיעפען און זעהר־שעדליכען איינדריק אויף אַ געזונדטען מענשען אויך; היינט ווער רעדט נאָך וועגען אַזאַ לעזער, וואָס זיינע נערווען זענען שוין עטוואָס צוטרייסעלט און וואָס האָט שוין אפשר אַ ביסעל פערלוירען זיין גייסטיגעס גלייכגעוויכט, און וועגען די גרויסשטעדטיגע פרויען? די פרוי איז פון דער נאַטור גענייגט צו בעטראַכטען די ליעבע אַלס דעם איינציגען תכלית און אינהאַלט פון דעם מענשליכען לעבען, און די דאָזיגע מיינונג, וואָס איז אפשר ריכטיג בנוגע צו איהר, אָבער נישט אויסגעהאַלטען בנוגע צו דעם מאַנספערזאָן — די דאָזיגע מיינונג שטאַרקט זיך ביי איהר פון טאָג צו טאָג, ווען זי זעהט, אַז די ביכער, פון וועלכע זי שעפּט אַלע איהרע ידיעות וועגען וועלט און לעבען, זענען פול פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה בלויז מיט ליעבע. די שילדערונגען פון דעם קאַמפף,־ וואָס ווערט געפיהרט צוליעב דער פרוי און פון דעם פייערדיגען טריאומף, מיט וועלכען דער דאָזיגער קאַמפף ענדיגט זיך געוועהנליך, פערגרעסערן נאָך מעהר איהר נאַטירליכע איבערטריבענע מיינונג וועגען זיך און ברענגען איהר ביז צו גרויסקייטס־משוגעת, ביז צו זעלבסט־פערגעטערונג, און זי הויבטווירקליך אָן צו גלויבען, אַז בעזיצען איהר איז אַזאַ הימלישעס גליק, וואָס צאָהלט זיך נישט אָב אפילו מיט דעם אָבזאָגען זיך פון אַלע אַנדערע לעבענס־אויפגאַבען און ציעלען. זי לעהרנט זיך אויס אורטיילען מענשען נאָר לויט זייער פעהיגקייט צום ליעבען; דעם עלענדען נפש, וואָס דער מאַרך זיינער איז פשוט צו שוואַך, אום זיך וויפיעל־ס׳איז ענטקעגען צושטעלען זיינע ליעבעס־אויפרעגונגען און דער שטראָם פון זיינע תאוות טראָגט איהם און שלעפּט איהם אָהן אַ שום אָבהאַלט, — געפינט זי פאַר רידהרענד און

ליִעבּעֶנסווירדיג; דאַגעֶגעֶן דעֶם געֶזונדטעֶן און שטאַרקעֶן מענשעֶן, וואָס דער פערשטאַנד צוימט איין זיינע תאוות, וואָס פערליערט זיך ניִשט אפילו אין זיינע ליִעבּעֶס־אויפרעֶגונגעֶן און איִבּט זיי אויס נאָר אויף אַזוי פיִעל, אויף וויפיעל זיי שטיִמעֶן מיִט דעֶר לאָגיִק, געֶפיִנט זי פאַר קאַלט און האַרצלאָז. פוּטעֶר־ווייכע צולאָזעֶנקייט, מיִנעֶס און ווייִנעֶנדע תנועות נעֶהמט זי אָן פאַר איִבּעֶרגעֶגעֶבּעֶנקייט און די מונטערע שטאַרקייט, וואָס דריקט זיך אויס אין זעֶלבּסט־בּעֶהערשונג און אין דער שטאָלצער אַנעֶרקעֶנונג פון דער אייגעֶנעֶר ווערדע, יעֶנע שטאַרקייט, וועלכע ווייס צו שעֶצעֶן די אייגעֶנע געֶפיהלעֶן אַזוי הויך, ווי די עֶמפּפאַנגעֶנע — הייסט בּיי איהר אָבּשטויסעֶנדע גראָבּקייט. דאָס קראַנקהאַפטע אונטערגעֶהן, וואָס מאַכט דעֶם מאַנספּעֶרזאָן פאַר אַ שפּיִעל־בּאַלל אין די הענד פון דער פרוי און פאַר אַ קרבן פון זיינע אייגעֶנע אויפרעֶגונגעֶן, נעֶהמט בּיי איהר אָן דעֶם האַראַקטער פון אמת׳ער מענשליִכקייט, און אין איהר איינבּיִלדונג גיעט זי גלייך צו דעֶם ליִעבּעֶס־העלד אַזעֶלכע אויסעֶרליִכעֶ סמנים, ווי אַ בּלאַס געֶזיִכט, אַ שמאַכטעֶנדעֶן בּליק, אַ טרוימעֶרישעֶן שטערן און אַזוי וויִיטער,—סימנים, וואָס הויבּעֶן גאָרנישט אָן געֶהערעֶן צו די אַטריבּוטעֶן פון געֶזונדקייט און מונטערקייט. זי שטעֶלט זיך פאָר, אַז די טיִעפע און אמת׳ע ליִעבּע מוז אָנגעֶהמעֶן די פאָרם פון משוגעת און פערשכור׳ונג; זי ערוואַרטעֶט פון דער ליִעבּע גייסטיִגעֶ און קערפּערליִכעֶ „קונצשטיִקער“, נאַרעֶשעֶ האַרץ־אויסגיסונגעֶן אין פּראָזאַ און אין פערזעֶן, זיפצעֶן, טרעֶהרעֶן, פערבּרעכעֶן מיִט די הענד, אונפערשטעֶנדליכעֶ, פערנעבּעלטעֶ מליצות, פערשידעֶנעֶ ווילדעֶ איינפאַלעֶן און משוגע׳דיִגעֶ מעשים; אַ שטיִלעֶס, איינגעֶהאַלטעֶנעֶס געֶפיִהל, וואָס פּלוידערט ניִשט און זשעֶסטיקוליִרט ניִשט, וואָס בּערויבּט ניִשט דעֶם אַפּעֶטיִט פון עסעֶן, שטערט ניִשט דעֶם שלאָף און גיעהט האַנד בּיי האַנד מיט דער ערפיִלונג פון די אַלטעֶגליִכעֶ פּפליִכטעֶן — אַזאַ געֶפיִהל רעֶכעֶנט זיך ניִשט פאַר קיין ליִעבּע. דער לעֶצטער שטעֶלט מען זיך פאָר נאָר אין דער פאָרם פון אַ שטורעֶם; זי מוז קומעֶן מיִט דונערן און בּליִצעֶן: דער פּערליִעבּטער מוז זיך בּעֶווייזעֶן פאַר זיין געֶליִעבּטער, ווי צעֶאוס פאַר סעֶמעֶלאַ׳ן, און בּעֶוויַזט ער זיך אַנדערש, — איז ער ניִשט דער ערוואַרטעֶטער גאָט.

דאָס איז נאָך ניִשט אינגאַנצעֶן. די שעֶנעֶ ליִטעֶראַטור שטערט

דעם ענטוויקלונגס־גאַנג פון די ליעבעס־געפיהלען ביי דעם יונגען לעזער און בעזונדער — לעזערין, דאָס איז אַ כלל אין דער נאַטור, אַז צוזאַמען מיט דער צייטיגקייט פון דעם גאַנצען אָרגאַניזם ווערט צייטיג אויך דער געשלעכטס־צענטער, און רופט אַרוס אים בעוואוסטזיין עראָטישע אויפרעגונגען און פאָרשטעלונגען. ביי דער יוגענד פון די געבילדעטע קלאַסען קומט אָבער פאָר די ערשיינונג פערקעהרט. די עראָטישע אויפרעגונגען און פאָרשטעלונגען ענטוויקלען זיך ביי זיי — צוליעב דעם לעזען פערשיעדענע ראָמאַנען — קינסטליך און זייער געשלעכטס־צענטער ווערט טהעטיג נאָך פריהער איידער ער ווערט צייטיג. אויב דער ליעבענסדראַנג איז אַ רעזולטאַט פון דעם אינדיווידואומ'ס געשלעכטליכער צייטיגקייט, האָט דאָך דער אָרגאַניזם זיינער געהאַט גענוג צייט און קראַפט זיך אויסצואַרבייטען דעם אידעאַל פון זיין געגען־אינדיווידואום, וואָס איז נויטיג פאַר איהם; אויב אָבער, פערקעהרט, די עראָטישע פאָרשטעלונגען ווערען פאַר דער צייט אַרויסגערופען מיט דער הילף פון לייענען, אַזוי ווערט דער אָרגאַניזם פון זיי איבערראַשט, עהדער נאָך ער האָט געקאָנט אויסבילדען דעם אידעאַל וואָס איז נויטיג פאַר איהם און דער רעזולטאַט דערפון איז דאָס, וואָס ער פאָלגט נישט מעהר די דונקעלע שטימען פון זיין אייגענער נאַטור, נאָר די שטימע פון דעם דיכטער אָדער שריפטשטעלער. זיין פאַנטאַזיע נעמט דאָס בילד פון דעם געווינשטען אינדיווידואום נישט פון דער געהיימער צעללען־טיעפעניש און דעם נערווען־געוועב, נאָר פון די ראָמאַנען־בלעטער. די יונגע ראָמאַנען־לעזערין אָדער טעאַטער־בעזוכערין ווייס נישט, צי דער מאַנספּערזאָן, וואָס דערנעהנטערט זיך צו איהר, איז טאַקע דער, וועלכען זי זוכט, ווארום זי האָט נישט קיין אָרגאַנישען אידעאַל פון זיין פערזענליכקייט, נאָר בלויזע ערפינדונגען פון געוויסע ראָמאַנען־אָדער דראַמען־העלדען. זי פערבייט איהרע קאַפּריזען מיט די אמת'ע בעדערפנישען פון איהר אָרגאַניזם און בעגעהט לייכטזיניג אַזעלכע פעהלערן, וואָס פערגיפטען אויף עביג דעם פרויען־לעבען.

דאָס, וואָס די געבילדעטע קלאַסען, בעזונדער אין די גרויסע שטעדט, רופען אָן ליעבע, איז, ביי ניין־און־ניינציג פּאַלען פון הונדערט, נישט קיין נאַטירליכע, אָרגאַנישע ליעבע, נאָר אַ ווירקונג פון דער פּאָעטישער סוגעסטיאָ. ווען די זיך ליעבענדע פון דער

קלאַס וואָלטען קיינמאָל נישט האָבען געליייענט קיין ראָמאַן אָדער נישט האָבען געזעהן קיין סענטימענטאַלע טעאַטערשטיק, וואָלטען זיי בעשטימט זיך נישט געפונען אין דעם גייסטעס-צושטאַנד, אין וועלכען זיי געפינען זיך איצט, און ווען זיי וואָלטען זיך ליבען איינע די אַנדערע מיט אַנ'אמת, וואָלטען זיך זייערע געפיהלען אויסגעדריקט אין געדאַנקען, ווערטער און טהאַטען, — יעדענפאַלס, גאָר אַנדערע פון די, אין וועלכע זיי דריקען זיך היינט אויס. די דאָזיגע מענשען לעבען נישט מיט'ן געשלעכטס-צענטער, נאָר מיט'ן זכרון. בעוואוסט-אָדער נישט-בעוואוסטזיניג שפּיעלען זיי אַ סאַלאָן-אָדער בולוואַר-קאָמעדיע און חזר'ן ערנסט און פלייסיג איבער די ראָמאַן-און דראַמען-סצענעס, וואָס האָבען זיך גוט איינגעקריצט אין דער פאַנטאַזיע זייערער. דער מאַנספּערזאָן, וועלכער ווערט געליעבט פון אַ בעלעזענער פרוי, דאַרף זיך מיט דער ליעבע נישט גרויס האַלטען, וואָרום אין דער אמת'ן ליעבט זי נישט איהם פּערזענליך, און אויך נישט איהר אָרגאַנישען אידעאַל, צו וועלכען ער האָט עפּעס אַ שטיקעל עהנליכקייט, נאָר דער ראָמאַנטישער פיגור, וואָס איז אויסגעקלערט געוואָרען פון וועלכען ס'איז שריפט-שטעלער און פאַר וועלכער זי זוכט עפּעס אַ פערקערפּערונג.

די שריפטשטעלער פון אַלע פעלקער, וואָס אַרבייטען לויט אַ בעשטימטען שאַבלאָן, האָבען אין דעם פערלויף פון אַ סך דורות צוגעשריבען דער פּאַריזערין אַ אייגענאַרטיגען רייץ און אַ בעזונדער „שיק". דער רעזולטאַט דערפון איז דאָס, וואָס יעדער טפּש הויבט אָן צו שלינגען דאָס שפּייעכץ פון מויל און מיט די אויגען צו ווינקען הערענדיג דעם וואָרט פּאַריזערין אָדער גאָר איהר זעהענדיג פאַר די אויגען. און אויב איהר וועט פרעגען דעם דאָזיגען אידיאָט, וואָס אַזוינס ער האָט געפונען אין דער פּאַריזערין, וועט ער אייך כסדר בלעקען מיט'ן צונג, ווי אַ קאַלב: שיק! שיק! ער זעהט דער פּאַריזערין נישט מיט זיינע אויגען, נאָר מיט די אויגען פון יענע שריפטשטעלער, וועלכע האָבען איהר געשילדערט אַלס דעם מוסטער פון פרויען-שענהייט. אַזאַ מין רעקלאַמע (קיין אַנדער נאָמען דערפאַר געפין איך נישט) האָט די ליטעראַטור געמאַכט אויך די אַרטיסטינ'ס און קונסטרייטערינ'ס, און דעריבער פערנעהמען די פּערזאָנען אַזאַ גרויסען אָרט אין דער ליעבעס-שווערמעריי פון אַלע יונקער'ס, גימנאַזיסטען און שען-גייסטיגע געשעפטס-געהילפען.

מיר וועלען פראָבירען, אויב מיר וועלען דאָס קאָנען, גרינדליכער בעטראַכטען די ליעבעס־ערשיינונגען, וואָס ענטשטעהען און וואַקסען אין אונזער אייגענער געזעלשאַפטליכער סביבה און פיהרען אָדער צו אַ גליקליכער חופּה אָדער צו שטורמדיגע קאַטאַסטראָפען. בכלל בעמערקען מיר דאָרט דעם פאָלגענדען ענטוויקלונגס־גאַנג: דער מאַנספּערזאָן געפינט זיך פערפליכטעט, לויט די אָנגענומענע עטי־קעטע־געזעצען, אַרויסצווייזען אַ בעזונדער גאַהנטקייט דער פרוי, געבען וועלכער ער זיצט ביי׳ם טיש, אָדער ער טאַנצט, און ער האַלט זיך אין דער בעציהונג צו איהר עטוואָס גאַלאַנטער, ווי אין דער בעציהונג צו אַנ׳אַנדערער. די דאָזיגע פרוי פיהלט זיך אין אָנהויב זעהר צופריעדען פון דעם געוועהנליך זעהר איבערטריבענעם איינ־דרוק, וואָס זי האָט אויף איהם געמאַכט און זיינע שמייכלעריי׳ען און כלומר׳שטע צערטליכקייטען רופען אַרויס ביי איהר אַ ליעבענס־ווירדיגע און ענטקעגען־קומענדע שטימונג, וועלכע ווערט הייטער שלעכט אויסגעטייטשט פון דעם מאַנספּערזאָן׳ס אייגענליעבע. איצט הערט שוין אויף צו ווירקען דער צופאַל און עס הויבט זיך אָן די טעטיגקייט פון דער דיכטערישער סוגעסטיאָ. „ער“ און „זי“ זענען שוין אַביסעל אויפגערעגט, די פאַנטאַזיע אַרבייט אויס און ציהט ווייטער די אויפרעגונג, דער זכרון רופט אַרויס און שטעלט פאָר לעבעדיג פאַר זייערע אויגען די בילדער פון אַלע בעריהמטע ליעבעס־פאָר־לעך; אַלע ווען ס׳איז געלייענטע ליירישע ליעדער, ליעבעס־בריעף און ליעבעס־ערקלערונגען הויבען אָן אַרומצובלאָנדזשען אין געדאַנק און דריקען זיך אויס מיט די ליפּען אָדער מיט׳ן פעדער. ער און זי לאָזען זיך אַוועק אַלע מאָל העכער, פערזינקען זיך אַלע מאָל שטאַרקער אין דער עראָטישער ראָליע, וואָס זיי האָבען אָנגעהויבען צו שפּיעלען, און סוף כל סוף שטעהען זיי אונטער דער חופּה, וואו גאַנצע שאַרען אונזיכטבאַרע שריפטשטעלער שפּרייטען אויס זייערע בענשענדע הענד אויף די קעפּ פון דעם פּאָר׳ל, וועלכען זיי און נישט קיין אַנדערע האָבען צוזאַמענגעפיהרט. דאַן ווייזט זיך גאַנץ אָפט אַרויס, אַז די ראָליען זענען זעהר נישט פּאַסענד איינגע־טיילט געוואָרען, און עס שפּיעלט זיך אָב אַנ׳אַנדער קאָמעדיע, וואָס ווערט אויך רעזשיסירט פון וועלכען ס׳איז שריפטשטעלער, — אַ קאָמעדיע פון אונטרייהייט, פון זעלבסטמאָרד אָדער פון אַוועק אין וועלכען ס׳איז מאָנאַסטיר. יעדענפאַלס אָבער האָבען מיר דאָ צו

טהון נאָר מיט אַ פאָנאָגראַפישער ליעבע, אין וועלכער דער מאַנספערזאָן און די פרוי חזר'ן איבער וואָרט ביי וואָרט, ווי אין עדיסאָנ'ס אינסטרומענט, אַלץ, וואָס פערשיעדענע דיכטער האָבען פריהער אין זיי אַריינגערעדט.

איהר ליעבעס־קענער, וועלכע שילדערט דעם קווינט־עססענץ פון דער ליידענשאַפט, איהר פאַטאָלאָגען פון דעם מענשענ'ס האַרץ און ערפינדער פון אונגאַטירליכע לאַגען, אויסערגעוועהנליכע מענשען מיט דאָפעלע נשמות און אונגעהערטע צופאַלען, — וואָס האָט איהר מיט אייערע מאָרד־און רויבער־מעשיות געמאַכט פון דעם איינפאַכסטען ריכטיגסטען און בעסטען מענשליכען אינסטינקט, ווי גרוים איז אייער פערברעכען געגען אונז!

# די מעהרהייט און די מינדערהייט.

פאר יעדער העכערער נשמה איז דער פיליסטער א שווארצע פערזענליכקייט. ווער עס שפירט נאר אין זיך א טראפען גאונות, אזא טראפען, וואס איז קוים גענוג אויף מסכים צו זיין צו דער אידעע פון טראגען לאנגע האר און מבטל צו זיין די מיינונג וועגען דעם צילינדערהוט, דער ערלויבט זיך שוין אויסצואיבען די מוסקולען פון זיינע הענד, אראבלאזענדיג זיי אויף דעם פיליסטער'ס קאפ, — געוועהנליך נאר אין דער פאנטאזיע, ווארום דער פיליסטער האט געוויס א געזונדטען שווייצאר ביי'ם טהיר, אויב ער איז דאס אליין נישט. די דאזיגע פיינדשאפט איז א שענדליכע אונדאנקבארקייט. דער פיליסטער איז נוצליך און בעזיצט זאגאר די פערהעלטניסמעסיגע שענהייט, וועלכע איז צוגעפאסט צו דער פאלקאמענער צוועקמעסיגקייט. ער שטעלט פאר מיט זיך דעם הינטערגרונד אינ'ם בילד פון דער ציוויליזאציע, און אהן זיין קינסטלערישער קלייניליכקייט וואלטען די פיגורען פון דעם פארערגרונד נישט געמאכט דעם איינדרוק פון גרויסקייט. דאס איז זיין עסטעטישע ראליע, זי איז אבער נישט די וויכטיגסטע פון די, וועלכע ער שפיעלט מיט אזא אויטאריטעט. ווען מיר בעוואונדערן די פיראמידען זענען מיר דען נישט מודה, אז צו דאנקען פאר זיי האבען מיר דעם אזוי פעראכטעטען פיליסטער? דעם פלאן פון זיי האט געוועהנליך אויסגעארבייט א בעגאבטער אלטעגיפטישער רעגיערונגס־אינזשיניער פון ערשטען ראנג, אויפגעשטעלט אבער זענען זיי געווארען דורך די אידישע קינדער,

וועלכע זענען געווען מסתמא, גאנץ געוועהנליכע נאטורען. וועלכע נוצען ברענגען אונז די פלענער און אויפפאסונגען פון דעם גאניע? זיי לעבען נאר אין זיין אייגענעם קאפ און פאר איהם אליין; פאר אונז אבער זענען זיי נישט פערהאן, אזוי לאנג ווי עס קומט נישט דער נישט־אינטערעסאנטער פיליסטער מיט זיין לייווענטענער מיץ אויפ'ן קאפ און פערווירקליכט זיי נישט; דער פיליסטער צערשטרייט נישט זיין צום־דינסט־בערייטע אויפמערקזאמקייט מיט אייגענער ערפינדונגס־טעטיגקייט, און ווארט, אין זיין געדאנקענלאזיגקייט, אויף די אימפולסען, ערפינדונגען און בעפעהלען פון דעם אויסדערוועהלטען, פון דעם גאניע. דער, וועלכער קאן אליין עטוואס שאפען, רעכענט געוועהנליך די ארבייט פון איבערזעצען פאר נידריגער פון זיין ווערדע. די ארבייט פון די אויסדערוועהלטע גייסטער איז — טראכטען און וועלען; די ארבייט פון דעם מיטעלמעסיגען המון איז — צו פערקערפערן די דאזיגע געדאנקען און שטרעבונגען און זיי איבערצוטראגען אין דער פארם פון ערשיינונגען. אין וואס־זשע נאך בעשולדיגט מען דעם פיליסטער? אז ער חאפט זיך נישט אזוי שנעל אויסצופיהרען די פלענער פון דעם גאניע? דאס איז אויסגעצייכענט; דערפאר זאל ער בעזונדער געבענשט זיין. זיין שווערפעליגקייט, זיין זיכערעם גלייכגעוויכט, וואס לאזט זיך נישט אזוי לייכט צושטערען, מאכען איהם פאר דעם גימנאסטישען אינסטרומענט, אויף וועלכען די אויסדערוועהלטע גייסטער קאנען אויספראבירען און ענטוויקלען זייערע כחות. אמת, ס'איז שווער דער דאזיגער פוילער מאסע אין בעוועגונג צו ברענגען. די אנשטרענגונגען אבער, וואס דער גאניע מאכט ביז איהם געלינגט דאס, זענען פאר איהם געזונד און נוצבאר. אויב וועלכער ס'איז נייער געדאנק איז נישט אימשטאנד דעם פיליסטער פון ארט צו ריהרען, איז דאס אליין שוין א פאקט אויף דעם, אז ער טויג אינגאנצען נישט, אדער אז ער איז נאך נישט צייטיג גענוג; אויב אבער פערקעהרט, וועלכע ס'איז קאנצעפציע ווירקט גלייך אויף דעם פיליסטער, אזוי האט זי שוין אויסגעהאלטען איהר ערשטע און וויכטיגסטע פראבע.

געוועהנליך, איז ער נישט אימשטאנד אליין, מיט זיין אייגענעם פערשטאנד, צו בעאורטיילען און צו קריטיקירען די אידעען פון די אויסדערוועהלטע. ער בעזיצט אבער א בעזונדער געלאסענ-

קייט און זי גיט איהם די מעגליכקייט אונבעוואוסטזיניג און דעריבער
נאך זיכערער אונטערצושיידען די צייטיגע און לעבענספעהיגע אידעען
פון די נישט-צייטיגע און ווערטלאזע.

עס וואלט זיין פערשטענדליך, ווען די פיליסטער אליין וואלטען
זיך בעקלאגט איינער אויפ'ן אנדערן און געלאכט איינער פון אנדערן,
ווען איין פיליסטער וואלט א ווארף טהון דעם אנדערן אין פנים
אריין דעם דאזיגען שימפף-ווארט, אזוי ווי איין שווארצער רופט
אן, אין כעס ווערענדיג, דעם אנדערן נעגער; ווארום אין דער אמת'ן
קאן איין פיליסטער מיט דעם אנדערן גארנישט מאכען: ער קאן
פון איהם נישט ערווארטען גישט קיין אימפולס און נישט קיין
אונטערהאלטונג; אין דעם פראסטען געזיכט פון דעם אנדערן זעהט
ער דאס שפיעגעל-בילד פון זיין אייגענער פראסטקייט, און איינער
דעם אנדערן גענעצט אויס לאנגווייליגקייטס-מאטיווען. ווען צוויי פון
זיי קומען זיך צונויף, שרעקען זיי זיך געגענזייטיג פאר דער מורא'די-
גער שטילקייט פון זייער גייסט, און זיי פאלען אריין אין יענער
אונטערדריקטער שטימונג, אין יענער הילפלאזיגקייט, אין וועלכער
עס פאלט געוועהנליך אריין א מענש, וועלכער איז געוועהנט צו
האבען נעבען זיך שטענדיג א פיהרער, ווען יענער לאזט איהם אין
שטיך. דער בעגאבטער מענש דארף אבער שעצען דעם פיליסטער.
ער איז זיין עשירות, ער איז דאס פעלד, וואס שפייזט איהם.
מען מוז שווער ארבייטען, אום איהם פרוכטבאר צו מאכען; מ'מוז
פון אין דער פריה ביז שפעט ביינאכט אקערען, זעהען, צודעקען,
ברעכען, שניידען; מ'מוז שוויצען און פריערען — דאס גערעטעניש
איז אבער זיכער, אויב נאר די קערענדלעך זענען גוטע. ס'פערשטעהט
זיך, אז דער, וואס האט פערזעהט זיין פעלד מיט צופוילטע, שלעכטע
קערנער, האט נישט וואס צו האפען אויף א גערעטעניש. ווען
אבער דאס פעלד בלייבט טוידט ביי אזא בעל-הבית'ישקייט, איז
שולדיג אין דעם נישט דאס פעלד, נאר דער טרוימער, וואס אר-
בייט איבער איהם. פאר דעם געניע איז נאך ווייניג דאס, וואס ער
ארבייט אויפ הויכע און אפילו פרוכטבארע געדאנקען; ער מוז
זעהן אויך זיך אויסגעפינען דעם ריכטיגען ארט און די פאסענדע
צייט אויף צו ענטדעקען זיינע געדאנקען. קוים פערשטעהט ער
נאר ווי דער רעכט איז זיך אויסצוגעפינען דעם ריכטיגען ארט און
די פאסענדע צייט, וועט ער שטענדיג געפינען פאר זיך בערייטע

פּילִיסטער־מחנות, אויף צו שנײַדען דאָס, וואָס ער האָט פער־זעהט. בײַ יעדעס מאָל, וואָס אַ קאָמפּאַניע גרויסע גײַסטער קומען זיך צונויף אויף וועלכען ס'איז באַנקעט, וואָלטען זײ מצד היושר גע־דאַרפט טרינקען דעם ערשטען כּוס פאַר דאָס געזונד פון דעם פּילִיס־טער.

און וואָס איז אײגענטליך דער גרעסטער חטא פון דעם פּילִיס־טער? דאָס, וואָס מ'דאַרף נישט לאַנג זוכען, אום איהם צו געפינען; דאָס, וואָס ער איז פערהאַן אין די גרויסע מאַסען; דאָס, וואָס ער איז דער כּלל און נישט דער פּרט. וויל מען אָבער אײנמאָל בּע־טראַכטען איהם, זיך נישט רעכנענדיג מיט זײַן צאָהל, וויל מען אײנמאָל בּעטראַכטען איהם אַלײן אַן און פאַר זיך, אַזוי מוז מען מודה זײַן, אַז ער איז אַ גאַנץ וואוילער יונג. אויסזעהן זעהט ער אויס אַממעהרסטענטײל שענער אַפילו פון דער סאַמע שענסטער מאַלפּע, און אויב ער איז נישט אַזוי שען ווי אַפּאָלאָ פון בּעלוועדער, דאַרף מען פערשטעהן, אַז דער לעצטער וואָלט אויך נישט אַזוי שען זײַן, ווען ער וואָלט פאָרשטעלען מיט זיך דעם דורכשניטליכען טיפּ פון דער מענשהײַט; ער איז אַ סך געשיקטער און פלינקער אַפילו פון דעם געלעהרנטסטען הונד, ווען ער קאָן אַפילו נישט נאָכ־מאַכען די קונץ־שטיק פון דעם צירקוס־קלאָון, וועלכען מ'וואָלט אויך געהאַלטען פאַר אומגעלומפּערט און באַנאַל, ווען יעדעס דאַרף־יונגעל וואָלט אויך געקאָנט אַזוי שטעהן אויפ'ן קאָפּ און אַזוי שפּרינגען אין דער לופטען. דער מאַסען־מענש איז גאַנץ אָפּט בּע־דײַטענד קליגער פון אַ ראַק און אַפילו פון אַ קלוגען העלפאַנט, חאָטש זײַן שכל איז נישט אַזוי טיעף און שאַרף, ווי דער שכל פון דאַרווינען'ען, למשל, וואָס די פילאָזאָפען פון דער צוקונפט וועלען איהם מסתמא שעצען נישט העכער, ווי מיר שעצען הײַנט די פיזיאָלאָגישע טעאָריעס פון פּאַרמענידעס אָדער פון אַריסטו. ווער עס זאָגט: פּילִיסטער, דער זאָגט אײנפאַך: מעהרהײַט, און ווער עס פעראַכטעט דער דאָזיגער מעהרהײַט, דער שטעלט זיך געגען די טעאָרעטישע יסודות, אויף וועלכע עס זענען געגרינדעט די אַלע אײנריכטונגען פון דער מלוכה און פון דער געזעלשאַפט.

אמת, ס'זענען פערהאַן אַ סך, וואָס נישט נאָר זײ האָבען קײן מורא נישט דעם טריט צו מאַכען, נאָר, אַדרבּא, זײ פיהלען צו איהם אַ געמאַכטע אָדער אַ אמת'ע ליעבע. זײ זאָגען צוזאַמען מיט דעם

רוימישען דיכטער האראציוס: איך האס דעם פראסטען המון און האלט זיך מיט איהם פון דערווייטענס; זיי ערקלערען אויסדריקליך, אז זיי געהערען צו דער מינדערהייט און זענען שטאלץ דערמיט; זיי אקצענטירען כסדר, אז זיי פיהלען אנדערש, טראכטען אנדערש און אורטיילען אנדערש פון דעם פינסטערן המון, ד. ה. זיך אויס-דריקענדיג מיט וועניגער פעראכטונג, פון דער מעהרהייט, און קיין זאך קאן נישט זיין פאר זיי מעהר בעליידיגענד, ווי זאגען אויף זיי, אז זיי זענען באנאל, מיט וואס עס איז פאקטיש ווידער געזאגט נאר דאס, אז זיי זענען ענליך צו דער מעהרהייט. מיר וועלען זיך באלד בעשעפטיגען מיט דער פראגע, פון וואנען שטאמט עס די דאזיגע שנאה צום המון און צי זי האט עפעס א לאגישען באדען אונטער זיך; דערווייל אבער ווילען מיר זעהן, אויף וויפיעל עס זענען לאגיש און אויסגעהאלטען אין זייער דענקען און ווירקען די פארנעהמע מענשען, וועלכע קאנען אזוי שטארק נישט ליידען דאס, וואס מ'רעכענט זיי צו צו דער מאסע. ווען זיי וואלטען ווירקליך זיין לאגיש און אויסגעהאלטען, וואלטען זיי געדארפט ארויסווייזען אין אלע זייערע לעבענס-ערשיינונגען יענע שטריכען, מיט וועלכע זיי ציי-כענען זיך אויס פון דער מאסע און ארויסשטעלען כסדר די ארי-גינאליטעט פון זייער כאראקטער, אום מ'זאל זיי נישט אויסמישען מיט דער געוועהנליכער מעהרהייט, וואלטען זיי געדארפט דעמאנ-סטראטיוו טראגען קליידער פון אנ'אנדער פאסאן, בעזיצען אנדערע געוואהנהייטען, זיטען און מאראלישע בעגריפען און כסדר קעמפפען נעגען די בעשטימונגען פון דער מעהרהייט. טהוען זיי דאס? ניין, זיי טהוען ריכטיג דעם היפוך פון דעם אלעמען. זיי געפינען פאר געשמאקפולער און אידעלער זיך נישט צו ווארפען אין די אויגען, ד. ה. זיך נישט אונטערצושיידען פון דעם פעראכטעטען המון; זיי בויגען דעם קאפ פאר דער געזעלשאפטליכער מיינונג און זיי איז זעהר נישט אנגענעהם צו שטעהן מיט איהר אין וועלכע ס'איז געגענ-זעצליכע בעציהונגען; זיי שטעלען פאר מיט זיך די שטארקסטע זיילען פון דעם געזעץ, וואס איז דאך פאקטיש נישט מעהר, ווי די צוזאמענגעפאסטע אנשויאונג פון פאלק, ד. ה. פון דער מעהרהייט, אין דער פארם פון געבאטען און פערבאטען; זיי פערטיידיגען דעם פארלאמענטאריזם, וואס איז געבויט איינגאנצען אויף דעם: „אחרי רבים להטות!“, ד. ה. אויף דער אנערקענונג פון יענער מיינונג,

לויט װעלכער די מינדערהײַט איז פֿערשקלאַפּט בײַ דער מערהײַט און איז געצוואונגען זיך אונטערגעבען איהר ווילען, זײַ הלומ'ען זאָגאַר בײַ געוויסע פֿעלען וועגען אַלגעמײַנעס וואָהל-רעכט, וואָס איז די פֿערגעטערונג פֿון המון, די פֿערגעטערונג פֿון באַנאַליטעט. איך האָב נישט פֿערזעהען דאָס, אַז אַממערהסטען טײַל לאָזט מען שווימען מיט'ן שטראָם, נישט ווײַל מען וויל טאַקע שווימען אין דער ריכטונג נאָר ווײַל מ'איז נישט גענוג שטאַרק צו קעמפּפען מיט איהם. דער מענש, וואָס האָט אויסגעקלערט דעם שפּריכוואָרט: „אויב דו ווילסט לעבען צווישען וועלף, מוזטו הוילען ווי אַ וואָלף", האָט געוואָלט אויסדריקען דערמיט די קראַפֿט פֿון דער שרעקליכער נויטווענדיגקײַט, און נישט קײַן טיעפֿע אַכטונג צו די וועלף. ס'איז אָבער פֿערהאַן נאָך אַ שפּריך-וואָרט, וואָס מאַכט די שטימע פֿון המון פֿאַר דער שטימע פֿון פֿאָלק און פֿיהרט אַרויף דעם פֿיליסטער גלײַך אויפ'ן אָלימפּ. און עס בלײַבט אַ פֿאַקט, אַז אויך יענע, וואָס פֿעראַכטען דעם המון, זעהען צוצופּאַסען אין דער שטיל זײַערע אַלע מעשים און פֿאַקטען צו דעם גײַסט פֿון דער מערהײַט און אין האַרצען זענען זײַ אַלע מסכים, אַז די אַנשויאונגען פֿון דעם המון זענען אין גרונד ריכטיג אַכטונגס-ווערט.

אַ קלײנע צאָהל מענשען, אַזאַ קלײנע צאָהל, אַז מ'קאָן זי מיט די פֿינגער פֿון אײן האַנד אויסצעהלען, האָט דעם מוט געהאַט לאָגיש צו זײַן. טרײטשקע ריהמט דעם געבילדעטען דעספּאָטיזם, ד. ה. יענעם רעגירונגס-סיסטעם, וואָס רעכענט זיך גאָרנישט מיט דער מערהײַט און גיט איבער דער ביז-צו-אײנהײַט-צוזאַמענגעשמאָלצענער מינדערהײַט דאָס רעכט, פֿאַר דאָס גאַנצע פֿאָלק צו דענקען און זײַן גורל צו בעשליסען. קאַרלײל פּרעדיגט דעם העראָען-דיענסט און פֿאָדערט, אַז די מערהײַט זאָל זײַן אינגאַנצען אונטערגעוואָרפֿען דעם אײנציגען שטאַרקען אינדיווידואום. מאָנטעסקיע לאַכט און זאָגט, אַז אַ געריכט פֿון געשוואָרענע האָט נאָר דאַן דאָס רעכט צו עקסיסטירען, ווען עס נעהמט אָן פֿאַר אַ געזעץ דעם כלל פֿון פֿאָלגען דער מינדערהײַט, וואָרום צווישען צוועלף געשוואָרענע ריכטער זענען געוויס פֿאַרהאַן מעהר המורים ווי קלוגע. דאָס איז אָבער מעהר נישט ווי אַ שאַרפֿע פֿראַזע, אין וועלכער ס'איז אויסגעדריקט דער געדאַנק, אַז די מינדערהײַט איז קליגער און דורכדרינגענדער פֿון דער מערהײַט. מאָנטעסקיע פֿערגעסט אָבער דאָס, אַז אין דער דאָזיגער

מינדערהייט, אין דער קלענער צאָהל מענשען, וואָס שטעהען איבער דעם ווילדען המון, זענען פערהאַן נישט נאָר אַזעלכע, וואָס זענען העכער פון דעם געוועהנליכען, דורכשניטליכען טיפּ, נאָר אויך אַזעל־כע, וואָס שטעהען נידריגער פון איהם; אונטער די עטליכע גע־צעהלטע מענשען איז פערהאַן גאונות און פּוסטע נאַרישקייט, גע־זונדטע אָריגינאַליטעט און קראַנקהאַפטע משוגעת'ן. די מיטגלידער פון דער אַקאַדעמיע זענען טאַקע אַ קליינע מינדערהייט אין דער בעציהונג צום גאַנצען פאָלק, דאָס זענען דאָך אָבער אויך אַיינהאָהגער פון דעם משוגעים־הויז און מאָנטעסקיע'ן שטעהט פאָר די געפאַהר, איין פאָרשער און צוויי אידיאָטען דעם זיעג איבערצוגעבען איבער ניין מיטעלמעסיגע בירגער, וואָס עס וואָלט שוין זיין אַ נאַרישקייט. איך האָב אָבער מורא, אַז אפילו קאַרלייל און טריישקע פעראַכטען אויך נישט דער מעהרהייט אַזוי ווי ס'פּאַסט זיך אָדער ווי זיי אַליין גלויבען אפשר. מאָדערנער דעספּאָטיזם! העלדענדיענסט! הם! לאָמיר נאָר אָקאָרשט די זאַך גרינדליכער בעטראַכטען: צי ליעגט דען נישט אין דעם אויסדריק „מאָדערנער דעספּאָטיזם" דאָס, אַז איין רעגירענדער געניע פיהרט דער מאַסע און ברענגט איהר אַזוי ווייט, אַז זי שטימט איין מיט זיינע אַנשויאונגען און אַבזיכטען, נעמט אָן זיינע מיינונגען, לאָזט זיך געהן מיט איהם אין איין ריכטונג און בעשאַפט אַ מין האַרמאָנישע פעראייניגונג צווישען איהם מיט איהר? און דאָס העלדענדיענסט — צי ליעגט נישט אין דעם דער פערלאַנג, אַז דער העלד, ד. ה. די אויסנאַהם־ערשיינונג, זאָל געלויבט, געפייערט און פערגעטערט ווערען פון ראובנ'ען און שמעונ'ען, פון הייקל'ען און פייטל'ען? מיר שיינט, אַז דאָס דאָזיגע אומקוקען זיך שטענדיג צו דער מאַסע שטימט גאָר נישט מיט דער טיעפער פעראַכטונג צו איהר. וואָס געהט עס אָן יענעם, וואָס פעראַכטעט דעם פיליסטער, דעם זעלביגען פיליסטער'ס מיינונג וועגען איהם? צו וואָס דאַרף ער זיין הסכמה און זיין בעוואונדערונג? לויט טריישקע'ס טעאָריע קומט אויס, אַז אַזאַ פרידריך דער גרויסער אָדער יאָסיף דער צווייטער האָט אייגענטליך זיך געדאַרפט אָבזאָגען פון כסא־המלוכה און איהם איבערגעבען וועלכען ס'איז פשוט'ען מענשען פון זיין משפּחה, ווארום אַזאַ מענש, ווי פרידריך, איז צו גרויס, אום זיך אָבצוגעבען מיט אַזעלכע המונים; אַזאַ מענש, ווי ער, קאָן נישט געפינען קיין אינטערעסע אין דעם איבערציעגען וועלכען ס'איז גראָ־

בען־יונג אין זיינע גרויסע, ליכטיגע געדאַנקען, און זיינע פערעל זענען נישט צוליעב דעם בעשאַפען געוואָרען, מ'זאָל זי פאַר הזירים וואַרפען. לויט קאַרלייל'ס טעאָריע איז עס אַ בעליידיגונג פאַר דער איינענער ווערדע, ווען אַזאַ מיקעל אַנדזשעלאָ, למשל, האָט אַרויסגעשטעלט זיין „משה" פאַר די נאַרישע קוקערס פון גאַס, אָדער ווען אַזאַ געטהע האָט געלאָזען אָבדרוקען זיין „פויסט" פאַר דעם געברויך פון דערוואַקסענע טעכטער; די בראַוואָ־פאַטשערייען פון דער מענשענמאַסע האָבען געדאַרפט, אָנשטאָט זיי פערשאַפען פערגניגען, פערקעהרט: אַרויסרופען ביי זיי אַ פערדרוס, און זיי האָבען אייגענטליך געדאַרפט אויסשרייען, ווי יענער רעדנער, וואָס איז ווירקליך קאָנסעקווענט געווען: „מ'אַפּלאָדירט — צי האָב איך דען געזאָגט אַ נאַרישקייט?" אַזאַ פרידריך דער גרויסער דאַרף זיך אַליין איינשליסען אין זיין פּאַרק און קיינע געשעפטען נישט האָבען מיט דעם געמיינעם המון, און אַזאַ געטהע דאַרף אַוועק ערגעץ אין אַ מדבר אָדער אויף אַ וויסטען אינזעל און דאָרט דעקלאַמירען זיינע לידער פאַר זיינע אייגענע אויערן, און עס לעבע די לאָגיק!

דאָ איז פערהאַן אַ סתירה, וועלכער מ'קאָן נישט אָבלייקענען. פון איין זייט האַלט מען אין איין איבערצייגען, אַז מ'פעראַכטעט דעם המון, און פון דער אַנדערער זייט טהוט מען אַלץ, זיך רעכענענדיג מיט איהם. מ'זאָגט, אַז די מאַסע פערשטעהט נישט אָבצושאַצען דעם ווערט פון אַ גאַוניישעס ווערק, און דער בעסטער חלום פון דעם זעלביגען גאון איז בעריהמטקייט און אונשטערבליכקייט, דאָס הייסט די אַנערקענונג פון דער מאַסע. מ'שרייט כסדר, אַז דער המון האָט קיין שכל נישט, און דער פּאַרלאַמענטאַריזם, דאָס געריכט מיט דער ביי־זיצונג פון געשוואָרענע ריכטער, די עפענטליכע מיינונג, — אַלץ אַנשטאַלטען, וועלכע זענען בעקרוינט מיט דער טיעפסטער אַכטונג, זענען כסדר געבויט אויף דעם יסוד פון דער הנחה, אַז די מעהרהייט איז נישט נאָר גענוג קלוג, אום זיך צו קאָנען פערלאָזען אויף איהר, נאָר אַז זי איז גאָר נישט פעהיג אַ טעות צו האָבען. מ'געפינט פאַר אַ ערנידערונג צוגערעכענט צו ווערען צו דער מאַסע, און ביי יעדעס גרויסע געשעהעניש שטאָלצירט מען דערמיט, וואָס מ'פיהלט און מ'טראַכט ריכטיג ווי די מאַסע. אין אַ צושטאַנד פון דעם העכסטען עקסטאַז, געפינט נישט דער אַלטער רוימער קיין שענערען שבח אויף זיך צו זאָגען, ווי דאָס: „איך בין אַ מענש און קיין מענשליכע

זאך איז מיר נישט פרעמד"; און ער וואלט אפשר פון הויט ארויסגעשפרונגען, ווען א צינישער דיאלעקטיק פון זיין צייט וואלט איהם געענטפערט אויף דעם: „דו זאגסט, אז דו ביזט א מענש, עהגליך צו אלע אנדערע מענשען, הייסט עס, אז דו שטאלצירסט מיט דיין באנאליטעט?"

איך גלויב, אז איך בין אימשטאנד דעם דאזיגען ווידערשפרוך צו ערקלערען. מיר שטעלט זיך פאר מיט א איבערצייגענדער קלארקייט, אז ער איז געגרינדעט אויף א ביאלאגישען יסוד. די אונבעקאנטע קראפט, וואס מאכט פון דער רוידער מאטעריע א לעבעדיגען וועזען, ברענגט ארויס באלד אין אנהויב נישט קיין געשלעכטען, נאר אינדיווידואומען. איך וויל מיך דא נישט אריינלאזען אין די פערשידענע חקירות מכח דעם אנהויב פון לעבען און לאז שטעהן אן א זייט די פראגע וועגען דעם, צי די פראטאפלאזמא האט זיך אויסגעבילדעט אין א געוויסער צייט פון דער נישט-לעבעדיגער מאטעריע, ווי מ'גלויבט היינט בכלל, אדער — ווי פרייער מיינט — דאס לעבען האט שטענדיג פארגעשטעלט מיט זיך די אייגענשאפט פון דער מאטעריע, אזוי גוט ווי בעוועגונג און אנציהונג. גענוג איז פאר אונז דאס, אז די מאטעריע בעקומט היינט דעם אנטריעב צו דער אויסבילדונג. פון א לעבעדיגען וועזען פון די אנדערע לעבעדיגע וועזענס, וואס האבען עקסיסטירט פאר איהם און פון וועלכע ער שטאמט. די בעשעפינעש'ן, וואס ווערען היינט געבוירען זענען אלזא די פרוכט פון יענע בעלי חיים, וועלכע זענען שוין לאנג בעשאפען געווארען, חאטש מיר ווייסען נישט היינט, ווי אזוי די לעצטע זענען ענטשטאנען און פון וואנען זיי שטאמען. דאס לעבען איז די אויסבילדונג און צושיידונג פון אייוויסארטיגע שטיקשטאפ-פערבינדונגען אונטער דער ווירקונג פון זויער-שטאף; דער דאזיגער פראצעס קאן אננעהמען די פערשידענסטע פארמען און ווען די נאטור קלייבט זיך (איך דריק מיך אויס אזוי נישט גענוי און אזוי אנטראפאמארפיש נאר אום דער בעקוועמליכקייטס וועגען) צו בילדען א לעבעדיגע בעשעפעניש, האט זי די מעגליכקייט אויסצוקלויבען פאר איהר איינע פון די ביליאנען אדער טריליאנען מעגליכע פארמען. ווען זי וואלט איצט פון דאס-ניי בעשאפען לעבעדיגע וועזענס פון דער ערשטער מאטעריע, וואלט יעדע פון זיי געוויס זיין אנדערש און זיי וואלטען האבען צווישען זיך נאר יענע שוואכע עהנליכקייט, וועלכע וואלט זיין דער רעזולטאט דערפון, וואס

זיי זענען דאָך אַלע, נאָך אַלעמען, דער אויסדריק און די ערשיינונגס=פאָרם פון איין און דעם זעלביגען כימישען גרונד=געזעץ, דאָס ווערקציינג פון איין און דער זעלביגער פונקציע. ביי היינטיגען טאָג אָבער ענשטעהען די לעבעדיגע וועזענס, — וועניגסטענס יענע, פון וועלכע מיר וויסען — נישט גלייך פון דער ערשטער מאַטעריע מיט דער הילף פון אַ נאַטירליכער זעלבסטגעבורט, נאָר זיי בילדען זיך אויס פון איהר דורך דער פערמיטלונג פון אַנ'אַנדער אָרגאַניזם, דורך דער פערמיטלונג פון עלטערן. דער שטאָף, פון וועלכען דאָס נייע וועזען האָט זיך אויסגעבילדעט, איז אַלזאָ דורכגעגאַנגען פריהער דורך אַ בעשטימטען מעכאַניזם, האָט זיך געפונען אונטער זיין איינפלוס און טראָגט אויף זיך זיין שטעמפעל. און אויב דאָס איז אפילו אונער=קלערליך, בלייבט עס אָבער דאָך אַ אונצווייפעלבארער פאַקט, אַז איינע פון די איינגענשאַפטען, וואָס די מאַטעריע אָדער געניער זיך אויס=דריקענדיג, איהר צוזאַמענזעצונג, האָט אין זיך, איז די איינגענשאַפט אָבצוהיטען און צודערהאַלטען די איינדריקע, גרופירונגען און פאָרמען, וואָס זי האָט איבערגענומען. אויף דעם יסוד פון דער איינגעשאַפט איז געבויט דער זכרון ביי דעם איינצעלנעם מענשען און דאָס ירושה=געזעץ ביי דעם געשלעכט. דאָס נייע לעבעדיגע וועזען, דער בוי=מאַטעריאַל פאַר וועלכען ס'איז גענומען געוואָרען פון אַנ'אַנדערן פריהערדיגען בעל=חי, היט אָב און דערהאַלט אין זיך די איינדריקע פון דעם לעצטען און איז עהנליך צו איהם. עס קומט אַלזאָ אויס, אַז אין איהם ווירקען צוויי פערשידענע געזעצען: דאָס גאָר=ערשטע לעבענס=געזעץ, וואָס שטרעבט צו בעשאַפען זעלבסטשטענדיגע, פער=שידענע פון אַנדערע און אונאָבהענגיגע אָרגאַניזמען, וועלכע זענען צוגעפאַסט נאָר דערצו, זיי זאָלען קאָנען אויסבילדען און פונאַנדער=נעהמען איינזייטיגע שטיקשטאָף=פערבינדונגען, און דורכפיהרען די דאָזיגע אויפגאַבע זייערע אויף אַ נייען, אָריגינעלען אַרט, ד. ה. אין איינער פון די מעגליכע פאָרמען, וואָס האָבען גאָר קיין צאָהל נישט, און נישט דוקא אין דער אָנגענומענער, לעבעדיגער פאָרם, און דאָס ירושה=געזעץ, וואָס שטרעבט דעם נייעם אָרגאַניזם עהנליך צו מאַכען צו זיינע עלטערן, צו יענע אָרגאַניזמען, פון וועלכע ער קומט אַרויס.

יעדער אָרגאַניזם איז דעריבער דער רעזולטאַט פון אַ קאַמפף צווישען צוויי טענדענצען: דעם פרימיטיווען לעבענס=געזעץ און דעם ירושה=געזעץ. דאָס ערשטע שטרעבט צו בעשאַפען נייע פאָרמען,

וואָס זאָלען קאָנען ווייטער ציהען דעם לעבענס⸗פּראָצעס, און דאָס צווייטע איבערצוהזרן נאָכאַמאָל די שוין פערהאַנענע סכעמאַ פון די עלטערן. איך בין נישט אימשטאַנד גענוג שטאַרק אונטערצושטיצען דעם פאַקט, אַז נאָך מיין מיינונג איז די אונבעגרענעצטע פרייהייט, וואָס די נאַטור גיט דעם נייעם וועזען, זיך אויסצוקלייבען פון אַלע מעגליכע פאָרמען איינע אַ נייע, אַנ'אָריגינעלע, — אַז די דאָזיגע פרייהייט איז געוועזען די ערשטע, און די אַנדערע קראַפט, וואָס שטרעבט צו בעגרענעצען די פרייהייט און צו מאַכען דעם נייעם אָרגאַניזם ענהליך צו זיינע עלטערן, איז ערשט שפּעטער צוגעקומען. נאָר די הנחה מאַכט פערשטענדליך דאַרווינ'ס טעאָריע; די דאָזיגע טעאָריע אָהן דער הנחה איז נישט קיין ערקלערונג, נאָר אַ בלויזע קאָנסטאַטירונג פון די בעשטעטיגטע פאַקטען.

און אין דער אמת'ן: ווען עס וואָלט טאַקע זיין, ווי דאַרווין — און מיט איהם די גאַנצע מחנה פון זיינע תּלמידים און מפרשים — גלויבט, אַז די קראַפט, וואָס גיט איבער די קינדער אַלע איינגענשאַפטען פון די עלטערן, — אַז די ירושה⸗קראַפט איז דאָס ערשטע און וויכטיגסטע געזעץ, וואָס בעשטימט דעם גורל פון דער פערזענליכער ענטוויקלונג, ווי אַזוי וואָלט דאַן געקאָנט מעגליך זיין, אַז איין אָרגאַניזם זאָל אָבטרעטען פון דעם געזעץ און איהם זאָגאַר אינגאַנצען מבטל זיין? דער בעשאַפענער אָרגאַניזם האָט שטענדיג און מיט אַלע זיינע איינגענשאַפטען געדאַרפט ענהליך זיין צו דעם, פון וועלכען ער קומט אַרויס, און אויב די אויסערליכע בעדינגונגען וואָלטען דאָס מאַכען פאַר אַ אונמעגליכע זאַך, וואָלט דער אָרגאַניזם אינגאַנצען געדאַרפט פערלוירען געהן. די גרויסע ערשיינונג פון צופּאַסען זיך צו בעשטימטע לעבענס־בעדינגונגען, וואָס לויט דאַרווינ'ס טעאָריע איז זי איינע פון די הויפּט⸗סבּות, וואָס האָבען אַרויסגערופען דער ענטשטעהונג פון די אַרטען (מינים), — די דאָזיגע ערשיינונג וואָלט אָן דער פריהערדיגער הנחה בלייבען אינגאַנצען אַ אונ'לעזבאַרע רעטעניש. דער לעבעדיגער אָרגאַניזם, זאָג איך, איז נישט צוגעבונדען מעהר צו דער פאָרם, ווי צו אַנ'אַנדערער; ער דאַרף נאָר האָבען וועלכע פאָרם ס'איז, וואָס זאָל איהם געבען די מעגליכקייט איינצואַטעמען דעם וויער⸗שטאָף און אויסצואַרבייטען די איי⸗ווייס⸗מאַטעריען, און דוקא די דאָזיגע ערשטע און אַבסאָלוטע פרייהייט ערלויבט איהם אָנצונעהמען יענע פאָרם, וואָס עס פּרעסען אָב אויף איהם די אויסערליכע בע⸗

דינגונגען, אַזױ װי אַ רוהיגער, פרײַ=שװעבענדער קערפּער קלײַבט זיך אױס פון אַלע מעגליכע ריכטונגען יענע, אין װעלכער עס שטױסט איהם דער לײַכטעסטער װינדטעל. דער אָרגאַניזם פון די עלטערן גיט איהם זײַן פאָרם: גוט; דער יונגער אָרגאַניזם נעהמט גלײַך אָן די פאָרם פון זײַנע עלטערן. די אױסערליכע בעדינגונגען, אין װעלכע ער לעבט, שטרעבען איהם צו געבען אַן'אַנדער פאָרם, איהם צו מאַכען נישט עהנליך צו זײַנע עלטערן: גוט; ער װעט אַװעקלאָזען די גע'ירשה'נטע פאָרם, און פאָלגענדיג די נײַע אימפּולסען, װעט ער אָננעהמען די פאָרם, װאָס עס זוכען אָבצופּרעסען אױף איהם די אױסערליכע בעדינ=גונגען. אױף אַזאַ אופן ערקלערט זיך גלײַך און לײַכט די צופּאַסונגס=קראַפט, װעלכע איז שױן נישט, נאָך דער הנחה, קײן געגענזאַץ צו דעם ירושה=געזעץ, נאָר, פערקעהרט, עהנליך און גלײַך צו איהם.

די ביאָלאָגיע, די װיסענשאַפט פון לעבען, קען נאָר דעם אינדי=װידואום, דעם פּרט, און נישט דעם געשלעכט, דעם כלל. נאָר דער פּרט איז אַ זאַך, װאָס איז װירקליך פעררהאַן, װאָס איז זעלבסט=שטענדיג און שאַרף בעגרענעצט; דער כלל — דאָס איז שױן אַזױנס, װאָס איז אַ סך אונבעשטימטער, און גאַנץ אָפט איז כמעט אונמעגליך איהם גענױ צו דעפינירען. צװײ אינדיװידועןװערען קײנמאָל נישט צוזאַמענגעשמאָלצען און פון זײ בײדע קאָן אין קײן פאַל נישט װערען אײנער, אפילו אױך דאַן, װען זײ זענען בײדע צוגעקלעפּט אײנער צום אַנדערען, װי דער סיאַמער צװילינג. מיט די געשלעכטען איז עס שױן גאַנץ אַנדערש. זײ האַלטען כסדר אין אײן ענדערען זיך — האָטש לאַנגזאַם — און זײערע גרענעצען זענען אַזױ פליסענד און אָבגעריבען, אַז מ'קאָן זײ גאָר נישט דערקענען. די געשלעכטען ענטװיקלען זיך און נעהמען אָן אין יעדער געאָלאָגישער עפּאָכע אַנדערע פאָרמען. די געשלעכטען, װעלכע געפינען זיך הײַנט, זענען אַנדערש פון יענע, װעלכע האָבען געלעבט אין אַ פריהערדיגע עפּאָכע. און געװיס אױך פון יענע, װעלכע װעלען לעבען אין דער עפּאָכע, װאָס װעט קומען. די אײנציגע זאַך, װאָס פערבינדט דעם פּרט, דעם אינדיװידואום, מיט דעם געשלעכט, איז דאָס ירושה=געזעץ, ד. ה. די פּרימיטיװע אײגענשאַפט פון דער מאַטעריע צו בלײַבען אין דער אָרדנונג, װאָס זי האָט אײנמאָל איבערגענומען, און איהר צו ענדערען נאָר אונטער דעם שטױס פון נײַע סבות, װעלכע זענען שטאַרקער פון דער אײגענשאַפט. די איצטיגע עקאָנאָמיע פון דער נאַטור װײַס,

ווייזט אויס, נאָר פון די לעבעדיגע וועזענס, וואָס ענטשטעהען פון אַנדערע בעלי־חיים, פון אַזוינע לעבענס, וואָס שטאַמען פון לעבען. טעאָרעטיש קאָנען מיר זיך גאַנץ שען פאָרשטעלען, אַז דאָס לעבען ענטשטעהט אַלע מאָל פונ׳ם־ניי פון נישט לעבעדיגע שטאָפען; און אויב מיר זעהען נישט היינט די ערשיינונג, איז עס געוויס נאָר דערפאַר, וואָס די נאַטור דאַרף נישט אויסברענגען אַזוי פיעל כחות אויף דעם בעשאַפען איין לעבעדיגען אָרגאַניזם פון דעם אַנדערן, ווי אויף דעם בעשאַפען אַ אָרגאַניזם פון דער ערשטער מאַטעריע. די נאַטור איז, ווי בעוואוסט, עקאָנאָמיש און שפּאַרזאַם. זי האָט פיינד אויסצוברענגען אַ סך כחות דאָרט, וואו זי קאָן ערדרייכען איהר ציעל מיט ווייניגער. אויף אַזאַ אופן האָבען מיר דאָ די לאָגישע קייט פון די לעבענס־ערשיינונגען: די פאָרם, אין וועלכער זיי דריקען זיך אויס, איז דאָס אינדיווידואום, און נישט דאָס געשלעכט. און דאָס, וואָס די אינדיווידו׳ען זענען דאָך עהנליך איינער צו׳ם אַנדער׳ן און דאָס געשלעכט זעהט אויס, אַזוי ווי עס וואָלט האָבען אַ פעסטען באָדען אונטער זיך, שטאַמט פון די צוויי סבות: ערשטענס, דערפון, וואָס ביי היינטיגען טאָג ווערען, אויף וויפיעל מיר ווייסען, די לעבענס בעשאַפען פון אַנדערע לעבענס; און צווייטענס דערפון, וואָס עס עקסיסטירט און הערשט דאָס איבער־ערקלערטע ירושה־געזעץ. די אָבשטאַמונג פון אַ עלטערליכען אָרגאַניזם איז די סבה פון דער עהנליכקייט און דעם צוזאַמענהאַנג, וואָס מ׳בעגעגענט צווישען די אינדיווידואום׳ען, און דאָס ערשטע לעבענס־געזעץ איז די סבה פון זייער זעלבסטשטענדיגקייט און פערשיעדענקייט. אין דער ווירקליכקייט זענען טאַקע גאָרנישט פערהאַן קיין צוויי אינדיווידואום׳ען, וואָס זאָלען אין אַלעמען עהנליך זיין איינער צו׳ם אַנדער׳ן, און עס איז זיכער זאָגאַר, אַז איין אינדיווידואום איז מעהר אַנדערש פון דעם אַנדער׳ן אין די אינערליכע כעמישע און מעכאַנישע פראָצעסען, וואָס קומען פאָר אין זיינע עלעמענטאַרע גרונדטיילען, — ווי איין געשלעכט פון דעם אַנדער׳ן. דערמיט ערקלערט זיך אויך די מעגליכקייט פון עגאָאיזם, וועלכער וואָלט זיין נאַריש און אונערקלערליך, ווען מ׳וואָלט מוזען בעטראַכטען דעם געשלעכט אַלס עטוואָס אַזוינס, וואָס איז ווירקליך פערהאַן און נישט נאָר אַלס אַבסטראַקציע פון דעם מענשליכען גייסט. יעדער לעבעדיגער אָרגאַניזם פיהלט קודם־כל זיין אייגענעם איך אַלס דאָס איינציגע, וואָס איז פערהאַן און עקסיסטירט, און

ערשט די העכערע אויסבילדונג פון זיין דענקען גיט איהם אריין די איבערצייגונגען דערפון, אז צווישען איהם און די ארגאניזמען, וואס זענען ענהגליך צו איהם, זענען פערהאן נויטווענדיגע בעציהונגען און א געוויסער צוזאמענהאנג און אז ער אליין וועט פערדינען דערפון, וואס ער וועט זיך רעכנען מיט זיי. דער געזעלשאפטליכער אינסטינקט איז אלזא נישט קיין נאטירליכע נייגונג, ווי, למשל, דאס געפיהל פון אבגעזונדערטקייט און עגאאיזם, נאר א ערווארבענע מיינונג. דער אלטרואיזם איז נישט קיין געגענזאץ, נאר די פערטיעפונג און אויסברייטונג פון עגאאיזם, און דער מענש איז צוגעקומען צו פאליציייאישע בעגריף פון סאלידאריטעט, אזוי ווי ער איז צוגעקומען צו פאליציייאישע אנשטאלטען און צו א ביודזשעט: נאך דעם, ווי ער האט זיך איבערצייגט, אז דאס איז נוצבאר פאר איהם.

און איצט קומט צו אונזער ביאלאגישע בעטראכטונג, אין וועלכער דער לעזער האט אפשר ביז אהער נישט געפונען קיין שום צוזאמענהאנג מיט דעם אנגעהויבענעם שמועס, צו אונזער פריהערדיגער פארשונג. דאס ירושה-געזעץ איז די סבה פון דער געוועהנליכקייט, פון דער באנאליטעט, און דאס ערשטע לעבענס-געזעץ — פון דער אריגינאליטעט. די ניעדריגסטע פונקציעס פון ארגאניזם, וועלכע זענען די נויטווענדיגסטע און דעריבער אויך די אפטעסטע און וועלכע זענען שוין מסתמא בעקאנט געווען אויך אונזערע זיידעס און עלטערזיידעס, זענען אינטערגעווארפען דעם ירושה-געזעץ; דאגעגען אבער די העכערע און העכסטע פונקציעס, וועלכע זענען זעלטען-ווען נויטיג, און וועלכע אונזער זיידע און עלטער-זיידע האט גאנץ זעלטען — און אפשר קיינמאל נישט אויסגעאיבט אזוי אז זיי האבען נישט בעוויזען צו לאזען נאך זיך קיין טיעפע שפורען אין זיין ארגאניזם, אום צו קאנען איבערגעהן בירושה צו די שפעטערדיגע, — די פונקציעס ווערען דורכגעפיהרט זעלבסטשטענדיג און איינענארטיג. די ראליע, וועלכע איהם קומט אויס אפט צו שפיעלען און וועלכע איז ביי אלעמען די זעלבע, שפיעלט דער ארגאניזם אב אויף א גאנץ באנאלען אופן. יענע ראליע אבער, וועלכע איהם קומט אויס צו שפיעלען דאס ערשטע מאל, וועט ער שוין דורכפיהרען אריגינעל, אויב ער וועט נאר נישט קאנען אינגאנצען זיך אויסדרעהען פון איהר. דער גרעסטער געניע עסט אויך מיט'ן מויל און הערט אויך מיט די אויערן אליך איינס, ווי דער ניעדריגסטער וואסערטרעגער, און דער

פראנצעזישער דיכטער האט גאנץ שארף אויסגעדריקט דעם געדאנק, זאגענדיג: „מ'מאכט שטענדיג אימיצען נאך, ווען מ'פלאנצט קרויט". די פונקציע, וואס איז ביי אלע מענשען גלייך, ווערט פון אלע מענשען גלייך דורכגעפיהרט. דערפאר וועט מען גלייך זעהן דעם אונטערשיעד אין דער ארבייט פון צוויי מענשען, וועלכע מ'וועט איבערגעבען צו גרינדען א געוויסע געזעלשאפט אין א וויסטער, פוסטער לאנד אדער וועלכע מ'וועט שטעלען. די אויפגאבע, איינצונעהמען א נייע, אונבעקאנטע וועלט און איהר אויפבויען אויף דעם יסוד פון א נייער מלוכה=ארדנונג.

דער ארגאניזם, וואס האט אין זיך א געוועהנליכע מאס לעבענסקראפט, וועט קיינמאל נישט קומען דערצו, ער זאל אויסאקען וועלכע ס'איז הויכע פונקציע; ער געהט אין דעם אויסגעטרעטענעם וועג און זוכט גארנישט אזעלכע וועגען, אין וועלכע זיינע עלטערן האבען נאך נישט געטרעטען. קוים געפינט ער זיך אמאל געגען זיין ווילען אין אזא נייער לאגע, זעהט ער קודם=כל זיך אינגאנצען ארויסצודרעהען פון איהר, און אויב דאס געלינגט איהם נישט, זעהט ער צו האנדלען ביי איהר, אזוי ווי ער האנדעלט ביי אנדערע, געוועהנליכע און מעהר אפטע לאגען, וועלכע זענען געוויסערמאסען עהנליך צו דער. און אויב די מיטלען העלפען איהם אויך נישט זיך א נ'עצה צו געבען מיט די פאדערונגען פון דער נייער לאגע, לאזט ער עס אינגאנצען „געהן, ווי עס געהט" און האט קיין תקומה נישט, סיידען נאר, ווען ער האט אין זיך בעהאלטענע כחות, וועלכע האבען ביי זיינע געוועהנליכע בעדינגונגען נישט געהאט די געלעגענהייט זיך צו ענטוויקלען, און איצט דורך דער נויטווענדיגקייט ערוואכען זיי און ווערען טעטיג. אזא מענש בלייבט אלזא שטענדיג אין דעם קרייז פון דער געירשה'נטער וועלט. ער האט מורא משנה צו זיין אפילו איין פינטעל פון די מנהגים, ביי וועלכע עס האבען זיך געהאלטען זיינע זיידעס און עלטערזיידעס, ער טרעט נישט אב אויף א האר פון דעם, וואס עס טוהען און ווי עס פיהרען זיך זיינע חברים און ענדיגט זיין לעבען, אזוי ווי ער האט עס אנגעהויבען: אלע זיינע מעשים, מנהגים און בעגריפען זענען נישט מעהר, ווי א קאפיע פון דאס אלץ, וואס איז געווען פאר איהם און איז פארהאן איצט ארום איהם.

יענער ארגאניזם אבער, וועלכער האט אין זיך מעהר ווי א

געוועהנליכע מאָס לעבענסקראַפט, שטרעבט אַליין צו נייע אומשטענדען און בעדינגונגען אין זיין לעבען, און אויב דער צופאַל שטעלט איהם אַוועק אין אַזעלכע, וועט ער אָדער זיי אונטערוואַרפען זיין אייגענע קראַפט אָדער זיך צופּאַסען צו זיי, זיך נישט רעכענדיג מיט די פערהאַנענע ביישפּיעלען און נישט געהענדיג אין די וועגען, אין וועלכע זיינע זיידעס זענען געגאַנגען. אַזאַ אָרגאַניזם וואַקסט טריאומפירענדיג איבער די גרענעצען פון דער געירשה'נטער וועלט, וואָס קומען צו נאָר ביז אַ געוויסער הויכקייט, און עררייכענדיג אַזאַ הויכע ענטוויקלונגסשטופע, וואָס די שוואַכערע אינדיווידואומען וועלען זיך קיינמאָל ביז איהר נישט אויפהויבען, ענטוויקעלט ער זיך פריי אין זיינע אייגענע פאָרמען, וואָס זענען גאָרנישט ענהליך צו די אַנדערע.

איך האָב אַלזאָ אָבהענגיג געמאַכט אָריגינאַליטעט און דורכשניטליכקייט פון דער מאָס לעבענסקראַפט. איז פערהאַן די קראַפט גראַדע אין אַזאַ מאָס, וואָס איז גענוג אויסצוהאַלטען דעם אָרגאַניזם פון אַ געוויסען טיפּ, בלייבט ער אין די פאָרמען, וואָס ער האָט איבערגענומען בירושה, און העלפט דעם געשלעכט דערהאַלטען די געוועהנליכע פיזיאָנאָמיע; אויב אָבער די דאָזיגע לעבענסקראַפט איז פערהאַן אין דעם אָרגאַניזם מעהר ווי אַ געוועהנליכע מאָס, איז זי גובר דער פוילקייט, וואָס טרייבט דער מאַטעריע אין די געירשה'נטע פאָרמען. אַזאַ אָרגאַניזם ענטוויקעלט זיך אין פולער פרייהייט לויט זיין אייגענעם דראַנג, און בעשאַפט זיך זיין אייגענע ערשיינונגספאָרם און מ'קען זיך זאָגאַר ערלויבען צו זאָגען, אַז ער ווערט דער פאָטער פון אַ נייעם אַרט אין דעם געשלעכט. דאָס לעבען איז די העכסטע פונקציע פון דער מאַטעריע; דער, וואָס בעזיצט עס אַ סך, רופט אַרויס ביי אַלעמען אַ אינסטינקטיווע אַכטונג, ענהליך צו דער אַכטונג, וואָס עס רופט אַרויס רייכטום ביי אָרעמע לייט. און ווייל די אָריגינאַליטעט איז געבויט אויף אַ סך לעבענסקראַפט, שעצט מען איהר העכער פאַר דער געוועהנליכקייט, וועלכע האָט געקריגען נאָר אַ קליינעם פּראָצענט פון דער דאָזיגער קראַפט. מ'בעטראַכטעט דעריבער די באַנאַליטעט און מ'ווענדעט אָן אַלע מעגליכקייטען צו זיין אָדער, אויב דאָס איז נישט מעגליך, לכל־הפּחות אויסצוזעהן אָריגינעל. נישט וועלען געהערען צו דער מאַסע, הייסט אַרויסשטעלען זיך פאַר אַ עושר פון לעבענסקראַפט. די פעראַכטונג צו דעם פּי=

ליסטער, צו דעם געוועהנליכען גאַס־מענשען, איז איינע פון די פאָרמען, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס די פערגעטערונג פון לעבען. מ'שטאָלצירט אַ סך מעהר מיט דער ראָליע פון אַ פאַמיליען־פאָטער, ווי מיט דער ראָליע פון אַ קעסט־קינד, און יעדערן ווילט זיך בעסער פיגורירען אַלס בעזונדער טיטול־בלאַט פון אַ בוך, ווי אַלס איינגענעהטע, מיט אַ לויפ־נומער בעצייכענטע זייטעל. אַזוי אָבער, ווי יעדער פאַמיליענפאָטער איז צוזאַמען דערמיט אויך אַ זוהן און יעדער בעשעפער פון אַ נייער ליניע האָט פאַר זיך אויך אַ ליניע פון זיידעס און עלטער־זיידעס, וואָס ציהט זיך ביז אָדם הראשון אָדער ביז דער ערשטער פראָטאָפּלאַזמאַ,— איז אפילו דאָס אָריגינעלסטע אינדיווידואום אויך פערבונדען מיט דעם גאַנצען געשלעכט, און דער, וואָס בעזיצט אפילו אַ אונגעוועהנליכע מאָס לעבענסקראַפט איז אויך אין זיינע נידריגע פונקציעס אונטערגעוואָרפען דער באַנאַליטעט. דערמיט ערקלערט זיך דער געגענזאַץ אין דעם האַראַקטער פון די רייכערע נאַטורען, וואָס פון איין זייט זענען זיי אָבגעזונדערט פון דער מאַסע און ווילען מיט איהר קיינע בעציהונגען נישט האָבען, און פון דער אַנדערער זייט גיעסען זיי זיך גאַנץ אָפט צוזאַמען מיט איהר. דער פיליסטער קען שטאָלצירען האָטש דערמיט, וואָס אפילו געטהע און נאַפּאָלעאָן, נישט קוקענדיג אויף זייער אָריגינאַליטעט, האָבען אויך נישט געקענט לאַכען און וויינען, שלאָפען און זיך ראַזירען אַנדערש, ווי ער.

ביי די בעלי־חיים, וואָס זענען פונאַנדערגעטיילט אויף צוויי געשלעכטער, זעהען מיר, אַז די נקבה איז אָרעמער אין לעבענסקראַפט פון דעם זכר. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, ווייס איך נישט; אַ זיכערער פאַקט אָבער איז דאָס. דאַרווין האָט אין זיין בוך „די אָבשטאַמונג פון דעם מענשען" צוזאַמענגעקליבען עטליכע הונדערט זייטלעך איינצעלנע בעאָבאַכטונגען, פון וועלכע ס'איז צו זעהן, אַז ביי די מעהרסטע טייל בעלי־חיים דיענט די נקבה נאָר אויף צו דערהאַלטען די פיזיאָגנאָמיע פון דעם געשלעכט, דאַן ווען דער זכר דערווייטערט זיך גאַנץ אָפט פון דעם אַלגעמיינעם טיפ און ענטוויקעלט זיך אויף אַ גאַנץ אינדיווידועלער אַרט. אין דער נקבה הערשט, אויף אַזאַ אופן, דאָס ירושה־געזעץ, און אין דעם זכר— דאָס געזעץ פון אָריגינאַליטעט, וועלכען איך רעכען פאַר דעם ערשטען לעבענס־

געזעץ. די דאָזיגע בעציהונג עקסיסטירט אויך ביי דעם מענשליכען געשלעכט. די פרוי איז אַממעהרסטען טייל טיפיש, דאַגעגען דער מאַנספערזאָן — אייגענאַרטיג. איהר פיזיאָנאָמיע איז אַ דורכשניטליכע, עהנליך צו דער פון אַלע פרויען, זיינע — אַ בעזונדערע, אַ אינדיווידועלע. די מיינונג איז דאַגעגען דער געוועהנליכער אַנשויאונג, די לעצטע איז אָבער דורך און דורך פאַלש. זי שטאַמט דערפון, וואָס געוועהנליך שעפט מען די פאָרשטעלונגען וועגען פרויען פון לידער און ראָמאַנען. די דיכטער לאָזען זיך דיקטירען ביי זייער שילדערן דער פרוי נישט פון זייערע עהרליכע בעאָבאַכטונגען, נאָר פון זייערע אונבעוואוסטזיניגע געשלעכטליכע אויפרעגונגען. אין די בעלעטריסטיש־וויסענשאַפטליכע ווערק איז די פרוי קיינמאָל נישט קיין ניכטערע, נאַטור־היסטאָרישע שילדערונג, נאָר אַ אידעאַלע בעשעפעניש פון אַ היים־אויפגעברויזטער מענליכער פאַנטאַזיע; דער דיכטער וויל נישט שילדערן דער פרוי, נאָר איהר קאָמפלימענטען מאַכען; ווען ער רעדט וועגען פרויען איז ער שוין נישט קיין אָביעקטיווער בעאָבאַכטער, נאָר אַ אינסטינקטיווער ליעבעס־זוכער. דאָס פיהרט איבער זיינע בעאָבאַכטונגען, און מ'קען זאָגען, אַז אין דער פאָעזיע פון אַלע צייטען און פעלקער איז די פרוי געשילדערט נישט, ווי זי איז אין דער ווירקליכקייט, נאָר ווי זי שטעלט זיך פאָר אין דער פאַנטאַזיע פון אַ פערליעבטען טרוימער. דאָס איז אַ נאַטירליכער רעזולטאַט דערפון, וואָס די גאַנצע פאָעזיע ליעגט פון אָנהויב־אָן ביי מענער אין די הענד. ווען די פרויען וואָלטען ערפונדען די ליריק און דעם עפאָס, וואָלט די שילדערונג פון דער פרוי אין דער ליטעראַטור געוויס געווען אָביעקטיווער און דעריבער אויך גלייכגילטיגער. הייינט, ווען דאָס שרייבען ראָמאַנען איז, ווענינגסטענס אין געוויסע לענדער, געוואָרען כמעט אויסשליסליך אַ ווייבערשע האַנד־אַרבייט, הזר'ט די פרוי־פערפאַסערין אויך איבער די געוועהנליכע, פון דעם מאַנספערזאָן ערפונדענע שילדערונג פון דער פרוי איינפאַך דערפאַר, וואָס זי איז נישט פעהיג איבערצוואַקסען די אָנגענומענע אַנשויאונגען און אייגענאַרטיג צו דענקען. „די פרוי איז אונערגרינדליך און פערשיעדענאַרטיג, ווי די וואַליע פון ים", לעהרנט איין טיעפזיניגער פילאָזאָף; „ווער קען זיך עס ריהמען, אַז ער קען דער פרוי!" שרייט אויס אַ בעגייסטערטער ליריק, בעלעקענדיג זיך פון זיינע אַנגענעמע פאָרשטעלונגען; „יעדער פרוי איז אַ סוד און אַ רעטעניש, און קיין

אײנע פון די ספינקסען איז נישט ענהליך צו דער אַנדערער", פערזיכערט אַ ראָמאַניסט, און װעלענדיג בעסער אילוסטרירען דעם געדאַנק פלאָנטערט ער אָן אַ גאַנצע רײהע מעשיות, װאָס זענען נישט־געשטױגען־נישט געפלױגען. דאָס זענען אָבער אַלץ נישט מעהר, װי פּוסטע פראַזען, פון װעלכע די קלוגע פרױען לאַכען אַממעהרסטען און פון װעלכע עס האָבען פערגניגען נאָר די „נאַרישע גענז", אַננעהמענדיג דאָס פאַר אַ פערזענליכען קאָמפּלימענט. די פרױען זענען אַ סך װעניגער פערשידענאַרטיג פון די מענער, און װער עס קען אײנער פון זײ, קען כמעט אַלע. זײערע געדאַנקען, זײערע געפיהלען, זײערע געזיכטער אפילו זענען כמעט בײ אַלע די זעלביגע; גרעטכען, טאַליע און אָפעליע זענען אַזױ ענהליך אײנער צו דער אַנדערער, אַז מ'װאָלט זײ געקענט אָננעהמען פאַר שװעסטער מיט עטװאָס נישט קײן גלײכע טעמפּעראַמענטען, און עטװאָס נישט קײן גלײכער ערציהונג. דערמיט ערקלערט זיך אױך דאָס, װאָס די פרױען שפּרינגען אַזױ שנעל אַרױף אױף דעם געזעלשאַפטליכען לײטער און שטענדיג געפינען זײ זיך אױף זײער אָרט. פון אַ שטאַלקנעכט, װאָס װערט דורך דער ליבע פון אַ קײזערין „הערצאָג פון קורלאַנד", פיהלט מען דאָס גאַנצע לעבען זײנס דעם ריח פון שטאַל, און דער טאָכטער פון אַ פױער, װאָס װערט די גליקליכע בעהערשערין פון אַ קײזערליכע האַרץ, װעט מען אין עטליכע מאָנאַטען און אפשר אין עטליכע װאָכען אַרום נישט קענען אונטערשײדען פון די דאַמען, װאָס זענען געבױרען און ערצױגען געװאָרען אין אַ קעניגליכען שלאָס. קוים האָט זיך די פרױ נאָר צוגעפּאַסט צו די פּאָרמען פון איהר נײען הױכען ראַנג, — און בײ איהר בעזונדער נײגונג צו אַלעם אױסערליכעם און קלײנליכעם קומט איהר אָן די דאָזיגע צופּאַסונג גאַנץ לײכט — אַזױ איז זי שױן פאָלשטענדיג דערװאַקסען ביז דעם ראַנג; צװישען דער פּרינצעסין און דער װעשין איז נישט מעהר װי אַ גאַנץ קלײנער אױסערליכער אונטערשײד פערהאַן און דער עצם פון זײ בײדען איז די װירקליכקײט, ד. ה. די נישט זעלבסטשטענדיגע איבערהזרונג פון דער געשלעכטס־פיזיאָנאָמיע. מישלע פעראײניגט זײן גאַנצע פילאָזאָפיע פון דער פרױ אין אײן װאָרט; ער זאָגט: „די פרױ איז אַ פערזענליכקײט". דאָס איז אײנער פון די גרעסטע טעותים, װאָס מ'קען געפינען בײ דעם דאָזיגען פײערדיגען, מיט אַ רײכער פאַנטאַזיע בעגאַבטען, נאָר איבערפלעכליכען

שריפטשטעלער. דער אמת איז ריכטיג פערקעהרט: „די פרױ איז ניט קײן פערזענליכקײט, נאָר אַ געשלעכט".

אמת, ס'זענען פערהאַן אָריגינעלע פרױען אױך. זאָל איך אָבער פועל'ן בײַ זיך, ליעבער לעזער, דיר אַנ'עצה צו געבען? אָט האָסטו די: היט דיך פון די אָריגינעלע פרױען. דאָס וואָס אַ פרױ איז וויַיט פון דעם אַלגעמײנעם פרױען־טיפּ, איז אין אַכציג פעלען פון הונדערט אַ קראַנקהײַט. די אײגענאַרטיגע פרױ אונטערשײדעט זיך פון דער געוועהנליכער, ווי אַ שווינדזיכטיגער פון אַ געזונדטען. און אין די איבעריגע צוואַנציג פעלען, בײַ וועלכע איך קען זיך ניט בענוצען מיט דעם אויסדריק קראַנקהײַט, איז די אײגענאַרטיגקײט אַ גײסטיגע פערבײַטונג פון די געשלעכטער. וואָס מ'דאַרף פערשטעהן אונטער דעם אויסדריק איז, גלויב איך, אַלעמען בעוואוסט. אין אַזעלכע פעלען האָבען מיר פאַר זיך דעם קערפּער פון אַ פרױ, מיט דעם האַראַקטער, מיט די אַנשויאונגען און נײגונגען פון אַ מאַנספּערזאָן, אָדער פערקעהרט. די מײנונג פון פאָלק איז גאַנץ שאַרף און ריכטיג, ווען זי רופט אָן אַזאַ מין פרױענצימער „אַ מאַנספּערזאָן אין אַ קלײד". אין דעם אויסדריק ליעגט די ערקלערונג פון דער ערשײַנונג. ווי נאָר אַ פרױ טרעט אַרױס פון דער געוועהנליכער גלײַכפאָרמיגקײַט, פערליערט זי גלײַך דעם עיקר פון איהרע פּסיכאָלאָגישע געשלעכטס־אײגענשאַפטען. אַלס פאַקט, אויף צו דערווײַזען די ריכטיגקײַט פון דער מײנונג, קען איך ברײנגען דאָס, וואָס אָריגינעלע פרױען מאַכען געוועהנליך אַ אײנדריק נאָר אויף שוואַכע, אָבגעריבענע מענליכע פערזענליכקײטען, דאַן ווען מענליכע אינדיווידואומען מיט אַ שאַרף געצײכענטער גײַסטיגער פיזיאָנאָמיע האָבען מעהר נײגונג צו געוועהנליכע פרױען. די ערשײַנונג איז אַזוי בעקאַנט, אַז ס'איז איבריג אויסצורעכענען די נעמען געטהע, הײנע, קאַרלײל, בײַראָן; וויקטאָר הוגאָ און אַנדערע, וועלכע האָבען געליעבט אײנפאַכע פרױען. דאָס הײסט אַלזאָ, אַז דער מאַנספּערזאָן, אין וועלכען די לעבענסקראַפט איז ניט גענוג אויף צו קענען בעשאַפען נײַע פאָרמען, שטרעבט זיך צו פעראײניגען מיט אַזאַ פרױ, וואָס בעזיצט מעהר לעבענסקראַפט פון איהם, אום אַזוי־ערנאָך צו בעפריעדיגען דעם גרונד־טריעב פון זײַן אָרגאַניזם, צו בילדען אײגענאַרטיגע פאָרמען און זײ צו ענטוויקלען; דער מאַנספּערזאָן אָבער, וועלכער איז פון דער נאַטור בעסער פערזאָרגט, נויטיגט זיך ניט אין דעם; פאַר איהם איז גענוג זײַן אײגענע אָריגינאַליטעט.

מיט דעם טיפּישען תאַראַקטער פון דער פרוי איז פערבונדען אויך די באַנאַליטעט פון איהרע נייגונגען. אמת; יעדער אונגעוועהנליכער מאַנספּערזאָן, — סיי ווען די אונגעוועהנליכקייט איז אַ קערפּערליכע און סיי ווען זי איז אַ גייסטיגע — ווי יעדער אונגעוועהנליכע ערשיינונג, רעגט אויף דער פרוי'ס פאַנטאַזיע און האָט פאַר איהר אַ שטאַרקע צוציהונגסקראַפט. וואָס בעווייזט דאָס אונז אָבער? דאָס ווייזט אונז נאָר דאָס, אַז יעדע נייע ערשיינונג ווירקט שטאַרק אויף דער פרוי, אַזוי ווי עס ווירקט אויך אויף אַלע העכערע בעלי־חיים. די ערשטע אינערליכע נייגונג פון דער פרוי איז אָבער שטענדיג צו דעם געוועהנליכען, אַלטעגליכען מאַנספּערזאָן, צו דעם מאַנספּערזאָן, וואָס צייכענט זיך נישט אויס נישט מיט קיין איבריגע הכמה און נישט מיט קיין איבריגע טפּשות, צו דעם מאַנספּערזאָן, וואָס קען מאַכען קאָמפּלימענטען לויט די גוטע מוסטערן פון דער אַנשטענדיגער געזעלשאַפט, וואָס קען רעדען פון דעם וועטער און התפעלות האָבען פון די און די פאָלקסשולען איינגעפיהרטע אידעאַלען, וואָס איז סאָלידאַר מיט דעם גייסט פון דער צייט און איז איינשטימיג מיט די מיינונגען און איבערצייגונגען פון דעם גרעסטען טייל אַנשטענדיגע בעלי־בתים, און דערצו איז די פאַרב און די פאָרם פון זיין האַלזטוך נאָך דער לעצטער מאָדע, — אַזאַ מין מייסטערווערק פון וועלכען ס'איז שאַבלאָן־מאַלענדען ראַפאַעל, וועט ניין־און־נייַנציג פרויען פון הונדערט דעם קאָפּ פערדרעהען און געגען איהם וועט נישט בייַשטעהן קיין איין עקזעמפּלאַר און העכערער מענשענבילדונג, וואָס איז געצייכענט געוואָרען פון אַ פרייער האַנד.

אין הונדערטער יאָהרען ווערט אַ מאָל אַ פרוי געבוירען, וואָס איז בעגאַבט מיט אַ געפיהל פון ליעבע צו כבוד, מיט אַ געפיהל פון עהרגייציגקייט. איך בעט דעם לעזער, ער זאָל נישט פערבייטען דעם דאָזיגען הויכען געפיהל מיט דער געמיינער גאוה, וואָס גיט זיך גאַנץ אָפט אויס פאַר דעם ערשטען. פרויען, וואָס הערשען מיט דער הילף פון זייערע אינטריגעס, קאָמעדיאַנטקעס, ליאַלקעס, קאָרעטקעס, סאַלאָן־דאַמען, וואָס ווילען גלענצען, און נאָך אַזעלכע, בילדען זיך אפילו גאַנץ אָפט איין, אַז זיי זענען עהרגייציג; זיי הויבען דאָס אָבער גאָרנישט אָן צו זיין. זיי דאַרפען נישט מעהר, ווי דעם אונמיטעלבאַרען איינדריק פון זייער פערזענליכקייט; זיי ווילען בעפריעדיגען זייער ניעדעריגער אייגענליעבע, דערמיט, וואָס אַלע

װעלען זײ אַנערקענען פֿאַר שײן, פֿאַר געשמאַקפֿאָל געקלײדעט, פֿאַר קלוג; זײ װילען, אַז אַ סך פֿרױען זאָלען זײ מקנא זײַן, אַז אַ סך מענער זאָלען ליגען בײַ זײערע פֿיס, אַז אין גאַס זאָל מען זיך אָבשטעלען קוקען אױף זײ, און אין טעאַטער זאָל מען כּסדר האַלטען אָנגעשטעלט געגען זײ דעם בינאָקעל. זײ דאַרפֿען נאָר די אױסערליכע, נאַרעשע ערשײַנונגען, װאָס געהען צוזאַמען מיט דער אָרטיגער בערימטקײַט. עהרגײַציגקײַט איז אָבער גאָר אַנאַנדער זאַך; דאָס איז אַ געװאַלטיגע שטרעבונג צו פֿערקערפּערן דעם אײגענעם איך אין װעלכען ס'איז װערק, אין װעלכער ס'איז שעפּפֿונג, װאָס זאָל פֿערזיכערן דעם שעפּפֿער אַ עקסיסטענץ, אַ סך אַ לענגערע און אַ װײַטערע פֿון זײַן קערפּערליכען לעבען; דאָס איז אַ לײַדענשאַפֿטליכער קאַמפּף געגען דעם אַלגעמײנעם געזעץ פֿון דער פֿערגענגליכקײַט, אַ היציכער פֿערלאַנג צו דערהאַלטען און אָבצוהיטען דעם אײגענעם איך, װעלכען מ'רעכענט פֿאַר אַ פֿילבערעכטיגען, שטאַרקען און נױטיגען װעזען, אין זײַן בעזונדער פֿאָרם און דער נאַטור אַלײן זאָגאַר צװינגען איהם צו שיצען. דאָס, װאָס מ'רופֿט אַן עהרגײַציגקײַט, שטאַמט פֿון דעם ערשטען לעבענסגעזעץ און זי טאַקע איז דער שאַרפֿסטער אױסדריק פֿון דעם געזעץ. דאָס לעבענסגעזעץ שטרעבט נישט נאָר צו זעלבסטשטענדיגע אָרגאַנישע אױסבילדונגען, װעלכע זאָלען נישט עהנליך זײַן צו קײן אַנדערע, נאָר פֿראָבירט אױך דערהאַלטען די דאָזיגע אױסבילדונגען, פֿערזיכערען זײ אַ לאַנגע עקסיסטענץ און, אױב דאָס איז מעגליך, ענטװיקלען פֿון זײ אַ נײַעם אַרט. די עהרגײַציגקײַט איז געגרינדעט אױף דעם בעזיצען אַ סך לעבענסקראַפֿט, און דאָס טרעפֿט זעלטען בײַ פֿרױען. זײ חלומ'ען דעריבער, אמת, װעגען נצחונות, קײנמאָל אָבער נישט װעגען דער אַזױ־גערופֿענער אונשטערבליכקײַט. דער פֿרױ אינטערעסירט נאָר די געזעלשאַפֿט, װעלכע קען איהר גלײַך מיט היץ אױסשרײַען: „מאַדאַם, איך ליעב אײַך ז״: יענע נאָך נישט געבױרענע דורות פֿון דער װײַטער צוקונפֿט, װאָס זײערע קאָמפּלימענטען און בוקעטען קענען שױן צו איהר נישט קומען, האָבען פֿאַר איהר קאָקעטעריע קײן שום אינטערעסע נישט; איהר פֿעהלט אינגאַנצען יענער נאַטירליכער פֿערלאַנג זיך אָבצוזונדערן פֿון דעם אַלגעמײנעם געשלעכטס־טיפּ און צו גרינדען אַ נײַעם אַרט, פֿאַר װעלכען זי זאָל דיענען אַלס מוסטערבילד.

דערמיט, װאָס דאָס ירושה־געזעץ האָט אין דעם פֿרױען-

אָרגאַניזם אַ גרעסערע שליטה, ווי דאָס לעבענסגעזעץ, ערקלערן זיך אויך די איבריגע אייגענטימליכקייטען פון דעם פרויען־האַראַקטער. זי איז כמעט שטענדיג אַ שונא פון פראָגרעס און די פעסטסטע שטיצע פון דער רעאַקציע אין יעדער פאָרם און אויף יעדען געביט. זי האַלט זיך לײַדענשאַפטליך בײַ אַלעם אַלטעס און טראַדיציאָנעלעס און קוקט אויף יעדע נײַעס, — אויף וויפיעל עס האַנדעלט זיך נישט וועגען דער מאָדע, פון וועלכער זי ערוואַרטעט די פערגרעסערונג פון איהר קערפערליכער שענקײַט — ווי אויף אַ פערזענליכער בעליידיגונג. שקלאַפיש נאָכטוענדיג דאָס אַלץ, וואָס איז געטהון געוואָרען פאַר איהר, פערוואַנדעלט זי אין איהר געדאַנקען־וועלט רעליגיאָן אין אַבערגלויבען, קלוגע אײַנריכטונגען אין אויסערליכע פאָרמען, געדאַנקען־רײַכע האַנדלונגען אין פוסטע צערעמאָניעס, און די זיטען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, וועלכע האָבען זיך אויסגעבילדעט מיט דעם צוועק, בעקוועמער צו מאַכען די מענשליכע בעציהונגען צווישען זיך, — אין אַ טיראַנישער און נאַרעשער עטיקעטע. זי איז שטענדיג (אויסער די זעלטענע אויסנאַהמען, וועלכע איך האָב שוין דערמאָהנט) אַ גײַסטיגער אויטאָמאַט, וואָס דאַרף זיך בעוועגען, אַזוי ווי מ'האָט איהם אָנגעשטעלט, און וועלכער קען אַליין נישט ענדערן דעם מעכאַניזם פון זײַן גאַנג.

איצט, נאָכדעם ווי איך האָב ערקלערט מײַן ביאָלאָגישע בעגרינדונג פון דער באַנאַליטעט, פערשטעהט זיך שוין מײַן מײַנונג וועגען די גרענעצען פון דער אָריגינאַליטעט — פון זיך אַליין. סוביעקטיוו זענען איהרע רעכטע אונבעגרענעצט, אָביעקטיוו האָבען זיי אָבער יאָ אַ גרענעץ. ווען איך בין אַליין, קען איך מיר זײַן אָריגינעל; ווען אָבער איך געה צו צום המון, איז מײַן ערשטע בירגערליכע פליכט צו זײַן געוועהנליך. אַזעלכע געדאַנקען און האַנדלונגען, וואָס זענען נוגע אויסשליסליך נאָר זיך אַליין, זענען בײַ יעדערן פרײַ פון יעדער געוועהנליכער אפוטרופסות; יענע האַנדלונגען אָבער, וועלכע ריהרען אָן דעם לעבענסקרײַז פון אַנדערע, דאַרפען שוין אויך זיך טראָגען די הערשאַפט פון די אַלגעמײַנע, געזעלשאַפטליכע רעגעלן. אַ דאַנק דער קראַפט פון דעם ערשטען לעבענסגעזעץ בין איך טאַקע אַ אונאַבהענגיגעס, זעלבסטשטענדיגעס וועזען, ווי אַ בעזונדער אַרט פאַר זיך, וואָס איז גאָרנישט עהנליך צו קיין אַנדער וועזען און וואָס ענטוויקעלט זיך נאָר לויט זײַנע אייגענע אָרגאַנישע געזעצען; צו־

ליעב דער קראַפט אָבער פון דעם ירושה=געזעץ בין איך אין אַ געוויסער הינזיכט צוזאַמענגעבונדען מיט'ן אַלגעמײנעם געשלעכטס=טיפּ, מיט די וועזענס, וואָס אַ דאַנק דער זעלביגער אָבשטאַמונג זענען זײ ענהליך צו מיר, און דער טײל פון מײן פערזענליכקײט געפינט זיך שוין אויסער די ספּערען פון מײן פרײער זעלבסט=בעשטימונג. דאָ קומט פאַר מיט יעדען פון אונז דאָס זעלבע, וואָס מיט דעם סיאַמער צווילינג. טראַכטען קען זיך יעדער קאָפּ פאַר זיך, מונטער אָדער טרױעריג, קלוג אָדער נאַרעש; געהן אָבער אָדער זיצען מוזען בײדע נפשות צוזאַמען. די דאָזיגע לאַגע לאָזט זיך אָנווענדען אויך אין דער בעציהונג צו נאָך ערשײנונגען. זי פערטײדיגט דעם געדאַנק פון אַלגעמײנעם וואַהלרעכט, זי הנפה'ט דער דעמאָקראַטיע, זי שטיצט די הערשאַפט פון דער מעהרהײט אין געזעלשאַפטליכע און אין רעגירונגס=אַנגעלעגענהײטען. מײן גײסטיגער האָריזאָנט געהער צו מיר אַלײן; דאָרט דאַרף איך נישט פערטראָגען קײן זאַך, וואָס שטערט מיך אָדער וואָס געפעלט מיר נישט, און איך קען מיר מיט דעם שפּיץ פון מײן שוך רוהיג אַוועקוואַרפען דעם שטרײמעל, וואָס זײנע עקען שטופּען זיך מיר אין די אויגען, ווי אַ בעוואַקסענער באַרג, אויסער די גרענעצען פון מײן האָריזאָנט; די גאַס אָבער, די שטאָדט, דאָס לאַנד געהערען אונז אַלעמען צוזאַמען; דאָ ביזטו,— מײן ברודער, געעהרטער פיליסטער; דאָ דאַרף איך דיר אין די אויגען קוקען און זעהן, וואָס דו פערלאַנגסט; דאָ טאָר איך קײן זאַך נישט טהון אַזעלכעס, וואָס דיר געפעלט נישט און אויב איך וויל, אַז דו זאָלסט מיר אַ טובה טהון, צווינגט מיר מײן פערשאָלטענע פליכט צו זאָגען דאָס דיר אין אַזאַ שפּראַך, וואָס דו פערשטעהסט זי, און דיר עס צו בעווײזען מיט אַזעלכע מופתים, וואָס קענען דיך איבערצײגען.

דעריבער קען נישט זײן קײן אָריגינעלער פּאָליטיקער, געזעצ=געבער אָדער מלוכה=מענש. וואָס מעהר באַנאַל יעדער פון זײ איז, אַלץ בעסער איז עס פאַר איהם, אַלץ בעסער פאַר זײן פאָלק. דער, וואָס זײן אויפגאַבע איז צו שאַפען אינסטיטוציעס פאַר דעם גרויסען המון, מוז זיך רעכנען מיט דער מעהרהײט און נישט מיט די אײנצעלנע. דער מיליטערישער שנײדער נעהט די שינעל'ן פאַר'ן גאַנצען פאָלק לויט אַ אַלגעמײנער מאָס, נישט לויט דער מאָס פון זײנעם אַ בעקאַנטען שען=געוואַקסענעם סאָלדאַט און וואָס עס קומט אַרויס דערבײ, האָט דער פוקס פערבעט צו זיך דעם באָציאַן (שטאָרך) און

איז איהם מכבד מיט גוטע זאכען אין זיינע פאמיליען-געפעס. מען יעדערער איבערלייענען אין די קינדערשע פאבעל-ביכלעך. דאס נאטירליכע שפיעל פון די קרעפטען שטערט אליין אויך יעדע אריגינאליטעט בנוגע צו די אינטערעסען פון דער מענשהייט אדער פון פאלק. מ'דארף נישט זיין בעזונדער טיעפזיניג, און נישט קיין בעזונדערער שארפער בעאבאכטער, אום צו בעמערקען, אז יעדע גרויסע פערזאמלונג איז מיטעלמעסיג. פראבירט צוזאמענקלייבען פיער-הונדערט געטהע'ס, קאנט'ס, העלמהאלצ'ס, שעקספיר'ס, ניוטאנ'ס א. ז. וו. און גיט זיי אויף צו בעהאנדלען און צו בעשטימען געוויסע קאנקרעטע פראגען. ס'קען זיין, אז זייערע רעדעס וועלען זיין שענער און בעסער פון די רעדעס, וואס ווערען געהאלטען אויף א פערזאמלונג פון געוועהנליכע מענשען; זייערע החלטות אבער וועלען זיין אקוראט די זעלביגע, ווי פון יענער פערזאמלונג. פארוואס? ווייל יעדער איינציגער פון זיי בעזיצט אויסער די פערזענליכע אייגענשאפטען, וואס מאכען איהם פאר א אויסגעצייכענטער אינדיווידואליטעט, אויך געירשה'נטע געשלעכטס-אייגענשאפטען, וועלכע זענען איינע און די זעלבע נישט נאר ביי די אלע מיטגליעדער פון דער פערזאמלונג, נאר אויך ביי די אלע פשוט'ע פערבייגעהער פון גאס. מ'קען דאס אזוי אויסדריקען: אלע נארמאלע מענשען בעזיצען געמיינזאם א זאך פון גלייכען ווערט, וואס מיר וועלען אנרופען א, און די אויסגעצייכענטע פערזענליכקייטען האבען דערצו נאך עפעס, אזוינס, וואס איז ביי יעדען פערשיעדען און וואס מיר וועלען אנרופען אויך פערשיעדען, למשל ב ג ד און אזוי ווייטער. אויב אלזא עס קלייבען זיך צוזאמען פיער הונדערט מענשען, וועלכע זענען אפילו אלע גאונים, בעקומען מיר אויך פיערהונדערט „א"-ען, געגען איין ב, איין ג, איין ד און אזוי כסדר; עס קומט דעריבער אויס, אז די פיערהונדערט „א"-ס זענען שטענדיג מנצח די איינצעלנע ב'ען, ג'ען, ד'ען, ה'ען און אזוי ווייטער, ד. ה. אז דער אלגעמיין-מענשליכער עלעמענט פערטרייבט דעם אינדיווידועלען, און די ווארעמע היטעל פון דעם נאכט-וועכטער פערשטעלט דעם עהרען-הוט פון אוניווערזיטעט. דאס פערשיעדענארטיגע לאזט זיך נישט צוזאמענרעכנען, און מ'קען זיך גיכער פארשטעלען א פארטיי פון איבערפלעכליכע קעפ, ווי א פארטיי פון געניעס. איבער דעם געשמאק פון זויערע קחיט, איז די בעשליעסונג מיט דער הילף פון דער מעהרהייט שטי-

מען גאַנץ לאָגיש, די דאָזיגע אָבשטימונג האָט אָבער קײן װערט נישט דאָרט, װאו עס האַנדעלט זיך װעגען פערשידענע װעלטאַנשױאונגען. װען מ'װאָלט אײנגעאָרדענט אַזאַ מין אָבשטימונג איבער אַזעלכע פראַגען, װאָלט פאַר יעדער װעלט־אַנשױאונג אָבגעגעבען געװאָרען אײן שטימע — די שטימע פון איהר בעשעפער.

אין דער װירקליכקײט איז אַלזאָ דער פיליסטער דער בעל־הבית פון לאַנד, און דער אײנגעזעקשנ'טסטער אָריגינאַל מוז אױך מיט־טאַנצען צום טאַקט, װען מ'שפּיעלט די אַלגעמײנע האָפּקע. נישט די גײסטיגע אַרבײט פון אַ דזשאָן סטואַרט מילל אָדער פון אַ הערבערט ספּענסער בעשאַפט דעם אינהאַלט פון אַלע געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטען און פון דער גאַנצער פּאָליטיק, נאָר דער סטערעאָטיפּירטער געדאַנק פון װעלכען ס'איז קרעמער, װאָס קריכט קױם דורך זײן צײטונג מיט דער הילף פון דעם װײַז־פינגער. דער אײגענאַרטיגסטער געניע פערליערט זײן פיזיאָנאָמיע און װערט פערזונקען אין דער מאַסע, װאָס לױפט צום װאַהל־קעסטעל אין די װאַהל־טעג.

צי דאַרף דען אָבער דער געניע זיך אָבזאָגען דעריבער פון צו פערשפּרײטען זײנע נײַע געדאַנקען, װאָס זענען נישט ענליך צו די אַלע ביז־אַהער־בעקאַנטע, צי דאַרף ער זיך אָבזאָגען דעריבער פון דער שטרעבונג זײ צו פערװירקליכען און פון דער אַרבײט זײ פערשטענדליך צו מאַכען פאַר'ן המון? אין קײן פאַל נישט. נישט נאָר ער דאַרף דאָס נישט, — ער קען דאָס גאָרנישט טהון. װאָרום מיר האָבען דאָך שױן געזעהען, אַז יעדע אָריגינעלע פערזענליכקײט בעזיצט פון דער נאַטור אַ אונבעצװינגליכע שטרעבונג זיך צוצובינדען צו דער מאַסע און איהר צו ענדערן לױט זײַן פאָרם. און אױב דער געניע מוז זיך יאָ פון עפּעס אָבזאָגען, איז עס נאָר דערפון, צו פּראָפּאַגאַנדירען זײנע אַנשױאונגען אין דער פאָרם פון בעפעהלען און נישט האַרטען, ביז די מאַסען־אַרמעע װעט איהם פאָלגען, װי אַ גוט דיסציפּלינירטער פאָלק. ער דאַרף פרעדיגען, און נישט קאָמאַנדעװען. צװישען די בײדע אױסדריקען איז אַ געװאַלטיגער אונטערשיעד פערהאַן, — דער אונטערשיעד צװישען דעם מיסיאָנער און דעם אָפיציר. איך האָב אױבען געזאָגט, אַז דער פיליסטער איז דאָס פעלד פון דעם געניע. דער משל געפעלט מיר אַזױ, אַז איך קעהר מיך אום צו איהם נאָכאַמאָל. דעם אָריגינעלען דענקער קומט אױס זיך צו פערנעהמען מיט אַ שװערער בעל־הבית'שקײט, אַזױ

ווי דעם קינדער-ערציהער— מיט אַ אידעלער גאָרטען-קונסט. דער לעצטער זעצט נאָר צו צו די יונגינקע פלאַנצונגען פערטיגע צווייגעלעך, וואָס זענען אויסגעוואַקסען אויף אַנדערע אידעלע, אַלטע בוימער, און דער ערשטער דאַרף מיט'ן האַנד פונאַנדערשיטען די זאָמען און דורכהאַקערנדיג מיט'ן שווייס דעם באָדען, מוז ער נאָך געדול-דיג וואַרטען, ביז עס ווייזען זיך די ערשטע אויסגעוואַקנע קערנד-לעך. דאָ איז אַליץ אַ פראַגע פון צייט. דער געוועהנליכער מענש וויל איבערנעהמען זיינע געדאַנקען בירושה, און נישט אַליין אויסאַרבייטען זיי. אויב מ'וויל אַלזאָ וועלכען ס'איז געדאַנק מאַכען פאַר דער אַלגע-מיינער ירושה פון דעם קומענדיגען דור, דאַרף מען איהם אַריינברענגען אין דעם איצטיגען. די פאָרשטעלונגען און אידעענפערבינדונגען, וואָס האָבען זיך שוין געפונען אין דער קאָפּ פון זיידען און עלטער-זיידען און האָבען זיך אָפּט איבערגע'חזר'ט אין דעם פערלויף פון אַ סך דורות, — די געדאַנקען און פאָרשטעלונגען ווערען דער גרונדטייל פון אָרגאַניזם און זיי אַליין אָרגאַניזירען זיך. פערנעהמען זיך מיט זיי איז פאַר'ן אָרגאַניזם נישט שווערער, ווי עסען, געהן, שלאָפען, ד. ה. ווי אויספיהרען וועלכע ס'איז אַלגעמיינע אָרגאַניש-געוואָרענע פונקציע. דאַגעגען אָבער נייע פאָרשטעלונגען און אידעען-פערבינדונ-גען, וואָס ערשיינען דאָס ערשטע מאָל פאַר'ן אינדיווידואום, שטע-רען די גאַנצע אַרבייט פון דער דענק-מאַשין, רופען אַרויס די נויטווענדיגקייט פון נייע אַיינריכטונגען, בכדי זיי זאָלען זיך קאָנען אָננעהמען און פאָדערן אַ שטאַרקע אויפמערקזאַמקייט צוזאַמען מיט דער אַריינמישונג פון דעם ווילען מיט'ן בעוואוסטזיין. עס איז ריכטיג, ווי ביי דער מעכאַנישער וועבעריי. אַזוי לאַנג, ווי עס וועבט זיך דער אַלטער מוסטער, אויף וועלכען די מאַשין איז אָנגעשטעלט און דער אַרבייטער איינגעאיבט, געהט אַליץ גלאַט, ווי אין שלאָף: דער אַרבייטער קאָן זיך אַוועק'חלום'ען אין די ווייטעסטע וועל-טען און דאָס געוועבעכץ וואַקסט אַ אַרשין נאָך אַ אַרשין. נעהמט מען אָבער אַריין אין דער מאַשין אַ נייעם מוסטער, אַזוי מוז מען שוין דעם וועבשטוהל פונ'ס ניי אָנשטעלען, די קייט אַרומקניפּען — דער אויפזעהער מוז שוין אַליין אויך אַ האַנד צולעגען, דער אַר-ביטער מוז זיך בעקוועם מאַכען אויף זיין בענקעל, גרייט צו פלייסיגער אַרבייט, קורץ: דאָס געוועבעכץ מאַכט זיך שוין נישט מעהר אַליין, נאָר וויל דורכאויס מ'זאָל צולעגען צו איהר האַנד און קאָפּ. פשוט'ע

מענשען טויגען נאָר צו אָרגאַנישער גייסטיגער אַרבייט און זענען נישט פעהיג צו קיין אַנדערער. זיי זענען נישט שטאַרק און נישט געשיקט גענוג, איינצוריכטען זייער וועבשטוהל פאַר אַ נייעם מוסטער. דערפאַר איז די אויפגאַבע פון די העכערע נאַטורען נישט נאָר נייע מוסטערען צו ערפינדען, נאָר אויך אַזוי איבערצושטעלען די וועבשטוהלען אין דער גרויסער פאַבריק, וועלכער מ'רופט מענשהייט, אַז זיי זאָלען קאָנען וועבען דעם נייעם מוסטער, ווי זיי האָבען פריהער גע־וועבט דעם אַלטען. די מאַסע לאָזט נישט צו צו זיך קיין נייע געדאַנקען, נישט ווייל זי וויל זיך מיט זיי נישט פערנעהמען, נאָר ווייל זי קאָן דאָס נישט טהון. דאָס פאָדערט אָנשטרענגונג, יעדע אָנשטרענגונג איז שמערצליך און וויל קיינער נישט צו־לאָזען צו זיך.

דאָס אַלץ איז אין פלוג דאַגעגען דעם פאַקט, וועלכער איז אַלעמען גוט בעקאַנט, אַז דער המון האָט, פערקעהרט גאָר, ליעב נייעס און יעדע נייע זאַך האָט ביי איהם אַ ערפאָלג. ס'איז אָבער גענוג נאָר עטוואָס טיעפער די זאַך צו פערשטעהן, אום צו זעהן, אַז די סתירה האָט קיין גרונד נישט.

צו עמפפינדונג און צו בעוואוסטזיין קומען צו נאָר די ענדע־רונגען אין אונזער נערווען־סיסטעם. ווען אין דעם לעצטען ריהרט זיך קיין זאַך נישט, דערגעהט אונזער דענקענדער און פיהלענדער איך אויך גאָר־נישט. דאָס מיטטהיילונגען־ביורא אין אונזער אָר־גאַניזם איז נישט איינגעריכטעט לויט יענעם מוסטער, לויט וועלכען אינ'ם מיטעלפונקט פון אונזער איך וואָלט זיך דאַרפען געפינען אַ וואַכעדיגער אויבעראויפזעהער, וואָס זאָל אַלע מינוט אַרויסשי־קען שלוחים אין די פאָדערשטע צימערן און אין קאָרידאָר אַ פרעגע טהון, צי עס איז נישט פאָרגעקומען עפּעס נייעס; אונזער אויבער־אויפזעהער זיצט זיך גאָר אונבעוועגליך ביי זיין טיש טיעף־אינוועניג אין קאַבינעט, וואו עס לויפען זיך צוזאַמען אַלע מעלדונגען פון אויסענוועניג. קומען קיין מיטטהיילונגען אינגאַנצען נישט אָן, האַלט ער זיך רוהיג, דרימעלט זאָגאַר צו אַ ביסעל און ווייזט נישט אַרויס קיין שפור פון לעבען. ווען אָבער פון אויסענוועניג קומט אָן די ידיעה: „מ'קלאַפט אין דעם רעכטען טויער!" אָדער: „אינ'ם פענסטער פון ערשטען שטאָק האָט מען אַ שטיין געוואָרפען!" אָדער: „דער וואַכט־פאָסטען אינ'ם פאָרהויף נעהמט איבער אַ טראַנספּאָרט

שפּײַז!״, — האַפּט זיך דער איבער אויפזעהער גלײַך אויף און גיעט אויגענבליקליך וועניגסטענס די בעשטיטיגונג, אַז די ידיעה איז ערהאַלטען געוואָרען, אָדער ער ענטפערט מיט אַ בעפעהל וועגען דעם, וואָס האָט געזאָלט פּאָרקומען צוליעב דער מיטגעטיילטער געשעהעניש. ווען עס וואָלט מעגליך זײַן, אַז די וועלט זאָל פּלוצלינג פערגליווערט אָדער אונז בעוועגליך ווערען, וואָלטען אונזערע נערווען בלײַבען אין דעם צושטאַנד, אין וועלכען זיי האָבען זיך געפינען; קיין זאַך וואָלט נישט געווירקט אויף זיי, קיין זאַך וואָלט זיי נישט אויפגערעגט, קיין זאַך וואָלט נישט אַרויסגערופען אין זיי אַזאַ ענדערונג, וואָס וואָלט געקאָנט צוקומען ביז'ן בעוואוסטזײַן. אונזערע אויגען וואָלטען נישט זעהען, אונזערע אויערען וואָלטען נישט הערען. די פאַרפאָסטען וואָלטען צושטעלט געוועזען בײַ דער אויסערליכער גרענעץ פון אונזער פערזענליכקײַט, זיי וואָלטען אָבער נישט האָבען אויף וואָס אַכטונג צו געבען און וואָס אונז מיטצוטיילען. מיר וואָלטען אויפהערען טראַכטען, און אונזער בעוואוסטזײַן וואָלט זײַן ווי פערזונקען אין אַ טרוימלאָזען שלאָף. עמפּפינדען הייסט אַלזאָ אויפנעהמען די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין איין ווינקעל פון אונזער נערווענסיסטעם דורך דעם, וואָס איין בעשטעהענדער צושטאַנד געהט איבער אין אַן אַנדערען. די כמעט אונמעסטבאַרע קורצע צײַט צווישען דער ענדע פון איין צושטאַנד און דעם אָנהויב פון אַנדערען איז אייגענטליך דער גאַנצער אינהאַלט פון אונזער עמפּפינדונגס-וועלט. דערפון איז צו דרינגען, אַז דער מענש מוז פריהער האָבען אַ געוויסע אָנרעגונג, אַ געוויסען אימפּולס, אום צו קאָנען דענקען, אום בעוואוסטזיניג צו עמפּפינדען זײַן איך. די אָנרעגונג אָבער קומט נאָר דורך דער ווירקונג פון ענדערונגען, ד. ה. פון עפּעס אַ נײַעס. און אַזוי ווי דאָס בעוואוסטזײַן פון דעם אייגענעם איך איז די נויטווענדיגע בעדינגונג פון אַלע אַנגענעמע עמפּפינדונגען, אַזוי ווי דאָס דאָזיגע בעוואוסטזײַן איז זאָגאַר פאַר זיך אַליין אַ אַנגענעמע עמפּפינדונג, און אפשר די אַנגענעמסטע און שטאַרקסטע פון אַלע, ווערט יעדע נײַעס, יעדע ענדערונג, וואָס ווירקט אויף די נערווען און ווערט אַזוי ערנאָך דער קוואַל פון דעם זעלבסט-בעוואוסטזײַן, אויפגענומען מיט פערגניגען און מיט אַ געוויסער ערוואַרטונג, בכדי אָבער די ענדערונג זאָל מאַכען אַ גוטען איינדריק, איז גאָר נישט נויטיג, זי זאָל קומען הקא פּלוצלונג און זאָל דוקא שטאַרק זײַן.

דאָס נײַע, וואָס ווירקט אויף די נערווען און רעגט זיי אויף, דאַרף
זיך אונטערשיידען פון דאָס אַלטע נאָר עטוואָס, נאָר מיט איין
גראַד, מיט דער שאַטירונג. דאָס נײַע מוז זיין דער שכן פון דאָס
אַלטע און קומען אַלס פאָרטזעצונג פון איהם. מ׳קען דאָס איל־
סטרירען מיט אַ בעקאַנטען בײַשפּיעל: אַ נײַער פאַסאָן פון אַ פראַק
וועט גאַנץ לײַכט אַריין אין דער מאָדע, ווען ער וועט נישט ענדערן
די גרונד־ליניען פון דעם לײַכטזיניגען און צוזאַמען דערמיט זעהר
בכבודיגען בגד און וועט אָבטרעטען פון דעם אָנגענומענעם פאַסאָן
גאָר אין די נישטוויכטיגע איינצעלהײַטען, ד. ה. ווען בײַ איהם וועלען
זיין קורצערע אָדער מעהר־קײַלעכדיגע פאָלעס, שמעלערע אָדער
ברייטערע ברוסט־לאַצען און די לאַצען — גלאַטע אָדער אַרומגע־
נעהטע מיט זײַדענס. דאַגעגען אָבער וואָלט גאַנץ שווער אָנקומען
וועלכען ס׳איז שטאַרק־גײַסטיגען און פון־יעדען־פאָראורטייל־פרײַען
שנײַדער אַרײַנצוברענגען אין דער מאָדע אַ פראַאַד־אַנצוג, וואָס וואָלט
אין גאַנצען גאָר נישט ענהליך זיין צו דעם ביזהעריגען פאַסאָן און
אויסזעהען, ווי אַ רוימישע טאָגאָ אָדער ווי עפּעס אַזוינס, וואָס איז
נאָך מעהר אונבעקאַנט. דאָס נײַע, וואָס איז דורך־און־דורך אַנדערש
פון דאָס אַלטע, רופט אַרויס אַזעלכע אונאַגענעמע געפיהלען, וואָס
קאָנען צושטײַגען ביז אַ שטאַרקען עקעל, ביז אַ שרעק. לאָמבראָזאָ,
דער גרויסער איטאַליענישער פסיכאָלאָג, האָט געפונען פאַר דעם
גײַסטיגען צושטאַנד אַ געלונגענעם וואָרט: ער רופט אָן דעם דאָזיגען
עקעל, דעם דאָזיגען שרעק „מיזאָנעאיזמוס”, ד. ה. אַ שנאה צו
אַלעס נײַעס, און ער געפינט די שנאה בײַ אונגעבילדעטע מענשען,
בײַ קינדער און זאָגאַר בײַ חיות. זיך אומקעהרענדיג צוריק צו מײַן
פריהערדיגען וועב־שטוהל קומט עס אַזוי אויס: אַזוי לאַנג ווי דער
מוסטער בלײַבט דער איינענער קאָן מען אומבײַטען אַ פאָדים אויף
אַנאַנדערען און דאָס רופט נישט אַרויס קיינע בעזונדערע שוועריג־
קײַטען נישט פאַר דער מאַשין, נישט פאַר׳ן אַרבייטער. עס פאָדערט
דיך נישט דערבײַ נישט די איבערשטעלונג פון דעם וועבשטוהל
און נישט קיין איבריגע אויפמערקזאַמקײַט פונ׳ם אַרבייטער. דאַן אָבער,
ווען מ׳בײַט דעם מוסטער איבער, קומען צו די נאָר־וואָס געשיל־
דערטע שוועריגקײַטען. אויף אַזאַ אופן ערקלערט זיך גאַנץ לײַכט,
אַז די מאַסע האָט טאַקע ליעב נײַעס און יעדע נײַעס געפעלט
איהר: דאָס אָבער, וואָס איז ווירקליך נײַ, דאָס, וואָס איז דורך

און דורך אַנדערש פון איהרע געוועהנליכע בעגריפען און פאָר־שטעלונגען, שטויסט זי אָב פון זיך מיט אַ אמת'ער צוקאָנטקייט און גאַנץ אָפט אויך מיט אַ פערצווייפעלטער אָנשטרענגונג.

איך בין זעהער גענייגט צו גלויבען, אַז די ווילדע שבטים קאָנען דעריבער נישט אויסהאַלטען דער אַיינברעכענדער ציוויליזאַציע, ווייל די געוואַלטיגע ענדערונג פון אַלע בעציהונגען אַרום זיי — פאָדערט פון זייער גייסט צופיעל נייע פאָרשטעלונגען און אינדיווידו־עלע אַנשטרענגונגען. דער איינצעלנער ווילדער דאַרף אַליין, אָהן דער הילף פון די געירשה'נטע דענקענס־פּראָצעסען, אויפנעמען, איבעראַרבייטען און פערבינדען די נייע בעגריפען, אויסבילדען פון זיי געדאַנקען און פאָרשטעלונגען און זיך אָברופען אויף זיי מיט אַזעלכע אינדיווידועלע החלטות און מעשים, וואָס זענען אינגאַנצען פרעמד זיין אָרגאַניזם און וועלכע זענען גאָרנישט צוגעפּאַסט צו זיין מאַרך און צו זיינע נערווען. דאָס איז אַזאַ מין אַרבייט, פון וועלכער דער קולטור־מענש קאָן זיך גאָר קיין פאָרשטעלונג נישט מאַכען. וואָרום אַפילו דעם אָריגינעלסטען קולטור־מענש, דעם איינענאַרטיגס־טען אַפילו פון אַלע זיינע חברים, קומט אויך פערהעלטניסמעסיג זעהר זעלטען פאָר אויפצונעהמען אינגאַנצען נייע געדאַנקען און צו בעשאַפען אינגאַנצען נייע קאָמבינאַציעס פון אַנשויאונגען און החלטות, און דעם ווילדען קומט אויס אויסצוהיבען די דאָזיגע העכסטע טעטיגקייט פון דעם מענשליכען אָרגאַניזם פּלוצלונג און גלייך אין אַ גרויסער מאָס. ס'איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס זי שוואַכט איהם גלייך אָב, און וואָס ער פאַלט אַ דערשטיקטער אונטער איהר משא. ווען עס וואָלט זיין במציאות אַזאַ מין ציוויליזאַציע, וואָס וואָלט זיין אַזוי ווייט פון אונזערער, ווי אונזערע איז ווייט פון דער ציוויליזאַציע, וואָס הערשט ביי די ניגווינעאישע פּאַפּואַסען, און ווען זי וואָלט זיך אַריינרייסען צו אונז אָהן אַ שום פאָרבערייטונג, — וואָלטען די גרעסטע פילאָזאָפען און דיפּלאָמאַטען פון דער ווייסער מענשהייט אין אונזער צייט פערשוואונדען ווערען דורך איהר, אַזוי ווי עס פערשווינדען איצט די ווילדע דורך אונזער ציוויליזאַציע.

פון דעם אַלעמען קאָן שוין דער לעזער זעהן, אַז מיין מיינונג וועגען דער בעציהונג צווישען דעם געניע און דעם פיליסטער, איז ריכטיג דער היפוך פון קאַרלייל'ס מיינונג וועגען דעם. ער זעהט דעם געניע שטעהענדיג פאַר'ן המון אין דער געשטאַלט פון וועלכען

ס'איז קאַפּיטאַן קוק, למשל, וועלכער קומט צו צו אַ אינזעל פון מענשענפרעסער, און אָנוויינענדיג אויף זיינע גוטע האַרמאַטען און ביקסען, פאָדערט ער פון זיי, זיי זאָלען איהם אונטערטעניג ווערען, זיי זאָלען אַנערקענען זיין גרויסקייט און בעוואונדערען זיין העכערע קונסט און זיין רייכערע וויסענשאַפט. איך קוק נישט אויף דעם לעבענסגאַנג פון די אויסערוועהלטע מענשען, ווי אויף אַ ענטדעקונגסרייזע אין דעם ים־הדרומי און ווי אויף דעם איינגעהמען אַ מתנה, נאַקעטע מענשענפרעסער. נאָך מיין מיינונג האָט דער גע־ניע קיין רעכט נישט צו פאָדערן פון דער טיפּישער מאַסע, וועלכע האָט געירשה'נט איהרע געדאַנקען פּאַרטיגערהייד, די זעלביגע איינ־אַרטיגע, אונאַבהענגיגע אָריגינעלע גייסטעסטעטיגקייט, וועלכע קומט איהם, דעם נישט טיפּישען אינדיווידואום, גאַנץ לייכט אָן, ווייל ער האָט אין זיך אַ סך לעבענסקראַפט. אויב די איינזאַמע גרויסקייט בעפריעדיגט נישט זיין שטרעבונג צו ווירקען אויף אַנדערע, אויב זיין לעבענסקראַפט טרייבט איהם אַזוי געוואַלטיג צו פערזיכערן זיין פאָרם אַ לאַנגדויערענדע עקסיסטענץ און איהר דורכאויס איבער־צוגעבען אַנדערע אָרגאַניזמען, — דאַרף ער דינגען פאַר זיין אָריגינאַלי־טעט יענער געזעלשאַפטס־דאַמע, וועלכער מ'רופט סבלנות. ער דאַרף דעם הויפען פון זיינע נייע געדאַנקען אַריינברענגען אין המון בּיסלעכווייז, ווי מ'לעהרנט אַ פרעמדע שפּראַך אָדער אַ קונסטפאַלע קערפּער־ליכע איבונג: מיט דער הילף פון ביישפּיעלען, סיסטעמאַטישע איינ־שטעלונגען און אָפטע איבער'חזר'ונגען. קורץ: דאָ האַנדעלט זיך וועגען דעם, איינצושפּאַנען דעם המון אין דעם יאָך פון אַ נייער געוואָהנהייט, וועלכען ער קאָן טראָגען אויף זיך אויך אַזוי רוהיג און געלאַסען, אויך אַזוי האַלבשלאָפענדיג, נישט־טראַכטענדיג און אוי־טאָמאַטיש, ווי ער האָט געטראָגען דעם אַלטען, און דאָס שליעסט אויס אינגאַנצען די מעגליכקייט פון בענוצען זיך דערביי מיט שטאַרקע, פּלוצלינגע ווירקונגען.

דער לעזער זעהט, אַז איך רעד דאָ כסדר וועגען אַלטע גע־דאַנקען און נייע, און דערמאָהן נישט קיין איין וואָרט וועגען דעם, וועלכע פון זיי ס'זענען בעסערע און וועלכע — ערגערע, וועלכע העכערע און וועלכע נידעריגערע, קורץ: אַז איך מייד אויס אַזעלכע ביווערטער, וואָס ענטהאַלטען אין זיך הסכמה אָדער ליעבע צו איין מיינונג, און עקעל אָדער שנאה צו דער אַנדערער. די גאַנצע שטילע

אָדער שרײַענדיגע מלחמה פֿון דער אָריגענעלער מינדערהײַט געגען דער טיפּישער מעהרהײַט בעשטעהט פּאַקטיש נאָר אין דעם, דעם פּלאַץ פֿון די אַלטע, געירשה'נטע בעגריפֿען אויסצופֿילען מיט נײַע; די דאָזיגע נײַע בעגריפֿען מוזען נישט זײַן דורכאויס בעסער פֿון די אַלטע; זייער וויכטיגסטער סימן איז נאָר דאָס, וואָס זיי זענען נײַ. וואָס זיי זענען נישט עהנליך צו די פֿריהערדיגע. דער מאַסע האַלט מען געוועהנליך פֿאַר נאַרעש. דאָס איז אַנ'עילה. איהם בעטראַכטענדיג אַן און פֿאַר זיך, איז דער מאַסען-מענש גאָרנישט נאַרעש, ער איז נאָר נישט אַזוי, קלוג, ווי די קליגסטע אינדיווידואומען פֿון דעם דור. ער שטעלט אײַנפֿאַך פֿאַר מיט זיך די ענטוויקלונגס-שטופֿע אויף וועלכער עס זענען נעכטען געשטאַנען די בעסטע און גרעסטע. די הײַנטיגע בעסטע זענען שוין, געוועהנליך, אַ סך ווײַטער, מאָרגען אָבער וועט זיי די מאַסע דעריאָגען, און אום צו האָבען דאָס רעכט זיך צו קרימען אויף איהר און זיך צו קלאָגען אויף איהר אָבגע-שטאַנענקײַט, וועט דער מאָרגענדיגער געניע האָרפֿען זײַן אויף אַזוי פֿיעל העכער פֿון דעם הײַנטיגען, אויף וויפֿיעל דער איז העכער פֿון דעם הײַנטיגען המון. אָריגינאַליטעט און מיטעלמעסיגקײַט זענען אַלזאָ נישט קיין אַבסאָלוטע, נאָר רעלאַטיווע בעגריפֿען. דער אויסנאַהם דער פּרט שטרעבט צו ווערען אַ כלל און די אָריגינאַליטעט — צו ווערען אַ טיפּ. די מעכטיגע נאַטורען האָבען דעם ווערט פֿון פֿרײַ-ערפֿונדענע מוסטערען, וואָס אַלע מאַכען זיי גלײַך נאָך. די הוט-פֿאָרם, וואָס איז נעכטען אויסגעקלערט געוואָרען פֿון אַ דרייסטען, ערפֿינדערישען טאַלאַנט און אַרויסגערופֿען אַ שטאַרקע אויפֿמערק-זאַמקײַט אינ'ם פּאַרק פֿון דער הויפּשטאָדט, וועט מאָרגען שײַנען אויף די קעפּ פֿון אַלע קליינשטעדטילדיגע דיענסטמעדלעך און קיינער וועט זיך שוין נישט אומקוקען אויף איהר. מיט וואָס ערקלערט זיך עס? איז דען די פֿאָרם אַנ'אַנדערע געוואָרען? ניין. זי האָט מעהר נישט, ווי אויפֿגעהערט זעלטען צו זײַן. באַנאַליטעט איז אָבגעטראָגענע אָרי-גינאַליטעט און אָריגינאַליטעט — די ערשטע פֿאָרשטעלונג, — די Première, ווי די פֿראַנצויזען זאָגען, פֿון דער באַנאַליטעט. מיר הויבען הײַנט מיט די אַקסלען, ווען מיר פּאַקען העלבען ס'איז ליר'ישען דיכטער דערבײַ, ווי ער פֿערגלײַכט די אויגען פֿון זײַן געליעבטער מיט די שטערען פֿון הימעל און געפֿינט נישט קיין מעהר אָריגינעלע פֿערגלײַכונג. און דאָך, — וואָס'רע טיעפֿען אײַנדריק האָט עס די

זעלביגע פערגלייכונג געמוזט מאַכען אויף די לעזער אָדער אויף די הערער פון די אַלטע, שוין-לאַנג-פערגאַנגענע צייטען, ווען עס האָט איהר דאָס ערשטע מאָל אויסגעפונען דער פּאָעטישער געניע! היינט איז זי באַנאַל געוואָרען. פאַרוואָס? ווייל זי איז אויסגעצייכענט. און דערצו מאַקע האָב איך געוואָלט צוקומען: די היינטיגע באַנאַליטעט איז נישט נאָר סתם די אָריגינאַליטעט פון נעכטען, זי איז זאָגאַר דער תמצית, דאָס בעסטע, ווערטפולסטע און וויכטיגסטע פון דער אָריגינאַליטעט, דער טייל איהרער, וואָס האָט פערדיענט אַ לאַנג לעבען, ווייל ער איז געוועזען נישט ניי אַליין, נאָר ניי, אמת און גוט. דרך־ארץ פאַר דער באַנאַליטעט! זי איז די זאַמלונג פון דאָס בעסטע, וואָס דער מענשליכער גייסט האָט בעשאַפען ביז היינטיגען טאָג.

דאָס, וואָס מ'רופט עפענטליכע מיינונג, ד. ה. די אַנשויאונג פון דער מאַסע, קאָן נישט דיענען אַלס מאַסשטאַב פאַר די אויסגעוועהלטע, גרויסע גייסטער. אויף אַזוי פיעל אָבער, אויף וויפיעל די דאָזיגע אַנשויאונג שטעלט פאָר מיט זיך די פרוכט פון דער גאַנצער ביזהעריגער מענשליכער ענטוויקלונג, דאַרף זי אינטערעסירען אפילו די גרעסטע פערזענליכקייטען. דאָס נאַרעשע געשריי פון אַ פאָלקס-פערזאַמלונג האָט אין זיך די שטימען פון די גרעסטע דענקער, וועלכע רעדען אַרויס פון זייערע אָפּט טויזענדיעהריגע קברים דורך דעם היינטיגען-פער'שכור'טען האַלז פון וועלכען ס'איז שוסטער אָדער בעל-עגלה; און ווער עס נעהמט זיך די מיה, פונאַנדערצוטיילען דעם דאָזיגען ווילדען ליאַרם אויף זיינע איינצעלנע עלעמענטען, קאָן יעדען נאַרעש-קלינגענדען שלאַגוואָרט, יעדער פוסטע פראַזע צו פיהרען אין דער פערגאַנגענהייט ביז אַ בכבוד'יגער קוועלע. די אָבגעדראָשענע באַנאַלע שטעלען אין דער רעדע פון דעם היינטיגען פיליסטער זענען אַמאָל, אין זייער צייט, געוועזען איבערראַשענדע, גלענצענדע איינפאַלען און יעדע אינסטינקטיווע נייגונג אָדער אָבנייגונג, יעדעס פאָראורטייל, יעדע אונבעוואוסטזיניגע האַנדלונג פון אַ היינטיגען פיליסטער איז געוועזען אַמאָל ביי וועלכען ס'איז אויסנאַהמס-מענשען די פרוכט פון זיין ערנסטער, שווערער גייסטעס-אַרבייט. די מעהרהייט שטעלט פאָר מיט זיך אין דער אונטערשטער שורה דער פערגאַנגענהייט און די מינדערהייט קאָן בעדייטען די צוקונפט, אויב איהר אָריגינאַליטעט וועט זיך דערהאַלטען. אַריסטאָ, דער פאָטער פון די

מעהרסטע וויסענשאפטסצווייגען אין אונזער צייט, וואלט היינט אין קיין פאל נישט אויסגעהאלטען דעם עקזאמען פון א גאנצען גימנאזיום־קורס, אט האטש צוליעב דער גריכישער שפראך אליין, וועלכער ער האט נישט געהאט די מעגליכקייט אויסצולערנען אזוי גרינדליך, ווי א היינטיגער פילאלאג; הארוויי'ס טעאריע וועגען דער בלוט־צירקולאציע,, וואס איז אויפגענומען געווארען אין זיין צייט, ווי א אונגעהערטע הציפות און ווי אנ'אפיקורס'ישער ארויסטריט געגען אלע אנערקענטע הנחות, ווערט היינט געלערנט אין די פאלקס־שולען אהן א שום חידוש און דער געניע, וואס האלט זיך היינט אפגעזונדערט פון דער מאסע און איז שטאלץ דערמיט, וואס צווישען איהם מיט איהר איז קיין שום געמיינזאמעס נישט פערהאן, וואס ער טראכט און פיהלט אנדערש, ווי זי און וואס זי פערשטעהט איהם גארנישט, דער זעלביגער געניע, ווען ער וואלט געקאנט אויפשטעהן פון קבר אין טויזענד יאהר ארום, וואלט אפשר ערשטוינט געווארען, הערענדיג, ווי קליינינקע יונגעלעך זאגען איבער זיינע אריגענעלע און איבערראשענדע געדאנקען מיט דער זעלביגער געלויפיגקייט און זעלבסט־פערשטענדליכקייט, מיט וועלכער זיי פלידערען און שטיפען צווישען זיך.

ביי אזעלכע אומשטענדען קאן איך נאר איין זאך נישט בעגרייפען: פארוואס די קאנסערוואטיווען און רעאקציאנערען, די פערטיידיגער פון דאס אלטע און בעקעמפפער פון יעדע נייע רעפארם, פארוואס זיי זענען שונאים פון דער דעמאקראטיע. ווען זיי וואלטען האבען א שטיקעל חוש פאר זייערע ווירקליכע אינטערעסען, וואלטען זיי אלע זיין פערברענטע דעמאקראטען, וואלטען זיי געראטען דעם קייזער ער זאל איינפיהרען אין רוסלאנד אלגעמיינעם וואהל־רעכט און די בעשלוסען פון פאלקס־פערזאמלונגען וואלטען זיי שטעלען א סך העכער ווי די בעשלוסען פון א מיניסטארען־ראט. די מאסע איז שטענדיג קאנסערוואטיוו, ווייל זי לאזט זיך דיקטירען פון די גע'ירשה'נטע געשלעכטס־נייגונגען, און נישט פון די נייע אינדיווידועלע דענקענס־פראצעסען. זי קאן דעריבער זיך א עצה געבען נאר מיט די גע'ירשה'נטע פערהעלטניסע, און נישט מיט די נייע. זי קאן זיך לאזען פיהרען פון וועלכען ס'איז מעכטיגען איינציגען ווילען, וועלכער קאן איהר ארויסרייסען פון איהר אויסגעטרעטענעם וועג, אליין אבער, אוים איינענער איניציאטיווע, אוים דעם איינענעם

דראַנג צו אַ פרייער בעוועגונג, וועט זי קיינמאָל נישט אַוועקלאָזען די וועגען, וועלכע זענען שוין אויסגעטרעטען פון די פריהערדיגע דורות. רעוואָלוציעס און איבערקעהרענישען זענען שטענדיג די ארבייט פון דער מינדערהייט, וואָס זייער אָריגינאַליטעט קאָן נישט אויסקומען מיט די איבערגענומענע בעדינגונגען, וועלכע זענען נישט צוגעפאַסט צו איהר און נישט אויף איהר אויסגערעכענט. די מעהרהייט לאָזט אַ לאַנגע צייט נישט צו דערצו, אַז די עקזיסטירענדע בעדינגונגען זאָלען אַנערקענט ווערען פאַר אָבגעלעבטע און איבריגע; סיידען נאָר, הען זי איז אין דעם פערלויף פון אַ סך דורות צוגעגרייט געוואָרען דערצו. די איינציגע אמת'ע נאָוואַטאָר'ס, פון וועלכע די היסטאָריע ווייס, זענען געווען די אויפגעקלערטע דעספאָטען, וועגען וועלכע עס חלומ'ען די קאָנסערוואַטיווע היסטאָריקער. דאַגעגען האָבען זיך אַ סך רעוואָלוציעס, וואָס האָבען געשטאַמט פון די מאַסען, גלייך אומגעקעהרט צו דער באַנאַליטעט. אויף דער הילע פון אַ רעאַקציאָנערען היסטאָרישען ווערק וואָלט מען געדאַרפט אַרויפזעצען נישט די פאָרטרעטען פון פרידריך דעם גרויסען אָדער יאָסיף דעם 2־טען, נאָר דאָס בילד פון איינעם פון די 1848־ער דעמאָקראַטען מיט דעם האַראַקטעריסטישען הוט פון יענער עפּאָכע, און ווען די רעאַקציאָנערען וואָלטען עהרליך אין אויפריכטיג זיין, וואָלטען זיי מוזען מודה זיין, אַז די באַרריקאַדע איז אַ שטיצע פאַר דעם מלוכה־און געזעלשאַפטס־בנין.

איבריגענס, אויב איך האָב דאָ דערמאָהנט דאָס וואָרט באַנאַ־ליטעט אין'ם צוזאַמענהאַנג מיט פּאָליטיק, האָט עס געהאַט אין מיין מויל די בעדייטונג פון אַ אַכטונגס־אויסדריק. דער צוועק פון דער פּאָליטיק איז צו שאַפען, פאַר די גרויסע מאַסען וואָס מעהר גינסטיגע, וואָס מעהר לייכטע בעדינגונגען צו'ם עקסיסטירען; זי מוז זיך דעריבער רעכנען מיט די בעדערפנישען פון דעם גרויסען המון. די מאַסע דענקט און פיהלט אויטאָמאַטיש, ד. ה. לויט אַ געירשה'נטען נוסח און לויט אָרגאַניזירטע געוואָהנהייטען, זי האָט דעריבער דאָס פולע רעכט צו פאָדערן, מ'זאָל איהר נישט צווינגען צו לייסטען אַזאַ נייע אינדיווידועלע גייסטעס־ארבייט, וואָס איז כמעט שטענדיג איבער איהרע כחות אונטער דעם וואָרט פּאָליטיק דאַרף מען אַלזאָ פערשטעהן די הערשאַפט פון דער מעהרהייט, באַנאַליטעט, טראַדיציע. (דער בייז־געשטימטער מענש, וואָס די ווערטער קלינגען איהם צופיעל

אונפּאַרטייאיש, קאָן פון מיינעטוועגען שטעלען אויף זייער פּלאַץ די טיראַניע פון דער מיטעלמעסיגקייט און שלעפּעניש) דער מעכטיגער אינדיווידואַליטעט מיט איהר אייגענאַרטיגער ענטוויקלונג איז אמת, נישט אַנגענעהם זיך צו צופּאַסען צו די סטערעאָטיפּישע בעדינגונגען, וועלכע זענען ריכטיג גוט פאַר דער טיפּישער מאַסע. איהר איז טאַקע פינסטער און ביטער. זי האָט אָבער פון דעסטוועגען פאָרט קיין רעכט נישט, אַריינצוטופּען די גרויסע פיס פון דעם אַלטעגליכען מענשען אין איהרע עלעגאַנטע שיכלעך. יעדע אַנשטאַלט, וואָס געפעלט דער מעהרהייט, איז גוט; ס'פערשטעהט זיך: זי איז גוט נישט אַן און פאַר זיך, נאָר אין דער בעציהונג צו די בעדינגונגען, אין וועלכע זי געפינט זיך. דאָס קאָן נישט זיין אַנדערש. לאָמיר אָננעהמען, אַז די מאַסע גרייזט, אַז זי פערלאַנגט— און אַ דאַנק דעם פערלאַנג ווערען בעשאַפען — אַזעלכע געזעצען, וועלכע זענען געגען דעם גלייכען מענשליכען שכל. וואָס אַמשנעלסטען ערפילט איהר פערלאַנג און פיהרט איין די דאָזיגע נאַרישע געזעצען: די מאַסע וועט זיך גלייך איבערצייגען, אַז די געזעצען האָבען איהר אַ רעה געטהון, דאַן וועלען קומען קליגערע און ווייטער-בליקענדע גייסטער און איהר ערקלערען די סבה דערפון און איהר מעגט זיכער זיין, אַז זי אַליין וועט גלייך פאָדערן, מ'זאָל די געזעצען ענדערען און איבערמאַכען. אויב ווייטער עס וועט זיך אַרויסשטעלען, אַז די מאַסע פיהלט זיך גאַנץ גוט מיט די דאָזיגע נאַרעשע געזעצען און אַז זיי האָבען איהר ווירקליך אַ טובה געטהון, — האָט זי דאָך ווידער דאָס פולע רעכט אָנצווייזען דער פּאָליציי אויף די דאָזיגע חכמים, וועלכע זוכען איהר איבער געוואַלט צו איבערצייגען, אַז דאָס איז נישט קלוג פון איהר זייט, ווי אויף מאַיעסטעטס-בעליידיגער און מורדים. אויב דער המון איז נאַרעש, דאַרף מען קודם-כל איהם לאָזען נאַריש זיין. פון דעם קליגערען איז עס גאַנץ שען און איידעל, ווען ער וויל זיך אונטערנעהמען שווער צו אַרבייטען אום דעם המון אויפצוהויבען ביסלעכווייז, אום איהם קליגער צו מאַכען; דערווייל אָבער נויטיגט זיך די מאַסע אין אַזעלכע אַנשטאַלטען און געזעצען, וואָס זענען אויסגערעכענט פאַר בהמות, און נישט פאַר קיין היטרע בערזען-ספּעקולאַנטען. דער מינדערהייט קלוגע, וועלכע עס קומט אויס צו לעבען אונטער דער הערשאַפט פון די געזעצען און אַנשטאַלטען, קאָן איך נאָר מיין הערצליכסטען מיטלייד

אויסדריקען. מיר װעלען זיך נאָר פאָרשטעלען אויף איין מינוט אַזאַ שטאָדט, וואָס איז בעפעלקערט פון כסדר בלינדע. טעאָרעטיש קאָן דאָך דאָס מעגליך זיין. פלוצלונג וועט זיך אַהין אַרײַנהאַפּען אַ זעהעדיגער און פאָדערען, מ'זאָל דאָרט-איינפיהרען אין די גאַסען גאַז-בעלייכטונג. זיין פאָדערונג פאַר זיך איז געווים אַ גאַנץ שעהנע; ער האָט די מעגליכקייט אָהן אַ שום אָנשטרענגונג צו ברענגען די איבערצייגענדסטע פאַקטען און ראיות, אויף צו דערווייזען די נויטיג-קייט פון גאַז-לאַמטערנעס און מיט דער אַנציהענדסטער בערעדזאַמ-קייט צו שילדערן די שענקייט פון אַ העל-בעלויכטענער נאַכט. און דאָך וועט די בלינדע בעפעלקערונג איינשטימיג אָבוואַרפען דעם דעם פּראָיעקט, און איך וואָלט וועלען זעהן דעם חכם, וועלכער וואָלט זיי געגעבען אונרעכט און דעם פערטיידיגער פון דעם פּראָ-יעקט — גערעכט! אַבדעראַ דאַרף האָבען אַ געזעצגעבענדע פער-זאַמלונג פון אַבדעריטען און פאַר די געסט פון די פּלאַטאָנישע סימפּאָזיען איז דאָרט קיין אָרט נישט פערהאַן. בלייבען זיי דאָך וואוינען אין שטאָדט און ווילען פון דאָרטען נישט אַוועק, קאָנען זיי זיך יעדענפאַלס אונגעשטערט אַ קלוב גרינדען און צווישען זיך אָב-לאַכען פון זייערע מיט-בירגער.

איך גלויב, אַז דער פיליסטער קאָן גאַנץ צופריעדען בלייבען מיט דעם פּלאַץ, וואָס איך גיעב איהם אָב אין דער וועלט. איך אַנערקען איהם פאַר אַ מאָנומענטאַלע ערשיינונג, ד. ה. פאַר אַ אַ דענקמאָל פון דער פערגאַנגענהייט, וועלכע דערהאַלט זיך אָפּט, געוועהנליך, גאַנץ שלעכט: מיט אַ צוקריפּעלטע נאָז, מיט משונה'דיגע אויסבעסערונגען און צוקלעפּעכצען: פון וועלכען ס'איז שטאָדטישען מוליער. זיין פיזיאָנאָמיע איז די כראָמאָליטאָגראַפיע פון אַ בילד, וואָס האָט אַ הויכען קינסטלערישען ווערט. ער איז דער יורש פון דעם געניע, וואָס לאָזט איהם כסדר איבער זיינע קאָסטבאַרע אוצרות. גייסטיג זעה, איך שטענדיג איבער זיין פערשמאָלצענער נאַכט-יאַרמולקע דעם גרינעם טורבאַן, פון וועלכען ס'איז אַמאָליגען נביא. געוועהנליך, וועט איהם דער געניע נישט אַרײַנלאָזען אין זיין אינער-ליכער וועלט — זי געהערט נאָר איהם אַליין און אין דער בע-ציהונג צו איהר עקסיסטירט נישט קיין מעהרהייט. ווי ער טראַכט און פיהלט, דאָס איז זיין זאַך. ווי נאָר אָבער ער טרעט אַריבער די גרענעצען פון זיין אינערליכער וועלט, ווי נאָר ער האָט זיך

אויף צו בעטוגנען דערמיט, בלויז מיט זיין ביישפיעל צו ווירקען און בלויז פאר זיך אליין צו ארבייטען, — דארף ער אראבנעהמען פון זיך זיין אריגינעלען קאסטיום און אנטהון די אוניפארם פון דער באנאליטעט. דא איז ער נישט מעהר, ווי נאך איין עהרען־פיליסטער צווישען די פיליסטער׳שע מאסען. אין ענגלאנד איז איינגעפיהרט, אז יעדער פרינץ אדער לארד, וועלכער וויל שפיעלען א שטיקעל ראליע אין דער שטאדטפערוואלטונג, מוז זיין צוגעשריבען צו וועלכען ס׳איז פאך. ער מוז לויט דעם נאמען זיינעם ווערען א שניידער, א שוסטער אדער וואס ס׳איז עהנליכעס. דאס איז אינגאנצען, וואס איך מיין.

# ערפאלג.

וואָס איז דער לעצטער צוועק פון די שולען, פון אַלע למודים און פון דער ערציהונג? אויף דער פראַגע איז נאָר איין ענטפער פערהאַן: דער לעצטער צוועק פון דעם אַלעמען איז דאָס לעבען צו פערטיעפען, צו בערייכערן און צו פערשענערען און אַזויערנאָך עס אַנגענעהמער צו מאַכען; אַנדערש געזאָגט, הייסט עס: אויפצוהייבען די לאַגע פון דעם איינצעלנעם מענשען און פון דעם כלל. די פעדאַגאָגען, וועלכע שרייבען צו דער שול אַנדערע אויפגאַבען, שטעלען זיך איינפאַך אָב אין מיטען וועג און דערגעהען נישט ביז דעם ענדליכען ציעל. מ'זאָגט, למשל, אַז די אויפגאַבע פון דער שול איז אויסצובילדען דעם כאַראַקטער. וואָס בלייבט פון דער פראַזע, ווען מ'צוגליעדערט איהר עטוואָס? מען בילדעט דאָך נישט אויס דעם כאַראַקטער צוליעב זיין אייגענער שענקייט אָדער צוליעב דעם, ער זאָל קאָנען בעפריעדיגען די אויגען פון וועלכען ס'איז מבין, אַזוי ווי ווען מ'גיעסט אויס בראָנז־פיגורען; מ'האָט דאָך דערביי עפּעס נוצען אין זינען! אַ אויסגעבילדעטער כאַראַקטער, דאָס הייסט: בעשטימטע שטרעבונגען, שטייפקייט אין די האַנדלונגען, פעסטקייט אין די איבערצייגונגען, זיכערקייט אין די נייגונגען און פורכטלאָזיגקייט אין די נויטיגע פיינדשאַפטען, — איז אַ גאַנץ גוטעס געוועהר אין'ם קאַמפּף אום דאָס זיין. אַזאַ שטאַרקער גייסט מאַכט לייכטער דעם נצחון איבער די שונאים און נעגנער, און אויב עס איז שוין יאָ

נגזר געוואָרען מן השמים, אַז דאָס שלעכטע זאָל מנצח זיין דאָס גוטע, האָט אויך דער שטאַרקער כאַראַקטער די מעגליכקייט צופריעדען צו בלייבען מיט זיך און צו שטאָלצירען גראַדע מיט די איינגענשאַפטען, וועלכע זענען געווען די סבה פון זיין מפלה.

אַנדערע ווידער זאָגען, אַז די אויפגאַבע פון דער שול איז צו בילדען דעם גייסט, צו שטאַרקען דעם ווילען, צו ענטוויקלען דעם געפיהל פון אַליץ, וואָס איז שען און גוט. צו וואָס אָבער נוצט דאָס אַלץ? דעם גייסט בילדעט מען צוליעב דעם, ער זאָל פערשטעהן די ערשיינונגען פון דער נאַטור און פון דער געזעלשאַפט; ער זאָל קאָנען געניעסען דעם פערגניגען פון בעגרייפען, וויניגסטענס ביז א געוויסער גרענעץ, דעם עצם און די סבה פון אַ סך זאַכען; ער זאָל פערשטעהן אויסצומיידען אַ געפאַהר און אויסצונוצען אַ געלעגענהייט. דעם ווילען שטאַרקט מען צוליעב דעם, ער זאָל בעזוויניגען פון דעם אינדיווידואום אַלעס שעדליכעס. דעם געפיהל פון אַלץ, וואָס איז שען און גוט, ענטוויקעלט מען דערפאַר, כדי דאָס בעוואוסט-זיין זאָל קאָנען האָבען וואָס מעהר אַנגענעהמע איינדריקע. און דער לעצטער צוועק פון די אַלע זאַכען, איז — דעם אינדיווידואום דאָס לעבען אַנגענעהם צו מאַכען.

ערפילט די שול מיט איהרע איצטיגע אָרדנונגען און אַר-בייטסמעטאָדען די דאָזיגע אויפגאַבע? איך לייקען אין דעם. כמעט אַלע מענשען שטרעבען נאָר צו איין איינציגען ציעל — צו דעם אויסערליכען ערפאָלג אין לעבען. אָהן ערפאָלג האָט דאָס לעבען פאַר זיי קיין אַנגענעהמליכקייט נישט אין זיך. אויב עמיצער וועט זיי זאָגען, אַז ער וויל זיי דאָס לעבען אַנגענעהמער מאַכען, וועלען זיי פערשטעהן אונטער די ווערטער נאָר דאָס, אַז מ'וויל זיי לייכטער מאַכען און פערזיכערען דעם אויסערליכען ערפאָלג אין לעבען, און קוים וועט די האָפנונג זייערע נישט פערווירקליכט װערען, וועלען זיי זיך רעכנען פאַר אָבגענאַרטע. אַזוי, אורטיילען אין אַזוי טראַכטען ניין-הונדערט-ניין-און-ניינציג מענשען פון טויזענד. און עס קאָן זיין, אַז אין דער ווירקליכקייט איז די צאָהל פון יענע מענשען, וועלכע פאָדערן פון לעבען נישט קיין ערפאָלג, נאָר עפּעס אַנאַנדער זאַך, נאָך קלענער פון דער צאָהל, וואָס איך האָב דאָ משער געוועזן. די שול אָבער פאָרבערייטעט צו וואָס איהר ווילט, נאָר נישט צו דעם אויסערליכען ערפאָלג, נאָר נישט צו דעם, וואָס דיענט

אַלס קוועלע פון גליק און צופריעדענהייט פאַר דער אונגעדויערער מעהרהייט. די אידעאַלען פון דער שול זענען נישט נאָר איינגאַנצען פערשיעדען פון די לעבענס־אידעאַלען, נאָר זאָגאַר דאַגעגען זיי. דער גאַנצער לעהר־און ערציהונגס־פּלאַן איז ווי ס׳,,זעהט אויס בעשאַפען געוואָרען מיט דער ספּעציעלער כּונה צו ערציהען אַזעלכע מענשען, וואָס דער ערשטער הו־האַ פון דעם ווירקליכען לעבען זאָל אַרויסרופען אין זיי אַ שנאה צו דער וועלט און צו דער מענשהייט, וואָס זאָלען מיט אַ געפיהל פון פעראַכטונג צו דעם קאַמפּף איבער די געזעלשאַפטליכע און מלוכה׳דיגע פעטע ביסענ׳ס אַנטלויפען פון דאָרטען און זיך בעהאַלטען אין דער פריעדליכער און צניעות׳דיגער זעלבסטבעטראַכטונג, אין דער פאַנטאַסטישער וועלט פון העכערע טרוימבילדער, קורץ: אַזעלכע, וואָס זאָלען אָהן אַ שום קאַמפּף אָבטרעטען אַנדערע, געמיינערע פון זיי, זייער פּלאַץ אויף דעם באַל פון לעבען. דאָס איז דער עיקר. עס זעהט אויס ריכטיג, ווי אַלע שולען וואָלטען זיין די ערפינדונג פון היטרע מענשען, וועלכע ווילען זיך און זייער גלייכען פערזאָרגען מיט די בעסטע ביסענס און זיי פערדאַרבען פאָראויס דעם אַפּעטיט פון די יונגע, געזונדטע מאָגענס, דער הונגער, פון וועלכע עס קאָן זיין געפעהרליך פאַר זיי אין דער צוקונפט; ווי אַלע לעהרער וואָלטען זעהען אין זייערע תלמידים אונטערוואַקסענדע קאָנקורענטען און זיי ווענדען אָן אַלע מעגליכקייטען זיי פאָראויס אונשעדליך צו מאַכען, זיי אָבצושניידען די נעגעל, זיי טעמפּ צו מאַכען די ציינער און אַרויסצוזעצען בלויע ברילען אויף זייערע דורכדרינגענד־שאַרפע אויגען. די שול פאָרבערייטעט אַזוי פיעל איהרע תלמידים צו דעם קאַמפּף אום דאָס זיין, ווי פיעל עס פאָרבערייטעט סאָלדאַטען צום קריעג יענער רעגלאַמענט, וואָס לערנט זיי און זאָגט זיי אָן, אַז דאָס געוועהר דאַרף מען נישט מיטנעהמען מיט זיך, אַז אויף די קוילען פון שונא דאַרף מען נישט ענטפערן מיט קיין קוילען, אַז מ׳דאַרף אָבטרעטען דעם געגנער די בעסטע פּאָזיציעס און אַז אין אַלגעמיין איז מעהר עהרע דערשלאָגען צו ווערען, ווי צו זיעגען. אַ סך מענשען וועלען אַזאַ מין רעגלאַמענט געפינען פאַר נאַריש; דער שונא אָבער וועט געוויס פון איהם צופריעדען זיין.

דעם ערפאָלג, וועגען וועלכען איך רעד דאָ, קען מען האַראַקטעריזירען מיט עטליכע ווערטער. האָבען ערפאָלג — הייסט זיין גע־

אַכטעט פון דער מעהרהייט. צו דעם ציעל קען מען, געוועהנליך, צוקומען דורך אַ סך וועגען. די אַכטונג פון דער מעהרהייט קען מען זיך ערווערבען, ווען מ׳האָט אַ סך געלד אָדער ווען מ׳מאַכט זיך פאַר אַ גביר; ווען מ׳קען אַיינפּאַסען דעם אייגענעם נאָמען, ווי אַ טייערען שטיין, אין אַ ראַהם פון פערשידענע טיטולען; ווען מ׳קען בעפוצען די ברוסט מיט לענטעם און אָרדענס; ווען מ׳בעזיצט מאַכט און אַיינפלוס; ווען מ׳קען זיך קונה־שם זיין אין שטאָדט אָדער אין לאַנד פאַר אַ גרויסען, פאַר אַ קלוגען, פאַר אַ געלעהרנטען און פאַר אַ עהרליכען מענשען. די פרוכט פון דער אַכטונג איז אויך נישט ביי אַלעמען גלייך: אַמאָל איז זי אַ מאַטעריעלע, אַמאָל אַ גייסטיגע און אַמאָל אויסגעמישט פון ביידע צוזאַמען, מיט דער איבערגעוויכט פון דעם אָדער יענעם עלעמענט. די מאַסע האָט אַ גוטע געוואָהנהייט,— אַ געוואָהנהייט אויסצודריקען איהרע אַכטונג אין דער פאָרם פון מזומ׳ענע געלד. דער געאַכטעטער דאָקטאָר האָט אַ סך פּאַציענטען און בעקומט גרויסע האָנאָראַרען. דער געאַכטעטער שריפטשטעלער פערקויפט זיינע ווערק אין אַ מאַסע אויפלאַגען. ווען מ׳האָט ערפאָלג, קען מען אַלזאָ אַמעהרסטענטייל אַ סך געלד פערדינען און זיך פערשאַפען די אַלע פערגניגענס, וועלכע מ׳קען נאָר בעקומען פאַר געלד אין אונזער השכּדיגער וועלטעל. איינער טראַכט דערביי וועגען טריפלעך און געבראָטענע טויבען, אַ צווייטער וועגען וויין און ליקער, אַ דריטער וועגען שעהנע טענצערינ׳ס, וועלכער ס׳איז משונה׳דיגער נפש אפשר זאָגאַר וועגען שטיצען אָרעמע און עלענדע. נאָר ווער איז דאָס אימשטאַנד אויסצורעכנען כּסדר אַלע אינדיווידועלע נייגונגען! די נישט־מאַטעריעלע פערדינסטען פון ערפאָלג טראָגען אַ גאַנץ אַנדער האַראַקטער, און נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס לויט דעם פאָלקסטימליכען שפּריכוואָרט, קען מען קיין ברויט פון אַזעלכע פערדינסטען נישט עסען, האָבען זיי דאָך אַ הויכען ווערט אין די אויגען פון דער מעהרהייט מענשען. דאָס איז אַ מערקווירדיגער געגענזאַץ אין דער מענשליכער נאַטור. דער בשמים־קרעמער שעצט די דאָזיגע פערדינסטען ביי אַנדערע אַזוי חנניג, אַז עס וועט אויף זייער רעכנונג קיין טוטעלע געמאָהלענעם פעפער, אפילו נישט קיין ריינעם, נאָר צוגעמישטען מיט אַליווען־קערנער— נישט באָרגען; און ער אַליין ברענגט פאַר זיי די גרעסטע קרבּנות,— קרבּנות פון צייט, פון געדולד, פון הייסען

שטרעבען, זאגאר פון געלד, פון דעם געבענשטען, טייערען געלד. און בעשטעהן די דאזיגע נישט-מאטעריעלע פערדיענסטען אין דעם, וואס אין גאס בעגריסט מען דיך, וואס אין די צייטונגען דערמאהנט מען אפט דיין נאמען און אמאל זעצט מען נאך צו צו איהם געוויסע הניפה'דיגע עפיטעטען. זיי נעהמען אויך אן פערשיעדענע פארמען, אבהענגיג פון די פערשיעדענע געזעלשאפטס-שיכטען און ספערען: א איינלאדונג אויף א הויף-באל, ארויסשטעלונג פון דער פאטאגראפיע אין די שויפענסטער; פליכטמעסיגע וויזיטען פון אויסלענדישע רייזענדע; אכטונגס-אויסדריקען פון פערטרויענספולע אונבעקאנטע; א עהרענבירגער-דיפלאם; טיעפער דרך-ארץ פון די קעלנער אין דעם ערשטקלאסיגען רעסטאראן; אויפפאדערונגען אנטייל צו נעהמען אין דעם אויפשטעלען א דענקמאל וועלכען ס'איז בעריהמטען זייפען-זיעדער; הניפה'דיגע איינלאדונגען צו מיטאג אדער צו אבענדברויט אין רייכע, פיינע הייזער — דאס זענען עטליכע ביישפיעלען פון די נישט-מאטעריעלע, אבער אינערליך זעהר הייס פערלאנגטע פערדיענסטען, וועלכע שטעלען פאר מיט זיך די פראצענטען פון דעם קאפיטאל, וואס הייסט ערפאלג. נישט על-פי טעות האב איך דא אריינגערעכענט די איינלאדונגען צו מיטאגען און אבענדברויטען אין דעם רייסטער פון די נישט-מאטעריעלע פערדיענסטען. ווארום דא שפיעלען דאך די הויפטראליע נישט די גוטע מאכלים, וואס ווערן דערלאנגט ביי'ם עסען, נאר דער בעוויזענער כבוד. די מאכלים זענען דא נאר דער מאטעריעלער אויסדריק פון דעם כבוד און אויסער דעם קומט אוים צו בעצאהלען פאר זיי מיט טייערע יום-טוב-מתנות; דער כבוד אליין אבער איז רייִנער ריוח און נאר געמיינע נאטורען שעצען איהם נידעריגער, ווי דעם מעניו.

איצט אקארשט וועלן מיר זעהן, צי די שול גיט ווירקליך דער יוגענד די כלי-זין, וואס זענען נויטיג אום זיך צו קענען אויסקעמפפען דעם דאזיגען ערפאלג אין לעבען, און צי זי לעהרנט איהר אויס האטש נאר די עלעמענטארע כללים פון דער קונסט, ווי אזוי זיך צו ערווערבען די אויסגערעכענטע מאטעריעלע און גייסטיגע בעפריעדיגונגען. צו דער פאלקסשול קען מען קיין גרויסע פרעטענזיעס נישט האבען. אין דער עלטער, אין וועלכער די קינדער בעזוכען זי, קען מען נאך מיט זיי וועגען קיין ערנסטע זאכען נישט רעדען, ווייל די מיטלען, מיט דער הילף פון וועלכע דער מענש ארבייט זיך

אויס אַ וועג אין לעבען, פאַרערן שוין אַ געוויסע פערשטאַנדס־ענטוויקלונג און אַ געוויסע צייטיגקייט. די פאָלקס־שול לעהרנט די קינדער לעזען, שרייבען און רעכענען און די אַלע זאַכען, בעזונדער דאָס לעצטע, קענען נאָר נוצען ברענגען. קענען רעכנען איז בעזונדער נוצבאַר, ווען עס קומט אויס צו געבען, און עטוואָס וועניגער נוצבאַר, ווען מ'דאַרף נעהמען. קענען שרייבען און לעזען קומט אויך אַממעהרסטענטייל צוניץ, אויב מ'פערשטעהט זיך איינצוהאַלטען און דאָס נישט שלעכט אויסנוצען. מיט דער אוניווערזיטעט קען מען אויך ווי ס'איז דורכקומען, ווייל די קאָרפּאָראַציעס און פעראיינען שטעלען פאָר מיט זיך אַ גוטע געלעגענהייט אויסצוגעפינען און צו ענטוויקלען עטליכע וויכטיגע טאַלענטען, ווי למשל, דעם טאַלאַנט צוצוציהען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון גלייכע און העכערע פערזאָנען מיט דער הילף פון שרייענדיגע דרשות און געשעפטליכקייט; צו דערגעהן די הערשענדע שטרעמונגען און זיך מיטצולאָזען מיט זיי; צו הנפה'נען איינפלוסרייכע מענשען; אַ אויפמערקזאַמע בעאָבאַכטונג פון די בעציהונגען, וואָס הערשען צווישען די אַסיסטענטען, דאָצענטען און פראָפעסאָרען, קען אויך געבען דעם בעגאַבטען מענשען אַזעלכע ידיעות, וואָס האָבען אַ גרויסען ווערט פאַר'ן לעבען. צום בעדויערן, איז די אויפמערקזאַמקייט פון די העכערע שולען נישט געווענדעט אינגאַנצען אויף די קאָרפּאָראַציעס און זיי בעגרענעצען זיך נישט דערמיט, צו ווירקען ערציהעריש מיט דעם ביישפיל פון די אַקאַדעמישע קאַריערעס. זיי בעלעסטיגען דער יוגענד אויך מיט לעקציעס און פאָרלעזונגען, מיט אודיטאָריומ'ס און לאַבאָראַטאָריומ'ס און איך צווייפעל שטאַרק אין דעם, צי די אַלע זאַכען ברענגען וועלכע ס'איז ממשות'דיגע נוצען דער צוקונפט פון די סטודענטען. די גימנאַזיומ'ס אָבער זענען אינגאַנצען קיין אויסגעבלאָזענע איי נישט ווערט. זיי ברענגען אין קיין בעציהונג קיינע נוצען נישט די זייער אַנפערטרויטע צוקינפטיגע בירגער. אדרבא, זיי מאַכען זיי נאָך וועניגער געשיקט פאַר דעם קאַמפף אום ערפּאָלג, און דער, וואָס לעהרנט אין זיי, פערברענגט אין גאָרנישט זיינע טייערסטע יוגענד־יאָהרען. עס פרעגט זיך, וועלכע נוצען ברענגט דער יוגענד דאָס לעזען האָמער'ן און האָראַצ'ן? צי מאַכט דאָס איהר שפּעטער לייכטער צו פערשטעהן דער בולוואַר־ליטעראַטור? אָדער וועלכע נוצען וועט זי האָבען שפּעטער דערפון, וואָס זי איז בעגייסטערט געוואָרען פון געטה'עס

„איסיגעניע“? ווערט דאָס דען איהר געבען דערנאָך די מעגליכקייט לומד׳יש צו פּלוידערן וועגען „קאָוואַלעריאַ רוסטיקאַנאַ“? מ׳זוכט איינצופּלאַנצען אין איהר, אַלס דעם לעצטען אויסצוג פון דער געשיכטע, דעם כלל: „שטאַרבען פאַר׳ן פאָטערלאַנד!“ צי קען דען אַזאַ קלינגענדע פראַזע דיענען אַלס צופיהר פאַר ערגעבענהייטסאַדרעסע אויף דעם נאָמען פון פּרעמיער-מיניסטער? קורץ: אין דער שול לערנט די יוגענד נישט, וואָס זי וועט שפּעטער דאַרפען און קיין זאַך וועט זי נישט דאַרפען דערפון, וואָס זי לערנט דאָרט יאָ.

אין אונזער בילדונגסלעבען בעמערקט זיך אַ לעדיגער פלאַץ, וואָס קען ווירקליך לענגער נישט בלייבען אונאויסגעפילט. איך טרוים וועגען אַ שול, וואָס זאָל אָפען פאַרבערייטען נאָר צו דעם שפּעטערדיגען ערפאָלג אין לעבען, נישט פערמאַסקירענדיג זיך מיט איךהיים-אַליין-נישט-וועלכע, כלומר׳שט-הויכע אידעאַלען. געוועהנליך זענען ביי היינטיגער צייט פערהאַן מענשען, וועלכע האָבען ערדייכט ערפאָלג אין לעבען, האָטש זיי האָבען זיך נישט געבילדעט אין אַזאַ שול. דערמיט אָבער איז נאָך נישט דערוויזען, אַז מיין געדאַנק איז נישט ריכטיג. אָט האָבען זיך דאָך אין די פינסטערע באַרבאַרישע צייטען און אין די לענדער, אין וועלכע עס זענען קיין שולען אינגאַנצען נישט געוועזען, אויך אַרויסגעהאַפּט איינצעלנע געלעהרטע, וואָס האָבען זיך ערוואָרבען זייער וויסען און בילדונג אויסשליסליך נאָר מיט דער איינענער התמדה, אָהן קיינע מעטאָדעס און אָהן קיינעמס הילף. ווי שווער אָבער קומט עס אָן אַזאַ מין לערנען! וויפיעל צייט פערליערט מען דערביי אָהן שום נוצען און אָהן דער מינדעסטער נויטווענדיגקייט! וויפיעל טעותים הזר׳ט מען זיך עס איין! ווי איינזייטיג און נישט פאָלקאָמען איז עס דער רעזולטאַט פון אַזאַ לערנען אפילו שוין ביי די גינסטיגסטע בעדינגונגען! די מענשען, וועלכע האָבען ערדייכט ערפאָלג אויף אַנ׳אויטאָדידאַקטישען אופן, וועלען, ערדייכענדיג דעם ציעל און אומקוקענדיג זיך צוריק אויף דער אָבגעגאַנגענער וועג, מיט אַ ביטערניש אין האַרצען זעהן, וויפיעל אָנגעלעגטע וועג, וויפיעל צודרעהטע זאַמד-און בלאָטע-ערטער עס וואָלט זיי געקענט איינשפּאָרען אַ געניטער וועג-ווייזער אָדער וועניגסטענס אַזאַ, וואָס איז פיעל-ווייניג בעקאַנט מיט דער געגענד.

איין זאַך ערקלער איך פאָראויס: קיין אַבטיילונגען פאַר מעדלעך וועלן אין מיין ערפאָלגס-שולע נישט זיין. די פרוי געפינט זיך אין אַזאַ

גליקליכער לאַגע, אַז זי דאַרף קיין ערציהונג נישט האָבען, אום זיך די וויסענשאַפט צו ערווערבען. זי איז פון דער נאַטור בעגאַבט מיט די אַלע קענטעניסען, וועלכע זענען איהר נויטיג אויף צו ערדייכען ערפאָלג אין לעבען, און די קליינע הכמות, וואָס פעהלען אין דער היגזיכט, לערנט זי זיך אַליין אויס שפּעטער אין אַ גאַנץ קורצער צייט. אין דער היינטיגער וועלטאָרדנונג שטרעבען די מעהרסטע טייל פרויען נאָר צו איין פאָרם פון ערפאָלג: זיי ווילען געפעלען וועהרן די מענער. אום דעם ציעל צו ערדייכען דאַרפען זיי נאָר שען זיין אָדער זיך מאַכען אויפפאַלענד און עפּעקטיש. מענשען מיט משוגה'דיגע געדאַנק צו עפנען פאַר מעדלעך העכערע לעהראַנשטאַלטען. דאָרט לערנט מען די אָרעמע נפשות צייכנען, פוקען אויפ'ן פּאָרטעפּיאַן, „שפּרעכען" מיט אַ לעכערליכען אַקצענט עטליכע פרעמדע לשונות און פערפלאָנטערן די היסטאָרישע דאַטומס, ד. ה. אַלזאָ גראַדע דאָס, וואָס מאַכט זיי שפּעטער פאַר אַ געגענשטאַנד פון שרעק און פּחד אין די אויגען פון די מענער. דער פּלאַן פון די דאָזיגע שולען האָט געקענט איינפאַלען נאָר וועלכע ס'איז פערביטערטע אַלטע מעדלעך אָדער ווען ס'איז פון די התונה-קאַליקעס, וועלכער האָט זיך געוואָלט נוקם זיין פאַר די קלעפּ, וואָס ער האָט געקריגען פון זיין ווייב. אין דעם פּלאַן ווייזט זיך אַרויס, ווי ווייט די בעשעפער פון זיי האָבען נישט אָנגעהויבען צו פערשטעהן די לעבענסציעלען פון דער פרוי. די מזרח-פעלקער מיט זייער פאַרצייטיגער הכמה בעציהען זיך צו דער פראַגע אַ סך פּראַקטישער. ביי זיי לערנען נישט די מעדלעך קיין שום אַנדער זאַך אויסער זינגען, טאַנצען שפּיעלען אויף אַ פייפעל, מעשה'לעך דערצעהלען, פּאַרבען זיך די נעגעל און די האָר, קורץ: דאָס אַלץ, וואָס מאַכט זיי אַנציהענד אין די אויגען פון די מענער; וואָס גיט זיי די מעגליכקייט אַרויסצוווייזען זייערע אַלע רייצען און חנ'ען אין אַ גינסטיגער בעלייכטונג; וואָס ענטציקט זייערע מענליכע לעבענסבעגלייטער און בינדט איהם פעסט צו צו זיי. אונזערע אָרעמע מעדלעך אין מערב-אייראָפּאַ זענען איינפאַך פערשקלאַפט ביי דעם הערשענדען ערציהונגס-סיסטעם, וואָס לאָזט זיי נישט פאָלגען זייערע אייגענע נייגונגען, — יענע נייגונגען, וועלכע האָלטען זיי אַ סך ווייטער געפיהרט ווי די אַלע לעהרע פון גימנאַזיום אין ברילען אָדער אָהן ברילען. נאָר האָן ערשט, ווען זיי פּטר'ן שוין אַריבער די אַלע שוועריגקייטען און

מאַטערנישען פון דער שול, קענען זיי זיך פריי איבערגעבען זייערע אייגענע אינערליכע נייגונגען און זיי צוועקמעסיג ענטוויקלען. דאַן ערהערבען זיי זיך אַליין די קונסט פון פוצען און פודערן זיך; דאַן פערשטעהען זיי אַליין צו טראָגען שרייענדיגע קליידער; אַזוי צו זיצען, צו געהן און צו שטעהן, אַז אַלץ, וואָס איז מעהר אויפרייצענד אין דער פאָרם פון זייערע קליידער, זאָל זיך בעזונדער שטאַרק וואַרפען אין די אויגען; דאַן לערנען זיי זיך אַליין אויס צו שפּיעלען מיט'ן פעכער, צו וואַרפען אויגלעך, זיך שען צו פערקרימען, זיך ליעבליך צו בעוועגען און דער שטימע צוצוגעבען די בעצויבערטע ביגונגען פון קינדערשער אונשולד, יוגענדליכער שטיפעריי און פּיקאַנטער נאַאיוויטעט. בעוואָפּענט מיט די מיטלען זענען זיי זיכער, אַז אומעטום, וואו זיי וועלן ערשיינען, וועלן זיי אַרומזאַמלען אַרום זיך אַ גאַנצע מחנה פערעהרער, קאַוואַלערען, טענצער; וועלן זיי זיך אויסגעפינען אַ מאַן, און בכלל דאָס אַלץ, וואָס מאַכט דאָס לעבען אַנגענעהם און שען. די פרויען וועלן, געוועהנליך, זיך קרימען אויף זיי און אויף אַ געוויסער צאָהל העכערע, מעהר אַנשטענדיגע מענער וועלן זיי, אמת, ווירקען מעהר אָבשטויסענד, ווי אַנציהענד, די דאָזיגע מענער וועלן גאָר אַיינגעפינען, אַז פעטקייט, מעהלשטויב, פאַרבענפלעקען און אַלערהאַנד שמירעכצען פּאַסען זיך אַזוי צו אַ ווייבערשען געזיכט, ווי צו אַ סאַמעטענעם קלייד; אַז הויבען מיט די פליצעס און זאָטעל-טורנירען געבען דער פרוי אַ האָר-באַטען, אַ שווינדזיכטיגען אָדער גאָר אַ האָטענטאָטישען אויסזעהען און אַז דאָס וועלן הורכאויס געפעלן ווערן און די קאָקעטעריע קענען אפילו דעם שענסטען וועזען אויך אונערטרעגליך מאַכען. וואָס געהען עס אָבער דער פרוי אָן אָט די אַלע מיינונגען? ביי די פאָרשטעהער פון איהר געשלעכט האַרט איהר איינגאַנצען נישט, אַז זי וועט נישט מוצא-חן זיין; מיט דער סימפּאַטיע קען זי סיי-ווי-סיי גאָר נישט מאַכען. און וואָס עס געהער צו די מענליכע קריטיקער, בלייבט זי ביז דער העכסטער שטופע גלייכגילטיג. ווען וועלכער ס'איז בטלן אָדער קאַבינעט-מענש ווענדעט זיך אָב פון איהר מיט פעראַכטונג, אַזוי לאַנג ווי די יונגע העררען פון קלוב אָדער פון טעאַטר האַלטען פעראינטערעסירט אָנגעשטעלט געגען איהר דעם מאַנאָקל. זי קען בכלל נישט צופּאַסען איהרע מאַניערען און האַלטונגען צו דעם אמת'ן געשמאַק פון וועלכען ס'איז העכערן גייסט. ער איז

אַ אויסנאַהם. אַ סך פרויען לעבען און שטאַרבען, נישט אָנקוקענדיג אידהם אפילו איין מאָל אין די אויגען. דער שלאָפענדער שענהייט איז גוט נאָר אין דער קינדערשער מעשה׳לע: דאָרט קומט דער ריטער און בעפרייט איהר. אין דעם ווירקליכען לעבען אָבער קען מען אויף דעם העלד נישט רעכנען, און ווער עס בעהאַלט זיך אונטער׳ן פּלויט, האָט טאַקע אַלע שאַנסען— פערגעסען צו ווערן. די פרוי ווייזט אַלזאָ אַרויס אַ סך פערשטאַנד, ווען זי זוכט געפעלען צו ווערן דער מעהרהייט און נישט דעם אויסנאַהם.

אויב אָבער די פרוי אין אַלגעמיין קען זיך בעגעהן אויף אָהן די טעאָרעטישע אויסבילדונגען צום ערפּאָלג, שטעהט עס מיט די מענער נישט אַזוי גוט. אום זיך אויסצואַרבייטען אַ שטיקעל וועג אין לעבען, מוז דער מאַנספּערזאָן געפעלען ווערען זיינע אייגענע געשלעכטס־ברידער און דאָס איז נישט אַזוי איינפאַך, ווי מאַכען אַ גוטען איינדריק אויף אַ מענשען פון אַנ׳אַנדער געשלעכט. אמת, אויף געווויסע געביטען האָט דער מאַנספּערזאָן אויך די זעלביגע פּריווילעגיעס וואָס די פרוי; ער קען מיט זיין אייגענער פּערזענליכקייט ווירקען און דאַרף געפעלען ווערען נאָר פרויען; אַזעלכע פּריווילעגיעס בעזיצען צום ביישפּיעל ערשטע ליבהאָבער, טענאָרען און פערקויפער אין בלומען־מאַגאַזינען. פאַר די מענשען פון דעם קלאַס איז די ערפאָלגס־שול איבריג, און קוים האָט זיי נאָר די נאַטור מוטערליך בעהאַנדעלט, קענען זיי שנעל און לייכט זיך דערשלאָגען אין דער הויך אָהן אַ שום טעאָריע. די בעסטע שול־לעהרע קען, צום בעהיערן, נישט געבען קיין שען־געקרייזעלטע וואָנסען און קוים וועט דער האָרקרויזלער נישט געפינען קיין סך האָר אויפ׳ן קאָפּ, וועט ער, מיט זיין קינסטליכער פריזור, אויך גאָרנישט אויפטאָן. דער אין בלוט און פלייש פערקערפערטער אַפּאָלאָ פון בעלוועדער אָדער דער שענגעהאַקסענער אָפיציער פון דער בערלינער שלאָסבריק דאַרף קיין סך נישט זאָרגען וועגען זיין ערפאָלג אין לעבען. אַזאַ מין שענער בחור וועט שוין אין ערגעץ נישט פערלוירען געהן. קוים איז ער אַ שליח, וועט ער גאַנץ שנעל אַריינקומען אין די פּאָדערשטע צימערן; קוים איז ער אַ קעלנער וועט ער דעם רעסטאָראַן אין גיכען זיך אויך רייך מאַכען; אַזאַ מין ליעבלינג פון פרויען וואָלט זיך נאָר שווער ברענגען, ווען ער וואָלט זיך אָנשטרענגען צו ערווערבען איסער זיינע קערפּערליכע מעלות, אויך גייסטיגע. עס וואָלט אַ

שאָד זײַן, הען ער וואָלט זיך מיט'ן לעזען אַ סך איבערפֿיהרען דעם גלאַנץ פֿון זײַנע שענע אויגען. מיט בילדונג און וויץ וואָלט ער אַ שרעק אַרויפֿוואַרפֿען אויף די אײַנפֿאַכע מעדלעך און זיי געשטערט פֿון אויסצודריקען פֿרײַ זייערע געפֿיהלען. זײַ שען, ווי אַ גריכישער גאָט און נאַרעש ווי אַ פֿיש, — און דו האָסט מהמד'ס גן=עדן אויף דר'ערד מיט אַלע זײַנע הורים (שענע מעדלעך) און אַלץ, וואָס דאָרט איז נאָך פֿערהאַן, לויט דעם גלויבען פֿון זײַנע אַנהענגער. אַזעלכע בעגאַבטע אינדיווידואומען דאַרפֿען אויך קיין ערפֿאָלגסשול נישט האָבען, אַזוי ווי עס האַרף זי נישט דער געניע.

דער געניע אָבער איז אַ זעלטענע אויסנאַהמע און די מענשליכע אײַנריכטונגען זענען אויסגערעכענט אויף דעם דורכשניטס-מענשען. בעטהאָווען וואָלט אָהן אַ קאָנסערוואַטאָריום אויך וועררן דאָס, וואָס ער איז געוואָרען; געוועהנליכע הוני'שע קינדער מוזען אָבער לאַנג זיצען איבער דעם קאָנטראַפּונקט, אום צו בעקומען ווען ס'איז די שטעלע פֿון אַ קאַפּעלמײַסטער מיט אַ רעכט אויף פּענסיע. מיר וועלן אַלזאָ לאָזען אָן אַ זײַט שטעהן די אַלע אויסנאַהמס=ערשײַנונגען: די אַפּאָלאָ'ס, די הויכע אַריסטאָקראַטען מיט זייערע יעהרליכע הכנסות, די מיליאָנערישע קינדער און אַזוי ווײַטער. זיי דאַרפֿען דעם ערפֿאָלג נישט נאָכלויפֿען, דער ערפֿאָלג לויפֿט זיי נאָך. מײַן ערפֿאָלגסשולע איז בעשטימט בלויז פֿאַר דער עלענדער מאַסע, וועלכע איז געבוירען געוואָרען אָהן רענטעס און טיטולען און הלומ'ט פֿון דעסטוועגען פֿאָרט וועגען הויכע שטײַערונגען און אָרדענס לענטעס מיט די מיטעלמעסיגע ווידער וואָלטען געווים מיט אַ סך מעהר שאַנסען אָנגעהויבען דעם קאַמפּף אום דאָס זײַן, ווען זיי וואָלען פֿריהער סיסטעמאַטיש פֿאָרבערײַטעט געווען, זיך צו קענען אַ עצה געבען מיט די שוועריגקײַטען פֿון לעבען.

ווען די דאָזיגע פֿאָלקס=שולע וואָלט ווירקליך עקסיסטירט, וואָלט דער דירעקטאָר איהרער קודם=כל זיך געמוזט ווענדען צו יעדער פֿאָטער, וואָס וואָלט מרוצה ווערען איהם אָנצופֿערטרויען זײַן אינגעל, מיט אַזאַ מין אָפּענהערציגער רעדע: מײַן ליעבער פֿרײַנד! גיט זיך פֿריהער אָב אַ קלאָרען רעכנונג פֿון דעם: וואָס ווילט איהר אייגענטליך. אויב אײַער זוהן שטעהט פֿאָר צו פֿערברענגען דאָס לעבען אין אַ וועלט פֿון אידעאַלען, וואו דאָס גוטע ווערט בעקרוינט מיט לאָרבער=קראַנצען; וואו דאָס בעשיידענע, וואָס

בעהאלט זיך אין א פינסטערן ווינקעל, ווערט אויפגעזוכט און בעלויהנט; וואו מ'זוכט ניט פון קיין נארעשקייט, פון קיין גאוה און פון קיין שלעכטסיגקייט; וואו דאס גוטע, שענע און עדעלע הערשט מיט דער פולער מאכט, אדער אויב איהר גלויבט, אז אייער זוהן וועט שטענדיג שעצען זיין זעלבסטאכטונג העכער ווי דעם בייפאל פון דער מאסע; אז ער וועט זיך רעכנען נאר מיט זיין אייגענעם געוויסען, און ניט מיט דער מיינונג פון המון; אז ער וועט זיך בעפריעדיגען מיט דער דורכפיהרונג פון זיינע אויפגאבען און דערמיט, וואס זיין אינערליכע שטימע וועט איהם ריהמען און לויבען דערפאר, — האן האט ער אין מיין שול ניט וואס צו טאן. דאן וועט איהר בעסער טאן, אויב איהר וועט איהם שיקען אין וועלכער ס'איז אנדער שול און לאזען איהם ערציהען לויט דעם אלטען דרך. האן זאל ער לעזען די ווערק פון אלטע און נייע דיכטער, אמוזירען זיך מיט דער וויסענשאפט און שווערען ביי די הייליגע ווערטער פון רבי'ן. אויב אבער איהר ווילט, אז אייער זוהן זאל ווערן א מענש, וועלכען אלע בעגריסען אין גאס, וועלכער פאהרט אין א סאלאן-וואגאן און שטייגט אראב אין א האטעל פון ערשטען ראנג; אויב איהר ווילט, אז ער זאל בעזיצען געלד און מאכט און קענען פעראכטען די הונגעריגע שנארער'ס, — גיט איהם איבער צו מיר. איך גאראנטיר אייך ניט דערפאר, אז ער וועט אמאל זיך אריינהאפען אין דעם לעבענסקרייז פון די גרויסע מענשען; דערפאר אבער גאראנטיר איך אייך, אז זיין נאמען וועט פערנעהמען א אנגעזעהענעם פלאץ אין אדרעס-קאלענדאר".

די ערפאלגסשול מוז נאטירליך אויך האבען פערשיעדענע אבטהיילונגען, העכערע און ניעדעריגערע, אזוי, ווי די שול פון די אבסטראקטע וויסענשאפטען. אזוי גוט, ווי ניט יעדער גימנאזיסט שטרעבט אנצוקומען אין א אוניווערזיטעט און צו ווערן א פראפעסאר, אזוי וויל אויך ניט יעדער עהרגייציגער ווערן גלייך א מיניסטער אדער א מיליאנער. א סך בעגנוגענען זיך מיט בעשיידענע ציעלען און נויטיגען זיך דעריבער נאר אין א עלעמענטארישער בילדונג. עס האלט דעריבער זיין גאנץ צוועקמעסיג און גלייך איינצוטהיילען די ערפאלגסשול אין א ניעדריגער, מיטעלער און הויכער. די ניעדריגע שול וואלט זיין בעשטימט פאר יענע, וואס ווילען זיך איבערגעבען די געוועהנליכע בעשעפטיגונגען: די האנדארבייט, דעם

מסתּמא אוּן אַזױ װײַטער. מיט זײ װאָלט מען דאַרפֿען אײַנהזר'ן נאָר אײן־אײנציגען כּלל, װאָס די חכמה פֿוּן המון האָט איהם שױן לאַנג אַנערקענט, דעם כּלל, לױט װעלכען „עהרליכקײט איז די בעסטע פּאָליטיק אוּן דער אמת איז דער בעסטער ליגען”. דאָס קלינג אפּילוּ צוּ װעניג מאַקיאַװעליסטיש, מ'קען אָבער דאָ גאָרנישט מאַכען: בײַ די ניעדריגע בעשעפטיגוּנגען קען מען שטײַגען אוּן װאַקסען נאָר מיט דער הילף פֿוּן עהרליכקײט אוּן פּינקטליכקײט. דער שוּסטער, װעלכער נעהט אױף אַ פּאָר גוּטע קאַמאַשען אוּן בעט פֿאַר זײ נישט טײַער אוּן דער קרעמער, װאָס גיט נישט קײן זאַמד אַנשטאָט צוּקער,— װעלן זיך אױסטרעטען זײער בעשײדענעם װעג אין לעבען אוּן װעלן זײַן גליקליך, אױב זײ װעלן נאָר נישט פֿער־רײַסען די נעזער אוּן זיך בענוּגען מיט דער צופֿריעדענהײַט פֿוּן זײערע קונדען אוּן מיט אַ זאַטען מיטאָג טעגליך. די זעלביגע חכמה פֿוּן המון זאָגט אפּילוּ, אַז רעקלאַמען אוּן געשרײען געהערן אױך צוּם געשעפֿט, װען מ'בעטראַכט אָבער די זאַך גרינדליכער, זעהט מען, אַז די מײנוּנג איז נישט קײן ריכטיגע. צוּ אײנפֿאַך זענען די בעציהוּנגען צװישען דעם בעל־מלאכה אוּן דעם קױפֿער, אוּם שאַרלאַטאַניזם זאָל דאָ קענען גילטען. די גרעסטע נאַראָנים אפּילוּ האָפֿען דאָ אױך גלײַך דעם ליגען, די בערימערײַען אוּן לאָזען זיך שױן מעהר נישט נאַרען. אױף די געביטען איז דער ערפֿאָלג װירקליך אַ בעלױהנוּנג פֿאַר טיכטיגקײַט אוּן רעעלקײַט, װײַל יעדערער קען דאָ זײַן אַ מבין, װײַל יעדערער פֿערשטעהט זיך אױף דעם. צי דער פֿראַק איז ברײט אָדער ענג, זעהט יעדערער; װען דאָס בעטעל װיל זיך נישט האַלטען, בעמערקט עס אפּילוּ דער גרעסטער שוטה אוּן די צוּמישוּנג פֿוּן ציקאָריע צוּם קאַװע רוּפֿט נישט אַרױס קײן פּראָטעסט, נאָר אין געװיסע שיכטען פֿוּן דער זאַקסישער בעפֿעלקערוּנג.

אַנדערש איז די זאַך בײַ העכערע פּרנסות. װער עס קלײַבט זיך זײ אױס מוּז שױן לענגער אוּן פֿלײַסיגער פּאָרבערײטעט װערן צוּם ערפֿאָלג, אוּן די פּאָרבערײטוּנג װאָלט איהם געקענט געבען די מיטעלע אוּן העכערע שוּל. דאָ דאַרף מען אײַנהזר'ן מיט'ן שילער עטליכע אַזעלכע פּרינציפּען, װאָס זענען פּאָלשטענדיג דער היפּך פֿוּן יענע, װעלכע עס פּלאַנצט אין איהם אײן די געװעהנליכע ערציהוּנגס־מעטאָדע. אױף די פֿאָלקס־שפּריכװערטער דאַרף מען אױס־

מערקזאַם אַכטונג געבען, וואָרום זיי ענטהאַלטען אין זיך אָפט אַ סך קערנער פון אמת. אָט איז, צום ביישפּיעל, אַ קלוגער האַטש נישט קיין גראַמאַטיקאַלישער פערז: „בעשיידענהייט איז אַ ציער (ציערונג), דאָך קומט מען ווייטער אָהן איהר“. דאָס איז אַ גאָלדענע לעהרע, וואָס קען גאָרנישט גענוג געלויבט ווערן. אין דער אמת׳ן: ס׳איז נישטאָ קיין גרעסערע און מעהר געפעהרליכע שטערונג פאַר ערפאָלג אין לעבען, ווי בעשיידענהייט. דו מעגסט האָבען די גרעסטע פערדינסטען, דו מעגסט זיין ביז דער העכסטער שטופע טאַלאַנטפאָל, דו מעגסט אויפטאָן די גרעסטע, די שווערסטע זאַכען, — קוים ביזטו אָבער בעשיידען, קוים האַלסטו דיך שטענדיג אָן אַ זייט, ווערסטו קיינמאָל נישט בעלויהנט ווערן פאַר דיין אַרבייט. יאָ, ס׳קען זיין, אַז ווען ס׳איז וועט מען אויף דיין קבר אַ דענקמאָל אַוועקשטעלען. — זיכער איז דאָס אויך נישט! — ביי דיין לעבען אָבער, ווערסטו נישט אָנזעהן נישט קיין געלד און נישט קיין כבוד. זיין בעשיידען הייסט: שטעהן ביים טהיר און אָבטרעטען אַנדערע די בעסטע פּלעצער; נישט וואַגען זיך אַוועקצוזעצען ביים טיש דאַן, ווען אַנדערע האָבען זיך שוין לאַנג אָנגעגעסען; וואַרטען, ביז מ׳וועט בעטען נעהמען דעם ביסען, אָנשטאָט איהם פאָראויס צו בעטען, אָנשטאָט איהם צו פאָדערן, אָנשטאָט איהם מיט געוואַלט אַרויסצורייסען. דער, וואָס שטעלט זיך אַוועק אין אַזאַ מין נאַרעשער לאַגע, האָט נישט מעהר צו ערוואַרטען ווי דאָס, אַז מ׳וועט איהם לאָזען שטעהן ביים טהיר, אַז ביים טיש וועט פאַר איהם גאָרנישט איבערבלייבען און אַז קיינער וועט איהם נישט בעטען, ער זאָל עפּעס נעהמען. „דו זאָלסט שטענדיג אויסמיידען צו רעדען וועגען זיך; דאָס איז נישט טאַקטיש“. וואָסר׳אַ טפשות! ריכטיג פערקעהרט: רעד שטענדיג אויסשליעסליך, סיסטעמאַטיש נאָר וועגען דיך אַליין. זאָל עס דיך גאָרנישט אָנהויבען אַהרען, וואָס יענעם ווייַלט עס נישט קודם־כל ווייַלט עס דיך אַליין; צווייטענס ווייטער, לאָזטו דערווייל נישט רעדען וועגען אַנ׳אַנדערן און אפשר טאַקע וועגען דיין קאָנקורענט; און דריטענס — עפּעס, וואָס ס׳איז פון דיינע ווערטער וועט שטענדיג בלייבען אפילו אין דעם לעכערדיגסטען זכרון. געוועהנליך, דאַרפסטו אַליין דעם שכל האָבען און פערשטעהן, אַז רעדען וועגען זיך דאַרפסטו נאָר גוטס. אין דער הינזיכט לאָז נישט צו צו זיך קיינע בעגרענעצונגען און בעשרענקונגען; לויב, ריהם

און האָב דיך, זיי רעדעוודיג, בעגייסטערט, אונערשעפליך. גיב דיר אַליין די שענסטע טיטולען, האָב אויף ביז אין זיעבעטען הימעל דאָס, וואָס דו טהוסט אָדער וואָס דו האָסט געטהון, בעלייכט עס פון אַלע זייטען, לעג צו דערצו די בעסטע מעלות, ערקלער עס פאַר דער וויכטיגסטער געשעהעניש פון דעם יאָהרהונדערט, פערזיכער, אַז די גאַנצע וועלט בעוואונדערט עס, הזר איבער אַלע מינוט די גוטע מיינונגען וועגען דעם, וואָס דו האָסט געהערט אָדער וועלכע דו קענסט זיך פריי אַליין אויסטראַכטען. דו וועסט זעהן, ווי וויַיט דו וועסט קומען אַ דאַנק דעם סיסטעם. די חכמים וועלן לאַכען פון דיר אָדער זיי וועלען צושפרונגען ווערען פון כעס, וואָס געהט עס דיך אָן? די קלוגע שטעלען פאָר מיט זיך אַ פערשווינדענדע מינדערהייט און נישט זיי טיילען פונאַנדער די פערגניגענס פון לעבען. דיינע קאָנקורענטען וועלן אויך שיטען אויף דיך פעך און שוועבעל. נאָך בעסער! דו וועסט זיי פאָראויסזעהן און ערקלערן, אַז די קנאה רעדט אַרויס פון זיי און דאָס וועט זיין אַ פרישער בעוויַיז אויף דיין גרויסקייט. די גרויסע מעהרהייט, אָט היקא יענע מאַסע, וועלכע בעשאַפט דעם ערפאָלג, וועט דיר גלויבען, וועט איבער׳חזר׳ן דיינע אייגענע ווערטער וועגען דיר אַליין און וועט דיר אָברוימען דעם פלאַץ, וועלכען דו האָסט דיר אָנגעמערקט. פאַר דעם רעזולטאַט זענען דיר ערוב די פּהדנות און די גייסטיגע פוילקייט פון דער מאַסע. צוליעב איהר פּהדנות וועט זי נישט פועל׳ן ביי זיך דיר אָבצושלאָגען, דיך, ווי מ׳זאָגט, אויף דיין פלאַץ אַוועקצושטעלען. מ׳וועט דאָס אָנגעהמען פאַר אָריגינאַליטעט און מ׳וועט איהר בעמערקען פערבייגעהענדיג, אָבשטעלען זיך לאַנג אויף איהר וועט מען אָבער נישט. ווען מ׳וועט דיך ערגעץ־וואו איינלאַדען, וועט די בעל־הבית׳טע זאָגען: דאָס איז אַ מענש מיט אויסערגעוועהנליכע פאָדערונגען. אָט וויפיעל דו זאָלסט ניט אָנזוענדען, וועט ער אַלץ זאָגען, אַז מ׳האָט איהם שלעכט אויפגענומען, אַז מ׳האָט זיך צו־ווענִיג אַרומגעקוקט אויף איהם. וואָס קען מען טאָן? איך מוז איהם זעצען נעבען זיך, וואָרום קיים נישט איז ער אימשטאַנד אַוועקצוגעהן פון מיטען אַ בעליידיגטער". אויב עס געפינט זיך דערביי אַ בעשיידענער מענש, וועלכער האָט ווירקליך דאָס רעכט אויף דעם פלאַץ, וועט מען איהם זאָגען גאַנץ רוהיג: „נישט אמת, איהר וועט דאָך נישט זיין אין כעס, וואָס האָב איך איהם אַוועקגעגעבען דעם אויבען־אָן? איהר זייט דאָך העכער פון אַזעלכע קליינ-

ליכקייטען?"— און אַזויערנאָך וועסטו זיך ערווערבען דעם ערשטען פּלאַץ, וועסטו צוגעוועהנען מענשען איהם דיר אָבצוטרעטען, און נאָך אַ קורצע צייט וועט שוין קיינעם גאָר אין מה נישט אַריינפאַלען, אַז עס קען אַנדערש זיין. די גייסטיגע פוילקייט פון דער מעהרהייט איז די צווייטע גאַראַנטיע פאַר דעם ערפאָלג פון דיין בעריהמטהייט. גאַנץ ווייניג מענשען זענען אימשטאַנד אָדער געוואָהנט אַרויסצוציהען אַ בעשלוס פון דעם רויהען פאַקטען-מאַטעריאַל, ד. ה. אויפצונעהמען אַיינדריקע, די ערפאַהרונגען גענוי צו בעטראַכטען, זיי צו פערגלייכען, צו ערקלערן, גייסטיג איבערצואַרבייטען און צוצוקומען צו אַ בעשטימטער אייגענער מיינונג; אַלע אָבער דאַגעגען קענען נאָכזאָגען און איבער'חזר'ן דאָס, וואָס אַנדערע האָבען שוין געזאָגט. די מאַסע נעהמט דעריבער צו פאַרטיגע מיינונגען פון אַנדערע מיט צופרידענהייט און איבערציינונג. עס מאַכט נישט אויס, וואָס די מיינונגען זענען דורך און דורך פאַלש, וואָס זיי זענען דער היפּוך ריכטיג פון די פאַקטען. אום דאָס צו בעמערקען, וואָלט די מאַסע געדאַרפט אַליין קאָנטראָלירען די פאַקטען און לאָגיש זיי פונאַנדערנעהמען און אָבשאַצען, און דאָס איז זי אינגאַנצען נישט בכח. דאָ נישט לאַנג האָב איך איבערגעלעבט אַ מערקווירדיגען ביישפּיעל דערפון. אַלס דאָקטאָר איז מיר אויסגעקומען פאָרצושרייבען אַ קליין קינד, מעד צום טרינקען, און איך האָב געהייסען מ'זאָל דאָס איהם געבען פון צייט צו צייט אין אַ קאַווע-לעפעלע. אַ האַלבע שעה נאָך מיין וויזיט ביי דעם קליינעם פאַציענט, פאַלט אַריין די מוטער, ווי אַ באָמבע ביי מיר אין צימער און שרייט אויס אָהן אַ אָטעם נאָך אין טהיר שטעהענדיג: „אוי, הער דאָקטאָר, דאָס קינד שטאַרבט! ווי דאָס האָט נאָר עטליכע טראָפּען פון דעם העלישען מעדיצין פאַר די ליפּען גענומען, איז עס אינגאַנצען שוואַרץ געוואָרען, האָט אָנגעהויבען שרעקליך צו הוסטען און איז שיער נישט דערשטיקט געוואָרען. אָ! וואָס'רע רפואה האָט איהר דעם אונגליקליכען קינד געגעבען!" איך האָב גלייך פערשטאַנען, אַז דעם קינד איז אַריין אַ טראָפּען „אין לינקען קעהל" ווי מ'רופט עס, און עס האָט זיך פערהוסט. דאָך האָב איך איהר געענטפערט מיט אַ אומעטיגער מינע: „יאָ, יאָ, מיך וואונדערט עס נישט. ווען עס קומט אויס אָנצוווענדען אַזאַ שאַרפען מיטעל, ווי מעד, טרעפען זיך גאַנץ אָפט אַזעלכע ווירקונגען". די פרוי האָט פערבראָכען די הענד און ווידער אָנגעהויבען:

— ווי קען מען עס אָבער אַזאַ שאַרפען מיטעל —

— איהר ווייסט, פון וואָס מעה בעשטעהט? — האָק איך זי איבער אינמיטען.

— ניין.

עס איז אַ געמישעכץ פון האָניג מיט וואַסער.

איהר געזיכט האָט אויסגעדריקט שרעק און ליידען, פונקט ווי ווען איך וואָלט זאָגען: „פון שוועבעלזויערע און מישיאַק".

— איהר פערשטעהט, — רעד איך צו איהר ווייטער — ווען מ'גיט איין אַזעלכע געוואַלטטעטיגע שטאָפען, ווי וואַסער און האָניג —

— דאָס איז אמת— האָט זי אָבגעזיפצט און אויף איהר געזיכט האָט זיך צוזאַמען מיט שמערצען אָבגעשפּיגעלט אויף ביטערע פּאָרווירפע.

אַזוי ווי די מוטער, נעהמט אויך די מאַסע אָן אַליך, וואָס מ'זאָגט איהר אין דעם בוכשטעבליכען זין און הור'ט עס געטריי איבער, נישט אונטערשיידענדיג דאָס אמת'ע פון דאָס פאַלשע, דאָס ערנסטע פון דאָס לצנות'דיגע. גאַנצע פעלקער האָבען דאָס צו פערדאַנקען זייער בעריהמטקייט און זייער ראַנג אין דער וועלט. אין דער אמת'ן בעזיצען זיי די ערגסטע און ניעדריגסטע אייגענשאַפטען, וואָס קענען נאָר געבען, און דאָך, האַלטען זיי אין איין פערזיכערן, אַז זייערע אייגענשאַפטען זענען די שענסטע און די בעסטע. זיי זענען דורכגעדרונגען מיט קנאה און זאָגען, אַז זיי זענען גרויסמוטיג; זיי זענען עגאָאיסטיש און שטעלען זיך אַרויס פאַר די גוטהערציגסטע; זיי קענען נישט אָנקוקען און פעראַכטען אַלע אַנדערע פעלקער און אין דער זעלביגער צייט ריהמען זיי זיך מיט זייער אַלוועלטליכער, ברידערליכער ליבע צו דער מענשהייט; זיי שטעלען זיך דאַגעגען יעדען פּראָגרעס און שרייען כסדר, אַז זיי זענען דאָס וויגעלע פון אַלע נייע געדאַנקען; זיי זענען אָבגעשטאַנען אין אַלע געביטען פון דענקען, און שרייען, אַז זיי שטעהען אַן דער שפּיץ פון אַלע קולטורעלע בעוועגונגען; אין דער ווירקליכקייט פערשקלאַפען זיי און דערשטיקען די שוואַכערע פעלקער, נעהמען אַוועק ביי זיי די פרייהייט. ברעכען די אָבמאַכונגען און טוען, וואָס זיי ווילען און פונדעסטוועגען הערען זיי נישט אויף צו דרשה'נען וועגען די שענע פּרינציפּען פון פרייהייט און יושר. און די וועלט זוכט נישט זיך גוט

צוצוקוקען צו די פאַקטען אַליין; זי הערט נאָר די ווערטער און רעדט זיי נאָך. זי בעמערקט נישט די סתירות צווישען די ווערטער און די מעשים און איז איבערצייגט, אַז די פעלקער זענען טאַקע אַזוי, ווי זיי שטעלען זיך אַרויס.

אַלזאָ, בהור'ל-לעבען, וואַרף אַוועק די עניוות, אויב דו ווילסט שפּיעלען עפּעס אַ שטיקעל ראָליע אין דער וועלט. ערניעדריג זיך אַליין און — אַנדערע וועלען דיך ערניעדריגען. לאָז אַנ'אַנדערן אַרויסגעהן פריהער און דער צושויער וועט מיינען, אַז איהם קומט עס, אַז ער האָט עס פערדיענט. מאַך דיך אַליין פאַר אַ גאָרנישט, דיין אַרבייט פאַר נישט וויכטיג, דיינע פערדיענסטען פאַר איבערטריבען, — און דיינע הערער וועלן די דאָזיגע מיינונגען וועגען דיר גלייך צוטראָגען אין אַלע ווינקעלעך, נישט אָנוויזענדיג פון וועמען זיי האָבען עס גענומען. איך זאָג נישט, פערשטעהט זיך, אַז בעשיידענהייט טויג קיינמאָל נישט. ס'זענען פערהאַן אַזעלכע מאָמענטען, ווען זי איז נישט נאָר נישט-שעדליך, נאָר קען נאָך ברענגען זאָגאַר נוצען. דאָס קומט פאָר דאַמאָלס, ווען דער ציעל איז שוין אינגאַנצען ערדרייכט. אויב דו האָסט ערדרייכט אַ אַנערקענטע, אונצווייפעלבאַרע הויכע לאַגע, אויב דיין ראַנג איז אַזוי פעסט געזיכערט, אַז קיינער צווייפעלט שוין נישט מעהר אין דיין רעכט אויף איהם, — מעגסטו דיך מאַכען פאַר אַנ'עניו. בלייב דאַן כסדר ביים טהיר שטעהן, — מ'וועט דיך שוין מיט טריאומף אויפ'ן ביהנע אַרויפפיהרען. טרייסעל דיך פריי אָב פון קאָמפּלימענטען, — מ'וועט זיי שוין אָנהויבען פונ'ס ניי נאָך מיט מעהר היץ, מיט מעהר בעגייסטערונג. רעד פריי און אונבעזאָרגט וועגען דיין נישט-וויכטיגקייט — דיינע אָרדענס און דיין געשטיקטער פראַק וועלן דיר שוין גענוג דייטליך און קלאָר אָבלייקענען. דו וועסט דיך דערמיט נישט שאָדען און וועסט נאָך האָבען דעם ריוח, וואָס אַלע וועלן זיין געריהרט און ענטציקט פון דיין עניוות.

דו פערשטעהסט שוין איצט, אַז אַרויסשטעלען זיך איז אַ סך וויכטיגער, ווי זיין. טרינק וויין, וויפיעל דיין האַרץ געלוסט דיר נאָר אַנדערע הייס טרינקען וואַסער. דאָס איז נישט אויסגעשלאָסען אפילו אויך אין דעם פאַל, ווען דיין נאָז ברענט ווי אַ פאַנטאַסטישעס פייער, און דו פאַלסט פון די פיס. און אויב דיינע ליפּען וועלן ציטערן פון דעם נאָר וואָס אויסגעטרונקענעם רייניגעם ספּירט דאַן אפילו,

ווען דו וועסט דעקלאַמירען פינדאַר'ס הימנע לכבוד דאָס וואַסער, — שרעק דיך נישט: דיינע העררער וועלן דאָס אננעהמען פאַר טיעפער התלהבות און וועלן פאַר דיר נאָך דאָפּעל דרך־ארץ האָבען.

דער אַנדערער גרונד־פּרינציפּ איז: זיי נישט קיין בעל־טובה, האָב נישט ליעב קיין טובות צו טאָן. דערמיט וועסטו גאָרנישט מאַכען. דיינע קאָקורענטען וועלן דיך פעראַכטען, דיינע שונאים וועלן לאַכען פון דיר און דיינע גוטע פריינד וועלן דיך געפינען פאַר נישט אינטערעסאַנט, פאַר לאַנגווייליג. קיינער וועט זיך אויף דיר נישט אומקוקען, וויל מ'וועט זאָגען: „אַ, דער ד. ער איז אַזאַ גוטער: קוים טרעט מען איהם אָן אויפ'ן פוס, ענטשולדיגט ער זיך מיט אַ שמייכעל". קורצזיכטיגע, נאַרעשע עצה־געבער'ס וועלן דיר אפשר איינרעדען, אַז די בעסטע פּאָליטיק איז רעדען גוט וועגען אַלעמען, וויל דערמיט ענטוואָפענט מען די שטאַרקסטע געגענער. דו בילד זיך דאָס נישט איין. עס איז ריכטיג פערקעהרט. אויב מענשען וועלן זיך נישט מורא האָבען דערפאַר, טאָמער וועסטו אין זיי צוריק־שיעסען, וועלן זיי אין דיר שיעסען אָהן אַ אויפהער. דו מוזט זיין שלעכט, ווי אַ מכשפה און אַ גיפטיגע צונג האָבען, ווי אַ שלאַנג. דיין וואָרט דאַרף שוועבעל־וויערע זיין און מאוסע לעבער אויסברענען אין אַל'ץ, צו וואָס עס ריהרט זיך צו. זאָל יעדער נאָמען, וואָס איז אַראָב פון דיינע ליפּען אויסזעהן אַזוי, ווי ער וואָלט אַ וואָך צייט אין אַ קרוג מיט וויטריאָל געלעגען. זאָל מען פאַר דיר מורא האָבען, און שרעק דיך נישט דערפאַר, וואָס מ'וועט דיך האַן פיינד האָבען. ווי דיר איז שוין פריהער ערקלערט געוואָרען, וועלן די טרוסען, די פּחדנים, וואָס שטעלען פאָר מיט זיך די גרויסע מעהרהייט, זיך בעגעהן מיט דיר, ווי די ווילדע פעלקער מיט פיינדליכע, בעזע געטער: זיי וועלן דיר הנפה'נען און ברענגען קרבנות, אום דיך אין אַ גוטער שטימונג צו דערהאַלטען. עס קען, איבריגענס, זיין, אַז אַנדערע וועלן דיר אָבצאָהלען מיט דער זעלביגער מטבע; דו בערעכען אָבער, ווי אַנגענעהם עס וועט דיר זיין צו ענטפערן, הויבענדיג מיט די פּלייצעס, אויף די בעמערקונגען פון דעם מענשען, וועלכען דו האָסט פערשוואַרצט: „דער עלענדער יונג וויל זיך איצט נוקם זיין אָן מיר. איהר ווייסט דאָך, וואָס איך האָב שטענדיג געטראַכט און גערעדט וועגען איהם!" יעדע נישט־מיטפּיהלענדע מיינונג וועגען דיר וועט פערליערען איהר ווערט אין די אויגען

פון דער מאַסע, אויב דו ביזט געווען: אויף אַזוי פיעל קלוג, אַז דו האָסט זיך פאָראויס שלעכט אָבגערופען וועגען דעם אַרויסזאָגער פון דער מיינונג, וואָרום דו האָסט דאָך די פולע מעגליכקייט צו זאָגען, אַז די דאָזיגע שלעכטע מיינונג, איז נאָר אַ רעזולטאַט פון זיין וועלען זיך נוקם זיין אָן דיר.

עס איז זעהר פאָפולער דער פאָראורטייל,— וואָס שטאַמט, ווי ס'ווייזט אויס, פון נישט פראַקטישע אידעאַליסטען — לויט וועלכען יעדער מענש דאַרף זעהן אַרויסרופען אַכטונג צו זיך און אַ גוטע מיינונג וועגען זיך ביי זיינס גלייכען, ביי זיינע חברים. היט דיך, פון צו גלויבען אין דער ריכטיגקייט פון דעם כלל. דיינע חברים זענען — דיינע קאָנקורענטען. די גרעסטע מעהרהייט פון זיי שטרעבט אויך, אַזוי ווי דו, צו ערפאָלג און נאָר צו ערפאָלג, און דער פלאַץ וואָס דו פערנעהמסט, וועט קלענער מאַכען דעם פלאַץ, וואָס איז פאַר זיי געבליבען. ערוואַרט נישט פון זיי נישט קיין יושר און נישט קיין טובות. דיינע פעהלערן וועלן זיי איבערטרייבען און צוטראָגען אין אַלע ווינקעלעך, דיינע מעלות אָבער וועלן זיי קליגעריש פערשווייגען. דו דאַרפסט דיך נאָר קימערן וועגען צוויי קאַטעגאָריעס מענשען: וועגען דער מאַסע, וועלכע שטעהט ניעדריגער פון דיר, און וועגען יענע איינצעלנע אַיינפלוסרייכע פערזאָנען, אין וועמענס הענד עס געפינען זיך טיטולען, גוטע שטעלעס, קורץ: דיין שטייגען און וואַקסען. דו האַרפסט דיך צופאַסען צו דעם געזעץ פון דער דאָפעלער אָפטיק און אויסלערנען זיך אַזוי האַלטען, אַז קוקענדיג אויף דיר פון אונטען אַרויף זאָלסטו אויסזעהן זעהר גרויס, און פון אויבען אַראָב — זעהר קליין. דאָס איז נישט גאַנץ לייכט, נאָך אַ לאַנגער איינאיבונג אָבער און ביי אַ געוויסען אָנגעבוירענעם טאַלאַנט קען מען דאָס זיך איינאַרבייטען. די מאַסע דאַרף גלויבען, אַז דו ביזט אַ געניע פון אויסערגעוועהנליכער אַרט, דיינע בעפעהלער, האַגעגען, און די העכערע גייסטליכע פון דיין פראָפעסיע דאַרפען דיך האַלטען פאַר אַ פלייסיגער, אַרבייטס־וויליגער מיטעלמעסיגקייט, וואָס שווערט ביי די הייליגע ווערטער פון רבי'ן, פערשפרייט פלייסיג זיין בעריהמטקייט און איז בערייט צו שטאַרבען גיכער, ווי צו פערדונקעלן די דאָזיגע בעריהמטקייט מיט קריטיק אָדער מיט אייגענע פערדיענסטען. אויב דו קענסט זיך האַלטען אַזוי, אַז די מענשען, וועלכע שטעהען העכער און ניעדריגער פון דיר, זאָלען דיר שטענדיג

זעהען אין דעם ריכטיגען פּאַקוס, דאַרפסטו דיך גאָרנישט אָנהויבען רעכנען מיט דער מיינונג פון דיינע חברים. דו ועסט געהן פּאָרוועךטס, און דאָס איז פאַר דיר דאָס וויכטיגסטע. און ווי נאָר דו לאָזט דיינע חברים הינטער דיך, ווי נאָר דו וועסט זיך געפינען אין אַזאַ לאַגע, וואָס וועט דיך געבען די מעגליכקייט זיי אַ טובה אָדער אַ רעה צו טאָן, וועסטו האָבען דעם פערגניגען צו זעהן, ווי שנעל און פּאָלשטענדיג עס וועלן פערוואַנדעלט ווערן די אַלע שלעכטע רכילות׳ן ווענען דיר אין בעגייסטערטע שבחים און ליבליעדער, די קאַלטע צוריקגעהאַלטענקייט אין הייסער פריינדשאַפט און די גרינגשעצונג אין אַ דרך־ארץ׳דיגער בעוואונדערונג.

ס׳פערשטעהט זיך, אַז צוליעב די פילאָזאָפישע פּרינציפּען, ביי וועלכע דו מוזט זיך האַלטען, טאָרסטו נישט פערנאַכלעסיגען די אויסערליכקייט. נאָר זעהר אַ רייכער מענש, אין די מיליאָנען פון וועלכען קיינער קען שוין נישט צווייפלען, האָט דאָס רעכט צו פּיהרען אַ בעשיידענע בעל־הבתי׳שקייט. אַזעלכע אָבער נויטיגען זיך אינגאַנצען נישט אין אונזער ערפאָלגס־שול. וואָס אָרעמער דו ביזט, אַלץ נויטיגער איז פאַר דיר רייך אויסצוזעהן. קלייד דיך רייך, וואָהן שען, לעב אַזוי, ווי ווען דו וואָלסט האָבען ערגעץ אַ רייכע ירושה אָבצונעהמען. אַי וואָס — דאָס קאָסט געלד? געווים קאָסט, און טאַקע אַ סך. אויב אָבער מ׳האָט נישט? מאַכט מען אָן חובות. חובות? יאָ, מיין טייערינקער, חובות. גאַנץ ווייניג זענען פערהאַן אַזעלכע לייטער׳ס, אויף וועלכע מ׳קען אַזוי שנעל און זיכער צוקומען צו די העכסטע ציעלען, ווי גראַדע אָט די — חובות. ס׳איז איינפאַך „געוואַלד״! צו שרייען, ווען מ׳זעהט ווי די פּעדאַנטען האָבען זיי בעגבל׳ט און בעשמוצט. מ׳איז געגען זיי, געגען די חובות — אַ שווערע עולה בעגאַנגען. דעם גאוניש ען הייינע קען מען מוחל זיין זיין חוצפּה און זיין אויסגעלאַסענקייט, קיינמאָל אָבער נישט זיין פערז: „מענש, בעצאָהל דיינע חובות!״ וואָסר׳ע לייכטזיניגקייט, וואָסר׳ע אונזיטליכקייט! אויב דו וועסט פאָלגען די עצה, ביזטו אַ פערפאַלענער. בערעכען נאָר איין זאַך: ווער וועט זיך אויף דיר אומקוקען, אויב דו וועסט זיך האַלטען ביי דעם קליינליכען, ענגהערציגען יושר און בעצאָהלען פאַר אַלץ, וואָס דיר וועט אויסקומען צו נעהמען, לאָזענדיג זיך אין דיין וועג? קיינער וועט אפילו אַ קוק ניט טאָן אויף דיר. געה דיר אין דיין צוריסענעם ראָק, לעב אונטער אַ דאַך, עס טרו־

קענעם בּרויט און מאַך נישט קיין חובות; דו וועסט זעהן, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען. די הינד וועלן אויף דיר בּילען, די פּאָלי־ציי־לייט וועלן דיך מיט אַ פערבאָרגענעם חשד בּעטראַכטען און אַנשטענדיגע מענשען וועלן פערשליעסען פאַר דיר די טהיר מיט אַ דאָפּעלען שלאָס. דער קרעמער אַליין אפילו, וואָס דו קויפסט בּיי איהם, וועט אויך פּערליערען צו דיר דעם מינדעסטען אינטערעס, פון דער מינוט, וואָס דו וועסט אָנהויבען איהם צאָהלען מיט מזומנים פאַר זיין סחורה. פאַל אַנידער פאַר זיין טהיר און ער וועט נאָר וועגען דעם טראַכטען, ווי אַוועקצונעהמען די שטערונג פון זיין שוועל. און פערקעהרט: נעהם אַלץ אויף באָרג, נאַר אַרויס עפּעס, וואו דו קענסט נאָר,— און דיין לאַגע וועט זיך ענדערן, ווי מיט דער הילף פון אַ צויבּער־שטעקען. ערשטענס, זענען פאַר דיר אָפען די אַלע פערגניגענס, פון וועלכע דער נאַרעשער קבצן מוז זיך אָבזאָגען; צווייטענס, וועט דיין פערזאָן אומעטום אַרויסרופען גינסטיגע מיינונגען וועגען דיר; און דריטענס— וועסטו דיך ערווערבען אַ גאַנצע סוויטע פון פלייסיגע, פאַנאַטישע מיט־אַרבּייטער פאַר דיין ערפאָלג, וואָרום יעדער קרעדיטאָר איז אַ פריינד, אַ בעל־טובה, אַ בּעשיצער. ער לאָזט אויף דיך קיין שפּרינקעלע נישט פאַלען און וועט געהן פאַר דיך אין פייער און אין וואַסער. קיין טאַטע וועט זיך אַזוי נישט האָפּאָטשען וועגען דיך, ווי דיין קרעדיטאָר. וואָס מעהר דו בּיזט איהם שולדיג, אַלץ מעהר איז ער פעראינטערעסירט אין דעם, דו זאָלסט דיך אַרויפקריגען. ער וועט דיר נאָכגעהן און זעהן, אַז קיין האָר זאָל פון דיין קאָפּ נישט פאַלען, וואָרום דיין לעבען איז זיין געלד. ער ציטערט, ווען דיר שטעהט פאָר אַ געפאַהר, וואָרום דיין אונטערגאַנג איז דער קבר פון זיינע פאָדערונגען. האָב אַ סך קרעדיטאָרס, טייערער, און דיין גורל איז פאָראויס געזיכערט. זיי וועלן דיר שוין איינשאַפען אַ רייכע ווייב, אַ הויכע שטעלע און אַ גוטען נאָמען. די בּעסטע פינאַנציעלע אָפּעראַציע איז די, ווען יענעמס געלד ווערט פערוואַנדעלט אין אַ אָרנאַמענט אויף דעם בּילד פון אונזער עקסיסטענץ.

דאָס אונגעפעהר וואָלטען זיין די לייטענדע פּרינציפּען, אויף דעם יסוד פון וועלכע עס וואָלטען אויסגעבּילדעט געוואָרען די שילער פון דער ערפאָלגסשול. די עלטערע תלמידים וואָלט מען געקענט ענטדעקען אויך די גרונד־אַנשויאונג, אויף וועלכער ס'איז געבּויט

די גאַנצע װיסענשאַפט פון דער ערפאָלגס־ערציהונג. זי לאָזט זיך גאַנץ קורץ אויספאַסען; צו אַ װעג אין לעבען קען מען זיך דער־שלאָגען דורך צװיי מיטלען: אָדער דורך אייגענע מעלות אָדער יענעמס חסרונות. דאָס ערשטע מיטעל איז אַ סך שװערער און װעניגער־זיכער, װאָרום ערשטענס, מוז מען דאָך צו איהם מעלות האָבען, און דאָס איז אַזאַ זאַך, װאָס נישט יעדערער האָט עס, און צװייטענס, איז עס פערבונדען מיט דער בעדינגונג, אַז די מעלות זאָלען צו דער צייט בעמערקט און ריכטיג אָבגעשאַצט װערען, װאָס עס טרעפט, װי די ערפאַהרונג װייזט, זעהר זעלטען. האַגעגען אָבער די ספעקולאַציע אויף יענעמס חסרונות גיט זיך כמעט שטענדיג איין. דער רבי װאָלט דעריבער מיט פולער רעכט געקענט זאָגען דעם תלמיד: מאַטער היך נישט צופיעל אויפצוטהון עפּעס גרויסעס, עפּעס אַזעלכעס, װאָס זאָל שוין רעדען פאַר דיך; די שטימע פון אַזאַ אויפטועכץ איז זעהר שװאַך און דאָס געשריי פון דער אייפער־זיכטיגער מיטעלמעסיגקייט פערטויבט איהר; זי רעדט אויף אַזאַ שפּראַך, װאָס די אונװיסענדע מאַסע פערשטעהט זי נישט; נאָר די בכבוד׳יגע און איידעלע מענשען װעלן בעמערקען און אָבשאַצען דיינע פערדיענסטען, ס׳איז אָבער אַ גרויסער ספק, צי זיי אפילו װעלן אויך עפּעס טאָן פאַר דיר, אויב דו װעסט זיי נישט קריכען אין די אויגען. אָנשטאָט אַלזאָ צו פערליערען דיין צייט אויף ערהליכער און ערנסטער שאַפונג, בענוץ איהר בעסער אויף דעם, צו דערגעהן גרינדליך די פעהלערן פון דער מאַסע און פון זיי נוצען צו ציהען. די מאַסע האָט נישט קיין אייגענע מיינונג — שטופּ איהר אַריין דיינע; די מאַסע איז קליין, זי איז נישט אימשטאַנד צו דענקען — היט דיך אַלזאָ פון טיעף זיין און פון אויפגעבען איהר שװערע גייסטיגע אַרבייט; די מאַסע האָט טעמפּע געפיהלען — טרעט דעריבער אַרויס פאַר איהר מיט אַזאַ ליאַרם, אַז די פערשטאָפּטסטע אויערן זאָלען דיך הערען און די בלינדסטע אויגען זאָלען דיך זעהען; די מאַסע פערשטעהט נישט קיין המצאה און נעהמט אָן יעדע זאַך בוכ־שטעבליך — רעד אַלזאָ אויס, גלייך און אין אַ צוגענגליכער פאָרם, אַלדאָס בייז װעגען דיינע קאָנקורענטען און אַלדאָס גוטס װעגען זיך; די מאַסע האָט אַ קורצען זכרון — נוץ אַלזאָ אויס אָהן אַ שום מורא יעדען װעג, װאָס קען דיך פיהרען צום ציעל; װעסטו נאָר האָבען דעם ציעל ערדרייכט, װעט קיינער זיך נישט דערמאָהנען, װי אַזוי

דו ביזט צו איהם צוגעקומען. מיט די פּרינציפּען וועסטו זײַן רײַך און גרוֹיס און וואויל וועט דיר זײַן אויף דער ערד.

נאָר ווען איין שילער, וועלכען איך וואָלט ענטדעקען דעם סוד פון ערפאָלג, וואָלט אײַנפאַלען מיך צו פרעגען: „אויב איהר הייסט אַזוי גוט, ווי מ'דאַרף דאָס אַלץ מאַכען; האָט איהר דאָך מסתמא אויך זיך בענוצט מיט די כּללים? — וואָלט איך מיך געפונען אין אַ גרויסער פערלעגענהייט. איך וואָלט איהם בלויז נאָר דאָס געקענט ענטפערן: איך האָב געזעהן, ווי אַנדערע האָבען זיך דערשלאָגען צו ערפאָלג, און דאָס איז שוין גענוג פאַר מיר. ווען מ'שטעהט אין קיך און מ'זעהט, ווי דאָס פלייש ווערט געמאַכט און געקאָכט, פערליערט מען דעם אַפּעטיט צו איהם. אַנדערע אָבער קען מען איהם נאָך פונדעסטוועגען רעקאָמענדירען*).

---

*) מיט דעם אַרטיקעל מיינעם איז פאָרגעקומען אַ אונגלויבליכער פאַקט: אַ סך קריטיקער האָבען איהם בוכשטעבליך פערשטאַנען און פּשוט געגלויבט, אַז איך האָב דאָ אין איהם אויסגעדריקט מיין מיינונג וועגען דער ערציהונגס־פראַגע! אַ שאָד, וואָס איך האָב נישט די פאָטאָגראַפיעס זייערע — איך וואָלט זיי גערן אַריינגענומען אין דעם בוך, אום צו געבען דעם לעזער די מעגליכקייט זיך צו בעקאָנען מיט די געזיכטסציגע פון די דאָזיגע חכמים.

# געניע און טאלאנט.

## I.

איידער איך טרעט צו צו די בעטראכטונגען, וועלכע ס'איז געווידמעט דער קאפיטעל, מוז איך ווי ווייט מעגליך גענויער בעגרענצען יענע בעגריפען, ארום וועלכע די בעטראכטונגען וועלען זיך דרעהען. וואס איז אזוינס טאלאנט? וואס איז אזוינס געניע? אלס תשובה אויף דער שאלה דיענט געוועהנליך דער אנגעהויפטער מיש־מאש, אין וועלכען די הויפטווערטער דריקען אויס בעוואונדערונג, און די ביי־ווערטער — לויב. דערמיט אבער קענען מיר זיך נישט בענוגענען. מיר דארפען נישט קיין קאמפלימענטען, נאר א ניכטערע ערקלערונג. איך גלויב, אז מיר וועלען זיין זעהר נאהענט צום אמת, אויב מיר וועלען זאגען: א טאלאנט איז א וועזען, וואס איבט אויס אלגעמיינע אדער אפטע טעטיגקייטען בעסער, ווי די מעהרהייט פון יענע וועזענס, וועלכע זוכען אויך זיך איינצושאפען די דאזיגע פעהיגקייט. דער געניע אבער איז א מענש, וועלכער ערפינדעט נייע טעטיגקייטען, אזעלכע, וואס זענען נאך פאר איהם קיינמאל נישט אויסגעאיבט געווארען, אדער ער איבט אויס אלטע טעטיגקייטען לויט א פאלשטענדיג־אריגינעלער, ריין־פערזענליכער

מעטאָדע. איך האָב דאָ אומישנע דעפינירט דעם טאַלאַנט אַלס וועזען און דעם געניע אַלס מענשען. דאָס טאַלאַנט איז, נאָך מיין מיינונג, אין קיין פאַל נישט בעגרענצט נאָר אויף דער מענשהייט אַליין, און עס איז אָהן אַ שום ספק פאַרהאַן אויך אין דער וועלט פון די בעלי־חיים. דער הונד, וועלכען מ'קען אויסלערנען ווייזען מעהר פערוויקעלטע קונצשטיקער, ווי אַנדערע הינד, איז אַ טאַלאַנט. דאָס זעלבע קען מען זאָגען אויך וועגען דעם סאָלאָוויי, אָדער וועגען דעם קאַנאַריק, וואָס זינגט בעסער פון זיינע אַרט־חברים; און אפשר אויך וועגען דעם הערכט, וואָס יאָגט נאָך מיט מעהר ערפאָלג, אָדער וועגען דעם גליה־וואָרם, וואָס לייכט העלער פון די אַנדערע. די געניאַליטעט, דאַגעגען, איז אַ אויסשליסליך מענשליכע אייגענשאַפט, וואָס ווייזט זיך אַרויס ביי אַ איינצעלנעם וועזען. זי בעשטעהט אין דעם, וואָס אַ אינדיווידואום טרעט אויס, ווי מ'זאָגט, אַזעלכע וועגען, איבער וועלכע קיינער פאַר איהם איז נישט געגאַנגען. ביי איינצעלנע בעלי־חיים בעמערקען מיר נישט אַזעלכעס: דאָס קענען בעווייזען נאָר גאַנצע אַרטען (מינים) זייערע. זיי קענען אַלזאָ בעגאַבט זיין מיט געניאַליטעט נאָר געמיינזאַם, צוזאַמען; שפורען פון געניאַליטעט געפינען זיך אין אַלע לעבעדיגע וועזענס, צוזאַמען גענומען. דאָס ווייזט דער ענטוויקלונגס־פּראָצעס פון דעם איינצעלליגען בעל־חי, ביז דעם מענשען. מיר קענען אַלזאָ זאָגען, אַז די אָרגאַנישע וועלט בכלל איז אַ געניע. עוואָלוציע און געניאַליטעט זענען סינאָנימען, און די טעאָריע וועגען דער אָבשטאַמונג פון די אַרטען איז נישט קיין אַנדער זאַך, ווי דאָס אַנערקענען און אויסשרייען די הערשאַפט פון דער געניאַליטעט אין דער אָרגאַנישער וועלט. אמת, אַ געוויסע פריי־הייט אין דעם ענטוויקלען זיך, אַ געוויסען דראַנג דערצו, זיך אָבצוזונדערן פון דעם אַלגעמיינעם שטאַם־טיפ, עקזיסטירט ביי איינצעלנע בעלי־חיים אויך, וואָרום די ענדערונגען, וועלכע מיר בעמערקען אין דעם בוי און וועזען פון די אַרטען, נאָך דעם פערלויף פון אַ לאַנגער צייט, האָבען דאָך געמוזט פאָרקומען ווען ס'איז אין איינצעלנע אינדיווידוען. ביי דעם איינצעלנעם בעל־חי איז אָבער דאָס אָבטרעטען פונ'ם אַלטען און שטרעבען צום נייעם אַזוי קליין און נישט־וויכטיג, אַז מיר מוזען עס איגנאָרירען פערביי־געהן, ווייל מיר זענען נישט אימשטאַנד דאָס צו כאַפען. אַ ביהן, וואָס וואָלט אָנשטאָט אַ זעקס־, אויפבויען אַ פיער־

אדער אכט-עקיגע האניג-צעללע; א שוואלב, וואס וואלט פאר איהר נעסט א נייע פארם אויסגעפינען; א אקס, וואס וואלט מרוצה געווארען בעסער אומצוקומען, איידער זיך צו לאזען איינשפאנען אין א יאך — וואלט זיין א געניע. אזעלכע ביישפיעלען אבער האט נאך די וועלט נישט געזעהען, אין דער צייט, וואס צווישען מענשען האט זי שוין א סך מאל געזעהן אזעלכע, וועלכע זענען אבגעטרעטען אינגאנצען פון די געירשה'נטע טעטיגקייטען. דער חילוק צווישען דעם טאלאנט און דעם געניע איז אלזא נישט אין דער אויסערליכער מאס און פארם, נישט אין דער כמות, נאר אין דעם אינערליכען עצם, אין דער איכות. איך האב נישט פערזעהן דערביי, אז אין דער אונטערשטער שורה איז יעדער אינערליכער אונטערשיעד, ווען מען בעטראכט איהם גרינדליכער און טיעפער, פערבונדען מיט א חילוק אויך אין דער אויסערליכער מאס און פארם. מיר וועלען דאס איללוסטרירען מיט איין ביישפיעל: אום צו ווערען א פראפעסאר פון היסטאריע, מוז מען האבען א געוויסע מאס זכרון, ווילענסקראפט און דענקענס-פעהיגקייט. די אייגענשאפטען, צוזאמען גענומען, גיעבען ערשט א ערפאלגרייכע מיטעלמעסיגקייט און אין בעסטען פאל — א טאלאנט. אויב אבער זיי ווייזען זיך ארויס מיט א אונגעוועהנליכער קראפט, קען שוין דער בעזיצער זייערער ווערען א גרויסער רעגיערונגס-מענש, א הערשער איבער מענשען. ער גיט אפשר אויך דער וועלט-געשיכטע א נייע ריכטונג און מ'מוז איהם אנערקענען פאר א געניע. אמת, דער אונטערשיעד איז דא געגרינדעט נאר אויף דער פערשיעדענער גרויסקייט פון איינע און די זעלביגע אייגענשאפטען, ער איז אבער אויף אזוי פיעל וויכטיג, אז די ביידע ערשיינונגען, וואס שיידען זיך אונטער איינע פון דער אנדערער נאר אין דער כמות, זעהען אויס, ווי זיי וואלטען זיין פערשיעדען אין דעם אינערליכען עצם זייערן און נישט האבען קיין שום עהנליכקייט צווישען זיך. דער אונטערשיעד צווישען דעם מאנבלאן און דעם קליינעם זאמד-קערנדעל איז דאך אויך נאר אין דער כמות. ווארום אינערליך זענען זיי דאך איינס און דאס זעלבע. דעם זאמד-קערענדעל פעהלט נאר אונגעהויערער גרויס צו ווערען, אום אויך צו זיין א מאנבלאן; און זאל מען דעם מאנבלאן איינציהען ביז דער סאמע קלענסטער גרויס, וועט ער אויך ווערען א זאמד-קערענדעל. פונדעסטוועגען געפינען מיר פארט, אז ס'איז גענוג דער אונטערשיעד אין דער

גרויס, צו מאַכען פון צווײ וועזענס, וואָס זענען לויט זייער גאַנץ בײידע גלײך, אַזעלכע צווײ גרונד=פערשיעדענע ערשײנונגען, ווי דאָס זענען דער מאָנבלאַן און דאָס זאַמד=קערענדעל.

---

## II.

אין דעם קאַפּיטעל וועגען דער מעהרהײט און די מינדערהײט האָב איך שוין געזוכט צו דערווײזען, אַז נישט יעדער אָרגאַניזם בעזיצט די פעהיגקײט צו רעאַגירען אויף די אײנדריקע, וואָס קומען פון אויסענווייניג, מיט אײגענע, נײע, נישט קײן געירשה'נטע ווירקונגען פון דעם נערווען־און־מוסקול=סיסטעם, ד. ה. מיט אײגענע געדאַנקען און האַנדלונגען. דאָס קען נאָר דער אָרגאַניזם, וואָס איז בעזונדער פאָלקאָם געבויט, וואָס איז בעזונדער רײך אין לעבענסקראַפט. דער געניע, וואָס זײן גרונד=אײגענשאַפט איז די פעהיגקײט איבערצואַרבײטען מיט אַ אײגענער, אָריגינעלער מעטאָדע די אײנדריקע פון דער אויסערליכער וועלט, מוז אַלזאָ בעזיצען די העכסטע אָרגאַנישע ענטוויקלונג. דאָס קלאַוויאַטור פון זײן גײסט בעזיצט אויך אײן אָקטאַווע מעהר, ווי די קלאַוויאַטורען פון אַנדערע גײסטער, און די דאָזיגע גרויסע מתנה פון דער נאַטור קען מען זיך נישט אײנשאַפען, נישט מיט קײן התמדה און נישט מיט קײן אײנאיבען זיך. געטהע זאָגט זיך גאַנץ לײַכט און מיט דער אונשולדיגסטער מינע, וואָס קען נאָר געבען: „טהוט זיך נאָר גוט אַרײַן אינ'ס פולע מענשליכע לעבען!" די פראַזע קלינגט נאַאיוו, אין דער ווירקליכקײט אָבער איז דאָס די גרויסקײט פון אַ הויכען זעלבסטבעוואוסטזײן. „טוט זיך נאָר גוט אַרײַן אין דאָס פולע מענשליכע לעבען..." אין דער אמת'ן! דער רעצעפּט איז אַ זיכערער, אום איהם אײנצונעהמען מוז מען אָבער אַ געניע זײן. דער געוועהנליכער און אפילו בעגאַבטער מענש ווײס גאָרנישט, ווי זיך צו נעהמען פאַר אַזאַ מלאכה און אויב ער פּראָבירט יאָ דאָס טאָן, טרעט ער גלײך אָב צוריק מיט לעדיגע הענד. עס קומט אַלזאָ אויס, אַז דער דורכשניטליכער מענש, און צו דער קאַטעגאָריע רעכען איך צו אויך דעם טאַלאַנט, זעהט גאָרנישט די וועלט, נאָר דעם שפּיגעל

איהרען אין די אויגען פון דעם געניע. ער זעהט „דאָס פולע מענשליכע לעבען“ נישט אין זײַן לעבעדיגער װירקליכקײַט, נישט אין רעליעף, נאָר דעם שאָטען זײַנעם אויפ׳ן װאַנד, — דעם שאָטען, װאָס פאַלט פון דעם געניע׳ס צויבער־לאַמטערנע. ער קען זיך מאַטערן אָנצוכאַפּען דעם דאָזיגען בליציגען און בעװעגליכען שאָטען, אין די הענד בײַ איהם װעט אָבער גאָרנישט בלײַבען. די ערשײַנונגען פון דער װעלט שטעלען פאָר מיט זיך אַ רויהען מאַטעריאַל, פון װעלכען דער געװעהנליכער מענש קען גאָרנישט אויסאַרבײַטען, פון װעלכען נאָר דער געניע אַלײן איז אימשטאַנד צו בעשאַפען עפּעס אַזוינס, װאָס דער ערשטער קען עס שוין אויך פערשטעהן. דער מיטעלמעסיגער מענש זעהט פאַר זיך זאַכען און ערשײַנונגען צװאָרפען אין פערשידענע גרופען, װײַל דער געניע האָט די גרופען אײַנגעשטעלט; די װעלט און דאָס לעבען שטעלען זיך איהם פאָר אין דער פאָרם פון בולט׳ע בילדער, װײַל דער געניע האָט זײ פעראײניגט און אײַנגעפאַסט אין בעשטימטע ראַהמען. ער פיהלט, דענקט און האַנדעלט, װי דער געניע האָט געפיהלט, געדענקט און געהאַנדעלט דאָס ערשטע מאָל פאַר איהם. די ערשײַנונגען, װעלכע דער געניע האָט נישט אויסגעאַרבײַט אָרגאַניש, געהט ער פערבײַ גאָרנישט בעמערקענדיג זײ, גאָרנישט פיהלענדיג און גאָרנישט טראַכטענדיג װעגען זײ.

אילוסטרירען די ערשײַנונג קען איך נאָר מיט אַ בײַשפיעל פון דער אָרגאַנישער װעלט. די שטאָפען, אין װעלכע עס נויטיגט זיך יעדעם לעבעדיגע װעזען, װי למשל קויהלען־און שטיקשטאָף, זענען פאַרהאַן אויף דער ערד אומעטום אין אונגעהויערע מאַסען, די בעלי־חיים אָבער קענען מיט זײ גאָרנישט מאַכען: אין דער פאָרם, אין װעלכער די נאַטור דערלאַנגט זײ די דאָזיגע מאַסען, זענען זײ נישט אימשטאַנד עס צו פערדײַען. דאָרט װאו די אַטמאָספערע איז אָנגעזאַפּט מיט קויהלענזויערע, דאָרט, װאו דער באָדען איז פול מיט אַזאָט־זויערע זאַלצען — קענען זיך קײנע בעלי־חיים נישט דערהאַלטען.

איבערקאָכען אין זיך די דאָזיגע רויהע שטאָפען און פערװאַנדלען זײ אין שפײַז קענען נאָר די פלאַנצונגען און פון זײ אויך נאָר יענע, װאָס האָבען אין זיך כלאָראָפיל. די קויהלען־און שטיק־שטאָפען קענען ערשט דאַמאָלס נוצען אַלס שפײַז פאַר די בעלי־חיים, װען זײ זענען איבערגעקאָכט און איבערגעאַרבײַט געװאָרען אין די אָרגאַ־

ניזמען פון די פלאנצונגען. דאס זעלבע קומט פאר אויך מיט די געניעס און געוועהנליכע מענשען, צורעכענענדיג צו זיי אויך דעם טאלאנט. דער געוועהנליכער מענש קען די נאטור נישט פערדייהען, נישט אסימילירען, נישט פערוואנדלען אין גרונד-טיילען פון דעם אייגענעם בעוואוסטזיין. ער זעהט די ערשיינונגען, ער מאכט זיך אבער פון זיי קיין בילד נישט; ער הערט, ער פערשטעהט אבער נישט און בעגרייפט נישט. דער געניע, דאגעגען, האט אין זיך עטוואס בעזונדערס, עטוואס אזוינס, וואס איז עהנליך צו כלאראפיל, א דאנק וואס ער איז אימשטאנד זיך בעשאפען פון די ערשיינונגען פארטיגע פארשטעלונגען, וועלכע עס קען שוין דערנאך אויפנעהמען אין זיין בעוואוסטזיין אויך דער געוועהנליכער מענש. דארווין גיט אונז אין דעם ערשטען קאפיטעל פון זיין ווערק „א רייזע פון א נאטור-פארשער ארום דער וועלט" — א איבערראשענדעס בילד פונ'ם לעבען אויף דעם אינגאנצען נאקעטען סט. פאול-פעלזען אין מיטען אטלאנטישען ים. דארט לעבען צוויי סארטען פויגעל: דער „נאר" און דער וואסער-שוואלב אונטער דעם נאמען ווייסע קאפ. אויף די פויגעל ווידער לעבען אלס פאראזיטען פערשידענע פליגען און מילבען און האטש דארווין זאגט עס נישט, קען מען דאך זיכער אננעהמען, אז ארום די דאזיגע פויגעל, ד. ה. ארום די העכערע בעלי-חיים, ווימעלט זיך א גאנצע וועלט פון קלייניניקע מיקראסקאפישע בתואים'לעך; פון אינפוזיארען, מיקראבען און באקטעריען. ס'איז אלזא גענוג געווען, איין פויגעל נאר זאל זיך בעזעצען אויף דעם פעלזען, אום דער דאזיגער נאקעטער מדבר זאל פערוואנדעלט ווערן אין א נאהרונגסארט פאר א גאנצער רייהע ברואים'לעך, וועלכע וואלטען אהן איהם נישט געקענט אויסלעבען דא אפילו איין טאג. דאס זעלבע קומט פאר אויך מיט דער ענטשטעהונג פון א ליטעראטור ביי וועלכען ס'איז פאלק. דער געניע מיט די נאר איהם אליין אייגענטימליכע פערדייהונגס-ארגאנען בעשאפט פון די פערשידענע איינדריקע קינסטלערישע ווערק, וועלכע זענען צוגענגליך פאר דעם מענשליכען גייסט. גלייך נאכדעם בילדעט זיך אוים א גאנצע מחנה פאראזיטען. קודם-כל ווייזען זיך נאכאהמער'ס און זיי ארבייטען איבער די דאזיגע קונסט-ווערק מעהר אדער ווייניגער געלונגען. דאס זענען די פליגען, וואס שפייזען זיך מיט'ן בלוט פון דער וואסער-שוואלב. דאן קומען אויף קריטישע און עסטעטישע שולען; זיי האבען שוין קיין עסק נישט מיט דער נא-

קעטער נאַטור און אינטערעסירען זיך נאָר מיט די רעזולטאַטען פון דער נאַטור־פערדייהונג אין די מאַגענס פון דעם געניע און זיינע נאָכאַהמער. דאָס זענען די שפינען, וואָס געהען נאָך די פליעגען, און די מיסט־שרצים, וואָס נעהרען זיך מיט די פאַרעשטאָפּען. אַם ענדע ערשיינען די היסטאָריקער פון דער ליטעראַטור, וועלכע דערצעהלען מיט אַ וויכטיגער מיענע, ווי אַזוי דאָס אַלץ איז צוגעגאַנגען. פאַר זיי געפין איך נישט איצט גראַדע דעם צוגעפּאַסטען ביישפּיעל־וועזען אויף דעם סט. פּאַול־פּעלוזען, ווייל איך האָב נישט דאָס רעכט זיי צו פער־גלייכען מיט די דאָרטיגע מיקראָבען און באַקטעריען. און אַזוי האָבען מיר שוין אַ גרויסע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, מיט בעלעטריסטישע ווערק פון צווייטען ראַנג, מיט עסטעטישע סיסטעמען, מיט גייסט־רייכע קריטישע ווערק, מיט ליטעראַטור־געשיכטע און מאָנאָגראַפיעס איבער איינצעלנע עפּאָכעס אין איהר, מיט געלעהרנטע פירושים צו די אַלע ווערק און מיט אַ גאַנצער מחנה פּראָפעסאָרען, וועלכע לעבען נאָר דערמיט, וואָס זיי לייענען יאָהראיין יאָהראויס לעקציעס וועגען דער ליטעראַטור. און די דאָזיגע אַלע ביכער מיט אַלע זייערע לעבעדיגע הוספות אין דער געשטאַלט פון פּראָפעסאָרען און גע־לעהרנטע ציהען זייער אָנהויב און דאָס רעכט אויף צום עקסיסטירען פון יענעם קונסט־ווערק, וואָס עס האָט געשאַפען אַמאָל אַ נאַאיווער געניע, וועלכער איז נישט געוועזען נישט קיין געלעהרטער, נישט קיין פּראָפעסאָר און האָט אַרויסגעבראַכט זיינע ווערק, אַזוי ווי דער עפּעלבוים גיט אַרויס עפּעל, נאָר דערפאַר, וואָס דאָס איז געלעגען אין זיין נאַטור. און די אַלע אַנדערע מענשעלעך, וועלכע זענען געקומען נאָך איהם, וואָלטען נישט געקענט אפילו קיין העע פון מויל אַרויס־ברענגען, ווען מ׳וואָלט זיי צוזאַמענשטעלען מיט דער נאַקעטער נאַטור; זיי וואָלטען אפילו גאָרנישט אָנהויבען צו ערשיינען, אַזוי ווי די אַלע קליינינקע ברואים׳לעך וואָלטען נישט ערשיינען אויף דעם סט. פּאַול־פּעלוזען אָהן די פויגעל, וועלכע האָבען זיי געגעבען די מעגליכקייט צו עקסיסטירען.

די געניאַליטעט איז אַלזאָ דער רעזולטאַט פון אַ געבוירענער העכערער אָרגאַנישער ענטוויקלונג, און דאָס טאַלאַנט — פון דער דורך התמדה און איינאיבונג עררייכטער אויסבילדונג פון די נאַטירליכע פעהיגקייטען, וועלכע עס בעזיצען די מעהרסטע טייל געזונדטע און נאָרמאַלע אינדיווידואומען פון דעם שטאַם. נאָר אויב איך זאָג, אַז

די געניאליטעט האט אונטער זיך א פיזיאלאגישען, סטרוקטורעלען באדען, האט מען דאך דאס רעכט מיך צו פרעגען, וועלכעס איז עס דאס געוועבעכץ אין דעם מענשליכען ארגאניזם, וואס זיין רייכערע ענטוויקלונג בעשאפט די אריגינאליטעט. די פראגע זעהט אויס זעהר שארף, דאך אבער וואלט מען אויף איהר גאנץ לייכט געקענט ענטפערן, ווען געניע און טאלאנט וואלטען זיין איינפאכע ערשיינונגען. דאן וואלט מען געקענט מיט א גאנץ פשוט'ער מעטאדע לעזען די פערוויקעלטע פראגע. מ'וואלט זאגען: דער טאלאנט בעזיצט א איבערראשענד-גרויסען זכרון, דער געניע בעזיצט א אונגעוועהנליך-שטארקען ווילען און ביי ביידע פעלען מסתמא זענען בעזונדער אויסגעבילדעט די מארך-צענטערן, פון וועלכע ס'איז אבהענגיג דער זכרון אדער דער ווילען. ביי היינטיגען טאג ווייס מען נאך נישט, וועלכע עס זענען די דאזיגע צענטערן; מיט דער צייט אבער וועט מען זיי געפינען און אויף דעם שפור פון עטליכע פון זיי איז מען שוין געפאלען. דאס צוגליעדערן און ערקלערן די גייסטיגע אויסנאהמסערשיינונגען וואלט אויף אזא אופן זיין נאר א קינדערשפיעל. צום בעדויערן אבער איז די זאך נישט אזוי איינפאך, ווי מ'גלויבט. געניע און טאלענט זענען ביז דער העכסטער שטופע צוזאמענגעזעצטע ערשיינונגען; נאר זעלטען-ווען לאזען זיי זיך ערקלערן מיט דער איבערגעוויכט פון איין גייסטיגער גרונד-פעהיגקייט, האטש ביי די מעהרסטע טיילען איז טאקע יא פערהאן אזא איבערגעוויכט פון וועלכער ס'איז פעהיגקייט און זי קען זאגאר קאנסטאטירט ווערן דורך א געניט'ער אונטערזוכונג. כמעט שטענדיג בעטייליגען זיך אין דער צוזאמענגענומענער ערשיינונג פון דעם געניע אדער פון דעם טאלאנט עטליכע פעהיגקייטען, האטש נישט אין קיין גלייכער מאס, און זייערע פערשידענע צוזאמענזעצונגען גיעבען אזעלכע פערשידענארטיגע רעזולטאטען, אז גאנץ אפט איז בכלל שווער דורכצוקריכען דורך זיי און צוצוקומען ביז זייערע ארגאנישע סבות. די גאנצע קונסט פון פסיכאלאגיש אנאליזירען דעם געניע אדער דעם טאלענט בעשטעהט דעריבער נאר אין דעם, אלץ, וואס עס זעהט אויס ווי א איינהייטליך-גאנצע זאך, פונאנדערצוגליעדערן אויף די עלעמענטארסטע טיילען זיינע און אויסצוגעפינען דעם מקור פון די דאזיגע טיילען אין ארגאניזם.

———

## III.

יעדער געבילדעטער מענש ווייס היינט, אַז אונזער צענטראַלער נערווען=סיסטעם ד. ה. דער גרויסער, דער קליינער און דער פערלענגערטער מאַרך, דער הוט השדרה, די עמפפינדונגס=און בעוועגונגס=נערווען, שטעלען נישט פאָר מיט זיך קיין איינהייטליכען אָרגאַן מיט איינפאַכע פונקציעס ווי, למשל, דאָס האַרץ אָדער ניערען, נאָר אַ צוזאַמענזעצונג פון אַ סך אָרגאַנען, וואָס האָטש זיי זענען פערוואַנדט צווישען זיך לויט זייער האַראַקטער, האָבען זיי דאָך אויסצואיבען פערשידענע פונקציעס. דאָ קומט פאָר דאָס זעלביגע, וואָס מיט דעם פערדייהונגס=סיסטעם. דאָס גאַנצע אינגעוויד, פון דעם אויפנעהמענדען ביז דעם אַרויסוואַרפענדען הלל, מיט די אַלע מכשירים און צוזעצונגען, בילדעט איין אַפּאַראַט, די בעזונדערע טיילען פון וועלכען עס אַרבייטען צוזאַמען פאַר איין ציעל: טויגליך צומאַכען די אַריינגעפיהרטע שפייז=שטאָפען מיט דער הילף פון כעמישע און מעכאַנישע פערענדערונגען צו דער ערהאַלטונג און אויפבויאונג פון דעם אָרגאַניזם. ווי פערשידען אָבער זענען עס די בעזונדערע גרונד=טיילען פון דעם גרויסען אַפּאַראַט! די שפייעכץ=מאַנדלען פון מויל האָבען קיין שום שייכות נישט מיט די מאָגען=מאַנדלען און מיט'ן לעבער; דער בוי פון מאָגען איז גאָרנישט ענליך צו דעם בוי פון די איידעלע קישקעס; די פליעסיגקייטס=מאַנדלען פון מאָגען, וואָס העלפען פערדייהען דעם עסען זענען אין יעדער הינזיכט אַנדערש פון די שטאָפען אין די קישקעס, וועלכע רייניגען דעם קערפער פון די פסולת. דאָ ווערט אויסגעאַרבייט אַזאַ זאַפט, וואָס פערוואַנדעלט דעם קראָכמאַל אין צוקער, און דאָרט אַזאַ, וואָס מאַכט צוגעהן דאָס אונצוגעהבאַרע איי=ווייס. איין געוועבעכץ פערנעהמט זיך בלויז מיט דעם איבערפיהרען די שפייז=מאַסען, און דאָס אַנדערע, פערקעהרט, האָט די אויפגאַבע צו פערשטעלען דאָס ערשטע דעם וועג און איהם לאָזען שטעהן אויף איין אָרט; און נאָך אַ דריטע געוועבעכץ איז פערהאַן, וואָס די איינציגע אַרבייט זיינע איז — אויסזייגען אַ געוויסען זאַפט. אויף דעם זעלביגען אופן פיהרט אויך אויס דער צענטראַלער נערווען=סיסטעם זיין גרויסע, קאָמפּליצירטע אויפגאַבע: ער דיענט אַלס פערמיטלער צווישען דעם איך און דעם נישט=איך, אָדער, זיך אויסדריקענדיג נישט אַזוי פילאָזאָפיש, צווישען דער אויסערליכער

וועלט און דעם אינדיווידואום, ער פערוואַנדעלט אַיינדריקע אין בעוואוסטזיניגע פאָרשטעלונגען און העלפט דעם בעוואוסטזיין רעאַגירען און אָברופען זיך אויף די אַיינדריקע פון דער אויסערליכער וועלט; די אַרבייט אָבער צופאַלט אויף אַ אונגעהויערער צאָהל פערשידענע, איינצעלנע פראָצעססען, וועלכע ווערן אויסגעאיבט דורך פערשידענע טיילען פון מוח אָדער פון הוט השדרה. איך וועל עס ערקלערן מיט אַ ביישפיעל. מיר וועלן נעהמען, למשל, דאָס זעהען. דעם נישט־געלעהרענטען מענשען זעהט אויס גאַנץ פשוט די אַרבייט פון נעהמען אַ צייטונג און איבערלייענען וואָס אין איהר שטעהט. אַז אַ בלינדער קען עס נישט טאָן, וועט ער אויך גלייך פערשטעהן. דאַגעגען אָבער וואָלט ער אפשר נבהל ומשתומם ווערען, ווען מ'וואָלט איהם זאָגען, אַז זעהענדיגע אויגען זענען אַליין נאָך נישט גענוג אויף דורכצופיהרען אינגאַנצען דעם פראָצעס פון לעזען; אַז דערצו איז נאָך אויסער דעם נויטיג די מיטווירקונג פון אַ גאַנצער רייהע אַנדערע אָרגאַנען, וועלכע געפינען זיך אין מאַרך, און אַז ס'איז אינגאַנצען אונמעגליך צו לעזען דאַן, ווען איין־איינציגער נאָר פון די אָרגאַנען פונקציאָנירט נישט, ווי געהעריג איז. דער אויג־אַפּעל שטעלט פאָר מיט זיך אַ מין קאַמעראַ אָבסקוראַ, אַ מין דונקעלעס צימער, אויף דער הינטער־וואַנד פון וועלכען עס פאַלט אַ פערקלענערטעס שאַרפעס בילד פון דער אויסערליכער וועלט. דעם דאָזיגען הינטערגרונד בילדעט אַ נעץ פון זעה־נערווען, דורך וועלכע דער עמפפאַנגענער אַיינדריק, ד. ה., די געשטאַלט, וואָס האָט זיך אָבגעשפיגעלט אויף דער הינטערוואַנד, ווערט אַריינגעפיהרט אין מאַרך. אויפגענומען ווערט דער אַיינדריק, ווי מ'קען משער זיין, אין יענעם טייל פון מאַרך, וואָס ליגט הינטער דעם אַזוי גערופענעם אינערליכען קאַפּסול. די בעגרייפונג און אויסטייטשונג פון דעם אַיינדריק קומט שוין פאָר אין אַנ'אַנדער אָרט, וואָס לויט די פאָרשונגען פון קוסמויל, וועסטפאַהל און אַנדערע קען מען זיכער אָננעהמען, אַז דאָס געפינט זיך אין דעם לינקען אונטערשטען זייטענטייל פון מאַרך. דאָס אויג שפיגעלט אַלזאָ אָב אין זיך די אויסערליכע וועלט; דאָס אָבגעשפיגעלטע בילד ווערט דורך דעם זעה־נערוו אַריינגעפיהרט אין דעם אינערליכען קאַפּסול; דער אינערליכער קאַפּסול פערוואַנדעלט דאָס שפיגעלבילד אין אַ געפיהלטען אַיינדריק, און דער אַיינדריק גיט זיך איבער ווייטער אין דער גרויער מאַטעריע פון מאַרך, וואו ער ווערט שוין איבערגעאַרבייט אין אַ

בעוואוסטזיניגער פאָרשטעלונג. אויב דאָס אויג איז נישט פעהיג צום אַרבייטען, שפּיעגעלט זיך אָב די אויסערליכע וועלט נישט אין דעם ריכטיגען פונקט, און דער צוזאַמענהאַנג צווישען דעם איך און דעם נישט־איך דורך דער פערמיטלונג פון זעהען רייסט זיך איבער אינגאַנצען. אויב ס'איז קראַנק דער זעה־נערוו, איז הגם די וועלט שפּיעגעלט זיך אָב אין דעם ריכטיגען פונקט, קומט אָבער די אָבשפּיעגלונג דאָך נישט צו ביז'ן אָרט, וואו זי ווערט פערהאַנדעלט אין אַ עמפּפינדונג. איז דער הינטערשטער טייל פון דעם אינערליכען קאַפּסול נישט אין אָרדנונג, קומט צו דאָס אָבגעשפּיעגעלטע בילד ביז'ן מאַרך, עס איז אָבער דאָרט, זיך אַזוי אויסדריקענדיג, קיינער נישט פערהאַן, ווער עס זאָל עס אויפנעהמען; עס קומט אַרויס דערפון דאָס זעלבע, ווי ווען עס וואָלטען זיין טעלעגראַפישע דראָטען, נאָר אויפ'ן טעלעגראַפען־סטאַנציע וואָלט קיין אויפנאַהמנס־אַפּאַראַט נישט זיין. דאָס בילד ווערט דאַמאָלס נישט געפיהלט. און איז ענדליך קאַליע די גרויע מאַטעריע אין דעם אונטערשטען לינקען טייל פון מאַרך. איז האָטש דאָס בילד ווערט אויפגענומען, בלייבט עס אונפערשטענדליך, אונבעגרייפליך. דער מענש זעהט, אָבער ער פערשטעהט נישט, וואָס ער זעהט. עס קומט אויס אַזוי ווי ווען די דעפּעשע וואָלט ערהאַלטען געוואָרען אין טעלעגראַפען־ביוראָ, נאָר זי קען נישט צוגעשטעלט העכען דעם אַדרעסאַט. אַזוי איז יעדע איינציגע גייסטיגע טעטיגקייט, יעדער ווילענס־אַקט, יעדעס געפיהל, יעדע פאָרשטעלונג, ווי איינפאַך און איינהייטליך זיי זאָלען נישט אויסזעהן, זענען אין דער ווירקליכקייט ביז דער העכסטער שטופע צוזאַמענגעזעצט, ביז דער העכסטער שטופע קאָמפּליצירט; אין זייער אויסבילדונג בעטייליגען זיך אַ סך אין־עצם־פערשיעדענע טיילען, ד. ה. אָרגאַנען פון דעם צענטראַלען נערווען־סיסטעם.

די דאָזיגע איינצעלנע אָרגאַנען, וואָס געפינען זיך אין דעם הויט־השדרה און אין מוח ווערען אָנגערופען צענטערן און טיילען זיך אויף נידעריגע און העכערע. זייער פּלאַץ אויף דעם שטופען־לייטער פון דער וויכטיגקייט בעשטימט זיך נאַטירליך מיט דער פונקציע, וואָס זיי האָבען צו בעזאָרגען. ביי דער אָבשאַצונג אָבער פון די פונקציעס האָט מען זיך גערעכענט נישט מיט זייער וויכטיגקייט פאַר דער ערהאַלטונג פון לעבען, נאָר מיט זייער גרעסערער אָדער קלענערער בעטייליגונג אין'ם אויסאַרבייטען די ספּעציפיש־מענש־

ליכע אינדיווידואַליטעט. ס׳זענען פערהאַן אַזעלכע פעהיגקייטען, וואָס נאָר דער מענש אַליין בעזיצט זיי; דאָס אַבסטראַקטע דענקען, למשל, אָדער די שפּראַך; אַזעלכע, וואָס ער בעזיצט זיי געמיינזאַם מיט די בעלי־חיים, ווי צו׳ם ביישפּיעל, דער זכרון אָדער דער ווילען; און אַזעלכע ענדליך, וואָס זענען איינע און די זעלבע ביי אַלע לעבעדיגע וועזענס, די ערנעהרונג, למשל, אָדער די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דעם געשלעכט. (דאָ דאַרף מען בעמערקען, אַז אפילו די בעזונדער מענשליכע פעהיגקייטען, ווי דאָס אַבסטראַקטע דענקען און די שפּראַך, זענען אויך אויסשליסליך מענשליך נישט אין דעם זין, אַז ביי דעם מענשען טרעטען זיי אַרויס גלייך פאָלשטענדיג ענטוויקעלט, דאַן ווען ביי די בעלי־חיים, וואָס שטעהען נידעריגער פון איהם, איז אפילו קיין שפּור פון זיי נישט פערהאַן. אין די פאָרשונגען פון דעם ענגלישען זאָאָלאָג־פּסיכאָלאָג ראָמאַנס איז דייטליך צו זעהן, אַז דאָס מענשליכע גייסטיגע לעבען איז נאָר אַ העכערע ענטוויקלונג פון דעם גייסטיגען לעבען פון די בעלי־חיים, און אַז די נאַטור ווייס דאָ, ווי אומעטום, אויך נישט פון קיין שפּרינגען און פון קיין פּלוצלונגע איבעררייסונגען אין דעם ענטוויקלונגס־פּאָדים.) די וויכטיגקייט פון אַ פונקציע, און פאָלגליך אויך פון דעם צענטער איהרען, געפינט זיך אַלזאָ אין אַ פערקעהרטער בעציהונג צו איהר פערברייטונג אין דער אָרגאַנישער וועלט און צו איהר וויכטיגקייט פאַר דער ערהאַלטונג פון לעבען. אָהן די גראָבע און איידעלע ערנעהרונגס־פּראָצעסען, ד. ה. אָהן פערדייהונג, אָטעמונג און בלוט־אומלויף, וואָלט דער אָרגאַניזם נישט געקאָנט לעבען אפילו איין סעקונדע. און דאָך רעכענען זיך די פערדייהונגס־צענטערן, וואָס געפינען זיך אין די גאַנגליען פון דעם אַזוי גערופענעם סימפּאַטישען סיסטעם, און די צענטערן, וואָס האָבען צו פערזאָרגען די ברוסט־מוסקעלן און די טעטיגקייט פון האַרצען, פאַר די סאַמע נידריגסטע; די בעוועגונג פון די גלידער און די רעגעלמעסיגע קאָמבינאַציע פון דער בעוועגונג, וואָס גיעבען די מעגליכקייט צו געהן, אָנצונעהמען עפּעס א. א. וו. זענען, געוועהנליך, אויך זעהר וויכטיג פאַר׳ן אינדיווידואום, מ׳קאָן דאָך אָבער אָהן זיי אויך לעבען; און דאָך רעכנען זיך די צענטערן פון דער מוסקול־בעוועגונג און זייער רעגעלמעסיגער צוזאַמענהאַנג, פאַר אַ סך וויכטיגער. זכרון, אורטייל און ענדליך איינבילדונגסקראַפט זענען בכלל פאַר׳ן אָרגאַניזם נישט קיין לעבענס=

נויטוועגדיגקייט, נאָר אַ אַנגענעהמער לוקסוס; דאָס אינדיווידואום וואָלט אָהן זיי אויך געקאָנט אָבלעבען יאָהרען און צעהנדליגער יאָהרען; זייערע צענטערן אָבער, וועלכע זענען לאָקאַליזירט אין דער גרויער מאַטעריע פון דעם גרויסען מאַרך, רעכנען זיך פאַר די גרעסטע.

די דאָזיגע ראַנג-אָרדנונג איז נישט קיין צופעליגע, נאָר אַ בעגרינדעטע און אַ ריכטיגע. וואָס אַלגעמיינער און נויטווענדיגער די פונקציע איז, אַלץ איינפאַכער און גרעבער איז דאָס וועַרקציַיג צו איהר; וואָס אָריגינעלער און דיפערענצירטער די פונקציע איז, אַלץ פיינער, פערוויקעלטער און איידעלער מוז אויך זיין דאָס וועַרקציַיג. דער אַקעראייזען איז אַ גרעסערע נויטווענדיגקייט און ווערט בענוצט פון אַ סך אַ גרעסערע צאָהל מענשען, ווי דאָס טאַשען-זייגעריל, און דאָס טאַשען-זייגעריל וויעדער איז נויטווענדיגער און מעהר פערברייטעט פון אַ אינסטרומענט אויף צו פערגלייכען פינקטליך די גאַנגבאַרע מאָס מיט דעם ריכטיגען פאַריזער מוסטער-מעטער. דער אַקער-אייזען איז אָבער אַ סך גרעבער און איינפאַכער פון דעם טאַשען-זייגעריל, און דאָס טאַשען-זייגעריל איז וויעדער גרעבער און איינפאַכער פון דעם אינסטרומענט אויף אויסצומעסטען גענוי דעם מעטער. צוברעכען דעם אַקער-אייזען איז נישט לייכט; מיט'ן טאַשען-זייגעריל דאַרף מען זיך שוין בעגעהן פאָרזיכטיגער, האָטש עס קאָן נאָך בייַשטעהן פון דעסטוועגען אַ געוויסען קלאַפּ; און דער אינסטרומענט אויסצומעסטען דעם מעטער ווערט קאַליע ביי דעם מינדעסטען טרייסעל פון דער פאָדלאָגע דורך דעם, וואָס אַ עקיפּאַזש איז דורכגעפאָהרען פון דער ווייטענס. דאָס זעלבע קומט פאָר אויך מיט די צענטערן פון דעם נערווען-סיסטעם. וואָס אייגענאַרטיגער, אויס-שליסליכער און אָבגעזונדערטער ס'איז די אַרבייט פון דעם צענטער, אַלץ איידעלער, פערוויקעלטער און לייַכטער איז ער. די פערדייַהונג איז פערהעלטניסמעסיג אַ גראָבע טעטיגקייט. שטרענג רעדענדיג, וואָלט זי זיך זאָגאַר אינגאַנצען געקאָנט בעגעהן אָהן אַ בעזונדערע אָרגאַן, אַזוי ווי מ'וואָלט געקאָנט, למשל, אויך אָהן אַ אַקער-אייזען דורכגראָבען די ערד מיט אַ שטעקען, מיט אַ שטיין אָדער גאָר מיט'ן האַנד, נאָר נישט אַזוי לייַכט און בעקוועם. יעדעס הייפעל איינפאַכע פראָטאָפּלאַזמאַ בעזיצט די פעהיגקייט זיך אַליין צו ערנעהרען אין דעם ברייטסטען זין, מיט דער הילף פון אויפנעהמען אין זיך פעסטע,

פליסיגע און גאַז־אַרטיגע שטאָפען, ד. ה. עס בעזיצט די פעהיגקייט צו אָטעמען און צו פערדייהען. אויב מיר מוזען האָבען צו דער זעלביגער פונקציע אַזעלכע העכסט־פערוויקעלטע אינסטרומענטען, ווי בלוטאומלויף, אָטעמונגס־ און פערדייהונגס־סיסטעמען, איז עס דערפאַר, וואָס אונזער אָרגאַניזם קומט אויס מעהר פערוויקעלטע לייסטונגען צו בעזאָרגען, ווי דעם הייפעל פּראָטאָפּלאַזמא, און דע־ריבער בענוצט ער זיך מיט דער בעוואוסטער אַרבייטס־איינטיילונג, אַט ווי אַ מיניסטער, למשל, האָט קיין צייט נישט זיך אַליין אַ מיטאָג אָבצוקאָכען אָדער אַ מאַנטעל אויפצונעהען, דאַן ווען אַ נעאַפּאָ־ליטאַנישער לאַצאַראָני (גאַסען־יונג) דאַגעגען קאָן עס גאַנץ גוט און לייכט בעהויפּטען. אין אונזער צוזאַמענגעזעצטען אָרגאַניזם, אין וועלכען די אַרבייטס־איינטיילונג ווערט ברייט און ווייט אויס־גענוצט, איז די ערנעהרונג אַ ניעדעריגע און איינפאַכע אַרבייט, און די צענטערן, וואָס בעזאָרגען עס, זענען אַזוי גראָב, אַז זיי קאָנען לענגער פון אַלע בייששטעהן געגען די צושטערענדע ווירקונגען, און זיי שטאַרבען ווירקליך אַם לעצטען. די בעוועגונגס־צענטערן זענען אויך גענוג ניעדריג, און דעריבער אויך גענוג שטאַרק אַ ווידער־שטאַנד צו שטעלען. פון די דאָזיגע צענטערן, וואָס געפינען זיך אין הויפּט־השדרה, פאָדערט זיך גאַנץ ווייניג. ווען די עמפּפינדונגס־נערווען ברענגען זיי די מיטטיילונג, אַז אויף וועלכען ס'איז טייל פון קערפּער ווירקט עפּעס אַ ווייטיגע קראַפט, מעג עס זיין אין דער פאָרם פון אַ איינפאַכער בעריהרונג אָדער פון אַ וועהטאָג, דאַרפען זיי אַרויסרופען די צוזאַמענציהונג פון אַ בעשטימטער גרופּע מוסקעלן און אַזויערנאָך דורכפיהרען אַ צוועקמעסיגע בעוועגונג, וועלכע ער־ווייטערט פונ'ם קערפּער דעם איינפלוס פון דער פרעמדער קראַפט. דאָס רופט זיך אַ רעפלעקטיווע בעוועגונג. זי קומט פאָר אָהן אַ בע־פעהל, זאָגאַר אָהן דער אַנערקענונג פונ'ם בעוואוסטזיין און זי קאָן אויסגעאיבט ווערען אפילו דורך אַ זשאַבע מיט אַנ'אַרויסגעשניטענעם מאַרך פון קאָפּ. די בעוועגונגס־צענטערן זענען זעהר בעגרענעצט, נישט וועלענדיג זאָגען נאַרעש. זיי זענען נישט אימשטאַנד צו בע־גרייפען די סבה, וואָס האָט אַרויסגערופען די צו־זיי־צוגעקומענע עמפּפינדונגען. אויף אויסערליכע אויפרייצונגען קאָנען זיי זיך אָברופען נאָר מיט די איינפאַכסטע מיטלען. ווען דער קערפּער קאָן זיך אונטער־געבען וועלכער ס'איז פרעמדער קראַפט אָהן אַ שום געפאַהר פאַר זיך,

מוז איינער פון די העכערע צענטערן זיי בעפעהלען צו בלייבען רוהיג. אויב־ווידער פערקעהרט דאָס איינפאַכע אוהעקרוקען זיך איז וועניג, אויב ס'איז נויטיג פאַר'ן קערפּער צו לויפען אָדער צו שפּרינגען, אום זיך צו בעפרייען פון דעם אויסערליכען איינפלוס, מוז דער העכערער צענטער ווייטער בעפעהלען זיי צו ברענגען אין בע־וועגונג די נויטיגע מוסקעל־גרופּען, וואָס זייער צוזאַמענציהונג בילדעט דאָס לויפען אָדער דאָס שפּרינגען. די מאַרך־צענטערן ענדליך, וועל־כע אַרבייטען אויס דעם ווילען און דעם בעוואוסטזיין מיט אַלע זיינע אינהאַלטען, וועגען די העכסטע, ווייל זייער טעטיגקייט איז די פער־שיעדענאַרטיגסטע און פערוויקעלטסטע; די דאָזיגע טעטיגקייט איז אַ אויסשליסליך־מענשליכע, און פאָדערט פאַר איהר ריכטיגער אַרט איבונג אַזאַ פּינקטליכע געמיינזאַמע ווירקונג פון אַזוי פיעל גרונד־טיילען זיינע, אַז די סאַמע קלענסטע איינפלוסען קאָנען צושטערן דעם עמפּפינדונגס־אַפּאַראַט, אַזוי גוט, ווי די סאַמע קלענסטע מיטווירקונגען קאָנען איהם טעטיג מאַכען. וואָס העכער דער צענטר איז, אַליך שפּעטער ענטוויקעלט ער זיך, אַליך שפּעטער ווערט ער צייטיג און אַליך גיכער ווערט ער קאַליע. די ראַנג־אָרדנונג פון די צענטערן איז אויף אַזאַ אופן נישט קיין צופעליגע; זי איז געבויט נישט אויף די מיינונגען פון איינצעלנע אינדיווידואַליטעטען וועגען דער גרעסערער אָדער קלענערער וויכטיגקייט פון זייערע פונקציעס, נאָר אויף די געזעצען פון דער נאַטור אַליין. קוים וואָלט זיך געפונען וואו ס'איז אַ קענער אין הלכות אכילה, וועלכען עס וואָלט איינפאַלען צו זאָגען: „יעדערער האָט זיך זיין מיינונג; איך זאָג, אַז דער פער־דייהונגס־צענטר איז העכער פון דעם זכרון־ און דעם אורטייל־צענטר", וואָלט מען איהם געקאָנט ענטפערען אויף דעם, אַז זיינע אינדיווידועלע נייגונגען ברענגען איהם צו אַ טעות, אַז דער פערדייהונגס־צענטר קאָן נישט זיין העכער, ווייל ער געפינט זיך אויך ביי אַלע בעלי־חיים, ווייל ער ווייזט זיך אַרויס גלייך אין דער ערשטער מינוט פון דעם אינדיווידועלען לעבען, ציהט זיך ביז דער סאַמע ענדע פון אָרגאַניזם און ליעפערט שטענדיג די זעלביגע, קיינמאָל נישט אינדיווידועל מאָ־דיפיצירטע, אַרבייט, דאַן ווען די צענטערן פון זכרון און פון דענקען טרעטען אַרויס נאָר ביי די העכסטע בעלי־חיים, ווייזען זיך אין דעם אינדיווידועלען לעבען ערשט נאָך אַ געוויסען ענטוויק־לונגס־פּראָצעס, ווערען געוועהנליך שטומפּ און קאַליע פריהער נאָך,

אַיידער דער אָרגאַניזם שטאַרבט אָב אינגאַנצען, און פּראָדוצירען, אַזאַ אַרבייט, וואָס קאָן צוגעפּאַסט ווערען צו יעדע ענדערונג פון די אויסערליכע בעדינגונגען.

------

## IV.

די נייע, דאַרווינים טישע ביאָלאָגיע קוקט אויף דעם מענשען, זאָגאַר ווי אויף אַ קאָלאָניע פון איינפאַכע לעבעדיגע וועזענס מיט אַ ברייטער אַרבייטס-איינטיילונג, צוליעב וועלכער יעדער איינציגער מיטגליעד פון דער קאָלאָניע מוז זיך ענדערן. גאָר אין אָנהויב איז יעדע צעללע, פון וועלכער מיר בעשטעהן, געווען אַ אָרגאַניזם פאַר זיך, וועלכער האָט געקאָנט אַליין, וואָס אַ אָרגאַניזם דאַרף קאָנען, אום צו קאָנען עקסיסטירען. די צעללע האָט זיך אַלזאָ געקאָנט ערנעהרען אויף דער איינפאַכסטער אַרט, מעהרען זיך און זיך בעוועגען מיט דער הילף פון איינציהען איהר פּראָטאָפּלאַזמאַ. ווען אָבער אונצעהליגע מיליאָנען אַזעלכע צעללען נעהמען זיך צוזאַמען אויםצובילדען דעם אָרגאַניזם פון אַ בעל-חי אָדער פון אַ מענשען, טיילען זיי איין צווישען זיך די פערשיעדענע פונקציעס, אַזוי אַז יעדע איינע קאָן נאָר איין בעשטימטע אַרבייט בעזאָרגען, געוועהנט זיך אָב פון די איבריגע אַרבייטען און וואָלט געדאַרפט אונטערגעהן אינגאַנצען, ווען די אַנדערע צעללען וואָלטען ניט געטהון פאַר איהר דאָס, וואָס זי אַליין קאָן ניט טהון. דאָס רויטע בלוט-קוגעלע קאָן אויפנעהמען אין זיך זויער-שטאָף און עס פונאַנדערטראָגען אין אַלע געוועבעכצען, דאָס זעלבע קוגעלע אָבער קאָן שוין ניט בעוועגען און מעהרען זיך. די מוסקעל-פעדים קאָנען זיך בעוועגען און ברענגען אין בעוועגונג די איבריגע אויסבילדונגען פון קערפּער, זיי קאָנען אָבער ניט אַריינגעהמען אין זיך פון אויסענווייניג ניט קיין איבערגעאַרבייטע שפּייז-שטאָפען, זיי קאָנען זיך ניט פערמעהרען א. א. וו.

ניט קוקענדיג אויף דער אור-ערשטער גלייכהייט, וואָס האָט געהערשט צווישען אַלע גרונדטיילען, אָדער, ווי איך האָב מיך פריהער

אויסגעדריקט, צווישען אַלע מיטגליעדער פון דער קאָלאָניע, האָט זיך אין איהר אויסגעאַרבייט זעהר אַ שטרענגער ראַנגס-סיסטעם. דער אָרגאַניזם איז אַ צוזאַמענגעזעצטע געזעלשאַפט מיט פּראָלעטאַריער, בורזשוען און הערשענדע קלאַססען. ער האָט אין זיך אַזעלכע עלעמענטען, וואָס שטעלען מיט זיך פאָר פערשיעדענע ענטוויק-לונגס-שטופען אין דעם לעבען פון דער טיער-וועלט. די בלוט-קוגעלעך און די לימפאַטישע צעללען שטעהען נישט העכער פון באַקטעריען, מיט וועלכע זיי קומט אויס גאַנץ אָפט מלחמה צו האַלטען, און אַמאָל זאָגאַר אויך בעזיעגט צו ווערען, האָטש אַממעהרסטענטייל וויַיזען זיך אַרויס די בלוט-קוגעלעך אַלס שטאַרקער. דער הויט-השדרה שטעהט נישט העכער פון דעם זעלביגען ביי אַ זשאַבע; די עמפּפינדונגס-צענטערן נישט העכער פון די זעלביגע צענטערן ביי אַ מענשען פון דער ניעדעריגסטער ראַססע, און נאָר די העכערע צענטערן פון דענקען און אורטיילען שטעלען דעם אָרגאַניזם העכער פון אַלע אַנדערע לעבעדיגע וועזענס און מאַכען איהם נישט פאַר קיין אַלגעמיינעם וועזען, נישט פאַר סתם אַ מענשען, נאָר פאַר איין בעשטימטען מענשען, פאַר אַ אינדיווידואום, וואָס צייכענט זיך אויס פון די איבריגע און קאָן זיך אויפהויבען אַ סך העכער פון אַלע אַנדערע, ווען די דאָזיגע צענטערן זענען בעזונדער רייך אנטוויקעלט.

דער ראַנג-סיסטעם אין דעם מענשליכען אָרגאַניזם שליסט פון דעסטוועגען נישט אויס אַ געוויסע זעלבסטשטענדיגקייט ביי די איינצעלנע קלאַססען. מיקאָן זאָגען, אַז צווישען זיי הערשט אַ שטענ-דיגער קאַמפּף פון די דעמאָקראַטישע און אַריסטאָקראַטישע יסודות. די ניעדעריגע צענטערן גיעבען זיך נישט גערן אונטער די הע-כערע פון זיי, און די העכערע שטרעבען פליַיסיג, אַראָבצוואַרפען פון זיך די טיראַניע פון די ניעדעריגע. די מאַרך-צענטערן קאָנען נישט שטערען דעם ערנעהרונגס-צענטער אויסצופילען זיין אַרבייט, זיי קאָנען איהם נישט נויטען, ער זאָל אויספיהרען די אַרבייט שנעלער אָדער לאַנגזאַמער; די פונקציעס פון די בלוט-קוגעלעך, לימפאַטישע מאַנדלען א. א. וו. זענען איננאַנצען נישט אונטער-געוואָרפען דער ווירקונג פון בעוואוסטזיין און פונים ווילען; די מאַרך-צענטערן קאָנען נאָר אינדירעקט צו בעווייזען, אַז זיי זענען פאָרט שטאַרקער; זיי קאָנען אַוועקנעהמען ביי די ניעדריגערע צענטערן יענע בעדינגונגען, וועלכע זענען אונבעדינגט נויטיג פאַר זייער טע-

טיגקייט: זיי קאָנען, צום ביישפּיעל, שטערען דעם פּראָצעס פון אריינפיהרען שפּייז אין מאָגען, אָדער לופט אין די לונגען און אויף אַזאַ אופן מאַכען אונמעגליך די אַרבייט פון די פערדייהונגס-דרוזען און די בלוט-קוגעלעך. די נידריגע צענטערן ווידער, פון זייער זייט, האַלטען די העכערע אין אַ שטרענגער אָבהענגיגקייט, ווייל די לעצטע קאָנען דאָס בעסטע זייערע נאָר דאַן פּראָדוצירען, ווען די ערשטע ערפילען רעגעלמעסיג און פּינקטליך זייערע פפליכטען.

דעמאָקראַטישע טענדענצען העַרשען נישט נאָר אין די נידריגע קלאַסען פון דער קאָלאָניע, וועלכע שטעלט פאַר דעם אָרגאַניזם; די גאַנצע מלוכה-אָרדנונג איהרע טראָגט אויף זיך אַ דעמאָקראַטישען אָדער וועניגסטענס, אַ מאָנאַרכיסטישען כאַראַקטער. מיר האָבען נישט קיין איינציגען צענטר, וועלכער זאָל פול-בערעכטיגט, ווי אַ זעלבסט-העַרשער רעגירען מיט די אַלע איבריגע צענטערן פון אָרגאַניזם; אין דער ווירקליכקייט זענען פערהאַן עטליכע אַזעלכע, זיי זענען פאָל-שטענדיג גלייך און פערטרעטען די זעלביגע לאַגע אין דער אָרגאַנישער קאָלאָניע. דריי וועניגסטענס פון די צענטערן קאָנען פּרעטענדירען אויף דער ראָליע פון אַ טריאומווירראַט, וועלכער פיהלט אויס אין אָרגאַניזם די פליכטען פון אַ רעגירונג: דאָס זענען די צענטערן פון בעוואוסטזיין, פון זכרון און פון ווילען (איינענטליך איז עס פון מיין זייט נאָר אַ השערה, אַז די דריי טעטיגקייטען האָבען בעשטימטע צענטערן; דאָס איז נאָך ביז אַהער נישט דערוויזען געוואָרען און נאָך אַ טיפערער אונטערזוכונג וועט זיך אפשר גאָר אַרויסווייזען, אַז בעוואוסטזיין, זכרון און ווילען זענען נישט קיין איינפאַכע, נאָר צוזאַמענגעזעצטע ערשיינונגען און אַז מ'קאָן זיי צופיהרען ביז די לעצטע גרונדטיילען פון קערפּער.) זיי ווירקען איינער אויפ'ן אַנדערן, איינער פון אַנדערן זענען זיי אָבער נישט אָבהענגיג. בכדי זייער טעטיגקייט זאָל זיין נוצ-באַר פאַר'ן אָרגאַניזם, וואָלט צווישען זיי געדאַרפט זיין אחדות; די דאָזיגע אחדות ווערט אָבער צושטערט ביי צופעלען פון מאַרך-קראַנקהייטען און אפילו ביי שיינבאַרער פאָלשטענדיגער געזונדהייט. אַמאָל פערליערט מען דעם זכרון, בלייבענדיג ביי'ם בעוואוסטזיין, און דאָס זעלבע קאָן מען, בלייבענדיג ביי'ם בעוואוסטזיין, פערליערען דעם ווילען. פון דער צווייטער זייט קאָנען אַמאָל בלייבען דער ווילען מיט'ן זכרון דאַן, ווען עס פעהלט דאָס בעוואוסטזיין, ווי צום ביישפּיעל, ביי לונאַטיזם און עטליכע פאָרמען פון היפּנאָטיזם.

און דאמאלס זאגאר, ווען אלע דריי צענטערן ארבייטען נארמאל, געהט זיך אויך יעדערער פון זיי מיט זיין וועג; דערביי קאנען זיי געהן אלע מיט דער זעלביגער שנעלקייט, וואס, איבריגענס, עס טרעפט נישט שטענדיג. מיר ווייסען, אז דער זכרון איז איננאנצען אונאבהענגיג פון דעם ווילען. ער רופט ארויס אין אונזער בעוואוסטזיין אזעלכע פארשטעלונגען, וועלכע מיר האבען גארנישט געזוכט און גארנישט פערלאנגט, און, פערקעהרט, אמאל זאגט ער זיך אב פון ארויסרופען פארשטעלונגען, וועלכע מיר מאטערן זיך צו דערמאהנען מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג. אזוי אויך איז דער ווילען אונאבהענגיג פונ'ם בעוואוסטזיין מיט אלע זיינע אינהאלטען. מיר קאנען זיך איבערצייגען וויפיעל מיר ווילען מיט דער גאנצער קראפט פון אונזער פערשטאנד צו טהון א בעשטימטע זאך און דאך — עס נישט טהון. דאס בעוואוסטזיין איז טאקע פאלשטענדיג איבערצייגט, דער ווילען אבער קוקט נישט אויף דעם. אמאל־ווידער דערווייזען מיר זיך מיט די איבערצייגענדסטע ארגומענטען, אז מיר דארפען זיך אבהאלטען פון א בעשטימטען אקט. דער ווילען הערט, לאזט אונז זיך אויסרעדען ביז'ן סוף און גאר אם ענדע טהוט ער דאס, וואס דאס בעוואוסטזיין האט נישט געהייסען טהון. די העכסטע צענטערן זענען אויף אזא אופן איננאנצען נישט אבהענגיג איינער פון אנדערן; אמאל פערטראגען זיי זיך, אמאל רייסען זיי זיך ארום און דעם גאנצען לעבען אייגענטליך האלטען זיי מלחמה צווישען זיך פאר א גרעסערען איינפלוס אין ארגאניזם.

---

## V.

פריהער, אינ'ם קאפיטעל וועגען דער מעהרהייט און דער מינדערהייט האבען מיר שוין געזעהן, אז נאר ביי זעהר א רייכער און פאלשטענדיגער ענטוויקלונג זענען די העכסטע צענטערן אימשטאנד, גייע קאמבינאציעס צו בעשאפען, ד. ה. זיך אבצורופען אויף די אויסערליכע איינדריקע מיט אזעלכע געדאנקען און האנדלונגען, וועלכע זענען נאך ביז דאמאלס גארנישט אויסגעאיבט געוואָ-

רען און פאַר וועלכע ס'איז גאָר קיין מוסטער נישט פערהאַן. ביי אַ ווענִיגער פאָלשטענדיגער ענטוויקלונג אַרבייטען די צענטערן אין די געוועהנליכע, געירשה'נטע פאָרמען, ד. ה. אַזוי, ווי זיי האָבען געאַרבייט פריהער ביי די זעלביגע פעלען און ווי עס האָבען געאַרבייט זייערע עלטערען פאַר זיי. יעדע אָפט-איבערגע'חזר'טע טעטיגקייט, ווערט אָרגאַניזירט; דאָס הייסט: די פערהעלטניסע, אין וועלכע עס דאַרפען זיך געפינען די נערווען-צעללען און נערווען-פעדים, אום אַרויסצוברענגען די טעטיגקייט, בלייבען רויערהאַפט שטעהן, פעסט און פערגליווערט, און די טעטיגקייט איבט זיך אויטאָמאַטיש.

נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס הערבערט ספענסער טרעט אַזוי שאַרף אַרויס געגען דעם בענוצען זיך מיט ביישפיעלען ביים ערקלערען פּסיכאָלאָגישע פּראָצעסען, בלייבט עס דאָך אַ וואויל מיטעל, אויף צו בעלייכטען די דאָזיגע שווערע פראַגען און זיי פערשטענדליך צו מאַכען. איך ברענג דאָ דעריבער, גאָרנישט צווייפלענדיג, אַ פשוט'טען און דעריבער אויך פערשטענדליכען מיטעל, אויף צו ערקלערען, וואָס אַזוינס מ'דאַרף פערשטעהן אונטער די ווערטער נישט אָרגאַניזירטע און אָרגאַניזירטע מאַרך-טעטיגקייט. די אָרגאַניזירטע טעטיגקייט פערהאַלט זיך צו דער נישט אָרגאַניזירטער, ווי דאָס שפּיעלען פון אַ שפּיעל-קעסטעל צו דעם שפּיעלען פון אַנ'אַרטיסט. דאָס שטיק, פאַר וועלכען דאָס שפּיעל-קעסטעל איז אויסגעאַרבייט, שפּיעלט עס ריכטיג אויס, אויב מ'האָט עס נאָר ריכטיג אָנגעצויגען; קיין אַנדער פּיעסע אָבער קאָן שוין דאָס קעסטעל, נאַטירליך, נישט אויסשפּיעלען. דער אַרטיסט דאַגעגען שפּיעלט יעדע פּיעסע לויט די נאָטען, און ביי העכערע שטופע פון טאַלאַנט וועט ער אויך נייע פּיעסען ערפינדען און נישט בלויז אַרויסשפּיעלען פון פרעמדע נאָטען. ביי דעם מיטעלמעסיגען מענשען זענען די מאַרך-צענטערן עהנליך צו'ם מעכאַנישען שפּיעל-קעסטעל: זיי שפּיעלען נאָר די פּיעסען, וועלכע מ'האָט אין זיי אַריינגעטהון, וועלכע האָבען זיך אָרגאַניזירט אין זיי. ווער-זשע איז עס געווען דער מעכאַניק, וועלכער האָט צו-געפּאַסט זייער אינסטרומענט צו בעשטימטע פּיעסען? דאָס איז געווען די רייהע זיידעס און עלטער זיידעס, וועלכע האָבען אַ לאַנגע צייט און כסדר געשפּיעלט די זעלביגע פּיעסע, אַזוי, אַז דער אינסטרומענט, וואָס איז גאָר אין אָנהויב געבראַכט געוואָרען אין בעוועגונג

דורך א פרייער שפּילענדער האַנד, איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שפּיעל-קעסטעל, אין אַ אויטאָמאַט. ביי די אויסנאַמס-מענשען דאַגעגען זענען די געשלעכטסצענטערן עהנליך צו אַנ'אַרטיסט: זייער רעפּערטואַר בעשטעהט נישט פון עטליכע כסדר איבערגע'חזר'טע פּיעסען; ער בייט זיך יעדעס מאָל און איז נישט בעגרענעצט אין צאָהל; די דאָזיגע אויסנאַהמען קענען אויסשפּיעלען אַזעלכע שטיקער, וואָס פאַר זיי האָט עס קיינער נישט געהערט. עס בלייבט איצט די לעצטע פראַגע: פאַרוואָס אָרגאַניזירט זיך די אָפּט-איבערגע'חזר'טע טעטיגקייט? אָדער, זיך אומקעהרנדיג צו אונזער משל, פאַרוואָס עפּעס שפּיעלט זיך סוף-כל-סוף אויטאָמאַטיש די פּיעסע, וועלכער איז אַ סך מאָל געשפּיעלט געוואָרען? מיין ענטפער אויף דער פראַגע וועט זיין נאָר אַ השערה, — אַ השערה, וועלכע שטימט פון דעסטוועגען מיט אַלץ, וואָס מיר ווייסען וועגען די געזעצען פון דער נאַטור; דאָס ערקלערט זיך מיט דער ווירקונג פון דעם אַלגעמיינעם געזעץ, לויט וועלכען אין דער נאַטור טוט זיך אַלץ עקאָנאָמיש, אויסברענגענדיג וואָס ווייניגער כחות. ווען דער ווילען אָדער דאָס בעאוסטזיין בעשאַפען נייע קאָמבינאַציעס, איז עס פערבונדען מיט אַ גרויסער פערשווענדונג פון נערווענקראַפט. אַזאַ אַרבייט פאָדערט אַ קאָמאַנדאַ און אַ השגחה. די דאָזיגע קראַפטפערשווענדונג ווערט איינגעשפּאָרט, ווען עס גיט זיך איין אַזעלכע טעטיגקייטען, וואָס קומען פאָר אָפּט, אויסצואיבען מעכאַניש. אום דעם דאָזיגען מעכאַניזם אין בעוועגונג צו ברענגען, איז גענוג נאָר איין אימפּולס, וועלכען עס קען געבען אַ געוועהנליכע עמפּפינדונג, אַ ווילענסבעפעהל אָדער דאָס בעוואוסטזיין, און דאַן טוט זיך די אַרבייט פון אָנהויב ביז'ן סוף, אָהן אַ אַנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט, אָהן דער אַריינמישונג פונ'ם בעוואוסטזיין און נישט פאָדערנדיג פון איהם קיין בעזונדערע בעפעהלען. די דאָזיגע נייגונג פון דער נאַטור, צו שפּאָרען אַרבייט און קראַפט מיט דער הילף פון פערוואַנדלען וואָס מעהר פרייע טעטיגקייטען אין אויטאָמאַטישע איז אַזוי שטאַרק, אַז זי שטרעבט שטענדיג זיך אַרויסצווייזען נישט נאָר אין דעם געשלעכט, נאָר אויך אין אינדיווידואום. אום וועלכע ס'איז פונקציע זאָל אָרגאַניזירט ווערן אין די צענטערן, וואָס דאַרפען איהר אויסאיבען, איז נישט נויטיג עס זאָל אַריבערגעהן אַ גאַנצע רייהע דורות. דאָס געשעהט אין אַ גאַנץ קורצע צייט, אָפּט קירצער נאָך, ווי אַ איינציגעס מענשען-לעבען. ביי די שטאַרקסטע

אפילו, ד. ה., לויט מיינע פריהערדיגע ערקלערונגען, ביי די אָריגי=
נעלסטע אָרגאַניזמען ווערט אויך זייער אָריגינאַליטעט אויטאָמאַטיש,
און אויב זיי בלייבען דאָך אָריגינעל אין דער בעציהונג צו אַנדערע אָר=
גאַניזמען, הערען זיי עס אָבער אויף צו זיין אין דער בעציהונג
צו זיך. זיי ווערן אויך עהנליך צו דעם שפּיעל=קעסטעל, מיט דעם
אונטערשיעד נאָר, וואָס זיי שפּיעלען מעכאַניש זייערע אייגענע ווערק.
אויף אַזאַ אופן ערקלערט זיך דאָס, וואָס אפילו דער אָריגינעלסטער
געניע ווערט אויך אַ שקלאַף פון דער געוואָהנהייט, און יענער
שוסטער, וועלכער האָט בעמערקט, בעקוקענדיג אַ קינסטלערישעס
בילד, אַז אום צו מאַכען אַזאַ בילד, מוז מען שוין גוט איינגעאיבט זיין
אין דער מלאכה,— איז גאָרנישט אַזוי אונגערעכט געווען.

די אויטאָמאַטישע פונקציעס פון די העכסטע צענטערן קומען צו
צו אונז נישט אין דער פאָרם פון געדאַנקען, נאָר אין דער פון אָנרעגונגען
צום בעוואוסטזיין. נאָר יענע טעטיגקייטען, וועלכע געהען דורך
פון אָנהויב ביז'ן סוף אין אונזער בעוואוסטזיין, ד. ה. זיי הויבען זיך
אָן מיט איינדריקע, ווערן פערוואַנדעלט אין עמפּפינדונגען, בעקומען
אַ ערקלערונג אויף זייער סבה, ווערן אַריינגעפיהרט אין זכרון און
צוגעבראַכט ביז אַ אורטייל, ביז אַ מיינונג, די אויספיהרונג פון וועלכער
עס ווערט איבערגעגעבען דעם ווילען,— נאָר אַזעלכע טעטיגקייטען
ווערן אויפגענומען פון אונזער איך אין דער פאָרם פון קלאָרע, בע=
שטימטע געדאַנקען. יענע טעטיגקייט אָבער, וועלכע איבט זיך אויס
אָהן דער דירעקטער אַריינמישונג פונ'ם בעוואוסטזיין און וועלכע
בעשטעהט, אַלזאָ, נאָר אין דעם, וואָס וועלכער ס'איז צענטר רופט
זיך אָב מעכאַניש אויף דער אויסערליכער אויפרייצונג מיט אַ גאַנ=
צען ציקל אָרגאַניזירטע ווירקונגען, עהנליך דערצו, ווי דאָס שפּיעל=
קעסטעל שפּיעלט אויס זיין פּיעסע,— די טעטיגקייט ווערט אויפגענו=
מען אין דער פאָרם פון נישט=קלאָרע, פערפּלאָנטערטע זעעלענ=
בעוועגונגען, אָדער אין דער פאָרם פון אָנרעגונגען. מ'דאַרף געניו
געדענקען דעם אונטערשיעד, וואָרום ער שטעלט פאָר די הקדמה
צו דאָס אַלץ, וואָס איך וועל זאָגען אין דעם קאַפּיטעל. מיר דאַרפען
נישט פערגעסען, אַז דאָס, וואָס מיר רופען אָן בעוואוסטזיין, נעמט
נישט אַרום דעם גאַנצען אָרגאַניזם, נאָר איין=איינציגען אָרגאַן זיינעם,
און גראַדע איינעם פון זיינע מאַרך=צענטערן; קורץ: אַז דאָס איז
נישט קיין בעוואוסטזיין אין אַלגעמיין, נאָר איין בעשטימטעס בע=

װאוּסטזײַן. יעדער צענטער האָט זיך זײַן אײגענעם בעװאוּסטזײַן, פוּן װעלכען דער העכסטער צענטער, יענער, װעלכער שטעלט פאָר דעם יסוֹד פוּן אוּנזער דענקענדען איך, פוּן אוּנזער גײַסטיגער פּערזענליכקײַט, האָט נאָר אַ שװאַכע אַהנוּנג, אוּן אפשר דאָס אױך נישט. אוּנזער איך, ד. ה. אוּנזער העכסטער מאַרך=צענטער װײס גאָרנישט אָדער װײס יאָ עטװאָס זעהר אוּנבעשטימטעס פוּן די פּראָצעסען, װאָס קוּמען פאָר אין די צענטערן פוּן הוּט השדרה אָדער פוּן די סימפּאַטישע סיסטעמען. אוּן דאָך איז אוּנצװײפעלבאַר, אַז די צענטערן האָבען אױך זײערע בעװאוּסטזײַן, האָטש אַ ענגען אוּן אַ אוּנטערטעניגען; אַז זײ װײסען יעדענפאַלס, מיט װעלכער טעטיגקײַט אוּן מיט װעלכע בעפעהלען צוּ די זײ אוּנטערטעניגע געװעבעכצען זײ דאַרפען זיך אָברוּפען אױף די אױסערליכע אױפרעגוּנגען. דעם בעװאוּסטזײַן דאַרפען מיר זיך פאָרשטעלען אַלס אַ אינװעניגסטע אױג, װאָס גיט אַכטוּנג אױף דער טעטיגקײַט פוּן די צענטערן מיט אַ בעזונדער סאָרט מיקראָסקאָפּ. דאָס זעה=רוים פוּן דעם מיקראָסקאָפּ איז פערהעלטניסמעסיג נישט גרױס; דאָס, װאָס עס ליגט אױסער איהם, זעהט דער מיקראָסקאָפּ געװעהנליך נישט, אַזױ גוּט װי ער זעהט נישט אױך דעם אָנהױב אוּן דעם סוֹף פוּן די בילדער, װאָס געהען דוּרך דעם דאָזיגען ענגען רוים. דאָס בעװאוּסטזײַן נעהמט אױף אין זיך די לעצטע רעזוּלטאַטען פוּן דער טעטיגקײַט, װאָס עס איבען אױס אַנדערע צענטערן, עס נעהמט אָבער נישט אױף אין זיך דעם אָנהױב זײערן אוּן זײער ענטװיקלוּנג. װען דער זכרוֹן רוּפט אַרױס װעלכע ס'איז פאָרשטעלוּנג אין דער טעטיגקײַטס=פעלד פוּן דעם בעװאוּסטזײַן, זעהט עס זי; פוּן װאַנען אָבער די פאָרשטעלוּנג האָט זיך גענוּמען אוּן װאוּ זי איז אַהינגעקוּמען, װײס דאָס בעװאוּסטזײַן נישט. דאָס בעװאוּסטזײַן זעהט דעם רעזוּלטאַט פוּן דער טעטיגקײַט, װאָס עס איבט אױס דער װילענס=צענטער, ד. ה. װעלכע ס'איז צװעקמעסיגע, פערװיקעלטע מוּסקעל=בעװעגוּנג אָדער אַ גאַנצע רײהע אַזעלכע בעװעגוּנגען. װי אַזױ אָבער עס בילדעט זיך אױס דער נערװען=שטראָם, װי אַזױ עס בילדעט זיך אױס די קראַפט, װעלכע ברענגט צוּ דער אײנציהוּנג פוּן די מוּסקעלן מיט דער הילף פוּן די נערװען=ליניעס,— דאָס װײס נישט דאָס בעװאוּסטזײַן. דאָס בעװאוּסטזײַן דערשפירט אױף גאַנץ פערשידענע אוֹפנים זײַן אײגענע טעטיגקײַט אוּן די טעטיגקײַט פוּן אַנדערע צענטערן, אױף װיפיעל זי װײַזט זיך אין דעם ענגען

רוים פון זײַן זעהען. די אייגענע ווירקונגען, וועלכע עס הויבט אַליין אָן און ענדיגט אַליין, אַלע טיילען פון וועלכע עס אַרבייט אַליין אויס, לאָזען נישט איבער אין איהם קיין אונזיכערקייט, קיין אונצופֿרידענקייט. דאָס זענען, ווי ס'איז שוין אויבען געזאָגט, קלאָרע געדאַנקען; די נישט אינגאַנצען אויפגענומענע ווירקונגען פון אַנדערע צענטערן, אויף וועלכע דאָס בעוואוסטזײַן האָט נישט קיין גלײַכען איינפלוס, די איינצעלנע טיילען פון וועלכען עס אונטערשיידעט נישט אַזוי גענוי, דער אָנהויב און דער סוף פון וועלכע עס גליטשען זיך אַרויס פון אונטער זײַן זעה-רוים, — רופען אין איהם, אינ'ם בעוואוסטזײַן, אַרויס אַ געוויסען געפיהל פון אונצופֿרידענהײַט, אַ מין אָנשטרענגונג, וואָס איז ענליך צו דער אָנשטרענגונג פון בליק, צו דעם געפיהל, וואָס עס לעבען איבער די אויגען, ווען זיי ווילען גוט בעטראַכטען עפּעס אַ ווײַטען, קליינעם און שוואַך-בעלויכטענעם ´געגענשטאַנד. דאָס איז די אַנערקענונג פון די אייגענע גרענעצען, דאָס בעוואוסטזײַן פון דער אייגענער שוואַכקײַט און אונפֿאָלקאָמענהײַט, די נײַגעריגקײַט, די אונרוהיגקײַט און דאָס שטרעבען מעהר צו וויסען; אַט די עמפּפינדונג איז עס יענע עמאָציע, וועלכע קומט צו צו אונז אין דער געשטאַלט פון אַ שטרעבונג אָדער אַ נייגונג, פון אַ אונבעשטימטער אויפרעגונג און אַ נישט-קלאָרען ווילען. די שאַרפע אָבער און קלאָרע געדאַנקען-אַרבייט, די טעטיגקײַט פון דעם העכסטען צענטער פון אונזער בעוואוסטזײַן, וועלכער איך וועל אָנרופען קורץ די דענקענדע טעטיגקײַט אַלס דעם היפוך פון עמאָציע, — די טעטיגקײַט ווערט אויסגעאיבט פון די פאָלקאָמענע, בעגאַבטע אינדיווידוען, וועלכע בעזיצען די פעהיגקײַט צו ערפינדען נײַע קאָמבינאַציעס. די מאַסע, וואָס איהרע צענטערן אַרבייטען אויטאָמאַטיש, ד. ה. זיי ענטהאַלטען אין זיך נאָר אָרגאַניזירטע קאָמבינאַציעס, — בלײַבט נאָר בײַ דער עמאָציע, די מעהרהײַט מענשען האָבען נישט אין דעם פערלויף פון אַ גאַנצען לעבען קיין איין קלאָרען, פאָלשטענדיג בעלויכטענעם געדאַנק אים בעוואוסטזײַן; צו זייער בעוואוסטזײַן קומען צו נאָר האַלב-דונקעלע, פערנעבעלטע בילדער; זיי זענען נישט אימשטאַנד אין יעדען אָנגעגעבענעם מאָמענט דײַטליך אויסצודריקען, וואָס עס קומט פאָר בײַ זיי אין דער נשמה; און פּראָבירען זיי עס יאָ טהאָן, קומט אַרויס דערפון אַ אונבעשטימטע פּלוידערײַ און אַלגעמיינע ווערטער, וואָס זאָגען גאָרנישט און דריקען גאָרנישט אויס. זיי לעבען אויס-

שליסליך נאר מיט עמאציעס. די עמאציע איז אלזא א געשטענדיגע (?) טעטיגקייט, און די קאגניטאציע (דענקענס־ארבייט) — א ערווארבענע. די עמאציע איז א געשלעכטסטעטיגקייט און די קאגניטאציע — די טעטיגקייט פון א איינצעלנעם וועזען.

---

## VI.

די עמאציע, נישט קוקענדיג אויף איהר פערנעבעלטקייט, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס זי בעאונרוהיגט דעם בעוואוסטזיין און לאזט איהם אונבעפרידיגט, — איז דאך אנגענעהמער פון דער קאגניטאציע און דאס ערקלערט זיך מיט דריי טעמים. ערשטענס איז זי לייכטער, דאס הייסט, זי פאדערט נישט קיין שטארקע פערשווענדונג פון נערווען־קראפט, ווייל ארבייטען מיט די מארך־צענטערן אויטאמאטיש איז בעקוועמער, ווי ארבייטען מיט זיי פריי און בעוואוסטזיניג און בעקוועמליכקייט איז שטענדיג אנגענעהם, אזוי גוט ווי אנשטרענגונג רופט ארויס א געפיהל פון שמערץ און שווערקייט. צווייטענס, האט אין זיך גראדע אט די אונפעהיגקייט פונ׳ם בעוואוסטזיין קלאר צו זעהען די עמאציעס, ד. ה. די פראצעסען, וואס קומען פאר אין די אויטאמאטיש ארבייטענדע צענטערן, צוזאמען מיט עלעמענטען פון אונרוהיגקייט אויך דעם עלעמענט פון רייץ און אויפרעגונג; דאס בעוואוסטזיין זוכט צו טרעפען דאס, וואס עס ווייס נישט, עס זוכט זיך פארצושטעלען דאס, וואס עס קאן נישט זעהן; די דאזיגע טעטיגקייט פון דעם בעוואוסטזיין איז נישט קיין אנדער זאך, ווי די פאנטאזיע, וועלכע ווערט אנגערעגט פון דער עמאציע; די פאנטאזיע ווידער איז דאך ווי בעוואוסט, אנ׳אנגענעהמע מארך־טעטיגקייט. דריטענס, — דער ארגומענט איז פערהאן אויך ביי דארווינ׳ען — ווערן די סאמע וויכטיגסטע פראצעסען פון ארגאניזם אויך אממערסטען אויסגעאיבט, דעריבער זענען די פונקציעס, וועלכע זענען אויטאמאטיש געווארען צוליעב דעם, וואס זיי ווערען אזוי אפט אויסגעאיבט, — אויך די סאמע וויכטיגסטע פאר דער ערהאלטונג פון דעם אינדיווידואום און דעם געשלעכט, און אזוי ווי

די פונקציעס קומען צו צו'ם בעוואוסטזיין אין דער פאָרם פון עמאָציעס, פיהלט זיי דער אָרגאַניזם טיעפער און שטאַרקער. ביי דער קאָגניטאַציע איז די זאַך ריכטיג פערקעהרט און דאָס ערקלערט זיך אויך מיט די זעלביגע דריי אַרגומענטען. זי קאָן נישט זיין אַנגענעהם, ערשטענס, דערפאַר, וואָס זי איז צו שווער און קאָמפּליצירט פאַר אַ געוועהנליכען מענשען; צווייטענס, דערפאַר, וואָס זי רופט נישט אַרויס יענעם אַנגענעהמען שפּיעלען זיך פונ'ם בעוואוסטזיין, וועלכען מ'רופט פאַנטאַזיע; און דריטענס דערפאַר, וואָס זי זעהט אויס דעם אָרגאַניזם אין פלוג נישט אַזוי וויכטיג און נישט אַזוי נויטהווענדיג, ווייל ער ווייס שוין פון ערפאַהרונג, אַז ער איז זיך ביז איצט בעגאַנגען אָהן איהר אויך. איהר וויכטיגקייט ווייזט זיך אַרויס ערשט דאַן, ווען דער מענש, איבערציינגענדיג זיך אין איהר נוצבאַרקייט, הויבט אָן אידר אָפּט איבערצו'חזר'ן; אין אַזאַ פאַל אָבער ווערט זי גאַנץ שנעל אָרגאַניזירט און פערוואַנדעלט זיך פון אַ דענקענדער טעטיגקייט אין אַ עמאָציאָנעלער. אַ סך דונקעלע ערשיינונגען לאָזען זיך אויפקלערען מיט דער השערה. דער ראָמאַנטיזם, וועלכער שטעלט העכער דאָס אַלטע פונ'ם נייע; וועלכער געפינט דעם מיטעלאַלטער פּאָעטישער פון אונזער צייט; וועלכער הלוי'ט וועגען איינגעפאַלענע חורבות און רופט אָן מאוס אַ צוועקמעסיגען, גוט אויפגעשטעלטען בנין, — דער דאָזיגער ראָמאַנטיזם נעדמט זיך דערפון, וואָס די אַלטע, געירשה'נטע פאָרשטעלונגען וועקען אויף די אויטאָמאַטישע טעטיגקייט פון די צענטערן און פיהלען זיך אין דער פאָרם פון עמאָציעס, דאַן ווען די נייע, נאָך נישט אָרגאַניזירטע פאָרשטעלונגען זענען פערבונדען מיט דער אָנשטרענגונג פון דעם בעוואוסטזיין און רופען פאָלגליך אַרויס אַ דענקענדע טעטיגקייט.

דער אַלטער פאָסט־וואָגען האָט אַרויסגערופען ביי יענעם דור, וואָס האָט זיך בענוצט מיט איהם, אַ עמאָציע, און די אייזענבאַהן — אַ דענקענדע טעטיגקייט, אַ קאָגניטאַציע; דעריבער האָבען די מענשען פון יענער צייט, ווען עס איז פאָרגעקומען די דאָזיגע אונגעהויערע איבערקעהרעניש אין דעם פערקעהרס־וועזען, געפונען דעם פאָסטוואָגען פאַר פּאָעטיש, און די אייזענבאַהן פאַר פּראָזאַאיש און נים אַנגענעהם. די גאַנצע פּאָעזיע און איהר ווירקונג איז געבויט אויף אָט דעם גרינדליכען אונטערשיעד צווישען עמאָציע און קאָגניטאַציע. דעם גאַנצען אינהאַלט פון דער פּאָעזיע שטעלען פאַר מיט זיך די

געוועהנליכע מענשליכע בעציהונגען, אומשטענדען און ליידענשאפטען, ד. ה. די געירשה'נטע, אויטאמאטישע, ארגאניזירטע טעטיגקייט; די פאעזיע קומט, הייסט עס, פון עמאציע און רופט ארויס עמאציע. אין דעם אויסוואהל זאגאר פון איהרע אויסדריקע לאזט זי זיך אויך דיקטירען פון די אלטע פארשטעלונגען נישט צופעליג, נאר געצוואונגענערהייד, ווייל די אלטע געירשה'נטע פארשטעלונגען קומען אריין אינ'ם בעוואוסטזיין צוזאמען מיט דער פארם, אין וועלכער זיי זענען צוגעקומען צו אונז פון אונזערע זיידעס. די היינטיגע פאעזיע רעדט נאך דעריבער אלץ וועגען גייסטער, וועגען עלפען און געטער; דעריבער שילדערט זי אין מענשליכע געשטאלטען די נאטור און די גייסטיגע בעוועגונגען; דעריבער בעוואפענט זי איהרע העלדען מיט פייל און בויגען, און נישט מיט קיין מוזער-ביקסען; דעריבער צווינגט זי איהרע רייזענדער צו פאהרען אויף א גוטען פערד, און נישט אין קיין שלאפוואגאן; דעריבער האלט זי זיך ביי דער וועלט-אנשויאונג, וואס האט געהערשט נאך אין דעם קינדערישען פעריאד פון אונזער ציוויליזאציע. די נייע פארבען און פארשטעלונגען טויגען נישט פאר איהר. מיט אונזער היינטיגער וועלט-אנשויאונג קאן זי זיך קיין עצה נישט געבען. דאס איז צו-ניי פאר איהר; דאס האט נאך נישט בעוויזען זיך צו ארגאניזירען, אויטאמאטיש צו ווערען; קורץ: דאס איז נאך נישט געווארען עמאציאנעלל. דעריבער האבען קיין ערפאלג נישט געהאט די אלע פראבעס, וואס זענען געמאכט געווארען מיט דעם צוועק, צו געבען דער פאעזיע א מאדערנעם אינהאלט. קוים געפינען זיך יא אזעלכע גראמען-מאכער'ס, וועלכע ווילען בעשאפען דער אזוי גערופענער געדאנקען-פאעזיע און אריינברענגען דעם וויסענשאפטליכען עלעמענט אין זייערע פערזען, — בעווייזט עס נאר דאס, אז זיי האבען נישט דעם מינדעסטען בעגריף וועגען דעם, וואס דאס איז אזוינס דער מהות פון פאעזיע. די פאעזיע איז עמאציע, און וועלען איהר פערוואנדלען אין קאגניטאציע איז דאס זעלבע, ווי וועלען פערוואנדלען א חלום אין ווירקליכקייט און אזוי, אז ער זאל דאך נישט אויפהערען א חלום צו זיין. דער איבערגאנג אבער פון דער דענקענדער צו דער עמאציאנעלער טעטיגקייט וועט אונבעדינגט פארקומען. דאס איז נאר א פראגע פון צייט. וואס היינט איז ניי, וועט אין טויזענד יאהר ארום אלט זיין. וואס היינט איז אינדיווידועל, וועט דאמאלס געהערען צום

געשלעכט, וועט דאַמאָלס געירשה׳נט און אָרגאַניזירט זײַן. דאַמאָלס וועט אַוואָקזאַל אויך אויסזעהן אַזוי פּאָעטיש, ווי איצט הורבות פון אַ שלאָס; קרופּ׳ס אַנ׳האַרמאַט, ווי הײַנט אַ רײַזע=שפּיז; אַ רמז אויף אַ עלעקטראָדינאַמישער מאַשין אָדער באַציל וועט דאַמאָלס האָבען אין זיך אויך אַזוי פיעל פּאָעזיע, וויפיעל הײַנט די מליצות הענגען פליגלען פון געזאַנג, טרעלען פונ׳ם נאַכטיגאַל א. א. וו. מ׳דאַרף נישט פערגעסען, אַז די אַלע אַלטע פּאָעטישע כלי=זיין זענען אויך אַמאָל אַזוי נײַ, ד. ה. קאָנגיטאַציאָנעל געווען, ווי הײַנט די אַײַזענבאַהנען, די אַרטילעריע, די נאַטור=וויסענשאַפט; דאַמאָלס האָט מען מסתמא די ריטער=כלי=זיין און דעם שלאָס אויפ׳ן באַרג אויך אַזוי פּאַר פּראָזאַאיש געפונען, ווי הײַנט אַ מיליטערישען מאַנטעל און אַ קאַזאַרמע און נאָר דאָס, וואָס איז דאַמאָלס אַלט געווען, האָט מען געפונען פּאַר פּאָעטיש. דאָס איז נישט בלויז אַ השערה — די דאָזיגע בעהויפּטונג קאָן בעשטעטיגט ווערען מיט אַ סך פאַקטען. כמעט בײַ אַלע אַלטע פעלקער זענען די רעליגיעזע און מיסטישע, ד. ה. אַלזאָ די עמאָציאָנעלע פאָרשטעלונגען, געווען פערבונדען מיט שטײנערנע כלים אין יענער עפּאָכע, ווען זיי האָבען זיך שוין עטליכע דורות געהאַט בענוצט מיט בראָנזענע. די שטײנערנע כלים האָבען פאָרגעשטעלט מיט זיך פאַר די ווילדע פון דעם בראָנז=און נאָך פריהער הונען=אײַזען=פּעריאָד דאָס זעלבע, וואָס עס שטעלען פאַר מיט זיך פאַר די טרוימערישע נאַטורען פון אונזער צײַט — די סמאַטעס פון מיטעל=אַלטער.

עס זענען פערהאַן געשלעכטער, דורות, פעלקער און עפּאָכען, אין וועלכע די אויטאָמאַטישע טעטיגקײַט שטײַגט אַריבער די פרײַע קאָמבינירענדע טעטיגקײַט פון די העכסטע צענטערן; אין וועלכע די עמאָציע שטײַגט אַריבער די קאָגניטאַציע. די פרוי, וועמענס העכסטע צענטערן ס׳זענען קײנמאָל נישט צוגעקומען צו יענער פאָלקאָמענער ענטוויקלונג, צו וועלכער זיי קומען אַמאָל יאָ צו בײַ אַ מאַנספּערזאָן, איז מעהר עמאָציאָנעל, ווי דער מאַנספּערזאָן. דאָס קינד, וועמענ׳ס צענטערן עס זענען נאָך נישט פאָלשטענדיג ענטוויקעלט; דער אַלטער מאַן, בײַ וועלכען די מאַרך=צענטערן זענען צופאַלען, האָבען כמעט נאָר עמאָציעס, און נישט קײן קאָגניטאַציעס. אין דער צײַט, ווען מ׳איז קראַנק אָדער גלײַך נאָך דעם, ווי מ׳איז אויפגעשטאַנען פון אַ קראַנקהײט, ד. ה. דאַמאָלס, ווען דער אָרגאַניזם, אַלזאָ אויך דאָס גאַנצע

צענטראַלע נערווענסיסטעם, איז נאָך אָבגעשוואַכט, ברענגט דער וועלביגער אַרויס נאָר עמאָציעס. מאַרך-קראַנקהייטען לאָזען זיך בעמערקען קודם-כל אין דער לייכטקייט, מיט וועלכער די פּערזאָן, וואָס ליידט פון זיי, געהט איבער פון איין שטימונג אין דער אַנדערער. פון וויינען צום לאַכען, ד. ה. זי ווערט אונטערגעוואָרפען פערשיעדענע עמאָציעס. די הינעזער און די נייצייטיגע ראָמאַנישע פעלקער זענען עמאָציאָנעל; זיי לאָזען זיך בעהערשען פון האַלב-בעוואוסטע שטימונגען, ד. ה. פון דער אויטאָמאַטישער געירשה'נטער טעטיגקייט פון זייערע צענטערן; צווישען זיי מאַכען זיך גאַנץ וועניג אַזעלכע פערזענליכקייטען, אין וועלכע די העכערע צענטערן זענען אויך גענוג שטאַרק, אום אָבצושטעלען די אויטאָמאַטישע טעטיגקייט און נייע קאָמבינאַציעס צו בעשאַפען, ד. ה. צו דענקען אָריגינעל, צו זיין קאָגניטאַציאָנעל. דאָס מיטעל-אַלטער איז געווען אַ גאַנץ לאַנגע עפּאָכע, וואָס האָט געטראָגען אַ ריין עמאָציאָנעלען האַראַקטער. די פערזענליכקייט איז אינגאַנצען פערשלונגען געוואָרען אין דער פאַמיליע, אין דער קאָרפּאָראַציע, אינ'ם שטאַנד. אין דעם פערלויף פון אַ גאַנצען האַלבען יאָהרטויזענד איז נישט געווען קיין איין איינציגער מאַרך-צענטער, וועלכער זאָל זיין פעהיג צו אַ קאָגניטאַציאָנעלער טעטיגקייט. דעריבער איז די גאַנצע עפּאָכע געווען אַ סענטימענטאַלע, אַ רעליגיעזע און אַ מיסטישע, — אַלץ ביוועדטער, וועלכע בעצייכענען נישט קיין אַנדער זאַך, ווי יענע אונקלאָרהייט, מיט וועלכער, ווי מיר האָבען שוין איבען געזעהן, די אויטאָמאַטישע טעטיגקייט פון די צענטערן קומט צו צו'ם בעוואוסטזיין פון די אינדיווידואום.

די ערקלערונגען, וואָס איך דאָ געגעבען ביז אַהער, האָבען זיך אַביסעל פערצויגען; פאַר דעם לעזער אָבער, וועלכער איז נישט קיין ספּעציאַליסט אין פּסיכאָלאָגישע פראַגען, זענען זיי נויטווענדיג. איצט נאָר וועט דער לעזער פערשטעהן, וואָס איך האָב געהאַט אין זינען, ווען איך האָב געזאָגט, אַז געניע און טאַלאַנט זענען אָבהענגיג פון דער ענטוויקלונג-שטופע פון געוויסע צענטערן. אין וועלכען טייל פון מאַרך מ'דאַרף זוכען יענע צענטערן, די בעזונדערע ענטוויקלונג פון וועלכע עס דריקט זיך אויס אין אַ בעזונדער טאַלאַנט, — קאָנען מיר גאָך אַממעהרסטען טייל נישט וויסען. מ'דאַרף אָבער נישט רעכענען פאַר אונמעגליך, און פערקעהרט, מ'קאָן אָננעהמען פאַר

זיכער, אַז די פּעראייניגטע אָנשטרענגונגען פון דער קלינישער מעדיצין, דער פּאַטאָלאָגישער אַנאַטאָמיע און דער עקספּערימענטאַלער פּאַטאָלאָגיע, און אפשר אויך די נישט לאַנג אָנגעהויבענע סיסטעמאַטישע מאַרך־אויספאָרשונגען פון די גרויסע מענשען װעלען ברענגען דערצו, אַז מ׳װעט ענדליך דערגעהן דעם פּלאַץ פון די איינצעלנע צענטערן.

יענע, בײַ װעלכע דער בעגריף פון גײַסטיגער טעטיגקײַט איז פערבונדען מיט דעם בעגריף פון נשמה, װעלען געפינען די ערקלערונג װעגען אַזאַ ערשײַנונג װי געניע און טאַלאַנט פאַר אַ קינדערשפּיעל, אָדער אינגאַנצען פאַר אַ אונמעגליכע זאַך. זיי קאָנען זיך עס נישט ערקלערען דערמיט, למשל, אַז ראובן האָט אין זיך מעהר נשמה פון שמעונ׳ען, װאָרום דאָרט װאו ס׳איז קיין שטאָף נישט פערהאַן, איז נישטאָ אויך קיין אויסשפּרייטונג און קיין אינטענסיװיטעט און פאָלגליך אויך קאָן דערבײַ קיין רעדע נישט זײַן װעגען גרעסער און קלענער, נאָר װעגען איינהײַט. זיי קאָנען נישט זאָגען אויך דאָס, אַז די נשמות שיידען זיך אונטער איינע פון דער אַנדערער אין זייער אינערליכען װעזען, װאָרום אַנ׳אונטערשיעד אין דעם אינערליכען װעזען בײַ נישט־מאַטעריעלע זאַכען איז אויך אַזוי נישט דענקבאַר פאַר דעם מענשליכען פערשטאַנד, װי אַנ׳אינערליכער אונטערשיעד אין דער מאַטעריע, װעלכער מיר שטעלען זיך פאָר אַלס איינאַרטיג, אונפערענדערליך און שטענדיג גלײַך צו זיך אַליין. זיי בלײַבט אַלזאָ נאָר די איינציגע ערקלערונג, אַז גאָט׳ס גנאָד האָט געשענקט דער נשמה אַ רײַכערע טעטיגקײַט, װי דער אַנדערער; דאָס איז דאָך אָבער נישט קיין ערקלערונג. אדרבא, יענער, װעלכער נעהמט אָן צוזאַמען מיט דער הײַנטיגער װיסענשאַפט, אַז די גײַסטיגע טעטיגקײַט איז אַ פונקציע פון אַ בעשטימטען אָרגאַן, פון די מאַרך־צענטערן, װעט גלײַך פערשטעהן, אַז דער בעסער־ענטװיקעלטער אָרגאַן אַרבייט בעסער, װי דער װעניגער ענטװיקעלטער. ס׳פערשטעהט זיך, אַז דערמיט האָבען מיר נאָך נישט ערקלערט, פאַרװאָס איז בײַ איין אינדיװידואום דער אָדער יענער צענטער מעהר ענטװיקעלט, װי בײַ דעם אַנדערן. מיט דעם דאָזיגען צודרינגליכען „פאַרװאָס?“, װאָס זוכט צו דערגעהן די סאַמע לעצטע סבה פון די ערשײַנונגען, װיל די פּינקטליכע װיסענשאַפט בכלל קיין געשעפטען נישט האָבען.

## VII.

ביי דעם טאַלאַנט דאַרפען מיר זיך נישט לאַנג אָבשטעלען. עס האָט נישט קיין אַנאַטאָמישען באָדען, און איז נישט געבויט אויף דער בעזונדער ענטוויקלונג פון וועלכען ס'איז צענטר. דער טאַלאַנט אונטערשיידעט זיך נישט, נישט אין דעם אינערליכען וועזען נישט אין דער אויסערליכער מאָס פון די מענשען, וואָס בעזיצען קיין טאַלאַנט נישט. איך בין בערייט זאָגאַר זיך נאָך שאַרפער אויסצודריקען און צו זאָגען, אַז בכלל זענען אינגאַנצען קיין טאַלענטען נישט פערהאַן. ווענינגסטענס דאַרף מען אונטער דעם וואָרט קיין ספּעציפישעס נישט פערשטעהן. דאָ איז פערהאַן נאָר התמדה און אַ געלעגענהייט, איינפאַך אַ געלעגענהייט זיך איינצואיבען און צו ענטוויקלען. יעדער געוועהנליכער מענש, וואָס ליידט נישט פון קיין חראָנישער קראַנקהייט און איז בכלל נישט שוואַכער ענטוויקעלט פון דעם געוועהנליכען, מיטעלמעסיגען מענשען, האָט אין זיך אַלץ, וואָס איז נויטיג דערצו, אום „טאַלאַנטפאָל" אויסצואיבען יעדע טעטיגקייט. ער דאַרף נאָר דערצו אינגאַנצען אָדער ווענינגסטענס טיילוויז זיך איבערגעבען דער טעטיגקייט. פון יעדען געזונדטען מיטעלמעסיגען קינד קאָן מען מאַכען אַלץ, וואָס מ'וויל, ווען מ'פאָרבערייטעט איהם דערצו פערשטענדיג, גענוג לאַנג און גענוג שטרענג. מיט דער הילף פון אַ רעגעלמעסיגער ענטוויקלונג, וואָלט גאָרנישט שווער אָנקומען צו בעשאַפען אַ גאַנצע אַרמעע קינסטלער, שריפטשטעלער, רעדנער און געלעהרנטע פון מענשען, וועלכע וואָלטען געוואָרען אָהן אַ שום אויסוואַהל, צופעליג אָדער לויט אַ גורל, אָט ווי מ'נעהמט רעקרוטען צום מיליטער, און יעדען איינציגען פון דער אַרמעע וואָלט אויסגעקומען צו אַנ'ערקענען פאַר אַ טאַלאַנט. אויף דער שווייגענדיגער השערה איז טאַקע געבויט אונזער גאַנצער ערציהונגס-סיסטעם. די שול נעהמט זיך פאַר אַ יסוד דעם שטאַנדפונקט, אַז אַלע שילער זענען גלייך בעגאַבט און קאָנען ערר״יכען איינע און די זעלבע בילדונגס-ציעלען; דעריבער האָט זי פאַר אַלע איין און די זעלבע מעטאָדע, איינע און די זעלבע אויפגאַבען, איין און דעם זעלבען לעהרמאַטעריאַל. אויב עס מאַכען זיך דאָך גוטע און שלעכטע תלמידים, איז עס אָבהענגיג (אויסשליסענדיג געוועהנליך, די נישט פאָלקאָם-ענט-

וויקעלטע, די קראנקע און פאלגליך אויך די נישט-טיפישע תלמידים) נאר פון גרעסערער אדער קלענערער התמדה און פון דער גרעסערער אדער קלענערער מעגליכקייט זיך איבערצוגעבען די שול-למודים. געוועהנליך, וועט די דאזיגע ארמע קינסטלער, רעדנער, געלעהרנטע, פאעטען א. א. וו. קיין נייעס נישט אויפטהון; זיי וועלען קיינמאל נישט ברייטער מאכען די גרענעצען פון זייער ספעציאליטעט: דאס אבער, וואס איז שוין געטהון און געזאגט געווארען פאר זיי, וועלען זיי איבער'חזר'ן זעהר געשיקט, זעהר לייכט און זעהר שען און דעם מענשען, וועלכער קאן דאס הייסט מען דאך אן טאלאנט. אלס ביישפיעל וואלט מען געקאנט ברענגען א סך מענשען, וועלכע זענען ווירקליך אנערקענט געווארען פאר טאלאנטען איינצייטיג אין די סאמע פערשיעדענסטע און ווייטע איינע פון די אנדערע געביטען. איך וועל דא אנרופען נאר דעם נאמען אורבינא באלדי, וועלכער איז געוועזען א קלאסישער פילאלאג, א קינסטלער, א מאטעמאטיק, א דאקטאר און א דיכטער; האט אויסגעלערנט זעכצעהן שפראכען, האט געלייענט מעדיצינישע לעקציעס אין דעם פאדואנער אוניווערזיטעט, און אין די דאזיגע אלע פאכען האט ער בעדייטענדעס אויפגעטהון.

אין די פריהערדיגע דורות זענען אזעלכע אוניווערזעלע טאלאנטען בכלל נישט געוועזען קיין זעלטענהייט און ביי היינטיגער צייט האלט מען זיי אויך געקאנט ערציהען מאסענווייז, ווען דער וויסענשאפטס-שטאף וואלט זיך נישט אזוי אונגעהויער פערמעהרט. איצט דארף מען האבען א סך מעהר צייט, אום זיך אויסצולערנען איבער'חזר'ן דאס, וואס איז ביז אהער געשאפען געווארען. דאס איז נאר א פראגע פון צייט, און נישט פון אנגעבוירענער פעהיגקייט. ווען מענשען וואלטען לעבען צו צוויי הונדערט יאהר, וואלט נאך איצט אויך, ווי אין דער רענעסאנס-עפאכע, איין און דער זעלביגער מענש געקאנט גרינדליך אויסלערנען א גאנצע רייהע פערשיעדענע ספעציאליטעטען, און אין זיי עררייכען אזעלכע געוואלטיגע רעזולטאטען, אז מ'וואלט איהם געמוזט אנערקענען פאר א טאלאנט אין יעדערען פון זיי.

וואס אבער וועל איך זאגען וועגען די אזוי גערופענע אנגעבוירענע נייגונגען צו בעשטימטע ספעציאליטעטען? איין קינד וויל יונגערהייד זיין א סאלדאט, א צווייטעס — א מוזיקאנט, א דריטעס — א נאטורפארשער אדער א מעחאניק. דאס ווייזט דאך דייטליך, אז אי-

אונז איז פערהאַן עטוואָס אַזוינס, וואָס איז נישט פערהאַן ביי אַנדערע קינדער אָדער, ווענינסטענס, וואָס אַנדערע האָבען עס ווענינער. אמת, אַזוי זאָגען אַלע. איך גלויב אָבער, אַז אַט די אַלע צופאַלען פון דער צווייפעלהאַפטער נייגונג, וואָס מ'בעמערקט ביי געוויסע קינדער צו וועלכער ס'איז בעשעפטיגונג, ערקלערען זיך גאַנץ איינפאַך מיט קיין נישט ריכטיגער בעאָבאַכטונג. אַממעהרסטען טייל פלאַנצט זיך איין אין קינד אַ נייגונג צו וועלכען עס איז געביט, אַלס רעזולטאַט פון אַזעלכע ריין אויסערליכע אומשטענדען, ווי דער ביישפּיעל פון די אַרומיגע, די שמועסען פון דערוואַקסענע, ביכער, וואָס זענען צו-פעליג אַריינגעפאַלען אין האַנד, אָדער פּיעסען, וועלכע זיי האָבען צופעליג געזעהען. און ביי דער פאָלשטענדיגער גלייכגילטיגקייט צו יעדער נייגונג, איז גענוג די סאַמע מינדעסטע אָנרעגונג, אום אָב-צוהאַלטען די אויפמערקזאַמקייט אויף איינער פון זיי מעהר ווי אויף די אַנדערע. און ביי יענע איינצעלנע פעלען, וועלכע לאָזען זיך נישט ערקלערען אויף אַזאַ אַרט, איז די אַזוי-גערופענע אָנגעבוירענע נייגונג צו וועלכען ס'איז געביט נישט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ אָנגעבוירענע אָבנייגונג צו אַלע אַנדערע געביטען, וואָס איז גע-גרינדעט אויף דעם בעוואוסטזיין פון דער אונפעהיגקייט אויסצו-איבען געוויסע טעטיגקייטען, און דאָס ווידער ערקלערט זיך דערמיט, וואָס איינצעלנע צענטערן אין דעם נערווען-סיסטעם זענען נישט גענוג ענטוויקעלט. דאָ אָבער געהען מיר שוין אַריין אין דעם געביט פון אַ קראַנקהאַפטער ערשיינונג: מיר האָבען פאַר זיך אַ אינדיווידואום, וואָס איז אין וועלכער ס'איז דינזיכט נישט דערוואַקסען ביז דעם נאָרמאַלען מענשליכען טיפּ; און מיין השערה, אַז טאַלאַנט איז נישט מעהר ווי אַ ענטוויקלונגס-שטופע, וואָס ווערט ערריכט מיט דער הילף פון פלייסיגער אַרבייט, רעדט נאָר וועגען נאָרמאַלע אינ-דיווידואומען, וועלכע זענען פאָלשטענדיג און רעגעלמעסיג ענט-וויקעלט. ס'איז גענוג נאָר זיך גוט צו צוקוקען, אום צו פערשטעהן, אַז דער בחור, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפען דעם לערנען אָדער דעם קאָנטאָר-טיש, אום צו ווערען אַ קינסטלער אָדער אַ סאָלדאַט, האָט עס געטהון נישט דערפאַר, וואָס איהם האָט אַזוי שטאַרק געצויגען צו קונסט אָדער צו מיליטער-דיענסט, ווי ער וועט זיך דערנאָך אַליין איינרעדען, נאָר אויס שרעק פאַר די מאַטעמאַטישע לעקציעס אָדער פאַר די שטרענגע אָרדנונגען פונ'ם קאָנטאָר און צוליעב דער

הונקעלער פאָרשטעלונג, אַז די אַנדערע קאַריערעס זענען לייכטער און אַנגענעמער פון די, וואָס ער האָט זיך אין אָנהייב אויסגעקליבען. דער האָזיגער סוביעקט, וואָס בייט אַלע מאָל זיין פראָפעסיע, שטעהט מיט קיין זאַך נישט העכער פון אַנדערע; פערקעהרט נאָך, ער איז ווענינער בעגאַבט פון אַנדערע, וואָרום איהם פעהלט די פעהיגקייט איבערצוטראָגען די שוועריגקייטען פון דעם סיסטעמאַטישען לערנען אָדער פון דער האַנדעלס־דיסציפלין.

נאָך דעם, וואָס מיר האָבען שוין דאָ געזאָגט, פאַלט שוין ממילא אָב די פראַגע וועגען דעם, צי מ׳קאָן ירשה׳נען אַ טאַלאַנט. אַזוי ווי איך גלויב נישט אין קיין טאַלאַנט, ווי אין עפּעס אַזוינס, וואָס איז אָנגעבוירען דעם אָרגאַניזם, קאָן איך שוין נישט גלויבען אויך אין זיין ירושה־קראַפט. אין דער בעציהונג קאָן מיר נישט פערפיהרען נישט דאָס, וואָס מ׳נעהמט אָן פאַר ערפאַהרונג, און אויך נישט דאָס אַזוי בעריהמטע בוך פון דעם בעריהמטען גאַלטאָן, וואָס טראָגט אויף זיך אַ מאָדנעם נישט קיין ריכטיגען נאָמען: „די ירושה־קראַפט פונ׳ם טאַלאַנט”. דער פאַקט, וואָס מ׳בעמערקט אין איין פאַמיליע אַ גאַנצע רייהע די אַזוי גערופענע טאַלאַנטען און אין איין און דער זעלביגער ספערע, בעווייזט נאָך גאָרנישט. וואָס קאָן זיין נאַטירליכער און איינפאַכער דערפון, אַז דער ביישפּיעל פון טאַטען אָדער זיידען פיהרט אָן די געדאַנקען פון קינד אין אַ בעשטימטער ריכטונג? דער זוהן פון אַ דאָקטאָר איז פון קינדהייט אָן אַרומגערינגעלט מיט פאָרשטעלונגען, וואָס טראָגען אַ מעדיצינישען אָדער נאַטורוויסענשאַפטליכען כאַראַקטער; אויב ער איז נאָר נישט קיין אידיאָט, מוז ער זיך פערנעהמען מיט די פאָרשטעלונגען, זיי וועלען איהם אָנרעגען דערצו, ער זאָל זיך אויסקלייבען די בעשעפטיגונג פון זיין פאָטער אָדער קרוב, און אויב ער איז אַ נאָרמאַלער מענש, וועט ער ערר[…]ייכען אין איהר וויכטיגע רעזולטאַטען און, פאָלגליך, זיין אַ טאַלאַנט. הייסט עס דען, אַז ער האָט גע׳ירשה׳נט דעם טאַלאַנט פון פאָטער? ניין. זיין פעהיגקייט אויסצולערנען די פערשיעדענע מענשליכע בעשעפטיגונגען איז געווען געהענדעט נאָר אויף דעם, אויסצולערנען די בעשעפטיגונג פון פאָטער. זען דער בהורל וואָלט זיין אַ זוהן פון אַ גענעראַל, וואָלט ער געוואָרען אַ מיליטערישער טאַלאַנט, ווען ער וואָלט זיין אַ זוהן פון אַ קינסטלער, וואָלט ער ווערען אַ טאַלאַנטפאָלער קינסטלער; אין די אַלע פעלען

וואלט פון איהם ארויסגעוואקסען א גאלדענע מיטעלמעסיגקייט, וועלטען ווען אבער עטוואס מעהר. די ערשיינונג פון עטליכע איינע און די זעלביגע טאלאנטען אין איין פאמיליע איז נאך גארנישט קיין בעווייז אויף דעם, אז דער טאלאנט איז א גע'ירשה'נטער; אדרבא, עס ווייזט, אז יעדעס נארמאל-ענטוויקעלטעס קינד קאן אין יעדער פראפעסיע, אין דער ריכטונג פון וועלכער עס פיהרען איהם אן די טראדיציעס פון דער פאמיליע, ערדרייכען א געוויסע שטופע פון טאלאנט, נאר א דאנק דעם איינפלוס פון א ביישפיעל, נישט נויטיגענדיג זיך דערצו אין קיינע ארגאנישע פארלאגען. ס'איז דא איין וויסענשאפטליכע פראבע, מיט דער הילף פון וועלכער די דאזיגע פראגע וואלט געקאנט פאלשטענדיג געלעזט ווערען, נאר, אויף וויפיעל מיר איז בעוואוסט, איז אט די פראבע נאך נישט געמאכט געווארען. זי וואלט בעשטאנען אין דעם, וואס א אין-גאס-געפונענעס, און אים שוץ-הויז אויפגעהאדעוועטעס קינד, וואס וואלט ערצויגען ווערען אין אזא שול, וועלכע וואלט איהם נישט טרייבען צו קיין שום פראפעסיע, וואלט פלוצלונג ארויסווייזען א פעסטע נייגונג צו וועלכער ס'איז בעשטימטער בעשעפטיגונג, און וואלט צוקומען אין איהר צו א בעדייטענדען, האטש אויך נישט קיין אונגעוועהנליכען, ערפאלג. און פלוצלונג וואלט זיך שפעטער ענטדעקט די אבשטאמונג פון דעם קינד און עס וואלט זיך ארויסווייזען, אז ער קומט ארויס פון א פאמיליע, וועלכע האט שוין געהאט א סך טאלאנטפאלע פערטרעטער אין דער פראפעסיע. די דאזיגע פראבע וואלט געדארפט איבערגע'חזר'ט ווערען עטליכע מאל, אום אויסצושליסען די מעגליכקייט פון א צופאל. נאר דאן ערשט וואלט דערוויזען געווארען, אז א טאלאנט געהט איבער בירושה. איך זאג אבער נאכאמאל, אז אזא מין פראבע איז נאך פארלויפיג נישט אונטערגענומען געווארען, און איך צווייפעל שטארק אין דעם, צי מ'וועט עס ווען ס'איז אונטערנעהמען.

---

## VIII.

גאנץ אנדערש איז אבער די זאך ביים געניע. געניאליטעט איז נישט אזוינס, וואס מ'ערווערבט זיך מיט דער הילף פון פלייסיגער

אָנשטרענגונג. דאָס איז נישט קיין נאָרמאַלער טיפּ, וואָס האָט זיך גוט ענטוויקעלט אַ דאַנק פערשידענע גינסטיגע בעדינגונגען. דער געניע איז אַן׳אומגעוועהנליכע ערשיינונג, וואָס איז ווייט אָבגעווייכט פון דעם נאָרמאַלען טיפּ. דאָס איז אַ ערשיינונג, וואָס איז געבויט אויף דער בעזונדער ענטוויקלונג פון וועלכען ס׳איז נערוועןצענטער, גאַנץ אָפּט פון עטליכע און ענדליך אויך פון אַלע. דער געניע איבט דעריבער אויס די אַלע פונקציעס, וועלכע לאָזען זיך פיהרען פון זיינע אומגעוועהנליך־ענטוויקעלטע צענטערן, מיט אַ אומגעוועהנליכער פאָלקאָמענהייט, — אַ סך פאָלקאָמענער, ווי עס איבט זיי אויס אַ מענש פון דעם געוועהנליכען טיפּ, אפילו אויך אין דעם פאַל, ווען ער האָט ענטוויקעלט — מיט דער הילף פון אַ שטאַרקער איינאיבונג — די צענטערן, וועלכע זענען נויטיג דערצו, און האָט זיי צוגעבראַכט ביז יענע סאַמע העכסטע גרענעצען, וועלכע זענען גאָר פאַר איהם נישט צוגענגליך. פון דעם ריין־פיזיאָלאָגישען שטאַנד־פונקט וואָלט מען געדאַרפט רעדען וועגען געניאַליטעט יעדעס מאָל, ווען עס קאָנסטאַטירט זיך אַ אומגעוועהנליכע ענטוויקלונג פון וועלכען ס׳איז צענטער, — אַן׳ענטוויקלונג, וועלכע געהט איבער די נאָרמאַלע גרענעצען. אַ אומגעוועהנליך־געזונדטער מענש, וועלכער וואָלט געקאָנט שטעהן אָהן אַן׳אויפהער און טהון די סאַמע שווערסטע אַרבייט, אויסהאַלטען די שווערסטע היץ און דעם ברענענדסטען פראָסט, נישט דערשלאָפען, נישט דערעסען און זיך שלעכט קליידען, און ביי דעם אַלעמען בלייבען פאָלקאָם געזונד, וואָלט פערדיענט דעם טיטול געניע פון לעבענס־קראַפט, ווייל זיינע נידריגע צענטערן, יענע, אונטער וועלכע עס זענען אונטערגעוואָרפען די סאַמע נידריגסטע פונקציעס פון אָרגאַניזם, די אינערליכע, מעכאַנישע און כעמישע פראָצעסען פון דער לעבעדיגער צעללע, — זענען ביי איהם ענטוויקעלט ביז אַן׳אומגעוועהנליכער שטופע פון פאָלקאָמענהייט. מילאָ פון קראָטאָן איז אין דעם זין געוועזען אַ מוסקעל־געניע. דאָס מוסקעל־געוועב איז ביי איהם ענטוויקעלט געוועזען שטאַרקער, ווי ביי אַלע אַנדערע, פון וועלכע די היסטאָריע ווייס צו דערצעהלען. ער האָט געקאָנט דעריבער אַזעלכע זאַכען בעווייזען, וואָס קיינער פאַר איהם האָט עס נישט בעוויזען, וואָס געוועהנליכע מענשען האָבען אויף זיי געקוקט, ווי אויף אונמעגליכקייטען און וועלכע זענען טאַקע פאַר זיי אונמעגליך געווען. מיט די הענד האָט ער בוימער צוּבראָכען. דאָס איז געוועזען אַזאַ מעטאָר

פון שפּאַלטען קלעצער, וואָס קיינעם פאַר איהם האָט עס גאָר אין קאָפּ נישט געקאָנט איינפאַלען, אַזוי, אַז ער האָט עס פון קיינעם נישט געקאָנט איבערנעהמען, נישט קוקענדיג אויף די שווערסטע אָנשטרענגונגען. העכסטענס האָט מען זיך געקאָנט האָבען בענוצט מיט דער מעטאָדע ביים שפּאַלטען דינע און שוואַכע קלעצלעך. עס זענען געווים געווען מוסקעל־טאַלאַנטען, וועלכע האָבען זיך אויסגעלערנט מאַכען מיט יונגע בוימלעך דאָס זעלבע, וואָס דער מוסקעל־געניע האָט דער ערשטער, אָהן אַ שום פאָרבערייטונג און אָהן אַ שום ביישפּיעל, געטהון מיט אַלטע געזונדטע בוימער. מיר קאָנען זיך פאָרשטעלען אַ מענשען, וועלכער האָט אַזאַ פאָלשטענדיגען געהער (חוש השמיעה), אַז דורכגעהענדיג אין גאַס, איז ער אימ־שטאַנד דייטליך צו הערען, וואָס מ'רעדט און וואָס מ'סוד'עט זיך זאָגאַר אין די הייזער, און איהם וואָלט מען געדאַרפט אַנערקענען פאַר אַ געניע פון הערען. ער וואָלט געקאָנט אָהן אַ שום מיה און אָהן וועלכער ס'איז זייטיגער הילף דערוויסען זיך אַזעלכע זאַכען און אַריינדרינגען אין אַזעלכע סודות, וועלכע אַ נאָרמאַלער מענש וואָלט אין קיין פאַל נישט געקאָנט דערגעהן.

און פון דעסטוועגען רופען מיר דאָך נישט אָן אַזעלכע מענשען מיט דעם טיטול געניע, ווייל זיי שטעלען נישט פאָר מיט זיך קיין אויסשליסליך־מענשליכע אייגענשאַפט. די נידריגע צענטערן פון די לעבענס־פונקציעס זענען פערהאַן אין יעדען לעבעדיגען וועזען. אויב מיר וועלען אָנרופען דעם אויבען־בעשריבענעם געזונדטען מענשען מיט דעם טיטול געניע פון לעבענס־קראַפט, וואָל־טען מיר מיט דעם זעלביגען טיטול דאַרפען קרוינען אויך דער זשאַבע, וואָס לעבט אין שטיין איינגעגראָבען, אַ סך יאָהרהונדערטער, אָדער דער קאַץ, וואָס לעבט זעקס וואָכען אָהן עסען אין אַ קוימען אונטער דעם אַש פון אַ שרפה. מילא פון קראָטאָן קאָן, לויט דער ענטוויקלונג פון זיינע מוסקעלען. אַוועקגעשטעלט ווערען אין איין רייהע מיט אַ בעזונדער שטאַרקען עלעפאַנט אָדער אפילו נאָר מיט אַ אויסנאַהם־פלוי, וואָס קאָן שפּרינגען העכער פון זיינע געשלעכט'ס־חברים; און דער געהער־געניע שטעהט נישט העכער פון יענע בעלי־חיים, ביי וועלכע געוויסע חושים ערדייכען אַ אונגעוועהנליכע פאָלקאָמענהייט, ווי צום ביישפּיעל, דער חוש הראיה (זעהן) ביי געוויסע ביטאָגעדיגע רויבפויגעל און דער חוש הריח (דערשמעקען) ביי הינט. געוויסע

בעלי חיים בעזיצען אַזעלכע פעהיגקייטען, וועלכע זאָגען עדות אויף דער מציאות פון אַזאַ צענטר, וואָס ביי דעם מענשען איז ער גאָרנישט פערהאַן. אַ געוויסער וואָרם גיט אַרויס פון זיך עלעקטרישע שטראָמען; די פאָסט-טויב פליהט הורך לענדער גאַנצע און געפינט דעם וועג צו איהר טויבענשלאַג; געוויסע פלייש-פרעסענדע קראַטען זענען אַזוי קלאָר אין דער אַנאַטאָמיע פון די גליעדער-בעלי-חיים, אַז מיט איין אונפעהלבאַרען שטאָך, לעכערען זיי הורך די נערווען-גאַנגליען פון אַלע זייערע קערפּער-רונגען, אויסער די גאַנגליען פון קאָפּ; אַ דאַנק דעם ווערט דער קרבן זייערער אינגאַנצען פּאַראַליזירט און שטאַרבט נישט, נאָר דיענט לעבעדיגערהייד אַלס שפּייז פאַר די קראַטען, נישט ברענגענדיג זיי קיין שום שאָדען מיט זיינע בעוועגונגען אין זייער ענגען נעסט. דער מענש בעזיצט נישט די דאָזיגע אַלע פעהיגקייטען. און עס איז אַ גרויסער ספק, צי ער וועט זיי זיך אַמאָל ערווערבען פשוט דערפאַר, וואָס ער דאַרף זיי נישט. אָנשטאָט די דאָזיגע אַלע פעהיגקייטען בעזיצט ער דעם שכל — די העכסטע און אַלץ אַרומנעהמענדע פעהיגקייט. ער אַרבייט זיך אויס שטאַרקערע עלעקטרישע באַטאַרעען פון יענע, וואָס עס גיט אַרויס פון זיך דער וואָרם; מיט דער הילף פון קאָמפּאַס און לאַנדקאַרטען געפינט ער זיך אויך זיין וועג, נישט שווערער פון דער פאָסט-טויב. אין אַנאַטאָמיע האָט ער זיך ערוואָרבען נאָך טיעפערע קענטנישען פון די פלייש-פרעסענדע קראַטען. טעאָרעטיש אָבער איז זעהר מעגליך אָנצונעהמען די ערשיינונג פון אַזאַ פענאָמען אין דער פערזאָן פון אַ מענשען, וועלכער בעזיצט אַן עלעקטרישען אָרגאַן, אַן אָריענטירונגס-אָרגאַן, יענעם אָרגאַן, וועלכער דיענט דעם קראַט אַלס לעהר-בוך פון אַנאַטאָמיע און פיזיאָלאָגיע, אָדער, ענדליך, אַזאַ אָרגאַן, וועלכער וואָלט איהם געבען די מעגליכקייט אויפצונעהמען די בעוועגונגען, וועלכע קומען פאָר אין פרעמדע מאַרך-צענטערן, אָט אַלץ איינס ווי מיר נעהמען אויף מיט אונזערע אויגען און אויערן פערשיעדענע אַנדערע בעוועגונגען. אַזאַ מענש וואָלט אימשטאַנד זיין אויפצוטהון אַזעלכע זאַכען, וועלכע עס וואָלט אונמעגליך זיין נישט אָנצוערקענען פאַר צויבער-שטיק. אַלע, אויסער געצעהלטע זעהר געבילדעטע מענשען, וואָלטען איהם געהאַלטען פאַר אַ כשוף-מאַכער. קיינער אָבער וואָלט איהם נישט אַנערקענט פאַר קיין געניע.

מיט דעם טיטול דאַרפען מיר אָנרופען נאָר יענע וועזענס,

ביי וועלכע ס'איז אונגעוועהנליך שטארק ענטוויקעלט נישט וועלכער ס'איז צענטר, וואס איז פערהאן ביי אנדערע בעלי־חיים אויך און אויך נישט, פערקעהרט, קיין איבערמענשליכער צענטר, נאר איינער פון די אויסשליסליך-מענשליכע צענטערן, איינער פון יענע, וועלכע עס בעזיצט פאלשטענדיג נאר דער מענש אליין.

די דאזיגע בעגרענעצונג פון דעם בעגריף געניע שליעסט אויס די מעגליכקייט פאלש זיך צו בענוצען מיט דעם ווארט, — א פאקט, וועלכען מ'קאן בעמערקען ביי יענע אפילו, וועלכע רעכענען גוט איבער יעדעס ווארט, וואס זיי לאזען ארויס פון מויל. איך בעהויפּטער זעהר, וואס מיר וועט דא אויסקומען צו דערמאהנען נעמען פון געוויסע פערזאנען; איך גלויב אבער, אז דאס איז אונבעדינגט נויטיג אויף צו ערקלערען מיין געדאנק.

געוועהנליך רופט מען אן מיט דעם טיטול געניע אזעלכע מענשען ווי ליסט, מאקארט און דאוויסאן. דאס איז אויך אזוי נישט ריכטיג, ווי ווען מ'וואלט אנרופען געניע דעם איבערגעדערמאנטען מענשען מיט דעם אונגעוועהנליך שטארק ענטוויקעלטען מוסקעל-סיסטעם. אום צו דערוויזען דאס, דארף מען נאר איבעראנאליזירען און פונאנדערגלידערען די כלומר'שט אזעלכע קאמפליצירטע ערשיינונ-גען, ווי ס'זענען דאס שפּיעלען אויף א קלאוויר, דאס מאלען און דאס שפּיעלען פון אן אַרטיסט אויפ'ן סצענע.

———————

## IX.

מיר וועלען אנהויבען פונ'ם קלאוויר-שפּיעלען. דאס שפּיעלען ווערט ארויסגעבראכט מיט דער הילף פון פינגער-, האנד- און ארעמ-בעוועגונגען (די נישט-וויכטיגע פוס-בעוועגונגען לאזען מיר דורך), און פון יענע אימפולסען, וועלכע מאכען די דאזיגע בעוועגונגען מעהר אדער ווייניגער שטארק, שנעל אדער לאנגזאם, ריטמיש אדער נישט-ריכטיג. דא ווירקען אלזא כסדר די פאלגענדע קרעפטען: א צענטר, וואס שיקט ארויס אונגעוועהנליך שנעל זיך-ענדערנדע בעוועגונגס-אימפולסען פון פערשיעדענער שטארקייט און פערשיע-

דענע ארטען; נערוועז, וועלכע זענען גענוג עמפפינדליך, אום איבערצייגעבען די דאזיגע אימפולסען מיט דער העכסטער שנעלקייט און פינקטליכקייט, אזוי אז זיי זאלען נישט ליידען פון קיין שום ענדערונג נישט אין דער ארבייט און נישט אין האראקטער; און ענדליך די מוסקעלן פון די איבערשטע אויסוועניגסטע גליעדער, וועלכע ברענגען ארויס אזעלכע פינקטליכע צוזאמענציהונגען, אז די בעוועגונגען בלייבען שטענדיג פאלקאם איינשטימיג מיט די אימפולסען. מיר ווייסען, אז די צילמעסיגע קאמבינאציעס פון די מוסקעל-בעוועגונגען האבען בעשטימטע צענטערן, און מיר קאנען אננעהמען, אז די מוזיקאלישע אימפולסען ענטשטעהען אין אזא

יעמפפינדונגס-צענטר, וואס זיין אויטאמאטישע טעטיגקייט ווערט ארויסגערופען נישט נאר דורך איינדריקע פון דעם געהער (חוש השמיעה), נאר אויך דורך איינדריקע פון אנדערע חושים און מארך-צענטערן, אויב די דאזיגע לעצטע פעראייניגען זיך אלע מאל מיט די געהער-איינדריקע. אזעלכע נישט-אקוסטישע, נאר מיט זיי געוועהנליך צוזאמענגעזעצטע איינדריקע, זענען קודם כל די געשלעכטליכע. ס'איז ביז דער העכסטער שטופע זיכער, אז דער פרימיטיווער מענש, אזוי ווי היינט א גאנצע רייהע בעלי-חיים, — האט בעגלייט זיינע לעבענס-געפיהלען מיט טענער (ריטמישע געשרייען, געזאנג), און צוליעב דעם איז אין אונזערע מארך-צענטערן איבערגעבליבען אנ'ארגאנישע פערבינדונג צווישען דער טעטיגקייט פון דעם געשלעכטס-צענטר און דעם חוש השמיעה. ווי נאר איין צענטר קומט אריין אין א אויפגערייצטען צושטאנד, הייבט גלייך אן ווירקען אויך דער אנדערער צענטר. ליעבעס-עמפפינדונגען רופען אלזא ארויס מוזיקאלישע אימפולסען און די טעטיגקייט פון דעם צענטר, וואס פערוואלטעט מיט די מוזיקאלישע אימפולסען, רופט ארויס די טעטיגקייט פון דעם ליעבעס-צענטר. דאס אבער איז נאך נישט די איינציגע אסאציאציע (פערבינדונג) פון דער ארט. יעדער איינדריק פון דער אויסערליכער וועלט האט אין זיך אויפרעגונגען נישט נאר פאר איין חוש, נאר פאר אלע. לאמיר נעהמען, צום ביישפיעל, אזא ערשיינונג, ווי א זוניגער פריהמארגען אים פריהלינג. דער וויכטיגסטער חוש אויף וועלכען די ערשיינונג ווירקט, איז, געוועהנליך, דאס זעהען, דער חוש הראיה, ווייל דער עיקר עלעמענט זיינער חעם ווערען די זונען-ליכטיגקייט און די פארבען-שענקייט

אין דער נאַטור. צוזאַמען דערמיט װעט אָבער דער חוש הריח אױך אָבנעהמען זײַן חלק: דעם ריח פֿון די גראָזען און בלומען, דעם ריח פֿון דער װאַסער־פּאַרע און פֿון אָזאָן; דער חוש המישוש (אָנטאַפּען) נעהמט אױך אַנטײל אין דער ערשײַנונג: די אײַנדריקע פֿון דער קעלט און די פֿײַכטקײַט; און דער חוש השמיעה (געהער) נעהמט אַרײַן אין זיך די שטימען פֿון פֿערשידענע בעלי־חיים און פֿױגעל, דעם רױש פֿון די בלעטער א. א. װ.

יעדע בעזונדערע, קאָמפּליצירטע ערשײַנונג האָט אין זיך די אײַנדריקע פֿון עטליכע אָדער פֿון אַלע חושים; די דאָזיגע פֿערשידענע אײַנדריקען, פֿון װעלכע אַנדערע זענען שטאַרקער און אַנדערע שװאַכער, האַלטען זיך אין זכרון אין דער געשטאַלט פֿון אַן אַלגעמײנעם בילד, און דערנאָך איז שױן גענוג אײן אױסערליכער אײַנדריק אױף אײנעם פֿון די חושים אַרױסצורופֿען אױך אין די אַנדערע חושים און מאַרך־צענטערן די אײַנדריקע, װאָס זענען פֿערבונדען מיט איהם. אַזױ, למשל, רופֿט אַרױס דער בעזונדער ריח פֿון אַ זוניגען פֿריהלינגס־פֿריהמאָרגען אין דאָרף אָדער אין װאַלד פֿאָרשטעלונגען פֿון אַ פֿאָלשטענדיגען זומער־פֿריהמאָרגען, ד. ה. די אַלע איבריגע אײַנדריקע פֿון די חושים, פֿון װעלכע די ערשײַנונג איז צוזאַמענגעשטעלט: די פֿריהמאָרגענדיגע פֿרישקײַט, דאָס קרעהען פֿון האָן, דאָס הינטישע בילען א. א. װ.

מ'זעהט אַלזאָ, אַז די שװאַכסטע אױפֿרעגונג פֿון װעלכען ס'איז חוש קאָן ברענגען צו דער אױפֿרעגונג אױך פֿון אַלע אַנדערע חושים, און אַרױסרופֿען די טעטיגקײַט פֿון דעם מוזיקאַלישען צענטר; די דאָזיגע טעטיגקײַט װעט זײַן נישט קײן גלײַכע, אָבהענגיג דערפֿון, װאָס'רע כאַראַקטער עס טראָגט אױף זיך דער ערהאַלטענער אײַנדריק. דער צוזאַמענהאַנג צװישען דער טעטיגקײַט פֿון פֿערשידענע צענטערן קומט פֿאָר אינגאַנצען אױסער דעם בעװאוסטזײַן, אינגאַנצען אױטאָמאַטיש. דאָס בעװאוסטזײַן קאָן זאָגאַר נישט שטענדיג אונטערשײדען, װעלכען אײַנדריק עס האָט אַרױסגערופֿען די טעטיגקײַט פֿון אַנדערע צענטערן, װײַל עס איז נישט געװאָהנט צו אַנאַליזירען די ערשײַנונגען און פֿעסטצושטעלען, װעלכען אַנטײל יעדער חוש האָט גענומען אין זײ; עס רעכענט פֿאַר דעם עיקר אײנעם, דעם סאַמע שטאַרקסטען אײַנדריק און הײבט זיך אינגאַנצען נישט אָן צו רעכענען מיט די איבריגע, מיט די שװאַכערע און אונטערטעניגע.

אום נישט צו ווײַט אָבצוטרעטען פון מײַן געגענשטאַנד, וועל איך דאָ ברענגען נאָר איין בײַשפּיעל. אין דער צוזאַמענשטעלונג פון אַזאַ ערשײַנונג, ווי אַ עהל־בילד, קומט אַרײַן דער אײַנדריק פון דעם עהל־פאַרב־ריח. דער דאָזיגער אײַנדריק אָבער איז אַזוי שוואַך און נישט וויכטיג, אינם פערגלײַך מיט די אײַנדריקע פון דעם חוש הראיה, אַז מיר בעמערקען איהם כמעט גאָרנישט און פערגעסען גאָר אינגאַנצען, אַז אין דער אויסבילדונג פון דער ערשײַנונג, וואָס רופט זיך „עהלבילד", האָט גענומען אַנ'אַנטײל דער חוש הריח, און פון דעסטוועגען איז פאָרט גענוג, דער צענטער פון חוש הריח זאָל קריגען אַזאַ אײַנדריק, ווי דער ריח פון עהלפאַרבען, אום ער זאָל אַרויסרופען די טעטיגקײַט פון די אַנדערע צענטערן, וועלכע האָבען געוועהנליך פונקציאָנירט צוזאַמען מיט דעם צענטער יעדעס מאָל, ווען ס'האָט זיך אויסגעבילדעט די פאָרשטעלונג וועגען דאָס עהלבילד. אין אונזער בעוואוסטזײַן וועט זיך אַזוי־ערנאָך פלוצלונג בעווײַזען די פאָרשטעלונג פון דעם בילד, און מיר וועלען נישט אימשטאַנד זײַן זיך צו ערקלערען פון וואַנען האָט זיך עס דאָס בילד פלוצלונג גענומען צו אונז אין זכרון. דאָס איז אײנער פון די יסודות, אויף וועלכע ס'איז געבויט די אַזוי גערופענע אידעענפערבינדונג; דערמיט ערקלערען זיך די שטימונגען, וועלכע בעהערשען אונז פלוצלונג אָהן אַ שום סבה; דאָס זעלבע, קאָן זײַן, קומט פאָר אויך מיט דער מעהרסטער טײל הלומות, אין וועלכע די צענטערן פון די חושים, בײַ אַ שוואַכער אָדער אינגאַנצען איבערגעריסענער טעטיגקײַט פון דעם בעוואוסטזײַן־צענטער, בעשאַפען זיך אויטאָמאַטיש פאָרשטעלונגען פון די נישט אויסערליכע אײַנדריקען.

אום צו זײַן אַ גוטער פּיאַניסט מוז אַלזאָ די פּערזאָן בעפריעדיגען די פאָלגענדע פאָדערונגען: זי מוז בעזיצען זעהר אַ פליהענדען ד. ה. אַרבײַטפעהיגען נערווען־סיסטעם; איהר מוזיקאַלישער צענטער דאַרף זיך לאָזען לײַכט אויפרייצען אונטער דעם אײַנפלוס פון די אויסערליכע אײַנדריקע, וועלכע ווירקען אויף געהער און, לויט דעם אויבענערקלערטען מעכאַניזם, אויך אויף די אַנדערע חושים; איהר בעוועגונגס־צענטער דאַרף זיך אויסצײכענען מיט אַ בעזונדער פאָלקאָמענהײַט, אום ער זאָל קאָנען קאָמבינירען די סאַמע אײַדעלסטע, די סאַמע פּינקטליכסטע און קאָמפּליצירטעסטע בעוועגונגען מיט די הענד־מוסקעלען, אומבײַטענדיג זיי שנעל אײנע נאָך דער אַנדערער.

די מעלות פֿון דעם פּיאַניסט בעשטימען זיך מיט דער איבערגעוויכט פֿון דעם אָדער יענעם צענטער. אויב ביי איהם איז בעזונדער שטאַרק ענטוויקעלט דער בעוועגונגס־צענטער, וועט ער בעזיצען אַ גלענצענדע טעכניק, און וועט בייקומען אַלע שוועריגקייטען, זיין שפּיעלען אָבער וועט מאַכען דעם איינדריק פֿון אַ קאַלטער קינסטלעריי אָהן אַ ברעקעל נשמה. אויב ביי איהם איז, פֿערקעהרט, צוזאַמען מיט דעם בעוועגונגס־צענטער ענטוויקעלט אויך דער צענטער פֿון געהער, וועט דאָס שפּיעלען זיין נישט נאָר גלענצענד אין דער טעכניק, נאָר אין איהם וועלען זיך אָבשפּיגלען אויך פֿערשיעדענאַרטיגע, זיך שנעל ענדערנדע עמפּפינדונגס־אימפּולסען ד. ה. עס וועט זיין לעבעדיג און פֿול מיט געפיהל. אַ אונגעוועהנליך־הויך ענטוויקעלטער צענטער פֿון די געהער־עמפּפינדונגען, וועט אימשטאַנד זיין אויסצואַרבייטען שטאַרקערע, מעכטיגערע אימפּולסען און זיי צו קאָמבינירען אויף אַ גאַנץ אַנדערער אופֿן; דאָס איז בעטהאָווענ׳ס גרויסקייט. אויך אַזאַ ענטוויקעלטער צענטער פֿון די געהער־עמפּפינדונגען, צו וועלכען עס קומט נאָך צו אַ גוט ענטוויקעלטער בעוועגונגס־צענטער, בעשאַפֿט דעם אינדיווידואום, וועלכער וועט זיין אַ קאָמפּאָזיטאָרישער געניע, אַ אויסערגעוועהנליכער פּיאַניסט, ווי, צום ביישפּיעל, מאָצאַרט. אויב דער ערשטער צענטער איז נאָך אַלץ אַזוי אונגעוועהנליך־הויך ענטוויקעלט, נאָר דער אַנדערער איז פֿון דעסטוועגען פּאָרט העכער פֿון איהם, וועט אויסוואַקסען פֿון איהם אַזאַ קאָמפּאָזיטאָר, די ווערק פֿון וועלכען עס וועלען ערשט דאַמאָלס מאַכען אַ פֿולען רושם אויפ׳ן העהרער, ווען זיי וועלען געשפּיעלט ווערען פֿון איהם אַליין, אָדער ריכטיג אַזוי ווי ער האָט זיי אַליין אויסגעפֿיהרט, ד. ה. זיך שטרענג האַלטענדיג ביי דער אָריגינאַליטעט פֿון זיין בעוועגונגס־צענטער; אַזאַ קאָמפּאָזיטאָר איז געוועזען שאָפּען, למשל. און ענדליך: אַנ׳אונגעוועהנליך ענטוויקעלטער בעוועגונגס־צענטער אים צוזאַמענהאַנג מיט אַ געהער־צענטער, וואָס איז נאָר עטוואָס מעהר ענטוויקעלט פֿון דעם ביי אַ געוועהנליכען מענשען, גיט אַ וואונדערבאַרען פּיאַניסט און אַנ׳אויסגעצייכענטען מוזיקאַלישען שפּיעלער, נאָר זעהר אַ מיטעלמעסיגען קאָמפּאָזיטאָר, אַט אַזאַ ווי ליסט, למשל, וועלכען מ׳רופֿט נישט ריכטיג אָן מיט דעם טיטול געניע.

ווי ס׳איז שוין אויבען ערקלערט געוואָרען, איז אָט די גע־ניאַליטעט געגרינדעט אויף דער אונגעוועהנליכער ענטוויקלונג פֿון

דעם בעהעגונגס־צענטער, ד. ה. אַלזאָ, אַז מ'נעהמט איהם אָן פאַר אַ בעוועגונגס־געניע. דער דאָזיגער צענטער אָבער געהער צו דעם רייסטער פון די נידריגע, נישט אויסשליעסליך־מענשליכע, און זיין העכערע ענטוויקלונג גיט נאָך נישט קיין רעכט אויף דעם טיטול געניע, ווייל מיט דעם טיטול בעצייכענט מען געוועהנליך די פאָלקאָמענהייט נאָר אין דעם געביט פון די אויסשליסליך מענשליכע צענטערן.

אַנ'אונגעוועהנליכען בעוועגונגס־צענטער געפינט מען ביי בעלי־חיים אויך; אַזוי, למשל, ווייזט די מאַלפע אַזעלכע קונצשטיק אין שפרינגען און קריכען, וועלכע נאָר געצעהלטע מענשען קאָנען נאָכמאַכען. ביים מענשען אַליין אפילו איז אויך די אונגעוועהנליכע ענטוויקלונג פון די פערהעלטניסמעסיג נידריגע פעהיגקייט פערבונדען מיט אַ פאָלשטענדיגען בעוועגונגס־צענטער. מ'מוז, צום ביישפיעל, בעזיצען אַ הויך־ענטוויקעלטען בעוועגונגס־צענטער אין די אונטערשטע אויסערליכע גליעדער, אום אַנ'אויסגעצייכענטער אייזלויפער (גליטשער) צו זיין. די זעלביגע פאָלקאָמענהייט, פערבינדען מיט אַ גוט ענטוויקעלטען צענטער פון די געהער־עמפפינדונגען גיט אַרויס אַנ'אונגעוועהנליכען טענצער, און אויב די דערמאָהנטע פאָלקאָמענהייט וועט זיין פערבונדען נישט מיט דער גוטער ענטוויקלונג פון דעם געהער־צענטער, נאָר מיט אַ שטאַרק ענטוויקעלטען ווילענס־צענטער, ד. ה. מיט דעם עיקר עלעמענט פון מוט און אונערשראָקענהייט, און דערצו וועט נאָך צוקומען אַ גוט אַרבייטענדער פערשטאַנדס־צענטער, וועט אַרויסוואַקסען פון דעם מענשען אַ אויסגעצייכענטער רייטער. די הויכע ענטוויקלונג פון דעם בעוועגונגס־צענטער אין די אויבערשטע אויסערליכע גליעדער, גיט אויסער די אויבענאויסגערעכענטע נאָך אַ גאַנצע רייהע פערשיעדענע פעהיגקייטען, אָנהויבענדיג פון יענע הויכע צענטערן, וועלכע זענען ענטוויקעלט צוזאַמען מיט איהם און קאָנען איהם איבערגעבען אימפולסען. די קאָמבינאַציע פון די בעוועגונגס־צענטערן מיט דעם צענטער פון געהער (חוש השמיעה) גיט, ווי מיר האָבען שוין געזעהן אַ פיאַניסט; די קאָמבינאַציע פון די ווילענס־צענטערן מיט דעם פערשטאַנדס־צענטער גיט אַרויס אַ קינסטלערישען פעכטער. עס בעקומט זיך אויף אַזאַ אופן אַ האַראַקטעריסטישער פאַראַלעל צווישען דעם טענצער און פיאַניסט פון איין זייט, און דעם רייטער און פעכטער — פון דער אַנדערער. רעדען פון אַ „געניאַלען" קלאַוויר־שפיעלער איז

אַלזאָ נישט מעהר ריכטיג, ווי געבען דעם טיטעל געניע אַ טענצער, אַ רייטער אָדער אַ פעכטער.

די פראַגע, וועלכע איך האָב דאָ בעריהרט, איז אונגעהויער ברייט; אום איהר צו בעהאַנדלען אויספיהרליך און גרינדליך, וואָלט מען געדאַרפט נישט קיין קאַפּיטעל, נאָר בענדער גאַנצע. מ'וואָלט געקאָנט אַזוי אָהן אַ סוף קאָמבינירען פערשיעדענע צענטערן און זעהן, וועלכע אויסשליסליכע פעהיגקייטען עס וואָלטען ענטשטאַנען דערפון. מיר לאָזען דאָס אָבער איבער דעם לעזער, וועלכען די איבען געבראַכטע ביישפּיעלען האָבען געניג פעראינטערעסירט. איך וויל דאָ איבערפלעכליך, נישט אויסשעפּענדיג איהר אינגאַנצען, אָנריהרען נאָר איין פראַגע נאָך. וואָס וואָלט ווערען פון אַ מענשען מיט אַזעלכע אָרגאַנישע אָנלאַגען, ווי ליסט, ווען ער וואָלט געבוירען ווערען פריהער, איידער ס'איז ערפונדען געוואָרען דער ראָיאַל און בכלל אַזאַ אינסטרומענט, פון וועלכען מען קאָן אַרויסברענגען טענער מיט דער הילף פון האַנד-בעוועגונגען? דאַן וואָלט שוין נישט ענטשטעהן אַזאַ האַראַקטעריסטישע קאָמבינאַציע פון ביידע צענטערן, פון וועלכע איינער איז ענטוויקעלט אויסער געוועהנליך, און דער אַנדערער גוט. יעדערער פון זיי וואָלט זיך געאַרבייט פאַר-זיך, און אָנשטאָט ליסט'ן וואָלט זיך בעקומען אַ מענש, וואָס צייכענט זיך אויס מיט אַ סך קינסטלערישעס אין פערשיעדענע האַנד-אַרבייטען, אין שטריקען און פלעכטען, למשל, — און אפשר אויך אַ אויסגעצייכענטער קונצען-מאַכער; דערביי האָלט ער זיין בעגאַבט מיט מוזיקאַלישע ניגונגען, וועלכע וואָלטען זיך אויסדריקען אין ליעבע צו'ם זינגען אָדער אין דעם פּראָבירען אָפּט זינגען און אונטערפייפען. די טעטיגקייט אפילו פון אַזאַ פּאָרנעהמען צענטער, וואָס שפּיעלט אַ בעדייטענדע ראָליע אין דער ענטשטעהונג פון אַ קלאַוויר-שפּיעלער און די העכסטע ענטוויקלונג פון וועלכען עס גיט אַרויס אַנ'אמת'ען געניע, אַ בעטהאָווען, למשל, — בלייבט פון דעסטוועגען פאָרט נאָר אַ אויטאָמאַטישע, נאָר אַ ריין-עמאָציאָנעלע, און שטעהט ניעדריגער פון יעדער דענקענדער (קאָגניטאַציאָנעלער) טעטיגקייט. די טעטיגקייט ווידער פון דעם נאָך מעהר ניעדריגען, פון דעם בעהעגונגס-צענטער, קאָן בכלל נישט אַנערקענט ווערען פאַר קיין גייסטיגער, אויסשליסליך-מענשליכער טעטיגקייט, נאָר פאַר אַזעלכער, וואָס איז אייגענטימליך אַ סך אָרגאַניזמען אויך

אויסער דעם מענשען, און ערווייכט ביי זיי זאָגאַר אַ הויכע שטופע פון פאָלקאָמענהייט.

———

# X.

איצט וועלען מיר צוטרעטען מיט דער וועלביגער צוגליעדערונגס־מעטאָדע צו דער ערשיינונג פון אַ פאַרבען־קינסטלער, פון אַ מאַקאַרט, למשל. אַ מאַלערישעס קונסט־ווערק, אַ בילד, איז אויך זעהר אַ צוזאַמענגעזעצטע זאַך; זיינע איינפאַכע עלעמענטען קאָנען זיך אויף די פערשיעדענסטע אופנים בעטהייליגען אין דער ענטשטעהונג פון דער גאַנצער ערשיינונג. אין דער אויסאַרבייטונג פון בילד ווערען קודם כל גענומען אין בעטראַכט די פאַרבען, נאָכהער די פאָרם און ענדליך איהר גייסטיגער אינהאַלט—דאָס טהעמא אָדער די אידעע. אונזער צענטר פון די ליכטיגקייטס־עמפפינדונגען איז אַזוי בעשאַפען, אַז די איינדריקע פון געוויסע פאַרבען און זייער צוזאַמענשטעלונג נעהמט ער אויף אַלס אַנגענעמע, און די איינדריקע פון אַנדערע פאַרבען—אַלס אונאַנגענעהמע. אויף וועלכע יסודות די דאָזיגע פערשיעדענהייט אין דער סוביעקטיווער עמפפינדונג איז געבויט, קאָן איך גענוי נישט ערקלערען. העלמהאָלץ און ברייקע האָבען וועגען דער פראַגע פערעפענטליכט רייכע פאָרשונגען און האָבען געמאַכט זעהר וואַהרשיינליך די הנחה, אַז די סוביעקטיווע ווירקונג פון דער טאָן־און פאַרבען־צוזאַמענשטעלונג איז געגרינדעט אויף די געגענזייטיגע בעציהונגען, אין וועלכע עס שטעהען צווישען זיך די צאָהל, ווייטקייט און פאָרם פון די טרייסלונגען אָדער וועלען־בעוועגונגען, וועלכע רופען, וואַהרשיינליך, אַרויס אין אונזערע הושים די ענדערונגען, וואָס מיר עמפפינדען אַלס פאַרבען אָדער טענער.

לויט דער מיינונג פון די דאָזיגע גרויסע פאָרשער קומט אַלזאָ פאַר ביי אַנגענעהמע אָדער אונאַנגענעהמע טאָן־ און פאַרבען־איינדריקע אַן אונבעוואוסטזיניגע קאָנסטאַטירונג פון איינפאַכע אָדער צוזאַמענגעזעצטע אַריטמעטישע און געאָמעטרישע בעציהונגען צווישען די בעוועגונגען פונים עטער און דער מאַטעריע. ווי דאָס זאָל נישט זיין, פאַר אונז איז גענוג דער פון ערפאַהרונג גענומענער פאַקט, אַז

ב'זעגען פערהאַן אַנגענעהמע און נישט קיין אַנגענעהמע פאַרבען און פאַרבען־צוזאַמענשטעלונגען. אַנ'אונגעוועהנליך ענטוויקעלטער חוש הראיה מאַכט דעם מענשען פעהיג, ערשטענס, זעהר שטאַרק אויפצונעהמען די פאַרבען־עמפפינדונגען, ד. ה. בעזונדער שטאַרק צו פיהלען די אַנגענעמליכקייט פון האַרמאָנישער פאַרבען־צוזאַמענשטעלונג און די אָבנייגונג צו נישט קיין האַרמאָנישער צוזאַמענשטעלינג, און צווייטענס, צו געפינען אַזעלכע פאַרבען און פאַרבען־צוזאַמענשטעלונגען, וועלכע מאַכען אַ בעזונדער אַנגענעמען איינדריק. דער צענטר, וועלכער שפּיעלט דאָ די הויפט־ראָליע, געהער, ווי אַלע צענטערן פון די אויסערליכע חושים, צו די נידריגע מאַרך־צענטערן. ער שטעלט נישט פאָר מיט זיך קיין אויסשליסליך מענשליכע איינענטום, נאָר פערשפּרייט זיך אויך אויף אַלע בעלי־חיים, אויף די פאַמע נידריגסטע זאָגאַר. מיר קאָנען אָננעהמען, אַז איהם בעזיצען אַ מאַמע פויגעל, פליעגען און זאָגאַר ווייכ־קערפּערדיגע בעלי־חיים, וואָרום אַנדערש וואָלט נישט זיין מיט וואָס צו ערקלערען, פון וואַנען עס נעהמען זיך צו זיי אַזעלכע שענע פאַרבען.

פון דאַרווינ'ען אָן זענען כמעט אַלע איינשטימיג אין דעם, אַז די שענע פאַרבען פון פערשיעדענע בעלי־חיים שטאַמען פון דער געשלעכטליכער צופּאַסונג, ד. ה. דערפון, וואָס די שען־געפאַרבטע ווערענס האָבען געהאַט מעהר ערפאָלג ביי די אינדיווידואומען פון דעם צווייטען געשלעכט, אַזוי אַז עס וואָלט שוין זיין אונמעגליך נישט אָנצוערקענען ביי די ווערענס קיין עמפּפינדליכקייט פאַר דער ווירקונג פון שענע פאַרבען און פון אַ שענער פאַרבען־צוזאַמענשטעלונג.

די עמפּפינדליכקייט אין דער בעציהונג צו פאַרבען און די אַנגענעמליכקייט, וואָס דער מענש פיהלט, זעהענדיג שענע פאַרבען, שטעלען אַלזאָ דעם מענשען אין איין רייהע מיט דעם קוקו אָדער מיט דער וואַסער־אַנעמאָנע. די ענטוויקלונג פון דעם ליכט־עמפפינדונגס־צענטר אַליין פאַר זיך איז אימשטאַנד אַרויסצוברענגען נאָר די איינציגע פעהיגקייט: די פעהיגקייט אויסצואַרבייטען שענע, איבערפלעכליכע שטוב־פערציערונגען, ווי דעקען, טאַפּעטען א. אַ. וו. אין אַ שענער פאַרבען־צוזאַמענשטעלונג. די אייגענטליכע בילדער, וועלכע ווערן געאַרבייט מיט דער הילף פון דעם צענטר, מאַכען אויף אונז, אין בעסטען פאַל, דעם איינדריק פון נישט־קשה'דיגע אָריענטאַלישע דיוואַנען. זיי שטעהען אָבער נידריגער פון יענע בנוגע צו זייער קינסט־

ליטעראַרישען ווערט, ווייל יענע זענען פאלקאמענער אין זייער אַרט.

דער צווייטער יסוד, וועלכער איז אונבעדינגט נויטיג פאַר אַ בילד, איז די פאָרם. דער קינסטלער שטרעבט אונז איבערצוגעבען מיט זיין בילד די אויסערליכע ערשיינונג פון די געגענשטאַנדען. די מיטלען מיט וועלכע די מאַלעריי בענוצט זיך, אום צו ערדרייכען דעם ציעל, זענען: די צייכנונג און די פאַרבען. (געוועהנליך, האַלט איך מיר דאָ ביי דעם אונטערשייד, נאָר צוליעב דער בעקוועמליכקייט; וואָרום אין גרונד גענומען איז דאָס, וואָס מיר רופען צייכנונג, אויך נישט מעהר, ווי אַ פאַרבען־ווירקונג; די צייכנונג גיט אונז איבער דעם געגענשטאַנד אויך נאָר אַ דאַנק דעם געגענזאַץ צווישען די שטופען פון דער ליכטשטאַרקייט אָדער פון די פאַרבען, אַמ־מעהרסטען טייל צווישען שוואַרץ און ווייס). אין דער ווירקליכקייט זעהען מיר אַלע געגענשטאַנדען אין פערשידענער גרויס, פאָרם און בעלייכטונג, אָבהענגיג פון זייער לאַגע אים רוים, ד. ה. פון דעם, אויף וויפיעל זיי זענען אָבגערוקט פון אונז און איינער פון אַנדערן; פון דעם, וואָס'רע פּלאַץ זיי פערנעהמען איבער אונז, אונטער אונז אָדער אָן אַ זייט פון אונז; איין און דער זעלביגער באַלל (קוגעל) זעהט אונז אויס גרויס, געפינענדיג זיך נאָהנט פון אונז, און קליין, ווען ער ליעגט אונז פון דערווייטען. הײַנט, ווען ער איז בעלויכטען ווי געהעריג איז, זעהען מיר אַ גאַנצע העלפט פון איהם; ביי אַנאַנדער בעלייכטונג אָבער זעהען מיר נאָר אַ גרעסערע אָדער אַ קלענערע שטיקעל פון איהם; אַז דער באַלל איז קײַלעכ־דיג דערוויסען מיר זיך נישט גלייך, נאָר דערפאַר, וואָס דער גרעס־טער טייל פון איהם, וועלכער ליעגט נעהנטער צו אונז, איז אַנדערש בעלויכטען און אַנדערש בעפאַרבט פון די איבריגע טיילען. נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די אָבבילדונג פון דעם באַלל, וועלכע מיר האָבען אויף דער נעצהויט פון אונזערע אויגען, איז אין יעדער לאַגע אַנדערש, שרייבען מיר עס פונדעסטוועגען פאָרט צו איין און דעם זעלביגען באַלל, אַלץ איינס, צי ער שטעלט זיך אונז פאָר גרויס פון־דער־נאָהנטען, צי קליין פון דער ווייטען; צי מיר זעהען אַ גאַנצע העלפט פון איהם, צי נאָר אַ שטיק; צי ער ווייזט זיך אונז אויס בעלויכטען פון פאָרנט, אינמיטען ליכטיגער און ביי די זייטען דונקעלער, צי בעלויכטען פון הינטען, אינמיטען דונקעלער און ביי די זייטען ליכטיגער. פונאַנדערנעהמען די בילדער, ד. ה. די

אַײנדריקע פֿון דער נעץ־הױט, האָבען מיר זיך אױסגעלערנט פֿון דער ערפֿאַהרונג, װאָס מיר האָבען בעקומען מיט דער הילף פֿון אונזערע אַנדערע חושים און דעם פֿערשטאַנד.

אין דער װירקליכקײַט זעהען מיר נאָר אױבערפֿלעכליכע בילדער, אױסגעשפּרײט אױף אײן גלײַכען שטח, װאָס די טײלען זײַערע זענען פֿערשידען אײנער פֿון אַנדערן אין דער גרױס, אין די פֿאַרבען און אין דער ליכטיגקײַטס־מאָס. נאָר פֿון דער ערפֿאַהרונג דערװײסען מיר זיך, אַז צוזאַמען מיט דעם דאָזיגען אונטערשיד אין דער גרױס, אין די פֿאַרבען און אין דער בעלײַכטונג געהט מיט פּאַראַלעל נאָך אַ אונטערשיד אין דער װײַטקײַט; אַז די געגענשטאַנדען, װעלכע מיר זעהען ליעגענדיג אױף אײן גלײַכען שטח, ליעגען נאָר אין דער אמת'ן אױף פֿערשידענע אױבערפֿלעכען. אום זיך צו דערװיסען, אַז דאָס פֿלאַכע בילד מיט דער קײַלעכדיגער פֿאָרם, װאָס איז בעלױכטען אינמיטען אַנדערש, װי בײַ די זײַטען, איז אַ באַלל, האָבען מיר געמוזט אַמאָל אַזאַ בילד אַרומטאַפּען און איצט זיך דערמאָהנען די בעװעגונגען, װאָס די האַנד האָט דאַן געמאַכט, אום אָנצוטאַפּען די אױבערשטע פֿלעכע פֿון דעם געגענשטאַנד. דאָס מוסקעל־געפֿיהל מוז קומען צו הילף אונזער חוש הראיה און אױספֿילען זײַנע אָנװײַזונגען. דאָס זעלבע אױך האָבען מיר, אום צו װיסען, אַז דאָס הױז, װעלכעס זעהט אונז אױס קלײן און פֿערשװאומען, איז אין דער װירקליכקײַט גרױס, נאָר װײַט פֿון אונז, געמוזט דורכגעהן אַמאָל דעם װעג, װאָס פֿיהרט צו אַזאַ קלײנעם און פֿערשװאומענעם אָביעקט, און איצט זיך דערמאָהנען, װעלכע בעװעגונגען אונזערע פֿיס האָבען דאַמאָלס געדאַרפֿט מאַכען, אום אָט דער קלײנינקער און פֿערשװאומענער אָביעקט זאָל פֿערװאַנדעלט װערען אין אַ גרױסען און שאַרף־בעגרענעצטען.

די מאַלערײַ שטרעבט איבערצוגעבען די געגענשטאַנדען נישט אַזױ װי זײ זענען אין דער װירקליכקײַט, נאָר אַזױ װי זײ שפּיגלען זיך אָב אױף אונזער נעץ־הױט, ד. ה. אין דער גרױס און אין דער בעלײַכטונג, אין װעלכער זײ שטעלען זיך אונז פֿאָר, און אױב דאָס אַלײן איז ריכטיג איבערגעגעבען, ערקלערן מיר זיך שױן, לױט דער אַלטער געװאָהנהײַט, די דאָזיגע פֿלאַכע אָבבילדונגען, אַלץ אײנס װי מיר ערקלערן זיך געװעהנליך די פֿלאַכע אָבבילדונגען אױף אונזער נעץ־הױט, ד. ה. מיר זעהען אין אַ נישט שאַרף געצײכענטען

קליינעם פינטעל אַ גרויס הויז, און האָטש דאָס בילד געפינט זיך נאָהנט פון אונז, זעהט אויס דאָס הויז ווייט פון אונז, און נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דאָס הויז ליעגט צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע געמאָלטע געגענשטאַנדען אויף דער זעלביגער לייוענדפלעכע, זעהט עס אויס אַ סך ווייטער פון אונז, ווי די בוימער און יענע אַנדערע געגענשטאַנדען, וואָס געפינען זיך אינ'ם פאָדערגרונד.

די ערקלערונגס־אַרבייט קומט פאַר געוועהנליך נישט אין אויג, נאָר אין די העכערע צענטערן, אין די צענטערן פון זכרון און פערשטאַנד, וועלכע ווערן נאָר אָנגערעגט דורך די איינדריקע פון דעם חוש הראיה.

אום אַרויסצורופען אַ בילד אין אונזער בעוואוסטזיין, מוז אַלזאָ דער קינסטלער אויסאַרבייטען אייגענטליך נאָר איין סימן, מעג עס זיין די צייכנונג פון אַ געגענשטאַנד אָדער די ליכט־איינדריקע פון איהם. די איבריגע סמנים גיט שוין צו דער זכרון אויטאָמאַטיש, ווייל ער איז געוואָהנט צו זעהען זיי שטענדיג צוזאַמען מיט דעם סמן. דעריבער דאַכט זיך אונז אָפט, אַז מיר זעהען אויפ'ן בילד אַזעלכע זאַכען, וועלכע הייבען גאָר נישט אָן צו זיין אויפ'ן לייוענד און וועלכע אונזער אויג האָט דעריבער גאָרנישט געקענט אויפנעהמען. זיי גיעבען צו אונזערע מאַרך־צענטערן, זעלבסטשטענדיג ענטוויקלענדיג די רמזים, וועלכע דער מאַלער האָט יעדענפאַלס אַריינגעלעגט אין זיין בילד.

איך וועל דאָס ערקלערען מיט איין איינציגען ביישפּיעל. אונז דאַכט זיך, אַז מיר זעהען אויפ'ן בילד די איינצעלנע האָר פון אַ באָרד אָדער די איינצעלנע בלעטער פון אַ בוים. דער מאַלער אָבער האָט געמאָלט נישט קיין האָר און נישט קיין בלעטער, נאָר אַ געוויסע ווירקונג פון ליכטיגקייט אויף אַ אונרעגעלמעסיגען ברוינעם אָדער גרינעם שטח; נאָר אַזוי ווי מיר בעאָבאַכטען אָפט די דאָזיגע ליכט־ווירקונג אויף בערד און שפּיצען פון בוימער און די ערפאַהרונג האָט אונז געוויזען, אַז דערצו איז נויטווענדיג האָר און בלעטער, זעצט זיי שוין אונזער זכרון צו אויך אויפ'ן בילד, האָטש זיי זענען גאָר דאָרט אינגאַנצען נישט פערהאַן; אונזערע מאַרך־צענטערן זעהען דאָרט אַלזאָ עטוואָס אַזעלכעס, וואָס אונזערע אויגען זעהען גאָר נישט.

די קונסט פֿון דעם מאָלער בעשטעהט אין דעם, אויסצוגעפֿינען די אייגענטימליכע סמנים פֿון די געגענשטאַנדען און זיי אויסצואַרבייטען אין דער פֿאָרם, אין וועלכער עס עמפּפֿינדעט זיי ווירקליך אונזער נעץ-הויט. ער קען איבערגעבען אַלע סמנים אָדער נאָר עטליכע פֿון זיי, יעדענפֿאַלס אָבער מוזען זיי זיין די וויכטיגסטע, די אייגענטימליכסטע. די איינפֿאַכע צייכנונג פֿון אַ געגענשטאַנד רופֿט אַרויס אין זכרון נאָר איין סמן זיינעם, זיינע גרענעצען, און פֿאָדערט דעריבער וועהר אַ בעדייטענדע הילף פֿון די מאַרך-צענטערן, אום אַרויסצוברענגען אַ גאַנצע פֿאָרשטעלונג וועגען דעם געגענשטאַנד. די פּערספּעקטיווישע צייכנונג (פֿון דער וויַטען) פֿון אַ געגענשטאַנד גיט אונז שוין יאָ אַ פֿאָרשטעלונג פֿון זיינע פֿערהעלטניסע אים רוים, ווייל מיר געפֿינען אין איהם די כלומר'שטע אונטערשיידען אין דער גרויס, וועלכע מיר בעמערקען אין דער ווירקליכקייט. די שאַטירטע צייכנונג גיט צו דעם געגענשטאַנד נאָך איין סמן, דעם אונטערשייד אין דער בעלייכטונג, וועלכע מאַכען אונז אין דער ווירקליכקייט לייכטער אָבצושאַצען די גרויס און די וויַטקייט פֿונ'ם געגענשטאַנד, און ממילא אויך צו דערקענען זיין כאַראַקטער. די פֿאַרבען ענדליך גיבען אונז דעם לעצטען סמן, וועלכען עס קען בכלל אויפֿנעהמען דער חוש הראיה.

אַ ריכטיג געמאָלטעס בילד, וואָס גיט איבער פּינקטליך די צייכנונג, די פּערספּעקטיווע, די בעלייכטונג און די פֿאַרבען פֿון דעם געגענשטאַנד, מאַכט אויפֿ'ן אויג פּונקט דעם זעלביגען איינדריק, וואָס דער געגענשטאַנד אַליין, אַזוי אַז די הויכע צענטערן איז אַמאָל אוממעגליך אונטערצושיידען דעם איינדריק, וואָס עס מאַכען אויף די אויגען די געגענשטאַנדען אַליין, פֿון דעם, וועלכען עס מאַכט אויף זיי זייער בילד. די אַרבייט פֿונ'ם קינסטלער בעשטעהט אין דער פּינקטליכער אַנאַליזע פֿון זיינע פֿאָרשטעלונגען, אין וועלכע ער דאַרף וויסען אָבצוזונדערן דעם אַנטייל פֿון די העכערע צענטערן פֿון דעם אַנטייל, וואָס עס האָט אין זיי גענומען דער חוש הראיה.

אום צו בלייבען ביי דעם פֿריהערדיגען ביישפּיעל הייסט עס אַזוי: ווען ער זעהט בלעטער פֿון אַ בוים, דאַרף ער אַנאַליזירען די פֿאָרשטעלונג און בעמערקען, אַז אין דער ווירקליכקייט זעהט ער דאָ נישט קיין בלעטער, נאָר דעם אייגענאַרטיג בעלויכטענעם, אונרעגעלמעסיגען גרינעם שטח, וועלכער ווערט פֿערוואַנדעלט אין

אײנצעלנע בלעטער, נאָר אַ דאַנק דעם זכרון זײַנעם: ער דאַרף דעריבער מאָלען ניט די בלעטער, װעלכע ער שטעלט זיך פֿאָר, און װעלכע ער זעהט גאָרניט אין דער װירקליכקײַט, נאָר די אײגענאַרטיגע בעליכטונג פֿון דעם גרינעם שטח, װעלכען זײַן אויג האָט װירקליך אױפֿגענומען.

אַ אונװיסענדער מענש האָט קײן השגה ניט דערפֿון, װי פֿערשידען סאיז דאָס, װאָס אונזער אויג זעהט אין דער װירקליכקײַט, פֿון דעם, װאָס מיר שטעלען זיך פֿאָר, װען מיר עמפּפֿינדען אַ בעשטימטען אײַנדרוק מיט דער הילף פֿון אונזער חוש הראיה. דער קינסטלער אָבער מוז אינגאַנצען זיך אָבזאָגען פֿון דער פֿאָרשטעלונג און זיך האַלטען בלויז בײַ דעם אײַנדריק, װאָס האָט אָט די פֿאָרשטעלונג אַרױסגערופֿען. די דאָזיגע אַנאַליזע מאַכט זיך אונבעװאוסטזיניג. זי איז פֿערבונדען מיט דער פֿעהיגקײַט, אַרײַנצוברענגען לעבען אין די מוסקעלן, װעלכע קומען אין בעװעגונג בשעת'ן צײכנען און מאָלען, דורך די ליכט־עמפּפֿינדונגס־צענטערן, אינגאַנצען אָהן דער אַרײַנמישונג פֿון די העכערע צענטערן, די פֿון זכרון און פֿון פֿערשטאַנד.

די האַנד קאָן אַלזאָ צײכנען נאָר דאָס, װאָס דער ליכט־עמפּפֿינדונגס־צענטער האָט זײ װירקליך עמפּפֿונדען, ד. ה. דאָס, װאָס מיר זעהען, און ניט יענע צוזעצונגען, װעלכע שטאַמען פֿון די העכערע צענטערן. די דירעקטע פֿערבינדונג צװישען זעה־ און בעװעגונגס־צענטערן, װעלכע איז דער אָרגאַנישער יסוד פֿון יעדען קינסטלערישען טאַלאַנט, שליעסט ניט אויס די בעטײליגונג פֿון די העכערע מאַרך־צענטערן. די העכערע צענטערן קלױבען אויס דאָס, װאָס איז נױטיג, פֿון דעם אײַנדריק, װאָס דער געגענשטאַנד מאַכט אויף דעם זעה־צענטער; זײ לאָזען אָבער פֿון איהם נאָר עטליכע, עלעמענטאַרע טײלען, װעלכע װערן דערנאָך אָבגעמאָלט מיט דער הילף פֿון די מוסקעל־בעװעגונגען, דאַן װען די ניט־װיכטיגע טײלען װערן מעהר אָדער װעניגער איגנאָרירט. אין אַ סך פֿעלען דרוקט דער קינסטלער אַרויס אין אונז די פֿאָרשטעלונג פֿון אַ געװיסען געגענשטאַנד מיט דער הילף פֿון אײן סמן, אײן שטריך, אײן ליכט־װירקונג און דאָס הױבט אויף דעם קינסטלער'ס אַרבײַט ביז צו דער מדרגה פֿון אַ גײַסטיגער טעטיגקײַט און שטעלט איהר העכער פֿון אַ געװעהנליכער פֿאָטאָגראַפֿיע.

נאך דעם אלעמען אבער שטעהט די דאזיגע טעטיגקייט פארט זעהר ניעדריג; זי שטעהט אין א גאנץ קליינער בעציהונג מיט די העכערע צענטערן און ווענדעט זיך נישט צו זיי. דער רעזולטאט איהרער איז א קונסט-ווערק, די איינציגע מעלה פון וועלכען ס'איז דער אמת; דאס איז אבער א אמת נישט קיין אינטערעסאנטער, אזא, וואס רעגט אין קיין הינזיכט נישט אויף אונזער גייסט. א אינדיווידואום, וואס בעזיצט די פעהיגקייט איבערצוגעבען זיינע זעה-עמפפינדונגען אין זייער ריינער געשטאלט, אהן דער אריינמישונג פון יענע ענדערונגען און צוזעצונגען, וואס שטאמען פון זכרון און פערשטאנד, וועט שען צייכנען מיט א בלייפעדער אדער, אויב ביי איהם איז ענטוויקעלט די פארבען-עמפפינדונג, מאלען מיט פארבען די טויטע נאטור. ער וועט זיין א קלאסישער קינסטלער אין דער שילדערונג פון איסטערן און טריאומפירען מיט זיינע געמאלטע קופערנע קעסלען; ווייטער פון דעם אבער וועט ער נישט געהן.

———

## XI.

איצט קומען מיר צו צו דעם דריטען עלעמענט, וועלכען מ'דארף נעהמען אין אכט ביים בעטראכטען א בילד, — צו זיין גייסטיגען אינהאלט, ד. ה. צו דעם סוזשעט אדער צו דער אידעע, וואס דאס בילד פערקערפערט. אט די זעלביגע פעהיגקייט צום אנאליזירען, וועלכע גיט דעם קינסטלער די מעגליכקייט צו בעמערקען דעם אונטערשיעד צווישען דער ווירקליכער אפטישער ערשיינונג פון דעם געגענשטאנד און זיין פסיכישען בילד, אויסצוהאפען און איבערצוגעבען די גרונד-עלעמענטען פון יענער ערשיינונג, — די זעלביגע פעהיגקייט, ביי א נאך מעהר שטארקער ענטוויקלונג, ערלויבט איהם אויסצוהאלטען אין זכרון די ווירקליכע אפטישע ערשיינונגען אויך פון געשעהענישען און זיי איבערצוגעבען. אט אלץ איינס, ווי מיר זעהען נישט די קיילעכדיגקייט פון א באלל, אזוי זעהען מיר נישט קיין בעוועגונגען און קיין גייסטיגע שטימונגען. אין דעם ערשטען פאל זעהען מיר אין דער ווירקליכקייט נאר א הארק-

טעריסטיש בעלויכטענעם פלאכען קרייז, און אינ׳ם צווייטען — א רייהע בילדער, וואס פאלגען נאך איינס דאס אנדערע, אדער א געוויסע לאגע פון די געזיכטס-מוסקעלן, פון די גליעדער און פון קערפער.

די ערפאהרונג אבער האט אונז אויסגעלערנט, אז א פלאכער קרייז, ווען ער איז אין א געוויסער ארט בעלויכטען, בעדייטעט א באלל (קוגעל), און אזוי אויך וויסען מיר פון ערפאהרונג, אז א רייהע גלייכע בילדער, וואס ערשיינען איינס נאך דאס אנדערע אויף אונזער נעצהויט און לאזען זיך דייטליך אונטערשיידען, נאר א דאנק די בעוועגונגען פון אונזערע אויגען און האלזמוסקעלן, — אז די בילדער זענען די בעוועגונגען פון געזעהענעם געגענשטאנד, און גערונצעלטע ברעמען מיט פערמאכטע פויסטען ביי א מענשען זענען א אויסדריק פון צארן און כעס.

דער מאלער האפט ארויס יענעם אפטישען סמן, וועלכער דריקט אויס, צום ביישפיעל, כעס, פרייד, שמערץ אדער פערגניגען און ריכטיג אבבילדענדיג איהם, רופט ער ארויס אין אונז די פארשטעלונג, אז ער האט אבגעמאלט די שטימונגען אליין, וועלכע קענען גאר אין דער ווירקליכקייט נישט געמאלט ווערן.

פון דעם אלעמען, וואס מיר האבען שוין דא געזאגט, קען מען ארויסדרינגען די גרענעצען פון דער מאלעריי-קונסט. די דאזיגע קונסט איז קודם כל א היסטארישע, ד. ה. זי איז אימשטאנד צו שילדערן נאר יענע געשעהענישען, וועלכע מיר האבען שוין געזעהען אמאל אין דער אדער אין א עהנליכער פארם, ד. ה. אזעלכע, וועלכע בעזיצען די אונז-בעקאנטע סמנים. אויב דער מאלער האלט אונז אבגעמאלט אזעלכע געשעהענישען, וועלכע זענען אונז פאלשטענדיג פרעמד, וואלטען מיר געהאט פאר זיך אזא אפטישע ערשיינונג, וועלכער מיר וואלטען גארנישט אימשטאנד זיין זיך צו צו ערקלערן. אונזער נעצהויט וואלט געקריגען אזעלכע איינדריקע, צו וועלכע דער זכרון און דער פערשטאנד וואלטען גארנישט קענען געבען, און דאס בילד וואלט בלייבען בלויז א עמפפינדליכער איינדריק, וועלכער רופט נישט ארויס קיין שום פארשטעלונג, — יענע פארשטעלונג, וועלכע דער קינסטלער איז נישט אימשטאנד צו בעשאפען מיט זיין קונסט. ער קען זיי נאר ארויסרופען אין אונז, און אונזער אייגענער גייסט דארף זיי אויסארבייטען אויף דעם יסוד פון די רמזים, וואס דער קינסטלער האט אנגעגעבען אינ׳ם בילד.

און נאָך וואָס: די מאָלערײַ־קונסט איז נישט אימשטאַנד איי־בערצוגעבען בעזונדערע גײַסטיגע פּראָצעסען; זי איז נישט אימשטאַנד אויסצודריקען, למשל, אַזאַ מין געדאַנק: „איך בין נישט צופריעדען דערמיט, ווי איך האָב פערבראַכט די לעצטע צעהן יאָהר, און בעזונדער נישט צופריעדען בין איך פון דער פּראָפעסיע, וואָס איך האָב זיך אויסגעקליבען". זי קען נאָר דעם אַלגעמיינעם געפיהל אויסדריקען: „איך בין נישט צופריעדען". פאַרוואָס? ווייל די אונצופריעדענהייט אין אַלגעמיין האַראַקטעריזירט זיך מיט אויסערליכע סמנים, מיט אַ בעשטימטען געזיכטס־אויסדריק, מיט אַ בעשטימטער פּאָזע, דאַן ווען די אונצופריעדענהייט מיט דער פּראָפעסיע אָדער מיט אַ בעשטימטען פעריאָד פון לעבען צייכענט זיך נישט אויס מיט קיינע בעזונדערע, נאָר איהם אַליין אייגענטימליכע אָפּטישע סמנים.

מיט די דאָזיגע גרענעצען פון דער מאָלערײַ איז פערבונדען אויך דאָס, וואָס די דאָזיגע קונסט איז אַ ריין עמאָציאָנעלע און קען קיינמאָל נישט זיין קיין קאָגניטאַציאָנעלע. עטוואָס אַזוינס וואָס איז אינגאַנצען נײַ, וואָס איז ריין פערזענליך און נישט פערבונדען מיט קיין בעקאַנטע זאַך — איז פאַר איהר נישט צוגענגליך. די געניאַליטעט פונ׳ם מאָלער דריקט זיך אַלזאָ אויס, ערשטענס, אין דעם, וואָס זי געפינט זאָגאַר אין חי סאַמע פערוויקעלטסטע ערשײַנונגען יענע אָפּטישע סמנים, וועלכע זענען אייגענטימליך נאָר זיי אַליין און נישט קיין אַנדערע און וועלכע פאָדערן זעהר אַ טיפע און איידעלע אַנאַליזע; צווייטענס, אין דעם, וואָס זי איז אימשטאַנד מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט איבערצוגעבען די אַרויסגעהאָפּטע סמנים, און, דריטענס, אין דעם, וואָס זי קלײַבט אויס פאַר דעם געגענשטאַנד פון איהר שילדערונג אַ וויכטיגע געשעהעניש.

דאָס בלויזע טאַלאַנט אָדער גאָר די טאַלאַנטלאָזיגקייט וועט זיך קיינמאָל נישט פערגלײַכען מיט דער געניאַליטעט, ווייניגסטענס אין די ערשטע צוויי פּונקטען, ווייל זיי זענען נישט אימשטאַנד פונאַנדערצונעהמען די ערשײַנונגען, אַרויסצוהאָפּען פון זיי די וויכטיגסטע אָפּטישע סמנים און זיי ווידער דערנאָך האַראַקטעריסטיש איבער־צוגעבען; אַלץ, וואָס זיי קענען, איז נאָר דאָס: נאָכאַהמען די מאָלע־רישע ערשײַנונגס־אַנאַליזע פון דער געניאַליטעט.

מיר זעהען אַלזאָ, אַז די מאָלערישע געניאַליטעט איז צוזאַמענ־

געזעצט פון די דאָזיגע איינפאַכע יסודות: אַ זין אָדער אַ חוש פאַר פאַרבען; די פעהיגקייט אָבצוטיילען אין אַ ערשיינונג דאָס, וואָס די אויגען זעהען ווירקליך, דערפון, וואָס עס גיט צו די גייסטיגע טעטיגקייט, און ענדליך די פעהיגקייט פונאַנדערצונעהמען אַ קאָמפּליצירטע ערשיינונג און אַרויסצוהאַפּען פון איהר די נאָר איהר אַליין אייגענטימליכע זיכטבאַרע (אָפּטישע) סמנים, וועלכע גיבען די מעגליכקייט זיי גלייך און ריכטיג צו ערקלערן. די ביידע ערשטע פעהיגקייטען זענען נידריגע און אויטאָמאַטישע; דאָס בעזיצען זיי גיט קיין שום רעכט נישט אויף דעם טיטול „געניע". די דריטע דאַגעגען פאָדערט שוין דעם אַנטייל פון די העכערע צענטערן און מאַכט נויטהוענדיג אַ נייע, זעלבסטשטענדיגע טעטיגקייט, — די טעטיגקייט פון אויסגעפינען די האַראַקטעריסטישע אָפּטישע סמנים, וועלכע זענען ביז אַהער פון קיינעם נישט בעמערקט געוואָרען. די אַלע דריי פעהיגקייטען זענען נישט שטענדיג פעראייניגט און ענטוויקעלט אין דער זעלביגער מאָס; און די פיזיאָנאָמיע פון דער קינסטלערישער געניאַליטעט איז אָבהענגיג דערפון, וועלכע פון די דריי פעהיגקייטען ס'איז מעהר און שטאַרקער ענטוויקעלט. אַנאַליטישע פעהיגקייט, גענויאיגקייט און פאַרבען-זין אין אַ כמעט גלייכער פאָלקאָמענהייט גיבען אַ ראַפאַעל; אַ דאַנק די דאָזיגע פעהיגקייטען שאַפט מען אַ סיקסטינישע מאַדאָננע, וועלכע גיט איבער די סאַמע וויכטיגסטע און אַממעהרסטען האַראַקטעריסטישע שטריכען פון יענער ערשיינונג, וועלכע רופט אַרויס אין'ם מאַנספּערזאָן (אין דער פרוי וועניג, און אין דעם האַלב-ענטוויקעלטען אינדיווידואום גאָרניט) די מעכטיגסטע עמאָציעס, די עמאָציעס פון פאָלקאָמענער שענקייט און ריינער ווייבליכקייט; וועלכע רעגט אויף זיינע געשלעכטס-צענטערן און בעפרידיגט זיינע געירשה'נטע נייגונגען צו מיסטיציזם; דערצו נאָך מאַכען די צייכנונג און די פאַרבען דעם איינדריק פון אמת און איהר פאַרבענשטימונג, ד. ה. איהר פאַרבענצוזאַמענשטעלונג ווירקט זעהר אָנגענעהם אויף דעם חוש הראיה.

מוריללאָ און וועלאַסקעץ בעזיצען אויך אַזוי פיעל אַנגענעהמעס אין זייער פאַרבענשטימונג און נאָך מעהר אָפּטישען אמת, און פונדעסטוועגען רופען זיי פאָרט נישט אַרויס אין אונז יענע עמאָציעס, ווייל דער אינהאַלט פון זייערע בעדייטענדסטע ווערק ווענדעט זיך נישט צו אַזעלכע צוויי מעכטיגע געפיהלען, ווי עס

זענען דער געשלעכטס־אינסטינקט און די נייגונג צו מיסטיציזם, נאָר צו איינעם פון די ביידע, אָדער צו דער איינפאַכער נײַגעריגקײַט, צו דעם מעהר אָדער ווייניגער איבערפלעכליכען אַנטייל אין וועלכער ס'איז מענשליכער געשעהעניש. (איך רעד נישט דאָ וועגען מורילאָ'ס מאַדאָנע'ס, ווײַל איך רעכען זיי נישט פאַר זײַנע בעסטע שעפּפונגען, נאָר וועגען זײַנע עפּישע בילדער אין דער קאַרידאַד.*) פאַרבענרייץ אין דער פעראייניגונג מיט ווייניגער אמת און דער פעהיגקײַט אַרויסצורופען נישט קיין אַלגעמיין־מענשליכע, נאָר נאַציאָנאַלע עמאָציעס, גיעבען אַזאַ קינסטלער, ווי פאַאָלאָ וועראָנעזע; אמת און אַ בעדײַטענדער אינהאַלט אָהן אַ בעזונדער פאַרבענשענהײַט גיעבען אַ קאָרנעליע אָדער אַ פײַערבאַך. קיים פעהלט די העכסטע קינסטלערישע פעהיגקײַט, ד. ה. די פעהיגקײַט איבערצוגעבען די האַראַקטעריסטישסטע, אינערליכסטע שטריכען פון בעדײַטענדע ערשײַנונגען און געשעהענישען, נאָר ס'איז פינדעסטוועגען פאַרט פערהאַן אָפּטישער אמת און אַ אויסערגעוועהנליכער פאַרבען־זין, קומט אַרויס אַ קינסטלער פון דעם סאָרט ווי מייסאָניע אָדער גאָנדעקוטער. זיי שאַפען עטוואָס אַזוינס, וואָס איז איבעראַשענדשען, זיי רופען אָבער קיינמאָל נישט אַרויס קיין טיעפע עמאָציעס; די דאָזיגע קינסטלער קען מען שוין נישט אָנרופען מיט דעם טיטול געניע. אַ שטאַרקע איבערגעוויכט פון דער פעהיגקײַט ריכטיג צו זעהען און איבערצוגעבען געגענשטאַנדען, בײַ אַ נישט־וויכטיגער אָדער אינגאַנצען פעהלענדער ענטוויקלונג פון דער העכערער אַנאַליזירונגס־פעהיגקײַט און פון פאַרבען־רייץ, גיעט אַ קורבע, די בילדער פון וועלכען עס וואָלטען נישט פערדיענט קיין אויפמערקזאַמקײַט נישט צוליעב זייערע פאַרבען און נישט צוליעב זייער אינהאַלט, ווען זיי וואָלטען נישט זײַן אויף אַזוי פיעל אָפּטיש אמת, ווען זיי וואָלטען נישט אַרויסרופען אינ'ם צושויער קיין פאָלקאָמענע איללוזיע.

דאָ קומען מיר שוין צו כמעט ביז דער פאָטאָגראַפיע, מיט דעם קליינעם אונטערשיעד נאָר, וואָס די פאָטאָגראַפיע גיט איבער אַלע אָפּטישע סמנים פונ'ם געגענשטאַנד — ביז זײַן פאַרב —, וועהרענד קורבע מיט זײַנע העכערע צענטערן פערהאַלט דאָס ביל בײַ זײַן אונבעוואוסטזיניגען איבערגאַנג פון דער נעצהויט צו דער

*) אַ שפּיטאָל מיט אַ בילדער־גאַלעריע אין שפּאַניען.

צייכנענדער האַנד, פערניכטענדיג דערביי געוויסע ניט וויכטיגע שטריכען און איבערגעבענדיג נאָר די סאַמע האַראַקטעריסטישסטע סמנים. דער בלויזער פאַרבענזין אַליין, ענדליך, גיט אַ מאַקאַרט, וועלכער קען צוזאַמענשטעלען אַנגענעהמע פאַרבען איינע נעבען דער אַנדערער, אַט אַזוי ווי דער אויסטראַלישער קראַגען-פויגעל קען צוזאַמענלעגען זיינע פעדערן, וועלכער אָבער בעזיצט נישט די פעהיגקייט נישט אָפּטישריכטיג אַרויסצוהאַפּען און איבערצוגעבען געגענשטאַנדען און נישט אָבצומאָלען וויכטיגע געשעהענישען אָדער ערשיינונגען אין זייערע אייגענטימליכסטע שטריכען, אַזוי אַז זיי זאָלען אַרויסרופען די זעלביגע עמאָציעס, וועלכע עס רופט אַרויס די ערשיינונג אַליין אָדער דאָס געשעהעניש. אָנרופען אַזאַ קינסטלער ווי מאַקאָרט מיט דעם נאָמען געניע וואָלט מען געקענט נאָר אין דעם פאַל, ווען מיר וואָלטען בעשליעסען ביי זיך אַזוי אָנצורופען אויך דעם אויסטראַלישען-קראַגען-פויגעל.

---

## XII.

וועגען דעם אַרטיסט וועט אונז נישט אויסקומען קיין סך צו רעדען. זיין אייגענאַרטיגע פעהיגקייט איז געבויט אויף דער דורך בעזונדער פלייס און איינאיבונג ערדרייכטער ענטוויקלונג פון אַזעלכע אָרגאַנישע אייגענשאַפטען, וועלכע עס בעזיצען נישט נאָר אַלע מענשען, נאָר אויך די העכערע בעלי-חיים, — איך מיין די נאָכאַהמונגס-פעהיגקייט און די זיך ענדערנדע ווירקונג פון די פאָרשטעלונגען אויף די בעוועגונגען און פון די בעוועגונגען אויף די פאָרשטעלונגען. וועגען דער נאָכאַהמונגס-פעהיגקייט דאַרף איך גאָרנישט אָנהויבען צו רעדען. יעדערער ווייס, וואָס דאָס איז אַזוינס. וועגען דער געגענזייטיגער השפעה אָבער פון די פאָרשטעלונגען אויף די בעוועגונגען און פערקעהרט דאַרף מען יאָ רעדען עטליכע ווערטער. אַלע אויסערליכע איינדריקען, וועלכע ווערן איבערגעגעבען דורך די עמפּפינדונגס-נערוועען אין הויש השדרה אָדער אין די מאַרך-צענטערן, רופען אַרויס אין זיי אַנ'אַרבייט, וועלכע קומט צו צו דער עמפּפינדונג פון אונזערע חושים אין דער געשטאַלט פון בעוועג=

גונגס=אימפולסען. מיר דערמאהנען דא פערביילויפענדיג, אז אין יענעם פאל אפילו, ווען דער אויסערליכער איינדריק רופט ארויס, ווי ס׳דאכט זיך, נאר א בעוואוסטזיניגע גייסטיגע ארבייט — א געדאנק — אדער א אונבעוואוסטזיניגע אויטאמאטישע ארבייט פון די העכערע צענטערן — א עמאציע —, און נישט קיין שום בעוועגונג, — בעקומט זיך פונדעסטוועגען אלץ א שוואכער בעוועגונגס=אימפולס, וועלכער קען אויפגענומען ווערען פון בעזונדער עמפפינדליכע סוביעקטען, אט אזעלכע, ווי ס׳זענען, צום ביישפיעל, די בעוואוסטע „געדאנקען=לעזער“.

אט לאמיר נעהמען עטליכע גראבע, פשוט׳ע און דעריבער אויך דייטליכע ביישפיעלען. די עמפפינדונגס=נערווען פון א פינגער, ביי א אונפארזיכטיגער צוריהרונג צו א הייסען אייזען, גיבען איבער דעם הויט השדרה און דעם מארך פון קאפ אזא איינדריק, וועלכער ווערט אויפגענומען אין די נידריגע צענטערן פון הויט השדרה אין דער געשטאלט פון א געפאהר בכלל, און אין די העכערע מארך=צענטערן אלס א בעשטימטען וועהטאג פון אפבריהען זיך. דער צענטער פון הויט השדרה רופט זיך אב אויף דעם מיט א בעוועגונגס=אימפולס צו די האנד=מוסקעלן, וואס עס רופט ארויס דעם שנעלען טרייסלען זיך פון די הענד, און דער מארך=צענטער רעאגירט אויף דעם מיט א בעוועגונגס=אימפולס צו די געזיכטס=אטעם= און האלז=מוסקעלן, וועלכער ברענגט ארויס א שמערצליכע גרימאסע אויפ׳ן געזיכט און א געשריי. די עמפפינדונג אדער די פארשטעלונג פון א בראנד=וועהטאג האט אלזא ארויסגערופען בעשטימטע בעוועגונגס=אימפולסען. און פערקעהרט ווידער, אט די זעלביגע בעוועגונגען, ד. ה. דאס פלוצלונגע צאפלען זיך פון די הענד, די שמערצליכע גרימאסע אויפ׳ן געזיכט און דאס געשריי, וואס ווערט ארויסגערופען דורך דער שטארקער צוזאמענציהונג פון די צווישען=ריפען=מוסקעלן, ביי דער ענטשפרעכענדער האלטונג פון די האלז=מוסקעלן, — די זעלביגע בעוועגונגען רופען ארויס אין די הויכע מארך=צענטערן די עמפפינדונג אדער די פארשטעלונג פון א פלוצלונגען וועהטאג אין האנד.

יעדער איינציגער קען מאכען די פאלגענדע פראבע: זאל ער פריהער גענוי בעשטימען, אין וועלכע אויסערליכע בעוועגונגען דריקט זיך אויס ביי איהם דער גייסטיגער צושטאנד פון א טיעפען טרויער,

למשל; אין אראבלאזען דעם קאפ, אין א געוויסער אינטאנאציע ביים רעדען, אין א בעשטימטער מינע אויפ'ן געזיכט, אין וויינען א. א. וו.; דערנאך זאל ער אט די אלע בעוועגונגען פינקטליך נאכמאכען, און צו זיין גרויסער ערשטוינונג, וועט ער גלייך דערפיהלען, אז איהם בעהערשט א טיעפער טרויער. ער בעמערקט דאן, אז עס ווייזען זיך זאגאר יענע בעגלייטער פון דער שטימונג, וועלכע קענען גארנישט ווילקירליך ארויסגערופען ווערן, ווייל זיי שטעהען נישט אין קיין פערבינדונג מיט בעוועגונגען פון די קווער-געצייגענע מוסקעלן; עס וועלן זיך אלזא ווייזען ביי איהם טרערען, אומעטיגע געדאנקענפערבינדונגען, פאנטאסטישע בילדער א. א. וו.

מ'דארף שטענדיג געדענקען, אז די נערוועו, וואס געהען פון די פעריפעריען (קערפער-גרענעצען) צו די צענטערן, דאן ווייטער אט די צענטערן אליין און די נערוועו, וועלכע ציהען זיך פון די צו אנדערע צענטערן אדער צו אנדערע מוסקעלן, בילדען אלע צוזאמען איין אלגעמיינעם אפאראט, די פערבינדונגען פון וועלכען עס זענען ארגאניש אדער אויטאמאטיש געווארען, און אז דער דאזיגער אפאראט טוט זיין אויטאמאטישע ארבייט אליך איינס, אין וועלכען ארט מ'זאל איהם נישט ברענגען אין בעוועגונג, אין דער ריכטיגער אדער אין פערקעהרטער ארדנונג, פון פארשטעלונגען צו בעוועגונגען אדער פון בעוועגונגען צו פארשטעלונגען. מיט דער הילף פון דעם דאזיגען מעכאניזם ערפילט דער ארטיסט זיין אויפגאבע, וועלכע בעשטעהט אין דעם, צו געבען דעם צושויער די מעגליכקייט צו עמפפינדען די גייסטיגע שטימונגען פון דער פערזאן, וועלכע דער ארטיסט שטעלט פאר מיט זיך אויף דער סצענע. ער קאן צוקומען צו דעם דאזיגען ציעל דורך צוויי וועגען, א בעוואוסטזיניגען און א נישט-בעוואוסטזיניגען. בעוואוסטזיניג קאן ער פינקטליך און שארף בעאבאכטען, מיט דער הילף פון וועלכע מוסקול-בעוועגונגען, ד. ה. זשעסטען, מינעס און שטים-בייגונגען, עס דריקען זיך אויס גייסטיגע שטימונגען, אזעלכע, למשל, ווי פרעהליכקייט, אויפגערעגטקייט, טרוימעריי, ביי מענשען מיט פערשיעדענע טעמפעראמענטען און ארגאניזאציעס: ביי רוהיגע און נערוועזע, ביי גוט-ערצויגענע און פראסטע, און דאן זעהן שטארק אנשטרענגען דעם ווילען און איבערגעבען אט די אלע בעוועגונגען. אדער ער קאן זיך פארשטעלען א בעשטימטען גייסט-צושטאנד בכלל און מיט דער הילף

פון געהיסע בעוועגונגען, וועלכע ווערען געוועהנליך ארויסגערופען דורך אזא צושטאנד, איהם פערשטארקען. די דאזיגע בעוועגונגען ווידער פון זייער זייט ווירקען אויף דער פארשטעלונג און מאכען זי אויף אזוי פיעל לעבעדיג, אז זי גיט ארויס, אונבעוואוסט און אויטאמאטיש, די אלע בעוועגונגס-אימפולסען, צו וועלכע ער איז צוגעוועהנט, ווילענדיג אדער נישט ווילענדיג.

די ערשטע מעטאדע איז א שווערע און נישט קיין זיכערע. זי פאדערט פון דעם ארטיסט די זעלביגע פעהיגקייט צו בעאבאכטען און אנאליזירען די ערשיינונגען, וועלכע מיר האבען שוין אנערקענט אלס נויטווענדיג פאר דעם מאלער. דער בעוואוסטזיניג-נאכאהמענדער ארטיסט מוז טאקי ווירקליך בעאבאכטען די גייסטיגע שטימונגען, וועלכע ער וויל איבערגעבען; קיין איינציגער פון זייערע אויסערליכע האראקטעריסטישע שטריכען טאר זיך נישט ארויסגליטשען פון אונטער זיין בליק; ער קאן נישט, ווי דער מאלער, זיך בעגרענעצען בלויז מיט די אפטישע סימנים פון דעם געגענשטאנד אדער פון דער ערשיינונג, און מוז נעהמען אין בעטראכט אויך דעם שטימענקלאנג זייערען. אויב ביי איהם אין זכרון לעבט נישט דאס בילד, וועלכעס ער וויל איבערגעבען, אדער אויב ער האט עס נישט גענוג אויפמערקזאם בעאבאכטעט, וועט די נאכאהמונג זיין נישט געשיקט און נישט פאלשטענדיג און וועט נישט מאכען דעם איינדרוק פון אמת.

די צווייטע מעטאדע, דאגעגען, איז לייכט און זיכער. אזוי ווי איינפארמיגע גייסטיגע שטימונגען דריקען זיך אויס ביי אלע מענשען אין די זעלביגע אויסערליכע בעוועגונגען, אין ערגסטען פאל נאר מיט א גאנץ קליינעם אינדיווידועלען אונטערשיעד, און דער ארטיסט איז דאך אויך א מענש, איז גענוג פאר איהם איין מאל נאר ארויסצורופען אין זיך אזא מין גייסטיגע שטימונג, אום צו קאנען שוין דערנאך גאנץ רוהיג לאזען ארבייטען איהר, דער שטימונג, אליין. קוים האט ער זיך נאר געמאכט, למשל, פאר א כעסן, פאר א אומעטיגען אדער פאר א משוגע'נעם, וועלען זיך שוין ארויסווייזען אין איהם די אלע איינענטימליכע סימנים פון דעם צושטאנד, און ער וועט שוין כסדר מאכען די אלע בעוועגונגען, וואס עס מאכט געוועהנליך א מענש, געפינענדיג זיך אין אזא צושטאנד; ער וועט וויינען, לאכען, קריצען מיט די צייהן, טופען מיט די

פּיס און אַזוי ווייטער, און דער פולער מענשליכער אמת פון דער נאָכאַהמונג וועט ערדיכט זיין. דאָס בענוצען זיך מיט דער מעטאָדע פּאָדערט פון דעם אַרטיסט נאָר דאָס אייִנציגע: אַ לייכטען, נישט קיין פעסטען גלייכגעהיכטס־צושטאַנד פון די מאַרך־צענטערן. פעסטע שטימונגען, שטאַרקעס בעהאוסטזיין, אָריגינעלע פּערזענליכקייט א. אַז. וו. — דאָס אַלץ פּאַרט זיך נישט מיט דער אַרטיסטישער אַרבייט. די קאָנטעמפּלאַציאָנעלע טעטיגקייט פון די העכערע צענטערן דאַרף נישט איבערוועגען די עמאָציאָנעלע און דאַרף זיך נישט אַריינמישען אין איהר אויטאָמאַטישער אַרבייט. דער אויסגעצייכענטער אַרטיסט איז ווי אַ ביקס מיט אַ אונגעוועהנליך־לייכטען דריק־קנאָפּ. אַזוי ווי דאָס מינדעסטע צוריהרען זיך צו דעם קנאָפּ רופט אַרויס דעם שאָס, אַזוי רופט אַרויס דער שוואַכסטער אויסערליכער איינדרוק ביי דעם גוטען אַרטיסט יענע גייסטיגע שטימונג, וועלכע ער וויל איבערגעבען, און וועלכע האָט זיך שוין ביי איהם אויטאָמאַטיש אויסגעגאָסען אין אַ בעשטימטער אויסערליכער פאָרם.

עס איז קלאָר, אַז אַזאַ מין פערהאַלטען זיך קאָן מען ערוואַרטען נאָר פון דעם מענשען, ביי וועלכען די מאַרך־צענטערן זענען געוועהנליך מיט קיין זאַך נישט פערנומען, ברענגען נישט אַרויס קיין אָריגינעלע דענקענס־אַרבייט און רעאַגירען דעריבער אויף אַלע איינדריקע מיט צוגעפּאַסטע שטימונגען און פאָרשטעלונגען. הייִנט וואו־זשע איז דאָ פאַרהאַן אַ פּלאַץ פאַר געניאַליטעט?

די דענקענדע בעאָבאַכטונגס־פעהיגקייט און די בעוואוסטזיניגע נאָכאַהמונג שאַפען ערשט נאָר אַ אַרטיסט פון צווייטען ראַנג. דאַגעגען ווידער די סאַמע פעהיגסטע, ריכטיגסטע און אַמשטאַרקסטען ווירקענדע מענשען־פאָרשטעלער דאַרפען זיין מענשען מיט שוואַכערע פעהיגקייטען, מיט אַ פּוסטען בעוואוסטזיין און אַ שוואַכער אינדיווידואַליטעט; זייערע צענטערן דאַרפען בעזיצען די קראַנקהאַפטע פעהיגקייט אונגעוועהנליך שנעל איבערצוגעהן צו אַ אויטאָמאַטישער טעטיגקייט.

האַראַקטעריסטיש איז אויך דאָס, וואָס די פיזישע שענקייט און די אַנגענעהמליכקייט פון דער שטימע, ד. ה. די ניעדריגערע אָרגאַנישע איינגענשאַפטען, דיענען אַלס נויטווענדיגע בעדינגונג פאַר דעם ערפאָלג פון דעם בעגאַבטען אַרטיסט! דער גוטער אַרטיסט בעזיצט די פּסיכישע אָרגאַניזאַציע פון אַ קינד אָדער פון אַ ווילדען;

די אָבהאַלטונגס־טעטיגקייט פון די צענטערן פון בעוואוסטזיין האָט ביי איהם קיין שום איינפלוס נישט אויף דער אויטאָמאַטישער אַרבייט פון די בעוועגונגס־צענטערן. די אויפגאַבע פון דער ערציהונג ביי דעם קולטור־מענשען בעשטעהט דוקא אין דעם, צו ענטוויקלען און צו שטאַרקען די דאָזיגע אָבהאַלטונגס־טעטיגקייט; אויף אונז ווירקט מען אין דער ריכטונג, מיר זאָלען נישט לאָזען אונזערע גייסטיגע שטימונגען זיך אויסדריקען אין בעוועגונגס־אימפולסען, אין געשרייען, אין גרימאַסען און פערשידענע זשעסטיקולאַציעס. און אונז גיט זיך טאַקי איין אויף אַזוי פיעל צו בעהערשען די אויטאָמאַטישע אַרבייט פון די צענטערן, אַז מיר לאָזען נישט צו קיין שום אויסדרוק פון אונזער גייסטיגען צושטאַנד אין אַ ממשות'דיגער, בולט'ער פאָרם, און ווייזען נישט אַרויס מיט קיין אויסערליכען צייכען דאָס, וואָס עס קומט פאָר אין אונזער בעוואוסטזיין. דער אַרטיסט, וועלכער האָלט ערהייכט דעם ערציהונגס־אידעאַל, וואָלט זיך מיט זיין קונסט לענגער נישט קאָנען בעשעפטיגען.

XIII.

פון דעם אַלעמען איז אַלזאָ קלאָר צו זעהן, אַז בכלל פאַסט זיך נים דער עפּיטעט געניע אין דער מוזיק — צו אַ פּיאַניסט, אין דער מאַלערי־קונסט — צו אַ מאָלער, וועלכער קאָן נאָר צוזאַמענשטעלען שענע פאַרבען, און בכלל — צו אַ אַרטיסט. די בעזונדערע ענטוויקלונג פון אַזעלכע נידעריגע צענטערן, ווי עס זענען די בעוועגונגס־ און די לופטעמפפינדונגס־צענטערן, אָדער אַ אינטענסיווע געהעריגע ווירקונג פון די בעוועגונגען און די צו זיי צוגעפּאַסטע גייסטיגע שטימונגען, גיט אויך אַזוי ווייניג רעכט אויף דעם טיטעל געניע, ווי צום ביישפּיעל, די בעזונדערע ענטוויקלונג פון דעם מוסקעל־סיסטעם אָדער פון דעם חוש הראיה. די געניאַליטעט איז געבוים נאָר אויף דער אויסערגעוועהנליכער ענטוויקלונג פון די העכערע, אויסשליסליך־מענשליכע צענטערן, די טעטיגקייט פון וועלכע עס דריקט זיך אויס אין ווילען און דענקען. דענקענס־קראַפט און

ווילען — דאָס זענען די ביידע פעהיגקייטען, די צוזאַמענזעצונג פון וועלכע עס שטעלט דעם מענשען העכער פון אַלע בעלי־חיים און די בעזונדערע ענטוויקלונג פון וועלכע עס הויבט אויף דעם געניע איבער דער מאַסע, איבער דעם המון.

וואָס הייסט עס אַזוינס דענקען? דאָס איז אַ טעטיגקייט, וואָס אַרבייט אויס זעלבסטשטענדיג נייע פאָרשטעלונגען פון די עמפפינדונגס־איינדריקע אָדער פון דער פריהערדיגער געדאַנקען־אַרבייט. דעם מאַטעריאַל, איבער וועלכען די דענקענס־קראַפט אַרבייט, בעקומט זי פון זכרון, וועלכער שעפּפט איהם פון די עמפפינדונגס־איינדריקע, און פון פערשטאַנד, וועלכער ערקלערט די דאָזיגע איינדריקע. די געזעצען, וועלכע רעגירען מיט דער דענקענדער אַרבייט, בילדען צוזאַמען דאָס, וואָס מיר רופען לאָגיק.

דער סדר איז אַלזאָ אַזוי: די עמפפינדונגס־צענטערן נעהמען אויף דעם איינדרוק פון די חושים, דער שכל ערקלערט איהם, דער זכרון היט און דערהאַלט איהם, און צום סוף קומט דאָס אורטייל אָדער די קראַפט פון דענקען און אַרבייט אויס פון איהם נייע פאָרשטעלונגען, לויט פעסטבעשטימטע רעגעלן, די רעגעלן פון דער לאָגיק, וועלכע גילטיגען זיך שוין נישט אין קיין דירעקטען איינדרוק פון די חושים. מיט אַ גאַנץ איינפאַכען משל קאָן מען דאָס אַלץ ערקלערען יענעם לעזער אפילו, וועלכער האָט קיינמאָל גאָרנישט אָנגעהויבען הערען פון דער ווויסענשאַפטליכער פסיכאָלאָגיע. מיינע חושים, מיין געפיהל און מיין געזיכט האָבען מיר אַמאָל געגעבען דעם פאָלגענדען איינדרוק: אויף מיר האָבען זיך געגאָסען טראָפּענס וואַסער און דער הימעל איז געוועזן שוואַרץ. מיין פערשטאַנד האָט צוזאַמענגעבונדען די דאָזיגע פערשיעדענע איינדריקע און האָט זיי ערקלערט אין דער פאָרם פון אַזאַ פאָרשטעלונג: עס רעגענט פון די וואָלקענס. מיין זכרון האָט אַריינגענומען און בעהאַלטען ביי זיך די איינדריקע מיט דער ערקלערונג. איצט לאָמיר אָננעהמען, אַז איך זעה אַמאָל, ווי עס ציהען זיך דיקע וואָלקענס און דערביי הזר'ען זיך די אַלע איבריגע בעדינגונגען (טעמפּעראַטור, באַראָמעטער־שטאַנד, די ריכטונג פון ווינד א. אַז. וו.) ביי וועלכע עס פאַלט אַ רעגען; דאַן קומט מיין דענקענס־קראַפט און פון די פאָרשטעלונגען, וואָס זי בעקומט פון זכרון, וועגען דער ערשיינונג פון אַ רעגען, די בעדינגונגען פון וועלכען

עס האט שוין פעסט אבגעשטימט דער שכל, — ארבייט זי אויס א נייע פארשטעלונג: „ס'וועט פאלען א רעגען", אויף דעם יסוד פון דעם לאגישען געזעץ, וועלכען מיר האבען זיך ערווארבען פון דער ערפאהרונג, ד. ה. אויפ'ן יסוד פון דעם געזעץ, אז די זעלביגע סבות ביי די זעלביגע בעדינגונגען רופען ארויס די זעלביגע רעזולטאטען. די דאזיגע נייע פארשטעלונג איז נישט קיין רעזולטאט פון וועלכען ס'איז איינדרוק, ווארום די ערשיינונג, וועלכע דארף נאך ערשט פארקומען שפעטער, קאן דאך נישט מאכען קיין איינדרוק אויף די חושים שוין.

אז דאס אורטייל שטעהט אין א פערבינדונג מיט דער טעטיגקייט פון איינעם פון די ארגאנען אדער פון די מארך־צענטערן און שטעלט נישט פאר מיט זיך קיין ערשיינונג, וואס שטעהט אויסער דער מאטעריע, ווי עס נעהמט אן דער גרויסער און טיעפער דענקער וואונדט, זעהט מען שוין דערפון, וואס ביי א אפטער ווידערהאלונג ווערט עס ארגאניזירט, ד. ה. עס ווערט, ווי יעדע אנדערע טעטיגקייט פון חוט השדרה און פון די מארך־צענטערן, אויטאמאטיש אין דעם איינצעלנעם וועזען, און דערנאך, א דאנק דער ירושה־קראפט, גערט דער דאזיגער אויטאמאטיזם איבער אויך אינ'ם געשלעכט.

זיך אומקעהרענדיג צו אונזער איינפאכען משל, זעהען מיר, אז אויך יענע בעלי חיים, וועלכע שטעהען אויף זעהר א נידריגער ענטוויקלונגס־שטופע, בעזיצען די פעהיגקייט זיך צוזאמענצושטעלען אזא אורטייל, אז עס וועט פאלען א רעגען, ווען עס זענען פארהאן געוויסע סימנים דערצו. דאס קאנען מיר שליסען דערפון, וואס איידער נאך עס הויבט אן פאלען א רעגען מאכען זיי שוין אלע געוועהנליכע פארבערייטונגען: זיי גראבען זיך איין אין דר'ערד, בעהאלטען זיך א. אז. וו. וואס מעהר פאלקאם עס איז דער דענקענס־צענטער, אלץ לייכטער קומט איהם אן אויסצוארבייטען נייע פארשטעלונגען פון דעם מאטעריאל, וועלכען עס ליעפערען איהם די חושים, דער זכרון און דער שכל, און אלץ מעהר וועלען די דאזיגע נייע פארשטעלונגען זיך דערווייטערן אין צייט, רוים און ארט פון יענע איינדריקע, וועלכע זענען אין דער אמת'ן געוועזען די ערשטע סבה פון זייער אויסבילדונג. א פאלקאמענער דענקענס־צענטער וועט זיך אויסצייכנען פון א ווייניגער פאל־

קאָמענעם דערמיט, וואָס דער לעצטער וועט זיך נישט אַזוי גערן דערוויַיטערן, ביַים אויסאַרבייַטען נייַע פאָרשטעלונגען און מיינונגען, פון די שטייַפע יסודות, אויף וועלכע עס שטיצען זיך די אַיינדריקע און די זכרונות, אין דער צייַט, ווען דער ערשטער העט מיט אַ איבערראַשענדער פרעכהייַט אויסאַרבייַטען פון די אַיינדריקע און ערינערונגען נייַע אורטיילען און וועט זיך בעגעהן מיט די דאָזיגע פראָדוקטען פון דער אייגענער שאַפונג אויך אַזוי, ווי מיט דעם מאַטעריאַל פון די אַיינדריקע, פון זכרון און פון שכל, און פון זיי וויעדער וועט ער מיט דער הילף פון די בעשטימטע לאָגישע געזעצען אַרויסברענגען נייַע, וויַיטערדיגע אורטיילען. דאָס דאָזיגע אַרויסברענגען איין אורטייל פון אַנדערן, די דאָזיגע אָנהויפונג פון נייַע פאָרשטעלונגען, וועלכע שטאַמען אַמאָל פון די סאַמע קלענסטע און שוואַכסטע אַיינדריקע, קאָן ביַי זיי ערדרייכען אַזעלכע רעזולטאַטען, וועלכע זענען גאָרנישט צוגענגליך פאַר קיין געוועהנליכען מענשען.

אום צו ערקלערען די דאָזיגע בעציהונג צווישען דעם אַיינדרוק פון די חושים און דעם אורטייל, קאָן מען זאָגען, אַז ביַי אַ מיטעלמעסיגען מענשען איז די דענקענדע טעטיגקייַט ענליך צו אַ פיראַמידע, דער פונדאַמענט פון וועלכער עס איז דער אַיינדרוק פון די חושים, און דער שפּיץ — דאָס אורטייל; ביַים געניע דאַגעגען — צו אַ אומגעקעהרטער פיראַמידע, וועלכע שטעהט אויף אַ שפּיץ פון אַיינדריקע און געהט אַלע מאָל ברייטער און ברייטער ביז צו דער דענקענס-קראַפט, ביז צום אורטייל. דאָס בעזיצען אַ מעכטיגען אורטיילס-צענטר גיט די מעגליכקייַט צו דערגעהן פון איין אַיינדרוק, פון איין בליק אָדער קלאַנג די סאַמע פערפלאָנטערטסטע צוזאַמענזעצונג פון פערשידענע ערשיינונגען; אויף דעם גרונד פון דער געגענוואַרט פאָראויסצוזעהן גאַנץ אָפט די וויַיטע צוקונפט, אויף דעם גרונד פון איין ערשיינונג צו ענטדעקען זיין געזעץ און פאָראויסצוזאָגען דעם רעזולטאַט פון דער געגענזייַטיגער ווירקונג ביַי פערשידענע ערשיינונגען נאָך פריהער איידער ער קען זיי בעאָבאַכטען; אַזאַ אורטיילס-צענטר גיט, זיך אויסדריקענדיג פאָלקסטימליך, מענשענקענטעניש, הערשאַפט איבער דער לאַגע, די זיכערסטע הערשאַפט איבער זיך אַליין און איבער אַנדערע, קלוגהייַט, דורכדרינגליכקייַט און ערפינדונגס-קראַפט.

דאָס אורטייל, ווי איך האָב עס ביז אַהער דעפינירט, איז געבוים אויף דער הנחה פון דער קוויזאַליטעט, ד. ה. אויף דער הנחה, אַז יעדע ערשיינונג האָט אַ געוויסע סבה, אַז די זעלביגע סבות ביי די זעלביגע בעדינגונגען רופען אַרויס די זעלבע ווירקונגען און אַז די גרענעצען פון די סבות שטעהען אין אַ גלייכער פערהעלטניש צו די גרענעצען פון די ווירקונגען. נאָר נאָך אַזאַ הנחה קען דאָס מאַטעריאַל, וואָס ווערט געליעפערט פון זכרון, האָבען עפּעס אַ ווערט פאַר דעם אורטייל; נאָר ביי אַזאַ בעדינגונג קען דאָס אורטייל אויסבילדען נייע פאָרשטעלונגען פון די עראינערונגס=בילדער און שליעסען פון דער פערגאַנגענהייט אויף דער צוקונפט, פון אַ נאָהנטען אויף אַ ווייטען, פון אַזוינס, וואָס קען אויסגענומען ווערען מיט די חושים אויף אַזוינס, וואָס ליעגט גאָר אויסער דעם אונמיטעלבאַרען געביט פון די חושים. איך קען מיר אָבער פאָרשטעלען אַזאַ געוואַלטיגען דענקענס=צענטר, וועלכער האָט גאָרנישט נויטיג צו זיין אַרבייט קיין שום געליעפערטען מאַטעריאַל און, פאָלגליך, אויך קיין שום סבה. אַזאַ צענטר וואָלט אימשטאַנד זיין איבערצואַרבייטען די איינדריקע פון די חושים און זיי אונמיטעלבאַר צו פערוואַנדלען אין נייע פאָרשטעלונגען, וועלכע וואָלטען זיך געשטיצט אויף דער אַנערקענונג פון אַ אייגענעם געזעץ אין יעדער נייער ערשיינונג, און זיי וואָלטען געקענט שליעסען נישט נאָר פון עראינערונגס=בילדער אויף דער צוקונפט, נאָר ווירקליך אויפשטעלען נייע, פאָלשטענדיג=אָריגינעלע בעוואוסטזיינס=צושטאַנדען, אַזעלכע, אין וועלכע ס'וואָלט זיך נישט איבערגע'חזר'ט קיין איין שוין בעקאַנטער שטריך. דאָך ווילט זיך מיר נישט דעם דאָזיגען געדאַנק ווייטער ציהען, ווייל מיר ווילט זיך האַלטען אין די ענטוויקלונגס=גרענעצען פון דער היינטיגער מענשהייט.

---

## XIV.

מיר האָבען פריהער געזאָגט, אַז אויסער דענקען, איז דער ווילען אויך איינער פון די וויכטיגסטע יסודות, אויף וועלכע ס'איז

געבויט די געניאַליטעט. וואָס איז דאָס אַזוינס ווילען? אין דעם פערשטעהן די דאָזיגע גרונד-פראַגע ערלויב איך מיר זיך פונאַנדערצוגעהן ווי מיט קאַנט'ן, פאַר דער ערדריקענדער גרויסקייט פון וועלכען איך בויג מיין קאָפּ מיט הכנעה, אַזוי אויך מיט ריבאָ'ן, די טיעפקייט און די גרינדליכקייט פון וועלכען איך בין מיט פערגניגען ברייט אנצוערקענען. ווען קאַנט ערקלערט אונז, אַז דער ווילען איז אין דער זעלביגער צייט אויך דאָס בעפעהלענדע, דאָס געזעץ און דאָס פאָלגענדע, איז עס אַ טראַנסצענדענטאַלע ערקלערונג, וואָס איז נישט דייטליכער און פערשטענדליכער, ווי די טעאָלאָגישע ערקלערונג וועגען דער איינהייט פון גאָט'ס דריי נאַטורען. ריבאָ'ס דעפיניציאָן, לויט וועלכער דער ווילען איז די צוריקווירקונג פון אונזער איך אויף די איינווירקונגען פון דער אויסערליכער וועלט, — איז צו ווייט און נעהמט איינענטליך אַרום דעם גאַנצען בעוואוסטזיין, וועלכעס, זייענדיג געבויט אויף די איינדריקע פון די חושים און בעשאַפענדיג פון זיי זיין גאַנצען אינהאַלט (איך ריהר דאָ נישט אָן די פראַגע, אויף וויפיעל מיר דאַרפען אָננעהמען אַפּריאָריסטישע פאָרשטעלונגען), איז אויך נישט מעהר ווי אַ רעאַקציע פון אונזער איך אויף די ווירקונגען פון דער אויסערליכער וועלט. די בעשטימונג אָבער, וועלכע ברענגט צו דער השערה, אַז דאָס בעוואוסטזיין און דער ווילען זענען גלייך, קען נישט זיין קיין ריכטיגע. יעדערער, ווער נאָר עס געהט אַרויס פון דעם נאַטירליך-וויסענשאַפטליכען שטאַנדפונקט, קען זאָגען צוזאַמען מיט מיר: דער ווילען איז די טעטיגקייט פון אַזאַ צענטער, די איינציגע אויפגאַבע פון וועלכען עס בעשטעהט אין דעם, אַרויסצורופען מוסקעל-צוזאַמענציהונגען, בעוועגונגס-אימפולסען.

אין פילאָזאָפישער הינזיכט איז די דעפינירונג פונ'ם ווילען נאָהנט צו דער דעפיניציע פון שאָפּענהויער'ן, וואָרום שאָפּענהויער רופט אָן דעם ווילען דאָס, וואָס פערורזאַכט בעוועגונגען, נישט נאָר ביי אַ לעבעדיגען אָרגאַניזם, נאָר אויך ביי אונאָרגאַנישע זאַכען, און אַזוי ווי יעדע ערשיינונג איז אין דער אונטערשטער שורה אָדער אַ בעוועגונג אָדער אַ ווידערשטאַנד געגען אַ בעוועגונג, ד. ה. אַ פּאַסיווע בעוועגונג, קומט דאָך אויס, אַז דער ווילען איז די נשמה פון אַלע ערשיינונגען, ד. ה. פון דער וועלט. איך געה נישט אַזוי ווייט. נישט קוקענדיג אויף דער טעאָרעטישער עהנ-

ליכקייט און זאָגאַר אויך אויף דער גליכקייט, וואָס איז פערהאַן צווישען דאָס אַראָבפאַלען פון אַ שטיין און דאָס געהן מיט די פיס פון אַ מענשען, האָבען מיר דאָך אַ גרונד אין דער פּראַקטיק אונ־טערצושיידען די דאָזיגע ביידע ערשיינונגען איינע פון דער אַנדערער און זיך נישט צו בענוצען מיט איין און דעם זעלביגען אויסדריק אויף צו בעצייכנען די סבּה, וועלכע רופט אַרויס דעם פאַל פון שטיין און דאָס, וואָס פעראורזאַכט די מענשליכע טריט.

מיר וועלען אַלזאָ אָנרופען ווילען, נאָר דער סבּה פון די בעוועגונגס־אימפּולסען ביי לעבעדיגע אָרגאַניזמען, און וועלען פער־שטעהן אונטער דעם וואָרט ווילען — אַ ערשיינונג, וואָס געהט צוזאַמען מיט׳ן לעבען. דאָס, וואָס מיר קענען אַרויסרופען מוסקעל־צוזאַמענציהונגען נישט נאָר מיט׳ן ווילען, נאָר אויך מיט דער הילף פון אַ גאַלוואַנישען שטראָם, — בעווייזט גאָרנישט געגען די ריכ־טיגקייט פון מיין ערקלערונג; וואָרום ערשטענס שליעסט דאָך קיי־נער נישט אויס די מעגליכקייט אַרויסצורופען איין און די זעלביגע ערשיינונג מיט דער הילף פון פערשידענע סבּות, און צווייטענס, בעווייזט אונז קיין זאַך נישט, אַז דער ווילען איז אויך נישט אַזאַ מין עלעקטרישע ערשיינונג. די אויסדריקע „נערווענשטראָמען“, „נער־ווען־קראַפט“ און „נערווען־פליעסיגקייטען“, רופען אַרויס די פאַר־שטעלונג, אַז דער ווילענס־צענטער איז אויך אַ געוויסער סאָרט עלעקטרישע באַטערעע, און דער בעוועגונגס־אימפּולס, וואָס ווערט איבערגעגעבען די מוסקעלן — אַ עלעקטרישער שטראָם.

אַנאַנדערער וועט אפשר וועלען מיך אָבשלאָגען און אויפ־ווייזען, אַז דער ווילען רופט אַרויס אויך אַזעלכע ערשיינונגען, וועל־כע מ׳קען נישט אָנרופען פשוט מוסקעל־בעוועגונגען; מיר מאַכען, צום ביישפיעל, געוויסע ווילענס־אָנשטרענגונגען, אום זיך עפּעס צו דערמאָהנען, און דער זכרון איז דאָך נישט קיין מוסקעל־טעטיגקייט. דערויף ענטפער איך: דער זכרון גיט זיך ווירקליך אונטער דעם ווילען נאָר זעהר נישט פאָלשטענדיג און איך גלויב, אַז דער ווי־לען ווירקט אויף דעם צענטער פון זכרון נאָר אומדירעקט, אַז ער רופט אַרויס צוזאַמענציהונגען און ערווייטערונגען, ד. ה. בעוועגונגען פון די גלאַטע מוסקעלן אין די כלים, וועלכע פיהרען אַריין דאָס בלוט אין די צענטערן פון זכרון. דורך אַ רייכערען בלוט־צופיהר ווערט דער אָרגאַן אָנגערעגט צו אַ מעהר ענערגישע טעטיגקייט און ער

קען דאַן גאַנץ אָפט צושטעלען דעם בעוואוסטזײַן דאָס פערלאַנגטע ערשײנונגס=בילד דאַן, ווען בײַ אַ שוואַכען בלוט=צופיהר און נישט אַזאַ לעבעדיגער טעטיגקײַט קען ער דאָס נישט בעווײַזען.

איך בלײַב אַלזאָ דערבײַ, אַז קײן אײנציגע פון די מיר בעהאוסטע פסיכאָ=פיזיאָלאָגישע ערפאַהרונגען איז נישט דאַגעגען דעם כלל, לויט וועלכען דער ווילען איז די טעטיגקײַט פון אַ אָרגאַן, וואָס רופט אַרויס בעוועגונגס=אימפולסען. אונז בלײַבט צו ענטפערן נאָר אויף די פראַגען: ווי אַזוי פעראורזאַכען עס די פון ווילען אַרויסגערופענע אײנפאַכע בעוועגונגס=אימפולסען ציעלמעסיגע בעהעגונגען און ווי אַזוי ווערט עס דער ווילען אַלײן אָנגערעגט צו זײַן ספּעציפישער טעטיגקײַט. אַ ענטפער אויף די פראַגען געפינט מען, ווען מ'פערגעסט נישט, אַז דאָס לעבען בכלל איז זעהר אַ צוזאַמענגעזעצטע ערשײַנונג און אַז יעדע העכערע לעבענס=טעטיגקײַט ווערט אויסגעאיבט נאָר אַ דאַנק דעם צוזאַמענווירקען פון פערשידענע אָרגאַנען. דער ווילען רופט אַרויס נאָר צוזאַמענציהונגען פון די מוסקעלן און נישט מעהר. נאָר די קאָאָרדינירענדע (אײנאָרדנענדע) צענטערן נעהמען אויף דעם אימפולס און גיעבען איהם איבער יענע מוסקעלן, וועלכע דאַרפען זיך צוזאַמענציהען, אום דורכצופיהרען די געמײנטע צוועקמעסיגע בעהעגונגען און דאָס נישט נאָר אין דער פערלאַנגטער פאָרם, נאָר אויך מיט דער פערלאַנגטער קראַפט. די קאָאָרדינאַציאָנס=צענטערן שפּיעלען אַלזאָ אין דער בעציהונג צום ווילען די זעלבע ראָליע, וואָס עס שפּיעלען אין דעם עלעקטרישען אַפּאַראַט די קאָמוטאַטאָרען, רעלע'ס און ווידערשטאַנדען אין דער בעציהונג צו דער באַטערעע. ווער אָבער האָט עס אויסגעלערנט די קאָאָרדינאַציאָנס (אײנאָרדנונגס)=צענטערן צו דערקענען, וועלכע מוסקעלן גראַדע עס דאַרפען זיך צוזאַמענציהען, אום דורכצופיהרען אַ בעשטימטע בעוועגונג אין דער פערלאַנגטער פאָרם און מיט דער פערלאַנגטער קראַפט? די ערפאַהרונג פון דעם אײנצעלנעם וועזען און פון דעם גאַנצען געשלעכט פון דעם טאָג, וואָס זײ זענען ענטשטאַנען, די ערפאַהרונג, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרען און ווירקט אויטאָמאַטיש, ווי אַזוי ווערט עס דער ווילען אָנגערעגט צו זײַן ספּעציפישער טעטיגקײַט? דורך דער מיטווירקונג פון אַלע אַנדערע צענטערן, דורך דער אינדוקציע, וואָס איך, בענוצענדיג זיך מיט אַ האָרט פון דער עלעקטריציטעטס=

בענשאַפט. אַ בלויזער אײנדרוק פון די הױשים קען אנרעגען דעם װילען אויך אהן דער מיטווירקונג פונ'ם בעוואוסטזײַן און אַרויסרופען בײַ איהם דעם בעװעגונגס-אימפולס; אין דעם פאַל קומט פאָר אַ רעפלעקטיװע בעװעגונג, װעלכע װערט פאַלש אנגערופען „נישט-װילענדיג". נישט-װילענדיג, ד. ה. נישט אנגערעגט פון װילען און נישט איהם אונטערגעװאָרפען, איז עס נישט; דאָס איז נאָר נישט בעװאוסטזיניג.

די אויטאָמאַטישע טעטיגקײַט פון די העכערע צענטערן, ד. ה. די עמאָציעס, װירקען אויך אָנרעגענד אויפ'ן װילען. די דאָזיגע סבה פון אַ װילענס-האַנדלונג קומט צו צום בעװאוסטזײַן מיט דער איבענגעשילדערטער האַלבדײַטליכקײַט, װעלכע געהט צוזאַמען מיט די עמאָציעס. ענדליך קען די זעלבסטשטענדיגע, נײַע, נישט אָרגאַניזירטע טעטיגקײַט פון בעװאוסטזײַן, ד. ה. די קאָגיטאַציע אָדער דאָס אורטײל אויך פעראורזאַכען אַ װילענסאַרבײַט. דאָס אורטײל אַלײן „װיל" נישט; עס אַרבײַט נאָר אויס אַ פאָרשטעלונג פון װעלכע ס'איז אײנפאַכער אָדער צוזאַמענגעזעצטער בעװעגונג, װעלכע זעהען איהם אויס צװעקמעסיג אין דער אָנגעגעבענער לאַגע. אויב דאָס איז אַ אָרגאַניזם אַ פאָלשטענדיג געזונדטער, אַ רעגעלמעסיג ענטװיקעלטער און אַזאַ, װאָס געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון פולער גלײַכגעװיכט, איז די דאָזיגע פאָרשטעלונג גענוג פאַר איהם, אום אָנצורעגען דעם װילענס-צענטער ער זאָל אַרויסגעבען אַ בעװעגונגס-אימפולס. דאָס, אַז די בעװעגונג איז שוין אויסגעאַיבט געװאָרען, קומט אויך צו צום בעװאוסטזײַן ערשט נאָר דורך פון די איהם געמעלדעטע אײַנדריקע פון דעם מוסקעל-געפיהל.

דער פּראָצעס איז אַלזאָ אַזוי: דאָס אורטײל אַרבײַט אויס בעװעגונגס-פאָרשטעלונגען, דער װילען גיט די אימפולסען צו זײ, די קאָאָרדינאַציאָנס-צענטערן פערטײלען די אימפולסען צװעקמעסיג, און דאָס מוסקעל-געפיהל טײלט מיט דעם מאַרך װעגען דער פאָרגעקומענער בעװעגונג. בעװאוסטזיניג זענען נאָר דאָס אָנהויב און דער סוף פון דעם פּראָצעס: די בעװעגונגס-פאָרשטעלונגען, װאָס װערן אויסגעאַרבײַט דורכ'ן אורטײל, און דאָס בעװאוסטזײַן פון דער אויסגעאיבטער בעװעגונג. די אַלע צװישענפּראָצעסען גליטשען זיך אַרויס פון בעװאוסטזײַן. עס װײס גאָרנישט װעגען דעם, װי אַזוי די בעװעגונגס-פאָרשטעלונגען זענען פערװאַנדעלט געװאָרען אין בעװעגונגען.

די נישט גענײַע באָבאַכטונג אָבער האָט פֿערדונקעלט דעם דאָזיגען אַזוי אײַנפֿאַכען און קלאָרען גאַנג פֿון די אָרגאַנישע אַקטען. אַזוי ווי די בעוועגונגס־פֿאָרשטעלונגען און די אויסגעאיבטע בעוועגונגען קומען דאָך צו צום דעם מענשליכען בעוואוסטזײַן, האָבען זיי דעם ווילען אַלײַן אויך צוגערעכנט צום בעוואוסטזײַן. די ערפֿאַהרונג אָבער לעהרנט, אַז נאָך דער סאַמע לעבעדיגסטער בעוועגונגס־פֿאָרשטעלונג אפילו קומט אויך נישט שטענדיג פֿאָר קײַן בעוועגונג און אַז דאָס אורטייל איז אַלזאָ נישט דאָס זעלבע, וואָס דער ווילען. בײַ נעוויראַסטעניע און בײַ אַנדערע נערווענקראַנקהייטען, גליטשט זיך דער ווילענסצענטער אינגאַנצען אַרויס פֿון אונטער דעם דענקענדען אײַנפֿלוס. אין אַזאַ פֿאַל קען מען זיך פֿאָרשטעלען בעוועגונגען, נאָר מ׳איבט זיי נישט אויס. דער קראַנקער אַנערקענט פֿאָלשטענדיג די צוועקמעסיגקייט פֿון וועלכער ס׳איז האַנדלונג, פֿון נעהמען אַ בוך, צום בײַשפּיעל, אָדער פֿון געהן אין גאַס, ער קען אָבער נישט צווינגען די הענד אָדער די פֿיס צו מאַכען די נויטווענדיגע בעוועגונגען. דאָס הייסט נאָך נישט, אַז ער איז אָבגעשוואַכט געוואָרען; וואָרום ער איז פֿאָלשטענדיג אימשטאַנד צום בײַשפּיעל, אויסצופֿיהרען דעם בעפֿעהל פֿון אַ פֿרעמדען. דער קראַנקער זאָגט דערבײַ: „איך וויל, נאָר איך קען נישט“. דאָס איז אָבער נישט ריכטיג. אין דער אמת׳ן טראַכט ער טאַקע, נאָר ער וויל נישט. דער דענקענסצענטער אַרבייט, עס אַרבייט נישט נאָר דער ווילענסצענטער.

מ׳זאָגט גאַנץ אָפֿט אויף אַ מענשען, אַז ער האָט אַ שוואַכען ווילען. דאָס איז, געוועהנליך, אויך נישט ריכטיג. אַממעהרסטענטייל איז שוואַך דווקא דער דענקענסצענטער. ער איז נישט פֿעהיג אויסצואַרבײַטען קײַן בעשטימטע בעוועגונגס־פֿאָרשטעלונגען; דעריבער קען אויך דער ווילען נישט צוטרעטען צו קײַן טעטיגקייט. ווען אָבער אַ פֿרעמדער אורטייל טיילט איהם מיט אַזעלכע בעוועגונגס־פֿאָרשטעלונגען, ד. ה. ראַטעט אָדער בעפֿעהלט איהם, פֿיהרט ער אויס בעוועגונגען ענערגיש, זיכער און געוואַלטיג, וואָס עס קען דינען אַלס בעווײַז אויף דעם, אַז זײַן ווילענסצענטער איז גענוג שטאַרק.

דאָס זעלבע קומט פֿאָר אויך אין יענע פֿעלען, ווען מ׳רעדט וועגען אַ דאָפּעלען ווילען אָדער וועגען שטאַרקע לײַדענשאַפֿטס־אויסברוכען, וועלכע שטאַמען פֿון ווילען. די דאָפּעלטקייט הערשט דאָ אויך נישט אים ווילען, נאָר אינ׳ם דענקען. בײַ אַ מענשען קענען

ניט זיין קיין „צוויי קאמפפענדע ווילענס", נאר צוויי פארשטעלונגען, פון וועלכע קיין איינע איז נישט אויף אזוי פיעל דייטליך, אום אנצורעגען דעם ווילען צו וועלכען ס'איז אימפולס. ווי נאר די פארשטעלונג ווערט פאלשטענדיג קלאר, בעזייגט זי אלע איבריגע און ברענגט אים בעוועגונג דעם ווילען. האמלעט'ן פעהלט נישט קיין ווילען, נאר אורטייל, נאר דענקענסקראפט. זיינע דענקענסצענטערן ווייזען זיך ארויס פאר נישט גענוג שטארק, אום אויסצוארבייטען א בעשטימטע פארשטעלונג פון צוועקמעסיגע בעוועגונגען. וואלט ער דאס געקענט, וואלט זיין ווילען די בעוועגונגען אויך אויסגעאיבט, אננעהמענדיג, געוועהנליך, אז דער ווילענסצענטער איז געזונד, וועגען וואס שעקספיר גיט נישט אפילו דעם מינדעסטען רמז. און ווען אימיצער טוט אב אדער לאזט דורך אונטער דעם איינפלוס פון א שטארקער ליידענשאפט אזוינס, וואס דער פערשטאנד פאדערט אדער פערבאט, איז אויך נישט די סבה דערפון דאס, וואס „דער ווילען זיינער איז אונמעכטיג געווארען", נאר דאס, וואס די אויטאמאטישע עמאציאנעלע טעטיגקייט פון די העכערע צענטערן איז געווארען שטארקער פון דער פרייער, דענקענדער טעטיגקייט. די בעוואוסטזיניגע פארשטעלונגען פון דענקען האבען נישט בעזייגט דער האלב-אדער אינגאנצען נישטבעוואוסטזיניגער ארגאנישער ארבייט פון די מארך-צענטערן, דער ווילען האט געקריגען א שטארקערע אנרעגונג פון זייער אויטאמאטיזם און פערווירקליכט די אויטאמאטישע בעוועגונגס-פארשטעלונגען, און נישט יענע, וועלכע זענען ענטשטאנען פאלקאם בעוואוסטזיניג. דער ווילען איז אלזא גענוג שטארק געוועזען; נאר דאס אורטייל האט זיך ארויסגעוויזען פאר צו שוואך דערצו, אום אבצושטעלען די אויטאמאטישע ארבייט פון די העכערע צענטערן און צו ווירקען מיט זיין פרייער, בעוואוסטזיניגער ארבייט אויפ'ן ווילען.

---

## XV.

מיר וועלען נישט אויסמישען ווילען מיט דענקען צוזאמען און אין יענע פעלען, ווען אונז וועט אויסקומען צו רעדען וועגען אונענט-

שלאָפֿענהײַט אָדער וועגען ליידענשאַפֿטס-אויסברוכען, וועלכע זענען געגען פערשטאַנד, וועלן מיר עס בעצייכנען נישט אַלס שוואַכקײַטען פון ווילען, נאָר אַלס שוואַכקײַטען פון דענקען. אַ ווירקליכע ווילענסשוואַכקײַט קענען מיר אָננעהמען נאָר דאַן, ווען ביי אַ פּאָלקאָם געזונדטען מענשען (ד. ה. אַזעלכען, ביי וועלכען דער צוזאַמענהאַנג צווישען די צענטערן פון ווילען און דענקען איז נישט צושטערט און ביידע זענען זיי גענוג שטאַרק אָדער פאָלשטענדיג פעהיג צו אַ רעגעלמעסיגער געגענזייטיגער ווירקונג) ווערן ניט פערווירקליכט קיין פאָלשטענדיג-דייטליכע און בעשטימטע בעוועגונגס-פאָרשטעלונגען אָדער זיי ווערן אויסגעפיהרט זעהר לאַנגזאַם און נישט פאָלקאָם, און דאַן, ווען אימפּולסען פון ליידענשאַפט בלייבען נאָר געפיהלען, פערלאַנגען, בענקעניש, און ווערן נישט פערוואַנדעלט אין האַנדלונגען. וואָרום דער איינציגער מאַסשטאַב אויף צו מעסטען די קראַפט פון ווילען קען דאָך זיין נאָר זיין פעהיגקייט בייצוקומען די שטערונגען. נישט די מוסקעלן בעזיגען די שטערונגען, נאָר דער ווילען, די מאַסע אָנרעגונגען, וואָס ער גיט די מוסקעלן. משוגע'נע, ביי וועלכע דער ווילענסצענטער איז קראַנקהאַפט אויפגערייצט און גיט די מוסקעלן אונגעהויערליך שטאַרקע אימפּולסען, פיהרען דורך אַזעלכע האַנדלונגען, וועלכע זעהען אויס ווי אונמעגליכקייטען. אַלטע לייט אָדער ווייבער ברעכען אייזערנע שטאַנגען, צורייסען קייטען; די סאַמע שטאַרקסטע שומרים קענען זיך מיט זיי קיין עצה ניט געבען. ווען די זעלביגע פערזאָנען וואָלטען אין אַ נאָרמאַלען צושטאַנד געטאָן עטוואָס אַזעלכעס, וואָלט מען זיי אָנגענומען פאַר די סאַמע שטאַרקסטע מענשען פון דער צייט. זיי קענען דאָס אָבער נישט טאָן, האָטש זייער מוסקעל-סיסטעם בלייבט דאָס זעלביגע, וואָס אין דער צייט פון דער משוגעת. דערפון קען מען זעהען, אַז ביי אויסברוכען פון קראַפט שפּילען נישט די הויפּטראָליע די מוסקעלן, נאָר די קראַפט פון דעם אימפּולס, וואָס איז צוגעקומען צו זיי פון די ווילענסצענטערן. וואָס קירצער עס איז דער אין בעטראַכט גענומענער נערווען-וועג, וואָס קלענער און צאַרטער ס'איז די מוסקעל-גרופּע, וועלכע דאַרף אָנגערעגט ווערן, אַלץ קלענער איז איהר ווידערשטאַנד, אַלץ שוואַכער קען זיין דער ווילענסאימפּולס, וועלכער איז נויטיג, אום אַרויסצורופען אַ בעוועגונג.

די סאַמע איידעלסטע מוסקעלן, וועלכע מיר בעזיצען, זענען יענע פון די אויבערשטע גליעדער אין האַלז, פון די אויגען, פון

מוח, פון געזיכט און פון די הענד. ס'איז גענוג דער סאַמע שוואַכסטער, ווילען אום צו ברענגען די דאָזיגע מוסקעלן אין בעוועגונג, צו פלוידערן, זיך צו פערקרימען, צו מאַכען אַ אומעטיגע אָדער אַ פרעהליכע מינע און צו זשעסטיקולירען. דערמיט בעגרענעצט זיך די האַנדלונג פון געוועהנליכע מענשען. שוועהרער אַביסעל איז שוין אַרויסצורופען אַ צוזאַמענציהונג אין די מוסקעלן פון די הענד, און נאָך שוועהרער — אין די מוסקעלן פון די פיס און פון קערפער. דערצו פאָדערט זיך שוין אַ שטאַרקערער אימפולס און, פאָלגליך, אויך אַ מעהר ענערגישע אַרבייט פון דעם ווילענסצענטר.

מענשען, וועלכע בעזיצען אין דער אמת'ן אַ שוואַכען ווילען, גיט זיך דעריבער זעלטען איין אויסצופיהרען נאָך אַ געוויסער פלוידעריי אָדער נאָך אַ שטאַרקער זשעסטיקולאַציע עטוואָס אַזוינס, וואָס פאָדערט אַ גאַנג אָדער אַ געוויסע אַרבייט פון די הענד. שוועהרער פון אַלץ איז אויסצופיהרען אַזעלכע בעוועגונגען, דער ציעל פון וועלכע ס'איז ביַיצוקומען די אויסערליכע שטערונגען, אַלץ איינס צי דאָס וועלן זיַין נישט קיין אָרגאַנישע געגענשטאַנדען, אָדער לעבעדיגע בעשעפענעשען. אין אַזאַ פאַל קומט אויס דעם ווילען מנצח צו זיַין נישט נאָר דעם אינערליכען ווידערשטאַנד, וועלכער קומט צו צו אונזער בעוואוסטזיַין אַלס פוילקייט אָדער אַלס אַ אָבנייגונג צו דער בעוועגונג, נאָר אויך די נאַטירליכע כחות (שווערקייט, צום ביַישפיעל) אָדער די אימפולסען פון אַנ'אַנדער ווילען.

דער ווילען דאַרף אַלזאָ זיַין אימשטאַנד צו שיקען שטאַרקע אימפולסען, יעדענפאַלס שטאַרקערע, פון די אימפולסען, וואָס עס גיט דער ווילען פונ'ם געגנער, אים פאַל, ווען דער ווידערשטאַנד קומט פון אַ מענשען. אויב דער ווילען איז נישט גענוג שטאַרק דערצו, ווערן די בעוועגונגס-פאָרשטעלונגען פונ'ם אורטייל נים פערווירקליכט אפילו אויך דאַמאָלס, ווען זיי זענען גענוג דייטליך און בעשטימט. די פערזאָן וועט קלאָר וויסען, וואָס זי האָט צו טאָן, וועט זעהר לעבעדיג וועלן דאָס טאָן, און וועט עס פאָרט נישט טאָן. דאָס, וואָס מ'רופט געוועהנליך אונגעדולדיגקייט און פהדנות, איז אין דער אמת'ן נישט קיין אַנדער זאַך, ווי די פאָרם, אין וועלכער עס דריקט זיך אויס ווילענס-שוואַכקייט. די פערזאָן שטעלט זיך נישט אָב לאַנג ביַי איהר אונטערנעהמונג אָדער דערשרעקט זיך גלייך פאַר איהר אָנהויב און טרעט שוין אָב צוריק, דאָס קען פאָרקומען אין

יענעם פאַל, ווען די פּערזאָן איז אונוויסענד און איבערטרייבט די שוועריגקייטען פון דער אונטערנעהמונג אָדער ווייס זיי, נאָר פיהלט, אַז זיי זענען איבער זיינע כחות. אין ביידע פעלען, בילדעט דאָס אורטייל אויס די אָנגעוויזענע בעוועגונגס־פאָרשטעלונגען נישט גענוג קלאָר, ווייל דער זכרון שטעלט איהם צו אַזעלכע בילדער, אין וועלכע דער ווילען האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר צו־שוואַך, אום בייצוקומען ערהעבליכע שוועריגקייטען. פוילקייט און פחדנות זענען אַלזאָ געגרינדעט אויף דער איבערצייגונג אין דער שוואַכער קראַפט פון ווילען.

---

# XVI.

די שטאַרקערע ענטוויקלונג פון די ווילענס־און דענקענסצענטערן שטעלט אַלזאָ פאָר מיט זיך דעם אָרגאַנישען יסוד פון דער ערשיינונג, וועלכער מיר רופען געניע. אַ איינזייטיגע ענטוויקלונג פון דעם ווילענס־צענטער איז נאָך נישט גענוג, אום אַרויסצוגעבען אַ געניע. מענשען מיט ריעזיגע ווילענס קענען בייקומען אַלע שטערונגען, וועלכע שטעלען זיך ענטקעגען דער פערווירקליכונג פון זייערע בעוועגונגס־פאָרשטעלונגען, אין וועלכער פאָרם די דאָזיגע פאָרשטעלונגען זאָלען זיך נישט האָבען אַרויסגעוויזען: אין דער פאָרם פון מענשען, פון געזעצען אָדער פון געגענשטאַנדען; זיי וועלען אָבער קיינמאָל נישט זיין אימשטאַנד זעלבסטשטענדיג אויסצואַרבייטען צוועקמעסיגע און בעדייטענדע בעוועגונגס־פאָרשטעלונגען. הערקולעס האָט בעוויזען זיינע צוועלף העלדענטאַטען, עווריסטעאוס אָבער האָט זיי איהם געמוזט אויפגעבען. מיט דער הילף פון אַ ריעזיגען ווילען אַליין קען מען אין בעסטען פאַל ווערן אַ אַרמעע־פיהרער אונטער אַלעקסאַנדר דעם גרויסען, אַ סעלייקוס, אַ פטאָלאָמעאוס, אָדער אַ מאַרשאַל ביי נאַפּאָלעאָנ׳ען; קען מען ווערן אַ בערימטער מיניסטער אונטער דער ממשלה פון אַ געניאַלען מאָנאַרך, אָדער, גיכער, דער אונשטערבליכער קייזער פון אַ געניאַלען מיניסטער. אים ערגסטען פאַל ווידער קען מען ווערען אַזאַ שאַרלאַטאַן, וואָס די מעשׂיות וועגען זיינע אָרגיען (גרוילטהאַטען, ווילדע מעשׂים) געהען איבער פון דור

צו דור און ווערן זאָגאַר פערצייכענט אין דער היסטאָריע, אָדער אַ פערברעכער פון יענער קאַטעגאָריע, וועלכע וואַרפט אָן אַ אימה אויף אַלע מענשען פון זיין צייט, — אַ צעזאַר באָרדזשיאָ אָדער אַ שינדערהאַנס. אין דעם ערשטען פאַל פערווירקליכט דער מענש די בעוועגונגס-פאָרשטעלונגען, וועלכע זענען אויסגעאַרבייט געוואָרען אין דעם געניאַלען דענקענסצענטער פון אַנ'אַנדער מענשען. און אינ'ם לעצטען — די האַלב-אָדער אינגאַנצען אונבעוואוסטזיניגע עמאָציאָנעלע אויפרעגונגען פון די אייגענע צענטערן.

פערקעהרט ווידער, די איינזייטיגע ענטוויקלונג פון דעם דענקענסצענטער קען פאַר זיך אַליין אַרויסברענגען אַ געניע, ער וועט אָבער בעזיצען אַנ'אַנדער האַראַקטער, אָבהענגיג פון דער גרעסערער אָדער קלענערער ענטוויקלונג פון דעם ווילענסצענטער אינ'ם פערגלייך מיט די צענטערן פון דענקען. דער דענקענס-געניע אָהן אַ בעזונדער ווילענסקראַפט קען זיין אַ גרויסער דענקער, אַ פילאָזאָף, אַ מאַטעמאַטיק אפשר אויך אַ נאַטור-פאָרשער. וואָרום ביי די דאָזיגע טעטיגקייטען קומט אויס בייצוקומען די סאַמע שוואַכסטע דינאַמישע שטערונגען, אַרויסצוגעבען די שוואַכסטע מוסקעל-צוזאַמענציהונגס-אימפולסען; זייער אורטייל דאַרף נישט אויסאַרבייטען קיין גראָבע בעוועגונגס-פאָרשטעלונגען, — זיין קראַפט און גרויסקייט ווייזט זיך אַרויס אין אַ גאַנץ אַנדער אַרט. פון די איינדריקע, וואָס עס בעקומט פון די חושים, ציהט עס אַרויס אונענדליכע, נייע פאָרשטעלונגען; פון אַ איינפאַכער ציפערן-בעאָבאַכטונג — דעם פיטאַגאָראַאישען כלל, די טעאָריע פון די ציפערן, די אינטעגראַל- און דיפערענציאַל-רעכנונג; פון דעם אַראָבפאַלען פון אַ עפעל — דעם געזעץ פון דער צוציהונגס-קראַפט; פון דעם עמפפינדונגס-אינהאַלט פונ'ם בעוואוסטזיין — די טעאָריע פון בעגרייפען; פון די ערפאַהרונגס-פאַקטען אין דער ענטוויקלונגס-לעהרע און פאַלעאָנטאָלאָגיע — דאָס עוואָלוציאָניסטישע סיסטעם פון דאַרווין. איך קען נישט מסכים זיין מיט דער מיינונג פון בען, וועלכער שטעלט דעם פילאָזאָפישען געניע אין דער ערשטער רייהע פון דעם געניען-רייסטער. מיין טעאָריע צווינגט מיך אָבצוגעבען דעם דענקער און פאָרשער דעם הינטערשטען פלאַץ אין דעם דאָזיגען רייסטער, ווייל זייער גרויסקייט איז געגרינדעט נאָר אויפ'ן דענקען אַליין, וואָס איז דאָך נישט אימשטאַנד אַליין, אָהן דער מיטווירקונג פון ווילען, צו פערוואַנדלען די פון איהם אויסגע-

אַרבייטע פאַרשטעלונגען (מעגען זיי אפילו זיין די שענסטע און וואונדערבאַרסטע), אין ערשיינונגען, וועלכע קענען אויפגענומען ווערן דורך די חושים. דערצו אפילו, אום זיי אויסצודריקען אָדער צו פערשרייבען, נויטיגט עס זיך אין אַ ווילענס־אימפולס. ווען דער ווילען פון דעם דאָזיגען דענקענס־געניע וואָלט זיך אַרויסווייזען פאַר נישט גענוג שטאַרק דערצו, אום אַרויסצורופען די טעטיגקייט פון רעדען אָדער פון פערשרייבען, וואָלטען זיינע סאַמע העכסטע פאַרשטעלונגען בלייבען נאָר ריין־סוביעקטיווע, און קיינער אויסער איהם וואָלט נישט וויסען פון זיי. זיי וואָלטען בלייבען פראָצעסען פון דער מאָלעקולאַרער בעוועגונג ביי איהם אין מוח און וואָלטען זיין צוגענגליך אַנדערע מענשען נאָר אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל די לעצטע קענען אויפנעהמען געדאַנקען פון אַ געוויסען מרחק און אויף וויפיעל מ'קען בכלל אָננעהמען פאַר מעגליך אַזאַ מין טעטיגקייט, ווי לייענען יענעמס געדאַנקען.

אויב דער דענקענס־געניע בעזיצט אַ מיטעלמעסיג ענטוויקעלטען ווילענסצענטר, קען ער ווערן אַ גרויסער פאָרשער אין דעם געביט פון די עקספערימענטאַלע (ערפאַהרונגס) וויסענשאַפטען אָדער אַ ערפינדער. דער מהות פון זייער פעהיגקייט און טעטיגקייט איז ביי די ביידע דער זעלביגער. דער עקספערימענטאַטאָר, ווי דער ערפינדער, ביידע ציהען זיי אַרויס געזעצען פון ערשיינונגען און אַרבייטען אויס די מאַטעריעלע בעדינגונגען, וועלכע ערלויבען זיי צו פערווירקליכען די פון זיי ערפונדענע געזעצען, אין איינשטימונג מיט זייער פערלאַנג. צווישען זיי איז קיין שום טעאָרעטישער אונטערשיעד נישט פערהאַן, נאַר אַ פראַקטישער. דער עקספערימענטאַטאָר בעפריעדיגט זיך מיט אַזאַ קאָמבינירונג פון די בעדינגונגען און ערפאַהרונגען, וועלכע ווייזט איהם, צי די איינדריקע פון די חושים שטימען מיט די פאָרשטעלונגען פון זיין דענקען, צי עס וועט קענען פערווירקליכט ווערן אין דער ערשיינונגס־וועלט דאָס געזעץ, וועלכען ער האָט אויסגעאַרבייט און זיינע מאַרך־צענטערן און דער ערפינדער שטרעבט צו שאַפען אַזעלכע בעדינגונגען, דער אויסשליעסליכער ציעל פון וועלכע ס'איז צו פערגרעסערען די מענשליכע בעקוועמליכקייט אינ'ם ברייטסטען זין פון די ווערטער.

דאָ אָבער מוזען מיר וואָרנען דעם לעזער און פאָראויסזעהען, ער זאָל קיין טעות נישט האָבען. אַ ערפינדונג אָדער אַ ענטדעקונג

מוז נישט אונבעדינגט זיין די פרוכט פון אורטיילס־געניאַליטעט פעראייניגט מיט אַ שטאַרקען ווילענס־קראַפט. דער מאָנאַך שוואַרץ האָט גאָרנישט אָנגעהויבען צו זוכען קיין פולווער, ווען זיין צוזאַמענמישונג פון שוועבעל־, סאַלפּעטער־ און קויהלענמאַסען האָט אויפגעריסען אין מערזשער און פּראָפעסאָר גאַלוואַני האָט נישט אָנגעהויבען צו קלערן וועגען אונבעוואוסטע נאַטורקרעפטען, ווען ער האָט די זשאַבע אויפגעהאַנגען אויף דער קופּערנער האַקע. אין אַלגעמיין אָבער בין איך בערייט אָנצוערקענען פאַר אַ צופאַל נאָר די נישט וויכטיגע ראָליע אין די גרויסע ענטדעקונגען און ערפינדונגען. יעדענפאַלס מוז מען בעזיצען אַ אונגעוועהנליכען פערשטאַנד, אום רעגעלמעסיג צו בעאָבאַכטען אונבעוואוסטע ערשיינונגען און גלייך בעמערקען, אַז דאָס קען נישט בעפריעדיגענד ערקלערט ווערען מיט דער הילף פון די וויסענשאַפטליכע ידיעות, וועלכע זענען דאַן פערהאַן; אום גלייך צו געפינען די סבות פון דער ערשיינונג און אַרויסצוברענגען פון איהר נייע פאָרשטעלונגען. דער צופאַל קען אויף אַזאַ אַרט דינען אַלס אויסגאַנגס־פונקט פאַר ענטדעקונגען אָדער ערפינדונגען נאָר דאַן, ווען ער קריעגט פאַר אַ עדות — אַ מענשען מיט בעדייטענדע דענקענדע פעהיגקייטען. דער עמאָציאָנעלער, מיטעלמעסיגער מענש מיט זיין אויטאָמאַטיש־אַרבייטענדען מאַרך וועט בלייבען טויב צו די איינדריקע, וועלכע שטימען נישט איין מיט זיינע געירשה׳נטע און אָרגאַניזירטע פאָרשטעלונגען. ווען שוואַרצ׳ס מערזשער וואָלט אויפגעריסען געוואָרען פאַר אַ דורכשניטליכען מענשען אין די אויגען, וואָלט ער זיך איבערגע׳צלם׳ט, געגלויבט, אַז דאָס איז דעם טייוועל׳ס מלאכה, און אַרויסגעצויגען פון דער בעאָבאַכטונג זיינער נאָר די לעהרע, אַז ווייטער דאַרף ער זיך היטען, נישט אָנצורירען קיין מערזשער מיט שוועבעל. דעם פולווער וואָלט ער נישט ערפינדען.

אַ סך זעהר פרוכטבאַרע צופאַלען קומען פאָר טאָג טעגליך פאַר די אויגען פון דער מענשהייט און זענען שטענדיג פאָרגעקומען. דערצו אָבער, אום זיי צו פערשטעהן און אויסצוגעפינען זייערע געזעצען און צופאַסונגען, איז נויטיג, אַז זיי זאָלען פאָרקומען פאַר די אויגען פון אַ אונגעוועהנליך שטאַרקער דענקענסקראַפט. דאָס גאַנצע מאַטעריאַל פון די ערשיינונגען, וואָס ליעגען אים גרונד פון די ביאָלאָגישע, כעמישע און פיזישע וויסענשאַפטען, אין די פערשיעדענע עלעקטרישע, מעכאַנישע און פאַרע־ערפינדונגען, געפינט

זיך שוין פון לאַנג, פון ששת ימי בראשית אָן, אין דעם וועלביגען צושטאַנד און האָט געקענט בעאָבאַכטעט און אויסגענוצט ווערן פון די מענשען אין דעם שטיין-פעריאָד, ווי פון אונז הײַנט. און דאָך, אום איהם צו פערשטעהן און צו בעהערשען, איז נויטיג געוועזען אַזאַ ענטוויקלונגס-שטופע פון די דענקענס-פעהיגקײַטען, וועלכער ס'האָבען נישט ערדרײַכט די אוראַלטע מענשען, און אויך נישט די מענשען פונ'ם מיטעל-אַלטער. ס'איז קיין שום צווייפעל נישטאָ אין דעם, אַז נאָך הײַנט אויך זענען מיר אַרומגערינגעלט מיט די סאַמע אינטערעסאַנטעסטע ערשײַנונגען, בײַ וועלכע מיר שטעלען זיך גאָרניט אָב, וועלכע מיר קענען זיך ניט אויסטײַטשען און ערקלערן, און די געזעצען פון וועלכע מיר זוכען גאָרנישט, ווײַל צווישען די מענשען פון אונזער צײַט בעזיצט קיינער נישט גענוג דענקענסקראַפט, אום פון די ראַזיגע אײַנדריקע אַרויסצוציהען נײַע פאָרשטעלונגען וועגען זייער סבה און די פאָלגען, וואָס מ'קען פון זיי אַרויסבעקומען. ס'איז אָבער וועהר מעגליך, אַז סוף כל סוף וועט פאָרט קומען אַזאַ געניע, פאַר וועלכען דאָס וועט זײַן נישט נאָר ערדרײַכבאַר, נאָר אויך לײַכט, און אונזערע נאָכקומענדע הורות אויף דר'ערד וועלן נישט אימשטאַנד זײַן זיך צו ערקלערן, ווי אַזוי מיר האָבען געקענט פערבײַגעהן אַזעלכע מערקווירדיגע ערשײַנונגען גאָרנישט בעמערקענדיג און גאָרנישט הערענדיג, אָט אַלץ איינס, ווי מיר קענען נישט פערשטעהן, ווי אַזוי מענשען זענען נישט צוגעקומען נאָך מיט טויזענדער יאָהרען צוריק צו דער ערפינדונג פון אויפרײַס-מאַטעריאַלען, פון פאַרע-מאַשינען און פון עלעקטריציטעט.

איצט וועלן מיר לאָזען שטעהן אָן אַ זײַט די נישט-וויכטיגע אַרבייט פון דעם צופאַל און מיר וועלן זעהן, אַז די ערפאַהרונגען אין דעם זין פון בעקאָן: „די קלוגע פראַגען, וואָס ווערען געשטעלט דער נאַטור“; די, וואָס ווערען געשטעלט מיט בעוואוסטזײַן און אָבזיכט און אויף וועלכע מ'ערוואַרטעט פאָראויס אַ בעשטימטען ענטפער, ד. ה. די מעטאָדישע אַרבייטען פון ראָבערט מייער, העלמהאָלץ אָדער קאָך, — אַז די אַלע ערפאַהרונגען פאָדערן אַ געניאַלען דענקענס-צענטער און אַ שטאַרק ענטוויקעלטען ווילען. דער ווילען איז אונבעדינגט דערפאַר, וואָס בײַ עקספערימענטען און ערפינדונגען איז בעזונדער וויכטיג דאָס, אַז די פאָרשטעלונגען, וועלכע זענען אויסגעאַרבייט געוואָרען דורך די דענקענסצענטרן, זאָלען אָנ-

נעהמען אַ ממשות'דיגע פאָרם, װאָס ס'איז מעגליך נאָר מיט דער הילף פון אַ מוסקעל-טעטיגקײט, צו װעלכער ס'זענען אונבעדינגט נױטיג הילענס-אימפולסען.

---

## XVII.

װען ענדליך דער װילענסצענטר איז אױך אַזױ אונגעװעהנליך ענטװיקעלט, װי די דענקענס-צענטערן, ד. ה. װען מיר האָבען פאַר זיך אַ מענשען, װעלכער שטעלט פאָר מיט זיך אין איין און דער װעלביגער צײַט אי אַ גאָניע פון װילען אי אַ גאָניע פון דענקען, — האָבען מיר די מעגליכקײַט צו בעגריפען איינע פון יענע ערשײַנונגען, װעלכע ענדערן דעם גאַנג פון דער װעלט-געשיכטע. אַזאַ גאָניע װײַזט זיך אַרױס נישט אין געדאַנקען און װערטער, נאָר אין מעשים, אין האַנדלונגען. זײַן אורטײל אַרבײַט אױס נײַע פערזענליכע פאָרשטעלונגען, און זײַן װילען איז גענוג שטאַרק און ענערגיש, אום זײ צו פערװאַנדלען אין פאַקטען, נישט קוקענדיג אױף קײנע שטערונגען.

אַזאַ מין דאָפּעלער גאָניע פעראַכטעט די בעקװעמערע מיטלען, װעלכע פיהרען צו דער פערקערפערונג פון די פאָרשטעלונגען, ער פעראַכטעט די קלאַנגען און געשריבענע צײכענס, און שטרעבט צו אַזעלכע פערקערפערונגס-מיטלען, װעלכע פאָדערן די בעװעגונג פון די סאַמע שטאַרקסטע שטערונגען. ער רעדט נישט און שרײַבט נישט, נאָר טוט, ד. ה. ער הערשט איבער אַנדערע מענשען און איבער די קרעפטען פון דער נאַטור, אין אײַנשטימונג מיט זײַנע פאָרשטעלונגען. אַזאַ גאָניע װערט דאָס, װאָס ער װיל, און טוט, װאָס ער װיל. ער ענטדעקט װעלט-טײלען. ער נעהמט איין לענדער און מאַכט אונטערטעניג פעלקער. ער מאַכט דורך דעם לעבענס-װעג פון אַלעקסאַנדער מוקדון, מהמד, קראָמװעל און נאַפּאָלעאָן. קײן מענש איז נישט אימשטאַנד צו שטעלען אַ גרענעץ זײַן הערשאַפט, נאָר סײַדען דער, װעלכער איז נאָך מעהר גאָניע פון איהם. ער טרעט אָב צוריק נאָר דאַן, װען ער האָט געגען זיך די מעכטיגע כחות פון

דער נאַטור, וועלכע איז שטאַרקער פֿון זײַן ווילענסקראַפֿט. אַ אוראַגאַן וואָלט געקענט פֿערניכטען קאָלומבוס'ען, אַ קראַנקהײַט האָט פֿער־קירצט דאָס לעבען פֿון אַלעקסאַנדער מוקדון, נאַפּאָלעאָנ'ען האָט מיט הרפּה בעדעקט דער רוסישער ווינטער. דער דענקענס־צענטער קען אין זײַנע פֿאָרשטעלונגען בײַקומען אפֿילו דער נאַטור אַליין; דער ווי־לענסצענטער קען בײַקומען נאָר אַזעלכע קרעפֿטען, וועלכע זענען שוואַכער פֿון איהם.

די אָרגאַניזאַציע פֿון אַזאַ אורטיילס־און ווילענס־געניע ברענגט מיט דאָס, אַז אין איהר איז ווייניגער, און אַמאָל אויך גאָרנישט פֿערהאַן דאָס, וואָס מ'רופֿט געוועהנליך געפֿיהל, קינסטלערישעס געשמאַק, שענהײַטס־ און ליעבעסבעדערפֿניש. זײַנע שטאַרקע צענטערן פֿער־וואַנדלען אַלע אײַנדריקע אין קלאָרע פֿאָרשטעלונגען און ברענגען אַרויס אַרויס פֿון זיי פֿאָלשטענדיג בעוואוסטזיניגע געדאַנקען. די אויטאָמאַ־טישע טעטיגקײַט קומט פֿאָר איהם אויסערסטען פֿאַל נאָר אין די ניעדריגע קאָאָרדינאַציאָנס־ און ערנעהרונגס־צענטערן; די העכערע אָבער אַרבייטען אָריגינעל, נישט לויט געירשה'נטע מוסטערן. ער איז כמעט אינגאַנצען פֿריי פֿון די דונקעלע, האַלב־ אָדער אינגאַנצען אומבעוואוסטזיניגע נייגונגען. ער איז נישט סענטימענטאַל און מאַכט דעריבער דעם אײַנדריק פֿון אַ קאַלטען, האַרטען מענשען. די דאָ־זיגע ווערטער אָבער זאָגען נאָר דאָס, אַז ער איז בעגאַבט מיט אַ דענ־קענדען, און נישט עמאָציאָנעלען האַראַקטער.

מיט אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז געוועהנליך פֿערבונדען נאָך איין אייגענשאַפֿט: דעם געניע זענען זעהר שווער צוגענגליך די פֿאַר־טיגע געדאַנקען פֿון אַנדערע קעפּ. זײַנע צענטערן זענען געניינט נאָר צו אָריגענעלער אַרבייט, און נישט צו דער נאַכאַהמונג פֿון אַנדערע. זיי נויטיגען זיך אין אַ רויהען מאַטעריאַל פֿון אויסערליכע אײַנדריקע, אום זיי צו פֿערוואַנדלען אין נײַע פֿערזענליכע פֿאָר־שטעלונגען. די פֿריהער־פֿערדייהטע געדאַנקען־פּראָדוקטען, ד. ה. דאָס רייהע מאַטעריאַל פֿון אויסערליכע אײַנדריקע, וואָס איז שוין פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין פֿאָרשטעלונגען דורך די מאַרך־צענטערן פֿון אַנדערע מענשען, — רופֿען אַרויס אין איהם אַ אָבנייגונג.

בײַ דעם פּונקט פֿון מײַנע בעטראַכטונגען שטעלט זיך אַוועק פֿאַר מיר אַ שאַרפֿע פֿראַגע. אויב די געניאַליטעט שטעלט פֿאָר מיט זיך אַ פֿעראייניגונג פֿון אַ אומגעוועהנליך ענטוויקעלטען און

אַ אומגעוועהנליכען אורטייל, איב די טעטיגקייט פון געניע בעשטעהט אין שאַפען נייע אַבסטראַקטע פאָרשטעלונגען און זיי פערווירקליכען, טאָ וואָס בלייבט מיר צו זאָגען וועגען די עמאָציאָנעלע גאונים, ד. ה. וועגען די אַלע דיכטער און קינסטלער? האָב איך דען אין אַזאַ פאַל דאָס רעכט אָנצונעהמען, אַז אַ דיכטער און אַ קינסטלער קאָן אויך זיין אַ געניע? דאָס דאָזיגע רעכט איז אין דער אמת'ן טאַקע זעהר אַ צווייפעלהאַפטעס. לאָמיר גוט געדענקען, וואָס דאָס איז אַזוינס עמאָציע. די איינדריקע פון די חושים קומען צו צו די צוגעפאַסטע צענטערן פון די חושים, די ווידער ברענגען אין גאַנג אַנדערע צענטערן, גראַדע יענע, וועלכע נעהמען אויף די איינדריקע צוזאַמען מיט די ערשטע; זיי רעגען אויף די צענטערן פון ווילען און פון דער קאָאָרדינאַציע און אַלס רעאַקציע רופען זיי אַרויס וועלכע ס'איז האַנדלונג פון אָרגאַניזם, אַלץ איינס, צו די האַנדלונג איז אַ געזיכטס־אויסדריק, אַ ענדערונג אין'ם פולס פון האַרצען, צי אַ געשריי. דאָס אַלץ קומט פאָר אויטאָמאַטיש, לויט אַ גע'ירשה'נטער, אָרגאַניזירטער געוואָהנהייט, אָהן דער הילף פון דענקען, וועלכעס בעקומט וועגען די פּראָצעסען אין די נידריגע צענטערן נאָר דונקעלע מיטטיילונגען אָדער אַנ'אונבעשטימטע אַהנונג; די דאָזיגע פּראָצעסען, וואָס קומען פאָר אויסערן בעוואוסטזיין, זענען עס די עמאָציעס.

די פּאָעזיע, די מוזיק, און די מאַלעריי האָבען נאָר איין אויפגאַבע פאַר זיך — אַרויסצורופען עמאָציעס. יעדערע פון זיי סטאַרעט זיך מיט דער הילף פון איהרע מיטלען אַרויסצורופען אין אָרגאַניזם די פּראָצעסען, וועלכע ווערען אין דער אמת'ן פעראורזאַכט פון אַ בעשטימטער רייהע אויסערליכע איינדריקע און וועלכע מיר עמפפינדען אַלס עמאָציעס. דער לירישער דיכטער שטרעבט מיט ווערטער, דער מוזיקער מיט טענער און דער קינסטלער מיט פאַרבען אָנצורעגען אונזערע צענטערן צו דער אַרבייט, וועלכער זיי איבען אויס אין יענע פעלען, ווען די חושים גיבען זיי איבער איינדריקע פון אַ שענעם און ליעבענסווירדיגען וועזען פון דעם ענטגעגענזעצטען געשלעכט, פון וועלכען ס'איז שונא, פון די צושטערענדע נאַטור־קרעפטען, פון אַ ליידענדען מענשען אָדער אַ בעשטימטער צייט פון יאָהר. וואָס ריכטיגער זיי קאָנען אַרויסהאָפען און שילדערן די אין ווערטער אויסגעדריקטע אָפּטישע און אַקוסטישע גייסטיגע שטריכען פון די געשעהענישען, וועלכע קאָנען געשילדערט

ווערען מיט דער הילף פון קונסט, אַלץ מעהר העלען די עמאָציעס, וואָס ווערען אַרויסגערופען דורך זיי, זיך דערנעהנטערן צו די עמאָציעס, וואָס ווערען אַרויסגערופען דורך די געשעהענישען אַליין.

מיר אַנערקענען נישט פאַר קיין קונסטווערק אַזאַ פּאָעטישעס אָדער קינסטלערישעס ווערק, וועלכעס רופט נישט אַרויס אין אונז קיינע עמאָציעס, זאָגאַר אויך אין דעם פאַל, ווען מיר אַנערקענען, אַז עס איז קלוג אַרומגעטראַכט, אַז אויף איהם איז געאָפּפערט געוואָרען אַ סך אַרבייט און געשטיקטקייט און אַז אום איהם צו שאַפען האָט מען געמוזט בייקומען אַ סך שטערונגען.

די ווירקונג פון קונסט איז אַלזאָ געגרינדעט אויף דער אויטאָמאַטישער טעטיגקייט פון די נידעריגע צענטערן, די טעטיגקייט אָבער קאָן אַרויסגערופען ווערען נאָר דורך אַזעלכע איינדריקע, וועלכע עס איז געוואָהנט צו עמפּפינדען דער אָרגאַניזם און אַ גאַנצע רייהע פון זיינע זיידעס; דאָס שליעסט אינגאַנצען אויס די מעגליכקייט פון נייעס אין קונסט. אום אויסצואיבען וועלכע ס'איז האַנדלונג, מוז דאָס קונסטווערק האָבען פאַר אַ אינהאַלט אַלטע, אָרגאַניזירטע איינדריקע. און האָבען מיר קוים אַנערקענט אַלס דעם אויסגעצייכענטען שטריך פון אַ געניע די פעהיגקייט צו שאַפען נייע, ביז אַהער נישט בעוואוסטע פאָרשטעלונגען און פערוואַנדלען זיי אין ממשות'דיגע ערשיינונגען קאָן זיך עס דאָך שוין יעדענפאַלס נישט פעראייניגען מיט קונסט, אין וועלכער עס האַנדעלט זיך אויסשליסליך נאָר וועגען דעם, איבערצוחזר'ן אַלטע, אָרגאַניזירטע ערשיינונגען, וועלכע זענען איינגענטימליך דעם גאַנצען געשלעכט?

די תשובה אויף דער פראַגע ברענגט מיך אין פערלעגענהייט נאָר דערפאַר, וואָס מיר וועט אויסקומען דערביי זיך איינצורייסען מיט די איבעראַל=אָנגענומענע אַנשויאונגען. ס'איז פאָלשטענדיג זיכער, אַז דער עמאָציאָנעלער געניע איז נישט קיין געניע. ער שאַפט נישט קיין שום נייעס, גיט נישט דעם מענשליכען בעוואוסטזיין קיין מעהר רייכען אינהאַלט, ענטדעקט נישט קיין אונבעוואוסטע וואַהרהייטען און האָט נישט קיין שום איינפלוס אויף דער ערשיינונגס=וועלט. דאָך זענען פערהאַן אין איהם געוויסע פּסיכאָ=פיזישע אַנלאַגען, וועלכע מאַכען איהם פאַר אַ בעזונדער וועזען און צייכענען איהם אויס פון דעם מיטעלמעסיגען מענשען. די צענטערן, וועלכע רופען אַרויס עמאָציאָנעלע טעטיגקייטען, דאַרפען ביי איהם ענטוויקעלט זיין שטאַר=

קער, ווי אין אַ געוועהנליכען אָרגאַניזם. פון דאַנען איז געדרונגען, אַז נישט נאָר די חושים רופען אַרויס אַ מעהר אינטעסיווע טעטיגקייט אין זיינע אויטאָמאַטישע צענטערן, נאָר אויך זיין בעוואוסטזיין נעהמט בעסער אויף די דאָזיגע טעטיגקייט, ווייל זי איבט זיך אויס אין איהם מיט אַ גרעסערען געראויש, גרויסאַרטיגער, און ציהט צו צו זיך מעהר אויפמערקזאַמקייט. דער עמאָציאָנעלער געניע איז אַ מע-כאַנישער מוזיקאַלישער אינסטרומענט, און נישט קיין פריאימפראָ-וויזירענדער און פריי-שפּיעלענדער ווירטואָז. גוט; מוזיקאַלישע אינ-סטרומענטען זענען דאָך אָבער פערהאַן פערשידענע, פון דאָס מוזיקאַלישע טאַבאַק-פּושקע, וואָס גיט אַרויס שווינדזיכטיגע, קוים הערבאַרע טענער, ביז דעם מעכאַנישען אָרגאַן, דער הונער פון וועלכען עס מאַכט ציטערן די ווענט. דאָס זעלבע דאַרף מען זיך פאָרשטעלען, אַז די אויטאָמאַטיש אַרבייטענדע צענטערן ביי דעם עמאָציאָנעלען געניע זענען טאַקע מעכאַניש, נאָר זייי שפּיעלען פון דעסטוועגען אַ סך העכער, ווי די צענטערן פון אַ געוועהנליכען מענשען; אַז צווישען זיי עקזיסטירט די זעלביגע בעציהונג, וואָס צווישען דאָס טאַבאַק-פּושקע און דעם אָרגאַן. דער רעזולטאַט פון דעם מעכאַניזם איז דאָס, וואָס דאָס בעוואוסטזיין פון דעם עמאָציאָנעלען געניע נעהמט אין אַ גרעסערע מאָס אַנטהייל אין זיין טעטיגקייט, ווי דאָס בעוואוסטזיין פון אַ געוועהנליכען מענשען.

אמת, זיין אַנטהייל דריקט זיך נישט אויס אין קיין שאַפענדער אַרבייט און לאָזט נישט קיין איינפלוס נאָך זיך, נאָר בעגרענעצט זיך בלויז מיט דער עמפּפינדונג אַליין. זיין דענקענסקראַפט קאָן קיין זאַך נישט ענדערען אין דער אויטאָמאַטישער אַרבייט פון די צענטערן; זי קאָן זיך נאָר צוקוקען צו דער אַרבייט און איהר בעאָב-אַכטען. אין דעם בעגרענעצטען זין קאָן אָבער דער עמאָציאָנעלער געניע אויך בעפריעדיגען די פאָדערונגען פון נייהייט און אָריגינאַליטעט, וועלכע איך שטעל דעם געניע. אמת, ער רופט אַרויס נאָר יענע עמאָציעס, וועלכע די מענשהייט האָט בעקומען בירושה און צו וועלכע זי איז פאָלקאָם צוגעוואָהנט; ער רופט זיי אָבער אַרויס שטאַר-קער, ווי אַלע מענשען פאַר איהם. זיין ווירקונג איז אַלזאָ ניי אין איהר גראַד, נישט אין איהר אַרט.

---

# XVIII.

די רייהע פון דעם געניען־ראַנג איז געגרינדעט אויף דער וויכטיגקייט פון דעם געוועב אָדער אָרגאַן, די אויסשליסליכע פאָלקאָמענהייט פון וועלכען עס בעשאַפט די געניאַליטעט. יעדע אַנדערע קלאַסיפיקאַציע איז נישט נאַטירליך, ווען אפילו זי איז אַזוי שאַרפזיניג בעגרינדעט, ווי יענע, וועלכע עס גיט בען. וואָס מעהר דער אַנגעגעבענער מאַרך־צענטר געהער דעם מענשען אַליין, וואָס מעהר אויסשליסליך־מענשליך דער מאַרך־צענטר איז, אַלץ אַ העכערען געניע גיט אַרויס זיין בעזונדערע ענטוויקלונג. די ענטוויקלונג פון דעם ביינער־געוועב קאָן נישט אַרויסגעבען קיין געניע, ווייל ביינער האָט נישט נאָר דער מענש אַליין, נאָר אויך אַ סך אַנדערע בעלי־חיים. דאָס זעלבע איז אויך מיט די מוסקעל־געוועבען, מיט וועלכע ס'צייכענט זיך אויס אַ מילאָ פון קראָטאָן און וועלכע שטעלען איהם פון דעסט־וועגען נישט העכער פון וועלכער ס'איז שטאַרקער חיה. אויך די צענטערן פון די חושים קאָנען נישט דינען אַלס אָרגאַנישער יסוד פאַר געניאַליטעט, ווייל אין שאַרפזיכטיגקייט וועט דער קאָנדאָר שטענדיג איבערשטייגען דעם בעסטען מענשליכען בליק און ליכט־אויפנעהמונגסצענטר, און אין דער בעציהונג צו אַ אידעאַלען געהער (חוש השמיעה) וועט דער מענש קיינמאָל נישט אימשטאַנד זיין זיך צו פערגלייכען מיט געוויסע סאָרטען אַנטילאָפען א. א. וו.

די העכסטע צענטערן אפילו קאָן מען אויך נישט אָנערקענען פאַר אַזעלכע, וואָס געהערן אויסשליסליך נאָר דעם מענשען, אויב זייער פאָלקאָמענהייט געהט נישט איבער די גרענעצען פון אויטאָמאַטיזם. וואָרום אַלע העכערע בעלי חיים זענען בעגאַבט מיט דער פעהיגקייט אויטאָמאַטיש צו רעאַגירען אויף די אויזערליכע איינדריקע און די דאָזיגע רעאַקציע געהט אויך צו צום בעוואוסטזיין, אין דער געשטאַלט פון עמאָציעס. ביי עלעפאַנטען און הינד, קאָנען מיר בעמערקען, ריכטיג ווי ביי דעם מענשען, האַנדלונגען, וואָס האָבען אין זיך דעם אויסדריק פון ליעבע, האַס, נקמה, מורא און מיטלייד צוזאַמען מיט די זיי בעגלייטענדע פסיכישע אויפרעגונגען. דער איינציגער אונטערשייד צווישען אַ מענשען און אַ בעל־חי אין דער הינזיכט איז דאָס, וואָס די מענשליכע עמאָציעס קאָנען אַרויסגערופען

ווערען אויך מיט דער הילף פון אַ קינסטליכער נאַכאַהמונג אָדער מיט דער סימפּאַליזירונג פון די נאַטירליכע ערשיינונגען, דאַן ווען די עמאָציעס ביי אַ בעל-חי קאָנען אַרויסגערופען ווערען נאָר דורך די ערשיינונגען אַליין.

אין דער ענטשטעהונג פון עמאָציעס האָבען אַלזאָ דער זכרון און דער פערשטאַנד מעהר ווערט ביי אַ מענשען, ווי ביי בעלי-חיים. דאַגעגען דאָס דענקען קאָן מען אָננעהמען פאַר אַ ריין-מענשליכע פעהיגקייט — אויף וויפיעל געוועהנליך עס געהט איבער די גרענצען פונ'ם איינפאַכען, אונמיטעלבאַרען אויסטייטשען די איינדריקע פון די חושים און בילדעט אויס פון זיי נייע פאָרשטעלונגען; ד. ה. אויף וויפיעל עס איז אימשטאַנד אַרויסצוציהען פון איין אַבסטראַקציע אַן אַנדערע, אַ נייע. אַזאַ מין דענקענסקראַפט בעזיצט נאָר דער מענש אַליין און נישט קיין איין אַנדער בעל-חי. און דערצו נאָך איז ביי קיין אַנדער בעל-חי נישט אַזוי שטאַרק אויסגעדריקט דער אָרגאַנישער צוזאַמענהאַנג צווישען די צענטערן פון ווילען און דענקען, ווי ביי דעם מענשען.

די הויכע ענטוויקלונג פון די דענקענס- און ווילענס-צענטערן גיט אַלזאָ אַרויס אַ ריין-מענשליכען געניע, וועלכער שטעלט פאָר מיט זיך דעם העכסטען אויסדריק פון דער אָרגאַנישער פאָלקאָמענהייט, וואָס דער מענש האָט ערגרייכט. און פון דעם שטאַנדפונקט אַרויסגעהענדיג דאַרף מען, געוועהנליך, אָבגעגעבען דעם ערשטען פּלאַץ יענע גאונים, וועלכע פערקערפּערען אין זיך די פעראייניגונג פון אַ ריעזיגער דענקענסקראַפט און אַ ריעזיגען ווילען. דאָס זענען אַרבייטס-מענשען, דאָס זענען יענע, וועלכע מאַכען די וועלט-געשיכטע, וועלכע ערציהען פעלקער גייסטיג און קערפּערליך, און בעשטימען זייער גורל אויף שפּעטער מיט אַ סך יאָהרען פאָראויס: די גרויסע אָרגאַניזאַטאָרען, געזעצגעבער, מלוכה-גרינדער, רעוואָלוציאָנערען מיט קלאָרע, דורך זיי ערגרייכטע ציעלען, און אויך בעזיעגער, אויב זייערע האַנדלונגען זענען געבויט אויף די שטרענג בעשטימטע פאָרשטעלונגען פון זייער אורטייל, און נישט אויף דעם איינפלוס פון האַלב-בעוואוסטזיניגע אימפּולסען, אָדער פרעמדע אָנרעגונגען. אין דער בעציהונג צום בעגרייפען און פערשטעהן די דאָזיגע פאָרנעהמע גאונים אויך אַזוי הויך, ווי די פון דער פאָלגענדער קאַטעגאָריע: זיי ציהען אויך אַזוי זיכער אַרויס נייע פאָרשטעלונגען פון זייערע אויסערליכע איינדריקע; זיי געפינען

אויך אוים אזא צוזאמענהאנג צווישען ערשיינונגען, וועלכען מען קאן נישט משיג זיין מיט די חושים אליין, זייערע סבות, זייערע געזעצען, זייערע פאלגען אין דעם סאמע ווייטסטען רוים און סאמע ווייטסטער צייט. זיי שטעהען העכער פון יענע דערמיט, וואס זיי זענען אימשטאנד צו פערווירקליכען זייערע פארשטעלונגען נישט בלויז געגען דעם ווידערשטאנד פון טוידטע געגענשטאנדען, נאר אויך געגען די שטערונגען פון לעבעדיגע ארגאניזמען, פון מענשען. האפענדיג, אז זייערע פארשטעלונגען וועלען אננעהמען א ממשות'דיגע פארם אונטער דעם איינפלוס פון ווילען, זענען זיי אימשטאנד צו שאפען אין זייער דענקען אזעלכע פארשטעלונגען, דער אינהאלט פון וועלכע ס'שטעלט פאר מיט זיך א גאנצען פאלק און זאגאר די גאנצע מענשהייט, און וועלכע זיי קאנען פערווירקליכען נאר דאן, ווען זיי מאכען די ווילענסצענטערן פון פעלקער, פון דער מענשהייט זאגאר, אבהענגיג פון זייער ווילען און דענקען.

אויף דער צווייטער מדרגה שטעהען די דענקענס-גאונים, מיט א גוט ענטוויקעלטען, נאר נישט געניאלען ווילען: די גרויסע פארשער, עקספערימענטאטארען, ענטדעקער און ערפינדער. זיי שטעהען נידריגער פון די געניעס פון דער ערשטער קאטעגאריע דערמיט, וואס זיי קאנען נישט בענוצען זיך מיט מענשען, ווי מיט א רויהען מאטעריאל אויף צו פערווירקליכען זייערע פארשטעלונגען. דעריבער קאנען זיי פערווירקליכען נאר אזעלכע פארשטעלונגען, וועלכע האבען פאר א אינהאלט דעם נישט לעבעדיגען שטאף. זייער ווילען איז גענוג שטארק, אום בייצוקומען די טוידטע שטערונגען, אבער נישט די לעבעדיגע.

דעם דריטען פלאץ פערנעהמען די ריינע דענקענס-גאונים, וועלכע בעזיצען נישט קיין שטארק-ענטוויקעלטען ווילען: די דענקער און פילאזאפען. לויט זייערע ידיעות, זייער חכמה, זייער פעהיגקייט אריינצודרינגען אין די סאמע ווייטסטע פראצעסען, און יענע, צו וועלכע מ'קען מיט די חושים אליין נישט צוקומען, זענען זיי גלייכבערעכטיגטע מיטגלידער אין דער זעלביגער גאונים-משפחה, צו וועלכער עס געהערען די מלוכה-גרינדער און ערפינדער. זייער אונפאלקאמענהייט בעשטעהט אין דעם, וואס זייערע פארשטעלונגען, וועלכע זענען אזוי גלענצענד אויסגעארבייט געווארען אין זייערע דענקענס-צענטערן, בלייבען ביי זיי אין מארך אדער — אין בעסטען

פאַל — נעהמען אָן די ממשות'דיגע פאָרם פון געזאָגטע אָדער געשריבענע ווערטער. קיין דירעקטען איינפלוס אויף מענשען און אויף נישט-אָרגאַנישע געגענשטאַנדען — האָבען זיי נישט. זיי רופען נישט אַרויס קיין בעוועגונגס-ערשיינונגען. אום די פּראָצעסען און די צענטערן פון זייער דענקען זאָלען אַרויסרופען אַנדערע פּראָצעסען אויסער זייער אָרגאַניזם, איז נויטיג, אַז זייערע פאָרשטעלונגען זאָלען אָנרעגען דעם ווילען פון אַ צווייטען מענשען.

נאָך די דריי קאַטעגאָריעס פון קאָנטעמפּלאַטיוו געניעס, נאָך די בעזיגער פון מענשען, בעזיגער פון דער טויטער מאַטעריע און בלויזע דענקער, — גיהען די עמאָציאָנעלע געניעס, וועלכע ציינען זיך אויס פון דעם געוועהנליכען מענשען מיט אַ שטאַרקער קראַפט אין דער אויטאָמאַטישער אַרבייט פון זייערע צענטערן, און נישט מיט זייער בעזונדערער אינדיווידועלער ענטוויקלונג. זיי גיעבען נישט דעם המון נישט קיין נייע בעוואוסטזיניגע פאָרשטעלונגען, נישט קיין בעוואוסטזיניגע בעוועגונגס-אָנרעגונגען, נאָר האַלב- אָדער אינגאַנצען אונבעוואוסטזיניגע עמאָציעס. צווישען די עמאָציאָנעלע גאונים שטעהען אויף דער ערשטער מדרגה די דיכטער, ערשטענס דערפאַר, וואָס אין זייער אַרבייט נעהמט אַ גרעסערן אַנטייל דאָס אורטייל, און צווייטענס דערפאַר, וואָס זיי בּרענגען אַרויס זייער ווירקונג מיט דער הילף פון די מיטלען, וועלכע זענען אַממעהרסטען צוגעפּאַסט דערצו, צו פערקערפּערן די פערשיעדענע צושטאַנדען פונ'ם בעוואוסטזיין, אַט דעם העכסטען אינהאַלט פון אַלע קונסטען. דאָס דאָזיגע מיטעל איז — דאָס וואָרט. אין דער צייט, ווען דער קינסטלער און דער מוזיקער זענען געצוואונגען זיך צו בעגרענעצען מיט אַזעלכע שטריכען פון דעם בעוואוסטזיינס-צושטאַנד, וועלכע גיעבען די מעגליכקייט צו האַפּען פון איהם נאָר דאָס אַלגעמיינע בילד, האָט דער דיכטער די מעגליכקייט איהם שאַרף צו בעגרענעצען און צו ספּעציאַליזירען, אַזוי אַז עס וועט שוין שווער זיין איהם צוזאַמענצומישען מיט אַ עהנליכען בעוואוסטזיינס-צושטאַנד. אָהן דער מיטווירקונג פון דענקען קען זיך אים אויסערסטען פאַל בעגעהן נאָר דער לירישער פּאָעט, „די אויגען פון וועלכען עס בלאַנדזשען אַרום אין בעצויבערענדען וואַהנזין" און ביי וועלכען די איינדריקע ברענגען אין גאַנג די שפּראַך-צענטערן אויטאָמאַטיש, גאָרנישט דורכגעהענדיג דעם בעוואוסטזיין. אין די אַלע איבּריגע סאָרטען פּאָעזיע

קומט אויס דעם פּאָעט אויסצובילדען, מיט דער הילף פון אורטייל, בעוואוסטזיניגע פאָרשטעלונגען, וועלכע צייכנען זיך אויס פון דעם דענקער'ס פאָרשטעלונגען נאָר דערמיט, וואָס זייער אינהאַלט איז די פערקערפּערונג פון גע'ירשה'נטע עמאָציעס, און נישט דאָס דערגעהן די נישט־ממשות'דיגע פערהעלטניסע צווישען ערשיינונגען.

דאָס איז די איינציגע נאַטירליכע קוואַליפיקאַציע, ווייל זי איז געגרינדעט אויף אָרגאַנישע הנהות. און דאָך איז די געוועהנליכע אָבשאַצונג פון די פערשידענע קאַטעגאָריעס אין דער געניאַליטעט, — אַ גאַנץ אַנדערע. קאָגניטאַציאָנעלע נאַטורען שאַצען דעם געניע לויט די נוצען, וועלכע ער ברענגט דער געזעלשאַפט און וועלכע זי איז אימשטאַנד צו פערשטעהן; עמאָציאָנעלע נאַטורען שאַצען איהם לויט דער קראַפט און דער אַנגענעהמליכקייט פון די עמאָציעס, וואָס ער קען אין זיי אַרויסרופען. די אוראַלטע געמיינדע אַנערקענט פאַר איהר וויכטיגסטען מיטגליעד דעם סאַמע שטאַרקסטען און מוטיגסטען קריעגער. די קראַפט פון די מוסקעלען און פון ווילען, ד. ה. מוט, ווערט דעריבער אַנערקענט פאַר דער שענסטער אייגענשאַפט פון אַ מענשען און דער גליקליכער, וועלכער בעזיצט עס, פערנעהמט דעם ערשטען פּלאַץ צווישען די חברים פון זיין שבט און רופט אַרויס כמעט אַ געטליכע פערעהרונג. אין אַזאַ געמיינדע קען קיין גרויסער דענקער, פאָרשער, מאַטעמאַטיק, פילאָזאָף א. אַז. וו. נישט ערקלערען קיין פּרעטענזיעס אויף אַכטונג. ווען צווישען די רויטהויטיגע שבטים וואָלט זיך פּלוצלונג בעוויזען אַ וועלכער ס'איז דעקאַרט אָדער ניוטאָן, וואָלט מען אויף איהם געקוקט, ווי אויף אַ נישט־נוצבאַרען מיטגליעד אין דער געמיינדע און געשטעלט איהם אַ סך נידריגער פון וועלכען ס'איז געשיקטען בערען־יעגער אָדער קריעגער, וועלכער טראָגט אויף זיין גאַרטעל אַ סך פון שונא אָבגענומענע סקאַלפּען. און פון דעם נוצליכקייטס־שטאַנדפּונקט זענען זיי פאָלשטענדיג גערעכט, וואָרום דער אינדישער שבט, ביי דער ענטוויקלונגס־שטופע, וואָס ער האָט עררייכט, נויטיגט זיך נישט אין קיין מאַטעמאַטיקער און מעטאַפיזיקער, נאָר אין פלייש און זיכערקייט. אויב מ'גיט נאָך אין אונזער ציוויליזירטער צייט אויך אָב אַ בכבוד'ען פּלאַץ דעם סאָלדאַט און מען דריקט אויס די טיעפסטע אַכטונג זיין מיליטערישער טאַטואירינג אויפ'ן קראַגען, אויף די אַרבעל און אויף די פּאָלעס פון זיין מונ־

דיר, — איז עס נאָר אַ ירושה פון די אַנשויאונגען, וואָס האָבען געהערשט צווישען די ווילדע, באַרבאַרישע פעלקער. אַזאַ מין אַכטונג איז געווען גאַנץ נאַטירליך און פערשטענדליך אין דעם אור־אַלטען צושטאַנד פון דער מענשהייט; ביי דעם היינטיגען צושטאַנד אָבער פון דער מענשליכער קולטור האָט עס קיין שום לאָגישע בעדייטונג נישט. אַזוי איז אויך נאַטירליך דאָס, וואָס די עמאָציאָנעלע נאַטורען שאַצען דעם געניע לויט די עמאָציעס, וואָס ער רופט אַרויס ביי זיי. זיי זענען נישט אימשטאַנד זעלבסטשטענדיג אָדער אָריגינעל צו דענקען, זייער אויטאָמאַטישע, אָרגאַניזירטע מאַרך־טעטיגקייט קען זיך אָבער זיין גאַנץ וויכטיג. זייער בעוואוסטזיין איז דעריבער אָנגעפילט נישט מיט קיין קלאָרע פאָרשטעלונגען, נאָר מיט די אַ סך מאָל איבערגעחזר'טע האַלב־דונקעלע בילדער, אין דער פאָרם פון וועלכע דאָס בעוואוסטזיין נעהמט אויף די אויטאָמאַטישע טעטיגקייט פון די מאַרך־צענטערן.

דער אמת'ער געניע פאָדערט פון די העכערע צענטערן נישט קיין גע'ירשה'נטע, נישט קיין אָרגאַניזירטע, נאָר בעוואוסטזיניגע אַרביט, און זיי קענען איהר נישט געבען. דעריבער עקזיסטירט דער דענקענס־געניע איגנאַנצען נישט פאַר זיי. דאַגעגען, דער עמאָציאָנעלער פאַלשער געניע (פסעוודאָ־געניע) רעגט אויף די אויטאָמאַטישע טעטיגקייט פון זייערע צענטערן און זיי אַנערקענען איהם; פאַר זיי שטעלט ער פאָר מיט זיך אַ קוואַל פון עמפפינדונגען, און אַזוי ווי מענשען זענען געוואָהנט צו מעסטען דאָס לעבען מיט דעם אינהאַלט פון די איינדריקע, איז דער עמאָציאָנעלער געניע פאַר זיי אַ הייליגער לעבענס־קוואַל. פרויען וועלען דעריבער שטענדיג שעצען העכער דעם קינסטלער, ווי דעם דענקער און פאָרשער, און צווישען די פאָרשטעהער פון קונסט שטעהט ביי זיי אויפ'ן ערשטען פלאַץ דער מוזיקער, ווייל די מוזיק גיט עמאָציעס, וואָס רעגען אויף דעם געשלעכטסצענטר און זענען דעריבער די טיעפסטע און אַנגענעמסטע. דער קינסטלער און דער אַרטיסט פערנעהמט אויך ביי זיי אַ בעדייטענדען פלאַץ; דער ערשטער דערפאַר, וואָס זיין קונסט רעגט נישט אויף די דענקענדע טעטיגקייט און זיי קענען געניסען פון איהר, זיך גאָרנישט אָנשטרענגענדיג, און דער צווייטער, אויסער דעם, אויך נאָר דערפאַר, וואָס די ווירקונג פון זיין נאָכאַהמענדער און עמאָציאָנעלע גייסטעס־צושטאַנדען פערווירקליכענדער

טעטיגקייט ווערט נאך שטארקער א דאנק דעם רייץ פון זיין פערזענליכקייט.

עמאציאנעלע נאטורען און קודם־כל פרויען, שעצען דעם דיכטער אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל זיין ארבייט איז א ריין־עמאציאנעלע, און נישט קיין קאגניטאציאנעלע; זיי וועלען דעריבער דעם לירישען דיכטער שעצען העכער, ווי דעם עפישען; דעם דיכטער, וועלכער שילדערט אויסערליכע אויפרעגענדע געשעהענישען העכער, ווי דעם דיכטער, וועלכער אנאליזירט גייסטיגע שטימונגען.

געוועהנליך, קען אזא מין אבשאצונג פאר אונז קיין שום ווערט נישט האבען. ווען די אינטענסיוויטעט פון די אנגערעגטע עמאציעס וואלט בעשלאסען די פראגע וועגען דעם, אויף וועלכען פלאץ מ'דארף אוועקשטעלען דעם געניע, וואלט פאר דעם מאנספערזאן זיין געליעבטע און פאר דער פרוי איהר געליעבטער געווען העכער פון אלע געניעס, וועלכע די מענשהייט האט ווען ס'איז ארויסגעגעבען פון זיך, וויל ס'איז קיין שום צווייפעל נישטא אין דעם, אז יוליע אין ראמעא'ן, אדער לעאנדר אין העראן רופען ארויס א סך שטארקערע עמפפינדונגען, ווי געטהע אדער שעקספיר, בעטהאווען אדער מאצארט, נישט רעדענדיג שוין, פערשטעהט זיך, וועגען קאנט'ן אדער לאפלאס'ן, וועגען יוליוס צעזאר אדער ביסמארק'ן. און איך גלויב, אז ווען מיר וואלטען פרעגען וועלכען ס'איז פון די צוויי אינטערעסאנטע פארלעך, וואלטען זיי גארנישט א קלער געטאן אפילו און גלייך אנערקענט זייער יוליע'ן אדער לעאנדר'ען פאר דעם גלענצענדסטען פון אלע פערגאנגענע, איצטיגע און צוקינפטיגע געניעס.

די ווירקונג פון איין פערזענליכקייט אויף דער אנדערער קען אלזא נישט דיענען אלס מאסשטאב פאר איהר בעדייטונג, וויל די דאזיגע ווירקונג ענדערט זיך כסדר, אבהענגיג דערפון, צו די מענשען, אויף וועלכע זי ווערט אויסגעאיבט, זענען מעהר אדער ווייניגער געבילדעט, מעהר אדער ווייניגער קאגניטאציאנעל. אלס אזא מאסשטאב קען דיענען נאר דער אויסשליסליך מענשליכער האראקטער פון די מארך־צענטערן, די אונגעוועהנליכע ענטוויקלונג פון וועלכע עס שטעלט פאר מיט זיך דעם פסיכא־פיזישען יסוד פון דער ערשיינונג. און אזוי ווי דער סאמע העכסטער און סאמע מענשליכסטער צענטער איז דער צענטער פון דענקען, קען נאר די ענט-

וויקלונג פון דעם צענטר שאַפען אַ געניע, וועלכער נויטיגט זיך נאָך, דערצו, אין אַ שטאַרק=ענטוויקעלטען ווילענס=צענטר, אום צו מאַכען די אַרבייט פון זיין דענקענס=צענטר צוגענגליך פאַר די הושים פון אַנדערע מענשען.

דער דענקענס=געניע שטעלט פאָר מיט זיך ביז היינטיגען טאָג דאָס לעצטע וואָרט פון מענשליכער פאָלקאָמענהייט. צי וועט די אָרגאַנישע ענטוויקלונג פון דער מענשהייט געהן נאָך ווייטער און וועלכע ריכטונגען זי וועט אָננעהמען, — וועגען דעם וואָלט געקענט אורטיילען נאָר אַ גרויסער דענקענס=געניע, וועלכער בעזיצט די פע=היגקייט צו שליסען פון דער געגענוואַרט אויף דער סאַמע ווייטס=טער צוקונפט.

# די פסיכאלאגישע סבות פון אנטיסעמיטיזם.

הערר מאַמיגליאַנאָ הויבט אָן זיין אויסבעסערונגס-אַרטיקעל צו די בעמערקונגען פון הערן לאָריאַ וועגען „די עקאָנאָמישע יסודות פון אַנטיסעמיטיזמוס" מיט אַ פערבייגונג פאַר דער „אויטאָריטעט, וואָס קיינער קאָן נישט אָבפרעגען" פון דעם דאָזיגען אויסגעצייכענטען עקאָנאָם ה' לאָריאַ. איך אָבער בעדויער, וואָס איך מוז די דאָזיגע אויטאָריטעט אונבעדינגט אָבפרעגען, און נאָך מעהר, אויף וויפיעל עס איז נוגע דעם אַנטיסעמיטיזמוס, מוז איך זי אינגאַנצען אָבלייקענען.

ווען ער פערזיכערט, אַז די סבה פון די יודישע פערפאָלגונגען און רדיפות אין מיטעלאַלטער און אין אונזערע צייטען איז די קנאה פון דעם „געטויפטען" קאַפיטאַל קעגען דעם „געמל'טען" קאַפיטאַל, בעווייזט דערמיט, אַז ער האָט נישט קיין שום בעגריף וועגען דער דאָזיגער פראַגע. איך בין זאָגאַר חושד, אַז הערר לאָריאַ, אַזוי ווי דאָס רוב פון די פאָלשטענדיג „אַסימילירטע" יודען, איז בכלל אינגאַנצען נישט בעקאַנט מיט'ן יודענטום, מיט זיין איצטיגער לאַגע און מיט זיינע עקזיסטענץ-בעדינגונגען.

מען רעדט זיך איין, אַז עמיץ, וואָס שטאַמט אַרויס פון יודען, מוז דעריבער אויך זיין בעקאַנט מיט דער יודען-פראַגע, אָדער וועניגסטענס מיט איניגע פון אירע אַנשויאונגען, און מען ווענדעט זיך צו

איהם, כדי צו בעקומען א ריכטיגע ידיעה וועגען דער דאזיגער פראגע. פאקטיש אבער האבען די אסימילירטע יודען פערלארען די מינדעסטע פיהלונג מיט זייער ראסע, ווייסען נישט וועגען איהר קיין זאך, און נאך מעהר, זיי שטאלצירען דערמיט, וואס זיי ווייסען נישט, און שטעלען דאס ארויס פאר א מעלה. זיי שטודירען די פייער-לענדער און מאכען פארשונגען וועגען די לאפען; זיי לייענען אלץ, וואס ווערט געדרוקט וועגען די באטאקודען, און אינטערעסירען זיך זעהר שטארק מיט די פאפואס. דער איינציגער טייל פון דער מענשהייט, וואס זיי האלטען נישט פאר ווירדיג צו לעגען אויף איהם די מינ-דעסטע אויפמערקזאמקייט, זענען די יודען. זיי רעדען זיך איין, די דאזיגע עדעלע זעעלען, אז נאר אונטער אזא בעדינגונג וועלען די קריסטען האלטען זייער „אסימיליאציע" פאר א'אמת'ע און ריינע.

די דאזיגע פעטערס, וועלכע שעמען זיך מיט אונז, און זאגען זיך אב פון זייער שטאם, זאג איך נישט קיין מוסר דערפאר, וואס זיי דרעהען זיך צו אונז אוים מיט'ן רוקען. נאר איך פערלאנג פון זיי, אז זיי זאלען בלייבען טריי דער לאגיק פון זייער אויפפיהרונג. ווען מ'ווענדעט זיך צו זיי, אום צו בעקומען ידיעות וועגען אונז, זאלען זיי קיין ענטפער נישט געבען, כדי צו דערווייטערן אויף אזא אופן יעדען טעות וועגען זייער בעציהונג צו אונז און עהרליך מודה זיין, אז זיי האבען נישט קיין שייכות צו אונז.

הערר לאריא זעהט די סבה פון אנטיסעמיטיזמוס אין דער יודישער רייכקייט. דער דאזיגער טעות קאן זיך נאר ערקלערען דערמיט, וואס ער שעפט זיינע קענטנישען וועגען יודען נאר פון אנטיסעמיטישע קוועלען. די „יודישע רייכקייט" עקזיסטירט נישט. דאס האבען די אנטיסעמיטען פון שנאה אויסגעטראכט, אז יודען זענען רייך. די יעניגע רייכקייט, וועלכע איז כלל נישט די סבה פון דער שנאה צו די יודען, איז א צוגעגעבענע אויסגעטראכטע לעגענדע, כדי צוגעבען כלומר'שט א ערקלערונג פאר די געפיה-לען, הויט וועלכע עס בעגעהען זיך מיט אונז די יעניגע, וועלכע פערשפרייטען די דאזיגע לעגענדע.

דער אמת איז, אז דאס יודישע פאלק, ווען מיר בעטראכטען עס אלס גאנצעס, איז להלוטין דאס ארעמסטע פון אלע קולטורע-לע פעלקער. עס קאן אפשר זיין, דאס עס גיבט ווילדע שטאמען, וועלכע לעבען נאך אין גרעסערען עלענד, אבער די דאזיגע פיהלען

נישט זייער עלענד, ווערענד די יודען פיהלען דאס זעהר ביטער. דען די יודען האבען אלע בעדערפנישען פון דעם קולטור-מענש, און בעזונדערס אויך א נויטיגע בעדערפניש צו לערנען און צו אר-בייטען, און האבען נישט קיין מיטעל צו קאנען בעפריעדיגען די דאזיגע בעדערפניש.

ווילט איהר ציפערען? איך גיעב זיי גערן. 80 פראצענט פון אלע יודען פון דער וועלט זענען פערורטיילט צו א הראנישער האלב-ערנעהרונג. זייער עקאנאמישע לאגע איז פיעל ניעדריגער ווי די לאגע פון אלע פראלעטאריאטען פון דער וועלט. דען דער קריסטליכער פראלעטאריער האט אמווענינגסטענס דאס רעכט צו זוכען ארבייט אומעטום, וואו ער קאן זי געפינען, ווערענד די יודען אין רוסלאנד און רומעניען, וואו עס לעבט א יודישע בעפעלקערונג פון 6,250,000 פערזאן, איז געצוואונגען צו זיין איינגעדריקט אין איינינגע שטעדט, אין וועלכע עס איז פאר זיי קיין ארבייט נישטא און וואו עס בלייבט זיי נאר אויסצוקלויבען איינס פון די צוויי: אדער צו בעטלען און אויסצוגעהן פאמעלעך פון הונגער, אדער אויסצוגעהן שנעל פון הונגער און זיך נישט בעשליסען צו בעטלען.

17 פראצענט פון אלע יודען פערדינען מיט גרויס מיה פונקט אזוי פיעל, וויפיעל זיי איז נויטיג, און אזוי ווי ארום זיי הערשט נאר שנאה, דעריבער זענען זיי געצוואונגען דאפעלט צו ארבייטען, כדי צו דערגרייכען הורך זייער ארבייט דעם זעלבען פערדיענסט, וואס זייער קריסטליכער קאנקורענט. ערשט העכסטענס דריי פראצענט יודען לעבט זיך גוט, און זענען אפשר אויך רייך. צווישען זיי געפינען זיך פיער אדער פינף פאמיליען — נישט מעהר! — וואס זייערע נעמען, וועלכע ווערען פאנאנדערגעטראגען הורך דער שנאה, זענען בעקאנט אין דער גאנצער וועלט. קיין איין איינע פון די דאזיגע פאמיליען, נישט די ראטשילדס, נישט די הירשס, נישט די בלייכרעדער, נישט די פאלאקאוס, שטעהען נישט אויף דער רשימה פון די מיליארדערען פון היינטיגען קאפיטאליזמוס, אויף וועלכער עס שטעהען די אסטארס, די ראקפעלערס, די גולדס, די וואנדערבילטס, די מארגאנס, די קארנעדזשיס א. א. וו. דערצו נאך ווערט דאס פערמעגען פון די יודישע עשירים אונגעהויער איבערשאצט, הורך דער גוואלדיגער רעקלאמע, וואס דער אנטיסעמיטיזמוס מאכט זיי צום דערמאהנטען צוועק.

עס האט דעריבער קיין זינען נישט און עס איז שענדליך צו

רעדען וועגען „יודישער רײַכקײַט"; גיכער וואָלט מען שטענדיג און איבעראַל געדאַרפט הויך שרײַען וועגען דעם מורא'דיגען עלענד פון דער אונגעהויערער מעהרהײַט פון די יודען; דאָס דאָזיגע עלענד איז פאַר זייערע פערפאָלגער אַ שאַנדע און קעגען די רעגירונגען אַנקלאַגע, וואָס פערדעקט זיי מיט חרפה, דען דאָס דאָזיגע עלענד שטאַמט נאָר פון די אויסנאַהמס-געזעצען, וועלכע פערבאָטען די יודען אויסצונוצען זייערע קרעפטען און פעהיגקײַטען, כדי צו פערדיענען, וואָס זיי נויטיג איז. און ווי באַלד עס איז גאָר נישטאָ קיין „יודישע רײַכקײַט", קאָן זי דאָך אויך נישט זײַן די סבה פון אַנטיסעמיטיזמוס.

איבריגענס, מען קאָן נאָך אויף אַן אַנדער אופן בעווײַזען די אומבעדינגטע פאַלשקײַט פון העררן לאָריאַ'ס ערקלערונג.

וואו געפינט זיך דען דער אַנטיסעמיטיזמוס צו'ם מייסטען? וואו ווײַזט ער זיך אַרויס אין די ווילדעסטע, ערגסטע פאָרמען? אין רוסלאַנד, אין רומעניען, אין גאַליציען. דאָס הייסט, גראַדע אין די לענדער, וואו די יודען האָבען קיין ווערט נישט אַלס עקאָנאָמישער פאַקטאָר. די יעניגע יודען, וועלכע פערמאָגען דאָרט עפּעס, זענען אַ זעלטענע אויסנאַהמע. זיי האָבען נישט קיין שלעסער, נישט קיין הײַזער, נישט קיין עקיפּאַזשען, נישט קיין מעטרעסען, זיי בעזיצען נישט קיינע באַנקען, נישט קיין פאַבריקען, נישט קיין אײַזענבאַהנען; אפילו אין די בערזען פון יענע לענדער ווערען זיי פערשוואונדען צווישען דער גרעסטער מעהרהײַט פון די קריסטען. זיי זענען כלל נישט קיינע קאָנקורענטען פאַר די קריסטען. זיי קאָנען נישט שטערען דעם „געטויפטען" קאַפּיטאַל, ווײַל זיי זענען קעגען איהם שוין צו קליין. וואָס בלײַבט אַלזאָ איבער פון העררן לאָריאַ'ס בעווײַז?

גראַדע דאָרט, וואו מען קאָן געפינען איינציגע יודישע מיליאָנערען, אין ענגלאַנד, אין אַמעריקא, אין האָלאַנד, איז כמעט אינגאַנצען נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזמוס, אָדער דער אַנטיסעמיטיזמוס איז דאָרט פיעל מילדער ווי אין די לענדער, וואו די יודען זענען בעטלער. אמת, אין פראַנקרײַך זענען דאָ רײַכע יודען, און שוין איינציגע יאָהר, ווי דאָרט איז אויך דאָ אַ שטאַרקער אַנטיסעמיטיזמוס. נאָר דער דאָזיגער אַנטיסעמיטיזמוס איז נישט געווענדעט קעגען דער רײַכקײַט פון די יודען, נאָר קעגען דעם, וואָס עס פעהלט זיי כלומר'שט ליעבע צו'ם פאָטערלאַנד, קעגען זייער „אינטערנאַציאָנאַליזמוס". אמת,

אין דייטשלאַנד שפּילען די יודען אַ זעהר וויכטיגע ראָליע אויך דער בערזע און פערנעהמען אַ גאַנץ גרויסען פּלאַץ אין באַנק-געשעפט און אין דער אינדוסטריע. נאָר וואָס זעהען מיר דאָרט? גראַדע די רייכע יודען בעקומען אַלערליי אַמטליכע און געזעלשאַפטליכע כבודים, וועהרענד די רדיפות זענען אָנגעווענדעט נאָר קעגען די עניים, וועלכע האָבען גאָר נישט אָדער האָבען ווייניג און וועלכע מוזען אויסנוצען זייערע פעהיגקייטען ערגיץ אַנדערש אויסער דער בערזע און די באַנקען. וואו זעהט איהר דען אַ יודישען מיליאָנער, וועלכער זאָל געררדפ'ט ווערען צוליעב זיין ראַסע און רעליגיאָן און זאָל מוזען ליידען? וועלכע יודען זענען בעפּוצט מיט טיטלען פון גראַפען און באַראָנען? זענען דאָס אפשר די גלעהרטע, די שריפטשטעלער, די קינסטלער? ניין און קיינמאָל נישט! דאָס זענען דורכאויס, אָהן איין און איינציגע אויסנאַהמע, געלד-לייט אָדער זייערע יורשים.

די איינציגע יודען אין רומעניען, וועלכע האָבען אַ דאַנק דעם בערלינער קאָנגרעס פון יאָהר 1878 בעקומען בירגער-רעכטע, זענען באַנקירען. די איציגע יודען אין רוסלאַנד, וועלכע מעגען וואָהנען אין גאַנצען לאַנד, זענען (אויסער די, וועלכע בעזיצען אַ דיפּלאָם פון אַ הויך-שולע, וואָס זייער צאָהל איז גאַנץ ווייניג, הייל דער פּראָצענט פון יודען, וועלכע ווערען צוגעלאָזט אין די הויך-שולען, איז זייער קליין) די סוחרים פון „ערשטער גילדע", ד. ה. די יעניגע, וועלכע צאָהלען גרויסע שטייערן, און דאָס פאָדערט דאָך אַ גרויסע רייכקייט און אַ וויכטיגען צושטאַנד אין דער האַנדעלס-וועלט. אין פראַנקרייך זענען די ראָטשילדס מיטגליעדער פון זשאָקיי-קלוב און די היינעס מאַכען התונה זייער טאָכטער מיט אַ רעגירענדען פירשט.

עס איז, הייסט עס, נישט אמת, אַז מען האָט די יודען פיינד צוליעב זייער געלד. דען ערשטענס זענען די געלד-יודען אַ זעהר זעל-טענע אויסנאַהמע, און צווייטענס גראַדע די הענינע געלד-יודען ליידען כלל נישט פון דער שנאה צו די יודען, ווערען אין ערגיץ נישט געררדפ'ט, און אפילו אין די לענדער, וואו דער אַנטיסעמיטיזמוס איז צום שטאַרקסטען, ווערען זיי געעהרט און געשעצט דורך די רעגירונגען, דורך דער געזעלשאַפט און זייערע קריסטליכע קאָנ-קורענטען, זיי ווערען דערהויבען צום אַדעלשטאַנד, בעקומען אַמטליכע טיטלען און אָרדענס און געניסען פון אַלע רעכטע און אַפּילו פון דאָס רוב בעזונדערע רעכטע פון דער פּריוויליגירטער אַריסטאָ-קראַטיע.

הערר מאָמיגליאַנאָ קומט שוין פיעל נעהנטער צום אמת, װען ער װײַזט אָן דערויף, אַז די הערשענדע קלאַסען זענען עס, װאָס, בענוצענדיג זיך מיט׳ן אַנטיסעמיטיזמוס אויף אַלערליי אופנים, שפּעקולירען זיי און רעכענען אויס אויף די אונוויסענהייט און די פאָראורטיילען פון דער מאַסע און סטאַרען זיך אָבצוווענדען אויף די יודען דעם כעס פון די אונצופריעדענע אויף דעם קאַפּיטאַליזמוס און אויף די שלעכטע מעשים פון די רעגירענדע. נאָר דערמיט בעשטעטיגט נאָר הערר מאָמיגליאַנאָ די פאַקטען, אָבער ער גיעט נישט קיין ערקלערונג צו זיי. פון וואַנען נעהמען זיך די פאָראורטיילען פון דער מאַסע? פון װאַנען נעהמט זיך זייער שנאה פון לאַנג אָן צו די יודען, די שנאה, וואָס די הערשענדע קלאַסען דאַרפען נאָר אויפבלאָזען, דערהאַלטען און אויסנוצען פאַר זייער טובה?

אויף די דאָזיגע פראַגע ענטפערט נישט הערר מאָמיגליאַנאָ. איך וועל מיך בעמיהען דאָס צו טהון אַנשטאָט איהם.

דער וואָרצעל פון דער שנאה צו די יודען שטעקט אין איינער פון די עלטעסטע און אַלגעמיינסטע מערקווירדיגע אייגענשאַפטען פון דעם אַרט דענקען פון דעם מענשען און אפילו פון חיות. יעדעס וועזען, וואָס איז בעשענקט מיט בעוואוסטזיין, פיהלט אַ שנאה צו אַלץ, וואָס איז אַנדערש פון איהם אין דער ערשטיינונג, אין דעם אַרט פון זיין וועזען, אין זיינע געוואָהנהייטען, — אויסער אין יענע זעלטענע פאַלען, ווען דאָס וועזען, וואָס איז אַנדערש געבױט אָדער פיהרט זיך אַנדערש, איז אַרומגערינגעלט מיט אַ ליכט־קראַנץ, ד. ה. ווען עס איז גרוים, שטאַרק, וואונדערבאַר; דעמאָלט פיהלט מען נישט דערצו קיין שנאה, נאָר מען בעוואונדערט עס. בכלל אָבער איז גענוג, אַז עמיץ זאָל זיין אַנדערש ווי מיר, און ער איז אונז שוין אונאַנגענעהם. דאָס איז איינע פון די פאָרמען פון „מיזאָנעאיזמוס״, יענעם מיטעל, מיט וועלכען דער אָרגאַניזמוס פערטיידיגט זיך קעגען די אַנשטרענגונג זיך צו צופאַסען צו דער אַרומיגער וועלט, וואָס מיין גרויסער לעהרער צעזאַרע לאָמבראָזאָ האָט עס מייסטערהאַפט אַנאַליזירט און אַזוי אַ נאָמען געגעבען. און איב די יעניגע, וועלכע זענען אַנדערש ווי מיר, זענען אַ קליינער און שוואַכער מיעוט (מינדערהייט), דעמאָלט פיהלען מיר נישט די בעדערפניש צו קעמפּפען מיט אונזער אַנטיפּאַטיע קעגען זיי, אָדער עס אפילו צו האַלטען אין זיך בסוד, נאָר זי ווייזט זיך אַרויס מיט איהר גאַנצער חוצפה, און דאָס ווידער ברענגט דערצו,

אַז זי ענטוויקעלט זיך נאָך שטאַרקער.

דאָס איז די אַלגעמיינע מענשליכע סבה פון דער שנאה, וואָס יעדע מערהייט פיהלט צו יעדער מינדערהייט, וואָס לעבט צווישען איהר און וואָס ציהט אויף זיך די אַרומיגע אויפמערקזאַמקייט מיט איהרע בעזונדערע, אָריגינעלע פאָרמען. וואָס אַנבעלאַנגט ספּעציעל צו אונז יודען, אַזוי קומט נאָך צו צו יענער אַלגעמיינער סבה דער אַלטער פּאַנאַטיזמוס קעגען די „גאָטעס-מערדער“, וועלכער לעבט נאָך אַלץ, און אַ אָבקלאַנג פון די אַבערגלויבישע לעגענדעס פון מיטעלאַלטער, וועלכע האָבען בעשולדיגט די יודען אין אַלערליי שלעכטע מעשים, ווי למשל עלילת דם, אָדער דאָס גנבה'נען די קריסטליכע היילינגקייטען א. א. וו.

פון דער דאָזיגער שנאה, וואָס אַ מערהייט פיהלט צו אַ מינדערהייט, וועלכע איז אַנדערש ווי זי, שטאַמט אַרוים, לויט דער נויטווענדיגקייט פון אַ פּסיכאָלאָגישען געזעץ, דאָס, וואָס די מערהייט מאַכט די מינדערהייט פאַר דעם שעיר לעזאזל און בעשולדיגט איהם פאַר אַלע פעהלערען און אונגליקען פון דער מערהייט. בשעת אויף די פעלקער פון אַלטערטום, וועלכע זענען לויט זייער אָבשאַמונג און זייער גלויבען געווען אַלע פון גלייכען אַרט, איז אָנגעפאַלען עפּעס אַ אַלגעמיין אונגליק, פאַר וועלכען זיי האָבען נישט געפונען קיין גענינגענדע ערקלערונג אין זייערע אייגענע פעהלערען, אָדער זיי האָבען עס אויך נישט געזוכט, דאַן האָבען זיי הוֹשד געווען, דאָס זייערע נאַציאָנאַלגעטער זענען אויף זיי אין כעס. אין די אַלע פאַלען, אין וועלכע יענע פעלקער האָבען בעשולדיגט אין זייער אונגליק די געטער, לעגען אַרויף די מאָדערנע, אויפגעקלערטע פעלקער די פעראַנטוואָרטליכקייט אויף די יודען, וועלכע לעבען צווישען זיי. דאָס איז פונקט דער זעלבער אַבערגלויבען ווי אַ מאָל, נאָר פערקליידט אין אַ פערקליידונג, וואָס די מאָדערנע מענשען האַלטען דאָס גיכער פאַר מעגליך אָנצונעהמען.

און אַזוי ווי די סבה פון אַנטיסעמיטיזמוס איז אַ פּסיכאָלאָגישע אייגענטימליכקייט פון די מענשען, דעריבער גלויב איך כלל נישט אַזוי ווי דער העדר מאָמיגליאַנאַ, אַז דער אַנטיסעמיטיזמוס איז אַ „פערבייגעהענדע ערשיינונג“ און וועט שנעל פערשוואונדען הערען. ער וועט פערשווינדען נאָר דאַן, ווען מען וועט יודען אַלס אויפהערען צו דערקענען צווישען אַנדערע מענשען, דאָס הייסט, ווען זיי

וועלען פערליערען זייער רעליגיאָן, זייערע ראַסען-טראַדיציעס, זייערע אַלטע זיטען און אפילו זייער אַנטראָפּאָלאָגישען טיפּ, זייער יודישען פּרצוף. און אַזוי ווי די דאָזיגע פאָלקאָמענע אַסימילאַציע ווייזט מיר אויס צו זיין שווער און אונמעגליך אויסגעפיהרט צו ווערען אין גיכען, דעריבער האַלט איך דעם אַנטיסעמיטיזמוס פאַר אַ עביגען בעגליטער פון דער עקזיסטענץ פון די יודען, כל זמן זיי וועלען זיין אַ שוואַכערע מינדערהייט צווישען אַנדערע נאַציאָנען, און דעם איינציגען הייל-מיטעל קעגען דעם אַנטיסעמיטיזמוס זעה איך נאָר אין דעם צוריקקעהרען פון דער יודישער מאַסע קיין פּאַלעסטינע, וואו זיי זאָלען שוין ניט זיין אַ מינדערהייט, נאָר אַ מעהרהייט, און דאַדורך זאָלען זיי פּטור ווערען פון דער ווירקונג פון דעם פּסיכאָלאָגישען געזעץ, וועלכעס איז נאָר וואָס ערקלערט געוואָרען.

מאַשינען-זאַץ-דרוקעריי פון נ. ראָזענפעלד, וואַרשא, פּאַנסקא נומ׳ 20.

גֶעדרוקט אִין דרוקֶערײַ „הצפירה“, פּײַנסק׃ 40 .

DEC 6 1916

VELUT ARBOR ÆVO

*Presented to the*

LIBRARY *of the*

UNIVERSITY OF TORONTO

*by*

**MULTICULTURAL HISTORY SOCIETY OF ONTARIO**

3 1761 04686670 3